STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09248

P.P.R. IN KAMF UN BOY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ.פּ.ר. אין קאַמף און בוי

צום צענטן יאָרטאָג
פון דער אַנטשטייאונג
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר
ש. זאַכאַריאַש

פ.פ.ר. אין קאמף און בוי

צום צענטן יאָרטאָג
פון דער אנטשטייאונג פון דער
פוילישער ארבעטער־פארטיי

(מאטעריאלן און דאָקומענטן)

יאנואר 1942 — דעצעמבער 1948

געזאמלט און צונויפגעשטעלט
ש. זאכאריאש און ב. מארק

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1952

W DZIESIĄTĄ ROCZNICĘ POWSTANIA POLSKIEJ PARTII ROBOTNICZEJ

Materiały i dokumenty

Redaktor odpowiedzialny
SZ. ZACHARIASZ

Materiały i dokumenty zebrali
Z. ZACHARIASZ i B. MARK

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952

Nakład 5.500 Druk ukończono w kwietniu 1952 Papier satyn. Vkl. 61x86 80g.
ark. druk. 21 ark. wydaw. 17,5 Nr zam. 62.
Druk „Nowe Życie", W-wa, ul. Tarczyńska 8. 3-B50337

באָלעסלאַוו ביערוט
פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק
גענעראַל-סעקרעטאַר פון צ.ק. פּפּר, פּאַרזיצער פון צ.ק. פּזפּר

באַשלוס פון פּאָליטישן ביוראָ פון צ. ק. פּזפּר
וועגן 10־טן יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

אין יאַנואַר 1952 וועט דער אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסן פון גאַנץ פּוילן פּייערן דעם 10־טן יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דער פּאָרגעשריטענער טייל פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, דער יורש פון די שענסטע פּאַטריאָטישע און רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון אונדזער פּאָלק, דער קאָנטינואירער פון דער העלדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן — די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אין דער פינצטערער נאַכט פון דער היטלעריסטישער שקלאַפעריי אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם־לעניניזם אונטערגענומען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט פאַר צעבראָכן? דעם פאַשיסטישן יאָך, אַ קאַמף פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד, פאַר דער מאַכט פונם פאָלק.

די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אונדזער לאַנד האָבן זיך געזאַמלט אונטער דער פאָן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין אַ פּעריאָד, ווען דער ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער איז אויף אַ פאַרברעכערישן אופן באַפאַלן געוואָרן דורך די היטלעריסטישע באַנדעס, האָט געפירט אַן אומבויגזאַמען קאַמף פאַרן צעשמעטערן און פאַרניכטן דעם פאַשיזם, ווען די גאַנצע לאַסט פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געפאַלן אויף דער רויטער אַרמיי, ווען די מלחמה האָט וואָס אַמאָל אַלץ מער אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ גרויסן באַפרייאונגס־קאַמף פון די פעלקער אונטער דער אָנפירונג פון פסטר פאַר אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלן פּראָגרעס, פון אַ קאַמף קעגן די פינצטערע כוחות פון פאַשיזם, וועלכער איז געהיים אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די אימפּעריאַליסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד.

ריכטיק אָפּשאַצנדיק די דעצידירנדיקע באַדייטונג פון דעם העלדישן קאַמף פון ראַטנפאַרבאַנד פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפריי־

אונג פון די פעקקער, וועלכע זיינען געשמידט געווען אין די קייטן פון היטלעריסטישער שקלאַפעריי, ווי אויך פאַר דער זאַך פון דער גאַנצער פראָגרעסיווער מענטשהייט — האָט די פוילישע אַרבעטער־פאַרטיי געוואָרפן דעם לאָזונג פון קאמף קעגן דעם פאשיסטישן אָקופאנט אין אָנשפאַר אויף דער ערשטער סאָציאַליסטישער מלוכה — פססר, געטריי די פרינציפן פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון פראָלעטאַריאַט האָט זי אָנגעבונדן צו די דערהויבענע טראַדיציעס פון קאַמף „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט!".

די פוילישע אַרבעטער־פאַרטיי האָט מסירת־נפשדיק און העלדיש רעאליזירט דעם איינציק ריכטיקן, פאטריאָטישן לאָזונג פון באוואָפנטן קאמף קעגן היטלעריסטישן אָקופאנט, ביי דער זייט פונם ראטנפאַרבאנד און זיין באפרייערישער ארמיי, זי האָט געשאפן די פאָלקס־גוואַרדיע און די פאָלקס־אַרמיי, דערלאַנגט אַ ריי פילבאַרע קלעפ דעם אָקופאַנט, מאָביליזירט צום אקטיוון קאמף ברייטע שיכטן פונם פאָלק, צוזאַמענווייַלנדיק דעם מאָמענט פון באַפרייען אונדזער פאָטערלאַנד.

דאַקעגן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער סעפּטעמבער־קאַטאַסטראָפע, דער לאַגער פון דער היימישער רעאַקציע — די סאַנאַציע, ענדעציע, די רעכטע אָנפירער פון פפס און ס. ל.[1] — האָבן אויס מורא פאַרן פוילישן פאָלק און אין פאַרביסענער שנאה צום ראַטנפאַרבאַנד, געהאַמעוועט און סאַבאָטירט דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון פאָלק, פאַרלייכטערנדיק די היטלעריסטישע אונטערדריקער, די טויט־שונאים פון פוילן, זייער בלוטיקע אַרבעט.

די פפר האָט אַרויסגערוקט דעם איינציקן ריכטיקן פראָגראַם פון קאַמף פאַר אַ פוילן, וואָס זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון די אימפּעריאַליסטן, פאַר אַ פוילן אָן פריצים און קאַפּיטאַליסטן, פאַר אַ פוילן, אין וועלכן די מאַכט וועט געהערן צו די אַרבעטנדיקע מאַסן, פאַר ערד פאַר די אַרבעטנדיקע פויערים, פאַר נאַציאָנאַליזירן די גרויס־אינדוסטריע, דעם טראַנספּאָרט און די בענק, פאַר אַ פוילן מיט אַ פאָרגעשריטענער קולטור און ווילשטאַנד פון די ברייטע מאַסן, פאַר אַ פוילן, וואָס זאָל אַרומנעמען אונדזערע אַלטע פוילישע געגנטן אויפן מערב, געשטיצט אויף דער אָדרע, ניסע און באַלטיק, פאַר אַ פרידלעך פאָלקס־פוילן, וואָס זאָל זיין געבונדן מיט פעדעם פון איי־

---

[1] סאַנאַציע — לאַגער פון די פילסודטשיקעס; ענדעציע — אַלטע נאַציאָנאַליסטישע פאַרטיי („נאַראָדאָווע דעמאָקראַציאַ"); פפס — פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי; ס. ל. — פויערים־פאַרטיי („סטראָניצטוואָ לודאָווע"). (רעד.)

ביקער פריינדשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד און מיטן גאַנצן לאַגער פון שלום און פּראָגרעס.

צום קאַמף פאַר די דאָזיקע צילן האָט די פּפּר אָרגאַניזירט אַ ברייטן פראָנט פונם פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער־קלאַס, אין וועלכן עס האָבן זיך איינגעשלאָסן די לינקע עלעמענטן פון פּפּס און פון דער פויערים־פּאַרטיי, פון דער גרופּע „וואָלאַ לודו". דאָס האָט באַקומען אַן אויסדרוק אינם היסטאָרישן אַקט פון שאַפן, אונטער דער אָנפירונג פון חבר באָלעסלאַוו ביערוט, דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט,[2] וועלכער איז געוואָרן די פאָן פון קאַמף פאַר דער מאַכט פון פאָלק אין אונדזער לאַנד.

די פּוילישע קאָמוניסטן אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן רעאַליזירט די זעלביקע פּאַטריאָטישע און דעמאָקראַטישע לאָזונגען, אָרגאַניזירנדיק דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן,[3] שאַפנדיק אַדאַנק דער ברידערלעכער הילף פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, פון דער אַלקפּ(ב) און פון גרויסן פירער פון די פעלקער יאָסיף סטאַלין, די דיוויזיע א. ג. פון טאַדעוש קאָשטשיושקאָ, און שפּעטער די ערשטע און צווייטע פּוילישע אַרמיי, וועלכע האָבן מוטיק געקעמפט ביי דער זייט פון דער העלדישער סאָוויעטישער אַרמיי, אָנטיילנעמענדיק אינם אַרויסיאָגן דעם שונא פון דער פּאָטערלענדישער ערד און אין איינשטעלן די גרענעצן פון באַנייטן פּוילן אויפן באַלטיק, אָדרע און ניסע.

אין אָנשפּאַר אויף דעם היסטאָרישן זיג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, וועלכע האָט פולשטענדיק צעשמעטערט די טיראַניע פון היטלעריסטישן אָקופּאַנט און האָט פּאַרהיט פּוילן פאַר אַן אינוואַזיע פונם אַנגלאָ־אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם — האָט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, צוזאַמענאַרבעטנדיק מיט די איבעריקע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, מאָביליזירט און געפירט די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף פאַר דעראָבערן און פאַרפעסטיקן די מאַכט פון פאָלק אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער־קלאַס. עס זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן די טרוימען פון דורות, עס האָבן באַקומען בלוט און פלייש די שטרעבונגען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע האָבן אונטער דער אָנפירונג פון זייערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען: דעם „גרויסן

---

[2] „קראַיאָווע ראַדאַ נאַראָדאָוואַ", געשאַפן אין דער נאַכט פון 31-טן דעצעמבער 1943 אויפן 1-טן יאַנואַר 1944 יאָר, אונטער דער אָנפירונג פון חבר באָלעסלאַוו ביערוט. (רעד.)

[3] ז.פּ.פּ. („זוויאָנזעק פּאַטריאָטוו פּאָלסקיך"). (רעד.)

פראָלעטאַריאַט", סדקפּל,[4]) קפפּ[5]) און פּפּר,[6]) אין משך פון יאָרצענדליקער נישט שוינענדיק קיין בלוט און קרבנות געקעמפט פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די פאָלקס־מאַכט האָט אונטער דער אָנפירונג פון פּפּר אין עקשנותדיקן קאַמף קעגן דער רעאַקציע פון מיקאָלאַיטשיק און וורנ־שניט,[7] קעגן די אונטערערדישע באַנדעס און קעגן דער רעאַקציאָנערער קירך־היעראַרכיע קאָנסעקווענט רעאַליזירט די רעוואָלוציאָנער־דמאָקראַטישע ווירטשאַפטלעך־סאָציאַלע איבערגעשטאַלטיקונגען, דורכפירנדיק די אגראַר־רעפאָרם, צעטיילנדיק די פריצישע ערד צווישן די ערדלאָזע און ווינציקערדיקע פויערים, ליקווידירנדיק דאָס פריצנטום. די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פאַרטיי אין אַנטי־אימפעריאַליסטישן קאַמף פונם פאָלק פאַר באַפרייען אַלע געביטן פון פוילן אין אָנשפאַר אויף פּסר, איר אָנפירנדיקע ראָל אין די רעוואָלוציאָנערע איבערגעשטאַלטיקונגען פונם פוילישן דאָרף, האָט אומגעהויער פאַרשטאַרקט דעם כוח און די ווירקונג פונם אַרבעטער־קלאַס. אַנטוויקלענדיק אומבויגזאַם די רעוואָלוציאָנערע אַקטיווקייט, די שלאָגפערטיקייט און ענטוזיאַזם פונם אַרבעטער־קלאַס אין בונד מיטן אַרבעטנדיקן פויערטום — האָט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי געפירט די אַרבעטנדיקע מאַסן צום דעצידירנדיקן קאַמף פאַר דער ליקווידאַציע פונם גרויסן און מיטעלן קאַפּיטאַל, האָט רעאַליזירט דעם פּראָגראַם פון נאַציאָנאַליזירן די גרויסע און מיטעלע אינדוסטריע, דעם טראַנספּאָרט, די בענק און דעם גרויסהאַנדל, שאַפנדיק אויף אַזאַ אופן די מעכטיקע הייבשטאַנגען פאַרן בייקומען די דורות־לאַנגע אָפּגעשטאַנענקייט פון אונדזער לאַנד, פאַרן ווידערגעבורט און אַנטוויקלונג פון זיין ווירטשאַפט, פאַרן בויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם.

די פאָלקס־מאַכט האָט אונטער דער אָנפירונג פון פּפּר פאַרייניקט מיטן היימלאַנד די אַלט־פּוילישע געביטן אויף מערב, געשאַפן די געשלאָסענע און איינהייטלעכע אין נאַציאָנאַלן זין פּוילישע מלוכה, פאַרשטאַרקט דעם ווירטשאַפטלעכן און פאַרטיידיקונגס־פּאָטענציאַל פונם לאַנד און אין אָנשפאַר אויפן ראַטנפאַרבאַנד פאַרהיט די דאָזיקע געביטן קעגן די פאַר־

---

[4] סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קרוין־פוילן און ליטע. (רעד.)
[5] קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן. (רעד.)
[6] פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי. (רעד.)
[7] „וואָלנאָשטש, רוונאָשטש ניעפּאָדלעגלאָשטש" — רעאַקציאָנערער טייל פון פּפּס. (רעד.)

כאַפּערישע פּלענער פון די אַמעריקאַניש־ענגלישע מלחמה־אונטערצינדער און זייערע נעאָ־היטלערישע אַגענטן.

די פאָלקס־מאַכט האָט אונטער דער אָנפירונג פון פּפּר פאַרשטאַרקט די פאַרטיידיקונגס־כוחות פונם לאַנד, געשאַפן דאָס פוילישע פאָלקס־מיליטער, געשלאָסן און פאַרפעסטיקט דעם ברידערלעכן אייביקן בונד מיטן ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער איז אַ גאַראַנטיע פאַר דער אומאָפּהענגיקייט און אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק, געשלאָסן ברידערלעכע בונדן מיט אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, פאַרשטאַרקנדיק אין קאַמף קעגן די אַמעריקאַניש־ענגלישע מלחמה־אונטערצינדער דעם אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט פון שלום אונטער דער אָנפירונג פון ססר.

רעאַליזירנדיק קאָנסעקווענט די פּאָליטיק פון אַרבעטער־ און פויערים־בונד און צוזאַמענאַרבעטנדיק מיט דער באַנייטער פּפּס, מיט דער פויערים־פּאַרטיי און אַנדערע דעמאָקראַטישע גרופּירונגען — האָט די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַנטוויקלט די פאָרמען פון אַלגעמיינעם, אַקטיוון אָנטייל פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין רעגירן מיטן לאַנד דורכן סיסטעם פון די אָרטיקע נאַציאָנאַל־ראַטן, דורך דער וואַקסנדיקער אַקטיווקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, דורך דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון דער שעפערישער איניציאַטיוו פונם פאָלק אין דעם פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פונם לאַנד. דער אויסערגעוויינלעך שנעלער און מעכטיקער פונאַנדערבלי פון דער געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט און פון דער שעפערישער איניציאַטיוו פון די אַרבעטנדיקע מאַסן איז אַ שטאַנדהאַפטיקער און מעכטיקער הייבשטאַנג פאַרן וואַקסנדיקן כוח פון אונדזער פאָלקס־דעמאָקראַטישער מלוכה — דער אייגנאַרטיקער פאָרם פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

ברעכנדיק דעם ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטישע רעשטלעך און פון זייערע אַגענטן פון אונטערן צייכן פון וו.ר.נ. און רעכטע פּפּס — האָט די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי זיגרייך געקעמפט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּלאַנירטער ווירטשאַפט, פאַר דער רעאַליזירונג פונם דריי־יאָר־פּלאַן פון ווירטשאַפטלעכן צוריקאויפבוי, זי האָט פאַרהיט פוילן פאַר דער עקספּאַנסיע מצד דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, פאַרן רויבערישן מאַרשאַל־פּלאַן, זי האָט אין אָנשפּאַר אויף דער הילף פונם ראַטנפאַרבאַנד באַפעסטיקט די ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, ליקווידירט די קוואַלן פון קריזיס און אַרבעטלאָזיקייט, געהויבן דעם ניוואָ פונם מאַטעריעלן און קולטורעלן לעבן פון די אַרבעטער, אַרבעטנדיקע פויערים און אינטעליגענץ, אויסגעפּלאַסטערט פאַר דער פוילישער ווירטשאַפט,

טעאַטער און קונסט דעם וועג צו אַנטוויקלונג און פונאַנדערבלי און גע־שאַפן די פאַר־הנחות פאַר דער סאָציאַליסטישער אָפּענסיווע.

די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטן איר היסטאָרישן זיג אַדאַנק דעם, וואָס זי האָט אין איר טעטיקייט זיך געשטיצט אויף די פּרינ־ציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, אויף די היסטאָרישע דערפאַרונגען פונם ראַטנפאַרבאַנד און פון דער אַלקפּ(ב), אויף די גרויסע אידייען פון לענין און סטאַלין.

די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט צו פאַרדאַנקען אירע זיגן דעם פאַקט, וואָס דער אָנפירנדיקער קערן פון דער פּאַרטיי האָט געפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דער רעכט־נאַציאָנאַליסטישער גרופּע פון גאָ־מולקאַ, אויף וועלכער דער אַמעריקאַניש־ענגלישער אימפּעריאַליזם האָט אויסגערעכנט, נאָך דער מפלה פון דער פּסל[8] און רעכטער פּפּס. נאָר דאָס בייקומען דעם רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג און דאָס אומשעדלעך מאַכן די גאָמולקאַ־גרופּע, נאָר די ענגסטע צוזאַמענאַרבעט מיט דער פאָרויס־גייענדיקער פּאַרטיי פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, דער אַלקפּ(ב) און דאָס שטיצן זיך אויף די היסטאָרישע באַשלוסן פון דעם אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון די קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען וועגן קאַמף קעגן דער פאַרעטערישער טיטאָ־קליקע, בלויז דער טריאומף פון די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, וועלכער האָט געפונען אַן אויסדרוק אין די באַשלוסן פונם אויגוסט־פּלענום פון צ.ק. פּפּר אין 1948 י. — האָבן דערמעגלעכט דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אויסצופירן די גרויסע אויפגאַבן, וועלכע זיינען פאַר איר געשטאַנען.

אַ דאַנק דעם צעקלאַפּן די רעכטע אין דער פּפּס, אַ דאַנק דער צע־גראָמירונג פון דעם רעכט־נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין דער פּפּר, אַ דאַנק דער צוזאַמענאַרבעט צווישן דער פּפּר מיט דעם לינקן פליגל פון דער פּפּס — איז געקומען די היסטאָרישע פאַראייניקונג פון די ביידע פּאַרטייען אויפן גרונט פון דער איינציק ריכטיקער טעאָריע און פּראַקטיק פון מאַרקסיזם־לעניניזם, וועמענס אויסדרוק ס׳איז געוואָרן דער פאַראייניקונגס־קאָנגרעס אין דעצעמבער 1948 יאָר. די באַשלוסן פון דעם פאַראייניקונגס־קאָנגרעס אונטער דער אָנפירונג פון חבר באָלעסלאַוו ביערוט האָבן גע־וויזן דעם וועג פאַר דער סאָציאַליסטישער אָפּענסיווע אין שטאָט און אין דאָרף, דעם וועג פאַר רעאַליזירן דעם זעקסיאָר־פּלאַן פון אויפבויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם אין פוילן.

---

[8] „פּאָלסקע סטראָנניצטוואָ לודאָווע" — פוילישער פּאָלקס- (פּויערישער) פּאַרטיי, מיקאָלאַיטשיקס פּאַרטיי אין פוילן נאָך דער באַפרייאונג. (רעד.)

אין צענטן יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער פוילישער אַר־בעטער־פּאַרטיי — בויגן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פוילן זייערע קאַמפּס־פאַנער, באַערנדיק דעם אָנדענק פון די העלדישע אָנפירער פון פפר, פון דעם פוילישן אַרבעטער־קלאַס און פון גאַנצן פאָלק — מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, פּאַוועל פינדער, מאַלגאָזשאַטאַ פאָרנאַלסקאַ, קאַראָל שווערטשעווסקי און פון די צענדליקער טויזנטער אומבויגזאַמע קעמפער פון פפר, פון „גוואַר־דיא לודאָוואַ", פון „ארמיא לודאָוואַ", פון דעם פוילישן פאָלקס־מיליטער, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, פאַרן נצחון פון דער פאָלקס־מאַכט, פאַרן סאָציאַליזם.

כדי צו באַערן די היסטאָרישע פאַרדינסטן פון דער פוילישער אַרבע־טער־פּאַרטיי אויפן געביט פון באַפרייען אונדזער פאָטערלאַנד, פון אויס־קעמפן און פאַרפעסטיקן די פאָלקס־מאַכט — באַאויפטראַגט דאָס פּאָלי־טישע ביוראָ פון צ. ק. פּזפּר:[9]

1. צוגרייטן צום דרוק אַ ניי אויסגאַבן, געווידמעט דער טעטיקייט פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

2. אַדורכפירן אַ ברייטע פּאָפּולאַריזיר־אַקציע אין דער פּרעסע און ראַדיאָ אין דער פאָרם פון אַרטיקלען, זכרונות, מאָנטאַזשן.

3. אַדורכפירן אין יאַנואַר־פעברואַר פאַרזאַמלונגען פון די גרונ־טיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, געווידמעט דער דאָזיקער דאַטע. איינאָרדע־נען פאָרלעזונגען און שמועסן אין די אַרבעטס־אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס, שולן, אויפן דאָרף, אַדורכפירן ספּעציעלע לעקציעס אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי־שולונג. אָרגאַניזירן אַלס קולמינאַציע־מאָמענט פון דער אַקציע — פייערלעכע פאַרזאַמלונגען מיט רעפעראַטן געווידמעט דעם צענטן יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון פפר און מיט אַ געהעריקן קינסטלערישן פּראָגראַם.

4. אָנרופן מיטן נאָמען מאַרצעלי נאָוואָטקאָ איינע פון די גרויסע נייע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין וואַרשע, מיטן נאָמען פון פּאַוועל פינדער — איינע פון די גרויסע נייע כעמישע אָביעקטן אין שלעזיע, מיטן נאָמען פון מאַלגאָזשאַטאַ פאָרנאַלסקאַ — איינע פון די גרויסע פאַבריקן אין לאָדזש.

5. באַאויפטראַגן די וואָיעוואָדישע און פּאָוויאַטאָווע קאָמיטעטן צו באַערן דעם אָנדענק פון די העלדישע קעמפער פון פפר, „גוואַרדיאַ לודאָ־וואַ", „אַרמיאַ לודאָוואַ", פון פוילישן מיליטער און „אָרמאָ", וועלכע זיי־

---

[9] „פּאָלסקאַ זיעדנאָטשאָנאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ" — פּוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי. (רעד.)

נען געפאַלן אין קאַמף קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן און קעגן די פאַ־שיסטישע באַנדעס, דורך איינמויערן אָנדענק־טאָוולען אויף די ערטער פון שלאַכטן און עקזעקוציעס, אָדער דורך אַנדערע פאָרמען, וואָס וועלן באַשטימט ווערן דורך די וואָיעוואָדישע קאָמיטעטן.

די פּוילישע ארבעטער וועלן ווירדיק באערן די היסטאָרישע פאַר־דינסטן פון דער פוילישער ארבעטער־פּאַרטיי, דורך פארשטארקן די אָנ־שטרענגונגען ביים רעאַליזירן די פּראָדוקציע־פּלענער;די פוילישע פּויערים — קעמפנדיק פאַרן הייבן די פּראָדוקטיוויקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט און אויספירנדיק געוויסנהאַפט זייערע פליכטן לגבי דער פאָלקס־מלוכה; סיוועלן זיי באערן די ארבעטער, פּויערים און די אינטעליגענץ, פאַר־שטאַרקנדיק די פאָלקס־מאַכט, פאַרפעסטיקנדיק די פאַרטיידיקונגס־כוחות פון אונדזער פאָטערלאַנד, פארשטארקנדיק דעם אייביקן בונד מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד און די פריינדשאַפט מיטן גאַנצן לאַגער פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. דעם צענטן יאָרטאָג פון דער אנטשטייאונג פון פפּר וועלן באערן אלע פּאַטריאָטן, קאָנצענטרירנדיק זיך נאָך שטאַרקער ארום דער קאָנטינואַטאָרין פון איר גרויסן ווערק — דער פוילישער פאראייניקטער ארבעטער־פּאַרטיי און איר פּאָרזיצער דעם פּרעזידענט פון פאָלקס־פוילן, דעם חבר באָלעסלאַוו ביערוט — אינם נאַציאָנאַלן פראָנט פון קאַמף פאַר שלום, פאַר רעאַליזירן דעם זעקס־יאָר־פּלאַן פון בויען דעם סאָציאַ־ליזם און דעם קאַמף פאַרן גליק און פאַרן פּוּאַנדערבלי פון אונדזער פאָטערלאַנד.

דעצעמבער 1951 יאָר.

מאַרצעלי נאָוואָטקאָ
ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ.ק. פפּר. אומגעקומען אין יאָר 1942

פון רעדאַקציע

מיר גיבן דאָ איבער אַ זאַמלונג אויסגעקליבענע דאָקומענטן צו דער רומפולער געשיכטע פון דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי (פּפּר), אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היסטאָרישער דאַטע פון צען יאָר זינט איר אַנטשטייאונג. אין דער זאַמלונג האָבן מיר אַריינגענומען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען נוגע ביידע טעטיקייטס-פּעריאָדן פון דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי: אי דעם ערשטן פּעריאָד, ווען פּפּר האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיטן באַפרייערישן קאַמף פון פוילישן פאָלק קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט; אי דעם צווייטן, ווען פּפּר האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דער מלוכה פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס איז נאַציאָנאַל און סאָציאַל באַפרייט געוואָרן, שאַפנדיק די באַדינגונגען פאַר איבערגיין אין פוילן פון פאָלקס-דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם.

אין אונדזער זאַמלונג האָבן מיר אַריינגענומען אַ באַגרענעצטע צאָל דאָקומענטן און מאַטעריאַלן בנוגע אַלגעמיין-פוילישע פּראָבלעמען (אַ פולע דאָקומענטאַציע וועגן די פּראָבלעמען וועט דער לייענער געפינען אין דער גרויסער אויסגאַבע פונם היסטאָרישן אָפּטייל ביים צ. ק. פּזפּר) און אַ גרעסערע צאָל דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פון פּפּר וועגן דעם לעבן, מאַרטירערײ און קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן אין דער אָקופּאַציע-צייט און וועגן איר ווידעראויפבוי נאָך דער באַפרייאונג.

די פּפּרישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן די פּראָבלעמען פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן מיר געפונען קודם כל אינם אַרכיוו פון צ. ק. פּזפּר, אינם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט (רינגעלבלום-אַרכיוו) און אין דער פּפּר-פּרעסע אין דער פוילישער און יידישער שפּראַך פונם נאָכמלחמה-פּעריאָד. דער גרעס-

טער טייל פון אט די דאָקומענטן, בפרט פון דער אָקופּאַציע־צייט ווערט איצט פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל.

דאָס דאָזיקע זאַמל־בוך פון דאָקומענטן און מאַטעריאַלן דער־ציילט וועגן די קאַטאַסטראָפאַלע יאָרן אין דער געשיכטע פון פּוילישן פאָלק און פון די אונטערדריקטסטע פון צווישן די אונטערדריקטע — פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. עס אַנטהאַלט דאָקומענטן, וועלכע דערציילן וועגן דער מאַרטירער־געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס איז געוואָרן באַשטימט צום אומקום דורכן פעלקערמערדערישן היטלע־רישן פאַשיזם, דאָקומענטן, וועלכע דערציילן וועגן קאַמף קעגן די פּלענער פון חיהשן היטלעריזם אויסצומעקן פּוילן פון דער גע־שיכטע.

דאָס זאַמל־בוך נעמט אַרום בלויז אַ טייל דאָקומענטן און מאַ־טעריאַלן, וועלכע דערציילן וועגן דער געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס איז הונדערטער יאָרן געוואָרן אונטערדריקט דורך פרעמדע און דורך דער אייגענער בורזשואַזיע, פון אַ פאָלק, וואָס האָט נישט געוואָלט לעבן אונטערן צאַרישן רוסלאַנד און קייזערישן דייטשלאַנד און נישט אונטערן שטיוול פון די אייגענע קאַפּיטאַליסטן און פּריצים. עס נעמט אַרום בלויז אַ קליינעם טייל דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וועלכע דערציילן וועגן דער אָקופּאַציע־ און געטאָ־טראַגעדיע און וועגן דעם גערואַנגל פון פּוילישן פאָלק און פון די יידישע מאַסן פאַר עקזיסטענץ, פאַר קאָנען פריי לעבן און שאַפן, פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אָבער שוין דער דאָזיקער טייל, וואָס גע־פינט זיך אין אָט דעם זאַמל־בוך גיט אַ ברייט בילד פון די געשעע־נישן.

אין די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועט דער לייענער געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע, ווער עס האָט אָרגאַניזירט די גרויסע היסטאָרישע שלאַכט קעגן פעלקער־מערדערישן פאַשיזם, פאַר פרייהייט.

די דאָקומענטן דערציילן וועגן די „פּאַטריאָטן", וועלכע רעדן וועגן פאָלק, וועגן פאָטערלאַנד, וועגן נאַציאָנאַלער קולטור, און פאַראַטן דאָס פאָלק, דאָס היימלאַנד און טרעטן מיט די פיס די נאַ־ציאָנאַלע קולטור.

שטענדיק און אויך אין די אָקופּאַציע־יאָרן האָט זיך דער פּראָ־לעטאַריאַט און זיין רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי געשטעלט אין שפּיץ

פון דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־גערעַנגל, אין שפּיץ פון דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

אין פאַרמלחמהדיקן סאַנאַציע־פּוילן זיינען די קאָמוניסטן געווען די איינציקע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט דעם קאַמף קעגן אויספאַרקויפן פּוילן צום אויסלענדישן קאַפּיטאַליזם, קעגן פאַרקויפן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

אין פאַרמלחמהדיקן פאַשיסטיש־ענדעקישן פּוילן האָט די העלדישע קפּפּ מאָביליזירט אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו צום קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די ווייסרוסן, אוקראַינער און יידן. און דעריבער איז קעגן דער קפּפּ געוועגדעט געוואָרן די שווערד, די תּפיסה און דער קאָנצלאַגער. די קאָמוניסטן האָבן נישט פאַראַטן און אין די שווערסטע טעג פאַרן פאָלק האָבן זיי זיך געשטעלט צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן אָקופּאַנט — פאַר דער ענדגילטיקער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון פאָלק.

אין די פינצטערע טעג פון דער היטלערישער פאַרשקלאַפונג זיינען די קאָמוניסטן געווען די איינציקע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די קאַמפּס־פּאַרטיי פון פאָלק — די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

מיטן געווער פון מאַרקסיזם־לעניניזם זיינען געקומען די אַנטיפאַשיסטישע פּוילישע פּאַטריאָטן, כדי צו אָרגאַניזירן די באַפרייאונג פון פּוילישן און יידישן פאָלק. דערצויגן דורך דער לעניןסטאַלין־פּאַרטיי אלקפּ(ב), אויף די קאַמפּס־דערפאַרונגען פון ראַטנפאַרבאַנד, באַוואָפנט מיט דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, האָט די פפּר אָנגעזאָגט אַ קאַמף דעם פאַשיזם אויף טויט פאַר אים און לעבן פאַרן אייגענעם פאָלק.

שוין דער ערשטער דאָקומענט פון פפּר האָט געוויזן דעם וועג צום דעצידירטן אומברחמנותדיקן קאַמף, דעם וועג פון צוגרייטן דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן.

און שוין דער ערשטער דאָקומענט רופט אָפּצושאַפן די מענטשן־שענדלעכע געטאָס, רופט צו ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן.

אָט וואָס עס שרייבט דער אויפרוף:

„די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי רופט צום קאַמף פאַר אַ פרייאון אומאָפּהענגיק פּוילן, אין וועלכן דאָס פאָלק אַליין זאָל באַשטימען וועגן זיין גורל, פאַר אַ פּוילן, אין וועלכן ס׳וועט נישט זיין

נישט קיין פאַשיזם און נישט קיין פּריצישע אונטערדריקונג. נישט קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערס און נישט קיין מענטשן־שענדלעכע געטאָס, נישט קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, און נישט קיין הונ־גער, נויט און אַרבעטסלאָזיקייט... אַ פּוילן אין וועלכן עס וועט הערשן ברידערלעכע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן... אַ פּוילן פון פרייהייט און שלום".

דער ערשטער אויפרוף פון דער פּפּר האָט געזען אין די היט־לעריסטישע גוואַלדטאַטן איבער מיליאָנען יידן, פּוילישע בירגער, פון דור־דורות באַזעצטע אויף דער פּוילישער ערד, און אין די גע־טאָס — דאָס פאַרשוועכן און באַפלעקן די פּוילישע ערד.

די פּפּר האָט גערופן און אָרגאַניזירט דעם קאַמף פון די יידן אין די געטאָס. די דאָקומענטן דערווייזן, אַז פּפּר איז געווען דער כוח, וועלכער איז געקומען צו די סאַמע אונטערדריקטסטע — צו די יידן מיטן רוף פון קאַמף. די פּפּר האָט גערופן איבערצורייסן מיט דער פּאַסיווקייט, מיט דער פאַטאַלער אילוזיע, אַז „דורך פּאַסיווקייט און נאָכגיביקייט וועט זיך עפּעס וואָס ראַטעווען". די פּפּר האָט גע־לערנט, אַז „אין אַזעלכע פאַלן קאָן מען עפּעס געווינען נאָר דורך העראָיזם, דעריבער דאַרף מען מיט כוח אַנטוואָפענען די קאָנוואָ־יענטן, מען דאַרף אומשעדלעך מאַכן די זשאַנדאַרן, וואָס היטן די גרענעצן פון געטאָ, און אַנטלויפן. די קאַמפס־פעיקע דאַרפן גיין אין די וועלדער צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג". די פּפּר האָט גערופן די פּוילישע באַפעלקערונג און אויך די פּועלים אין די דערפער צו געבן הילף די אַנטלאָפענע, צו באַהאַלטן זיי און באַזאָרגן מיט שפּייז.

„די יידן — ענדיקט זיך דער אויפרוף — וועלכע שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד... קעמפן „אויך פאַרן לעבן פון דער פּוילי־שער באַפעלקערונג, ווייל זיי (די קעמפנדיקע יידן — רעד.) דעז־אָרגאַניזירן און שוואַכן אָפּ די שווערעלעכע מאָרד־מאַשין. נאָר די סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף אינם קאַמף פון אַלע אונ־טערדריקטע פעלקער וועט קרייצן די פּלענער פון די היטלעריסטישע תלינים".

אין ליכט פון די דאָקומענטן זעען מיר דעם פּראָלעטאַרישן אינ־טערנאַציאָנאַליזם פון דער פּפּר. דאָס איז געווען די פּאַרטיי, וועלכע האָט באַלויכטן דעם באַזונדערס שווערן קאַמף פון די געטאָ־מאַסן.

די דאָקומענטן איבערציי‌גן נאָך אַמאָל, אַז בלויז די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי — די פאָרזעצערין פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־

טיי פון פוילן האָט אָרגאַניזירט דעם קאַמף אין די געטאָס און דורך דעם געראַטעוועט דעם כבוד פון יידישן פאָלק.

ווי שטאַרק און מוטיק קלינגען די ווערטער פון פפּר אין סעפּטעמבער 1942 יאָר צו די צעפּייניקטע יידישע מאַסן.

„יידן — שרייבט זיך אינם אויפרוף. — איר האָט דאָך הערלעכע טראַדיציעס פון קאַמפן אין די רייען פון די אויפשטענדלער אין זייער קאַמף פאַר פוילנס פרייהייט, קעגן די דריי צעטיילער פון פוילן. די נעמען פון אייערע העלדן זיינען מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון פוילן. היינט, ווען עס בינדט אונדז דאָס געמיינזאַמע אומגליק, מאַרשירן מיר אויפסניי אַרויס אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. זאָל דאָס זיין אונדזער הייליקער קאַמף נישט אויף לעבן נאָר אפילו אויף טויט".

דעם דאָזיקן הייליקן קאַמף אפילו אויף טויט האָבן אויפגעהויבן די אויפשטענדלער אין די געטאָס. די קעמפער אין די וועלדער און אויף די מלחמה-פעלדער, דערמוטיקטע פון דעם ריכטיקן לאָזונג, אַז „בלויז דער געמיינזאַמער קאַמף קאָן אָפּמעקן די שאַנד פון דעם געווויסן פון דער מענטשהייט, צעשמעטערן די מויערן פון געטאָ".

אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און דער טעטיקייט פון פפּר איז דערפירט געוואָרן צו דעם הערלעכן און ווירדיקן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון דעם יידישן פאָלק אין די געטאָס און אין די וועלדער, צו דעם העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער דאָזיקער העראָישער אויפשטאַנד האָט אונדז געשטאַרקט אומעטום, ווו מיר זאָלן זיך נישט האָבן געפונען אין די יאָרן פון אָקופּאַציע. זיינע העלדן האָבן אונדז צוגעגעבן מוט נאָך דער באַפרייאונג אין דער אויפבוי-אַרבעט. זיי מוטיקן אונדז אויך איצט אין אונדזער אַרבעט פאַר בויען דאָס פרייע סאָציאַליסטישע פוילן, אין אונדזער הייליקן קאַמף קעגן די נעאָ-היטלעריסטן, קעגן די אַמעריקאַניש-ענגלישע אימפּעריאַליסטן, וועלכע העצן צו אַ דריטער וועלט-מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס-דעמאָקראַטישע לענדער.

לייענענדיק די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וועלן מיר באַוואָפנט מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז נאָר דורך קאַמף קאָן זיגן דאָס פאָלק, דורך קאַמף קעגן די, וועלכע ווילן עס אומברענגען און פאַרטיליקן. דורך קאַמף צום זיג, הייסט — אַרבעטנדיק אויף דער פאַבריק, אין הוטע און קוילן-שאַכט, אין קאָאָפּעראַטיוו און אין לאַ-

באַראַטאָריע, זײַען דאָרט דעם אַרײַנגעשיקטן הײַנטיקן און מאָרגנדיקן יודענראַטניק; הייסט — זײַן וואַכזאַם קעגן די אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים; הייסט — שטענדיק געדענקען אונדזערע העלדן און פירער — נאָוואָטקאָ און פינדער, פאָרנאַלסקאַ, לעוואַרטאָווסקי און שמיט און די טויזנטער אַנדערע; באַדײַט — גיין אויף זייערע וועגן, אויף די וועגן פון קאַמף און זיג, אויף די וועגן פון ווירדיקן קאַמף, קעגן די אַמעריקאַניש-ענגלישע מערדער פון קאָרעיִשן, עגיפּטישן און אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. דאָס זײַנען די וועגן נישט פון בן-גוריוניש-גאָלדמאַנישן שלום מיט די אַדענאַוערס, מיט די פאַשיסטישע אויסראָטער פון יידישן פאָלק, וועלכע ווערן באַפרײַט פון די תפיסות דורך די אַנגלאָזאַקסישע באַלעבאַטים, נאָר די וועגן פון אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן זיי.

אונדזערע וועגן זײַנען קאַמפּס-וועגן, אויסגעפּרוּווטע און זיגרײַכע אין אַזויפיל שלאַכטן, אויסגעפּלאַסטערטע דורכן ראַטנפאַרבאַנד אונטער דער פאָן פון דער אַלקפּ(ב), אונטער דער אָנפירונג פון חבר סטאַלין.

צום קאַמף און זיג קעגן די אָקופּאַנטן, קעגן דער אייגענער רעאַקציע, צום קאַמף און זיג פאַר בויען דאָס נײַע, שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּוילן האָט אונדז געפירט די פּפּר און עס פירט איצט — די פּזפּר אונטער דער אָנפירונג פון פאָרזיצער און פּרעזידענט חבר באָלעסלאַוו ביערוט. אין ווײַטערדיקן קאַמף וועלן מיר מאַרשירן צו נײַע נאָך גרעסערע זיגן, צום סאָציאַליזם און שלום.

אין מאַרש צום סאָציאַליזם האָט די פּוילישע פּאַרייניקטע אַר־בעטער־פּאַרטיי אָנגעפירט מיטן אַרבעטער־קלאַס און מיטן פּוילישן פאָלק. דער מאַרקסיסטישער שטראָם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפירט דעם אַרבעטער־קלאַס און די פאָלקס־מאַסן צום קאַמף אין דער צייט פון די זאַבאָרן,[1] אין דער צייט פון דער צווייטער אומ־אָפּהענגיקייט, אין די באַדינגונגען פון דער היטלערישער אָקופּאַציע און אין דער תקופה פונם קאַמף פאַר אויסבויען און באַפעסטיקן די פאָלקס־מאַכט אין פּוילן.

דער „גרויסער פּראָלעטאַריאַט" איז געווען דער ערשטער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון די פּוילישע אַרבעטער אינם קאַמף קעגן דעם צאַריזם און קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קרוין־פּוילן און ליטע האָט אָנגע־פירט מיטן אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף קעגן די היימישע און פרעמדע אויסנוצער.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן האָט אינאיינעם מיטן לינקן איינהייטפראָנטיקן פליגל פון פּ.פּ.ס. אָנגעפירט מיט די אַרבעטער און פויערים אינם קאַמף קעגן דער מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, זי איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון אָט דעם קאַמף.

די פּפּר און די מיט איר פאַרבינדעטע רפּפּס, זיינען געוואָרן אינם קאַמף קעגן דייטשישן אָקופּאַנט דער פירער און אָרגאַניזאַטאָר שוין נישט בלויז פונם אַרבעטער־קלאַס, נאָר פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן.

---

[1] זאַבאָרן — די אָקופּאַציע פון פּוילן דורכן צאַרישן רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן זינט דעם סוף פון 17 י"ה ביז 1917. (רעד.)

די פוילישע פאראייניקטע ארבעטער־פארטיי איז דער יורש און קאנטינואטאר פון די אלע רומפולע טראדיציעס. די פוילישע פאראייניקטע ארבעטער־פארטיי וועט פירן דעם ארבעטער־קלאס, די פאלקס־מאסן און דאס פוילישע פאלק צום סאציאליזם, זי איז דער ארגאניזאטאר פון דער בויאונג פון די פונדאמענטן פונם סאציאליזם אין אונדזער לאנד.

(פון דער אידייען־דעקלאראציע פון פזפר).

ערשטער טײל



פאָטאָ־קאָפּיע פון דער דערקלערונג פון דער קאָמוניסטישער גרופּע אין געטאָ „מארגן־פרייהייט" וועגן אָנשליסן זיך אין פפר

אין די שווערע יאָרן פון דער הערשאַפט פונם פאַשיזם אין אייראָפּע, זיינען די קאָמוניסטן געווען זיכערע, דרייסטע און מסירת־נפשדיקע קעמפער פאַר דער פרייהייט פון די פעלקער, קעמפער קעגן דעם פאַשיסטישן רעזשים.

י. סטאַלין

פונם אינטערוויו, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „פּראַוודאַ" דעם 14־טן מערץ 1946 יאָר.

פפר אין שפיץ פונם פאלק בעת דער היטלער־אקופאציע

שוין אין די ערשטע וואכן נאך דער סעפטעמבער־מפלה, זאמלט ארום זיך דער קערן פון דעם קפפ־אקטיוו די אנטי־פאשיסטישע, דעמאקראטישע עלעמענטן, שאפט די ערשטע ארגאניזירטע גרופן צים קאמף מיטן אקופאנט, ווי צ. ב. „סערפ און האמער", „געזעלשאפט פון פריינד פונם ראטנפארבאנד", דעם אביסל שפעטער אנטשטאנענעם „פארבאנד פונם באפרייאונגס־קאמף" און אנד. חוץ דעם קפפ־אקטיוו זיינען אין זייער באשטאנד אריין די איינהייטס־פראנטיקע סאציאליסטן, די ראדיקאלע עלעמענטן פון דער פויערים־באוועגונג. די דאזיקע לויזע גרופן האט אבער געפעלט אן איינהייטלעכע אנפירונג און א קלארער פאליטישער פראגראם. די דאזיקע גרופן האט פאראייניקט און געגעבן זיי א טעטיקייטס־ליניע די פוילישע ארבעטער־פארטיי, וועלכע איז אנטשטאנען אין יאנואר 1942 און האט געשטיצט איר פראגראם אויף די יסודות פון מארקסיזם־לעניניזם. די פפר האט זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון דעם באפרייאונגס־קאמף פון די פוילישע פאלקס־מאסן קעגן דעם דייטשישן אנפאל.

די נאציאנאלע און סאציאלע באפרייאונג פון פוילן פון דער פאשיסטישער קנעכטשאפט האט די פפר פארבונדן מיט דעם גלייבן אינם זיג פון דער סאציאליסטישער מלוכה — דעם ראטנפארבאנד — אין קאמף קעגן דייטשישן פאשיזם. די פפר איז געווארן דער אנפירנדיקער, ארגאניזירטער קאמפס־אפטייל פונם ארבעטער־קלאס, דער אנפירנדיקער כוח פונם פאלק אין דעם שווערסטן פעריאד פון זיין געשיכטע. פפר איז געווען די ערשטע פארטיי, וועלכע האט אנגעהויבן א דעצידירטן, באוואפנטן קאמף קעגן אקופאנט. אין איר ערשטן אויפרוף האט די פפר גערופן:

„שאַפט פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען... זאָל דער צווייטער פראָנט אַנטשטיין אין רוקן פון דער היטלערישער אַרמיי!"

שוין אין מאַי 1942 יאָר איז אַרויס פון וואַרשע אין די טאָמאַשאָווער וועלדער די ערשטע אָפּטיילונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע. גלייך נאָך איר זיינען אַרויס די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען. די דאָזיקע ערשטע קאַמפּס־קאַדרען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, וועלכע זיינען הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון מיטגלידער פון פּפּר, האָבן געשאַפן דעם יסוד פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין פּוילן. די רייען פון די גוואַרדיסטן וואַקסן כסדר און אומאויפהערלעך צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַמף און מיטן דעראָבערן געווער ביים שונא.

בעת די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער דעלעגאַטור, האָבן, פּראָקלאַמירנדיק די טעאָריע פון „צוויי שונאים", גערופן צו פּאַסיווקייט, האָט די פאָלקס־גוואַרדיע, אויסברייטערנדיק דעם באַוואָפנטן קאַמף, געהאַט ביזן סוף יאָר 1943 243 קאַמפן און צוזאַמענשטויסן מיט דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט. אין יאָר 1944 דערגייט צו גרויסע שלאַכטן, ווי צ. ב. די שלאַכט אין די ליפּסקער וועלדער, אָדער די שלאַכט מיט 4 דיוויזיעס הינטער זשעטשיץ, די שלאַכט הינטער גרושקע, אין וועלכער די צאָל געפאַלענע דייטשן דערגייט צו אַ סך טויזנטער.

די פאָלקס־גוואַרדיע איז אויך געווען דער פּיאָנער פון די באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־קאַמפן אין שטאָט. אין האַרבסט פון יאָר 1942 האָט אַ באַוואָפנטע אָפּטיילונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע פאַרכאַפּט די געביידע פון ק. ק. אָ.[1] און קאָנפיסקירט די קאָנטריבוציע, וועלכע דער אָקופּאַנט האָט אַרויפגעלייגט אויף דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט אַן אָפּטיילונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע פאַרכאַפּט די פאַבריק פון ווערט פּאַפּירן אין וואַרשע. פאַר די 50 פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע זיינען אויפגעהאָנגען געוואָרן פאַר אויפרייסן די באַן־ליניעס פונם וואַרשעווער באַן־קנופּ, האָבן די גוואַרדיסטן זיך נוקם געווען דורך באַוואַרפן מיט גראַנאַטן אין איין און דער זעלבער שעה דריי זאַמל־פּונקטן פון דייטשישע אָפיצערן און געסטאַפּאָ־לייט: דעם „קאַפע־קלוב", דעם רעסטאָראַן אויפן הויפּט־וואָקזאַל און די דרוקעריי פון דער היטלעריסטישער

[1] „קאָמונאַלנאַ קאַסאַ אָשטשענדנאָשטשי" — קאָמונאַלע אָפּשפּאָרונגס־קאַסע. (רעד.)

שמאטע „נאָווי קוריער ווארשאַווסקי”. לויטן ביישפּיל פון ווארשע האָבן געהאַנדלט אַנדערע שטעט פון פּוילן ווי: ראַדאָם, קראָקע, לאָדזש. די פאָלקס-גוואַרדיע איז געווען די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאָלפן דעם העלדיש-קעמפנדיקן ווארשעווער געטאָ.

דער באַוואָפנטער קאַמף מיטן אָקופּאַנט, וועלכער ווערט אינספּירירט און אָנגעפירט פון פפּר, אין וועלכן ס'זיינען אומגעקומען טויזנטער פון די מסירת-נפשדיקסטע פּאַרטיי-מיטגלידער, באַקומט אַן אַלץ מער לעבעדיקן אָפּקלאַנג צווישן די פּוילישע פאָלקס-מאַסן. נישט געקוקט אויף דער פאַרביסענער העץ-קאַמפּאַניע, וועלכע די דעלעגאַטור פון דער עמיגראַציע-רעגירונג האָט געפירט קעגן דער פפּר און דער פאָלקס-גוואַרדיע, נישט געקוקט אויף די געהיימע מאָרדן און דענונציאַציעס, נישט געקוקט אויף די אָנשטרענגונגען אַרויסצורופן אַ בירגער-קריג — איז געוואַקסן דער אויטאָריטעט פון דער פפּר, איז געוואַקסן ביי די פאָלקס-מאַסן די איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון איר פּאָליטישער ליניע. לויטן ביישפּיל פון דער פאָלקס-גוואַרדיע, טרעטן אַריין אין קאַמף, ברעכנדיק דעם פאַרבאָט פון דער אָנפירונג, אַ טייל אָפּטיילונגען פון די פּויערים-באַטאַליאָנען, און אַפילו פון א. ק.

(פון דעם רעפעראַט פון חבר ביערוט
אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פּויל-
שער פאַראייניקטער אַרבעטער-פּאַרטיי
דעם 15 דעצעמבער 1948 יאָר).

ערשטער אויפרוף
פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי
יאנואר 1942

צו די ארבעטער, פויערים און אינטעליגענץ!
צו אלע פוילישע פאטריאטן!

אין רעזולטאט פון דער פאלשער און פארעטערישער פאליטיק פון דער רעגירונג פון שמיגלי־בעק האט דער שונא אונטערגעיאכט אונדזער פאטערלאנד. דאס היינטצייטיקע קרייץ־ריטערטום פון אונטערן האקנקרייץ־צייכן איזדעקעוועט זיך שוידערלעך איבער דעם פוילישן פאלק.

היטלער און זיין באנדע האבן בארויבט פוילן פון יעטוועדע נאציאנאלע און מענטשלעכע רעכט.

דער אקופאנט האט פארניכטעט די פוילישע אינדוסטריע, האט ארויסגעפירט די מאשינען. די ריזיקע ארמיי ארבעטלאזע גייט אויס פון הונגער, און די, וועלכע ארבעטן ווערן אויסגענוצט אויפן ברוטאלסטן אופן.

די לאנדווירטשאפט איז דערפירט געווארן צו רואין, דער פוילישער פויער און לאנדווירטשאפטלעכער ארבעטער הארעווען אין פאנשטשיזנע־באדינגונגען אונטער דער בייטש פון אקופאנט. ביי הונדערטער טויזנטער פאליאקן איז אפגענומען געווארן זייער ערד, וואס איז אוועקגעגעבן געווארן דייטשישע קאלאניסטן, פארשידענע אויסווורפן און באנדיטן, הונדערטער טויזנטער אונדזערע ברידער זיינען ארויסגעפירט געווארן אויף שקלאפן־ארבעט אין טיף דייטשלאנד.

דער בעסטער טייל פון דער פוילישער אינטעליגענץ, די בעסטע זין פון אונדזער פאלק, זיינען אויסגעמארדעט, אדער אריינגעווארפן געווארן אין די קאנצענטראציע־לאגערן. די פוילישע פאליטישע און געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס זיינען פונאנדערגעטריבן געווארן און זייערע אנפירער און מיטגלידער ווערן מאסנווייז פארניכטעט.

אויף א שענדלעכן אופן ווערט פאראומווירדיקט און געטרעטן די ערע פון די פוילישע פרויען.

דאס היטלער־דייטשלאנד האט באפלעקט די פוילישע ערד מיט דעם שענדלעכן פארברעכן פון גרויל־אקטן איבער מיליאנען יידן — פוילישע

פּאַוועל פינדער
גענעראַל = סעקרעטאַר פון צ.ק. פּפּר, אומגעקומען אין יאָר 1944

בירגער, איינגעזעסענע זינט דור־דורות אויף אונדזער ערד, פאַרטרייבנדיק זיי אין די געטאָס.

היטלער פירט אַ באַרבאַרישע פּאָליטיק פון פאַרניכטן די פּוילישע קולטור, פון ליקווידירן דאָס פּוילישע שול־וועזן און פון נאַציאָנאַלער אויסראָטונג, ער שטרעבט מיט דער גאַנצער קאָנסעקווענץ צו דער פאַרניכטונג פון פּוילישן פאָלק, אויסצומעקן פּוילנס נאָמען פון דער געשיכטע.

עס איז אָבער נישט פאַראַן אַזאַ כוח, וואָס וואָלט דאָס געקאָנט דורכפירן. קיינער איז נישט אימשטאַנד צו פאַרניכטן אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט קאָפּערניקן, מיצקעוויטשן, שאָפּענען און מאַריאַ סקלאָדאָווסקאַ. קיינער איז נישט אימשטאַנד צו באַזיגן אַ פאָלק, וואָס האָט געקעמפט אויף אַלע שלאַכטפעלדער פאַר דער פרייהייט פון די פעלקער, וואָס האָט אויף זיין פאָן מיטן אייגענעם בלוט אויפגעשריבן דעם לאָזונג: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט". מיר זיינען בלוט פון בלוט און פלייש פון פלייש פון פולאַסקי, קאָשטשושקאָ, טראַוגוט, פון הענריק און יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי און אַנדערע באַרימטע קעמפער פאַר דער פרייהייט פון פּוילישן פאָלק. וועסטערפּלאַטע און וואַרשע לעבן אין די הערצער פון די פּאָליאַקן.

דאָס פּוילישע פאָלק איז נישט פאַראייניזאַמט אין זיין קאַמף פאַר פרייהייט. אין געמיינזאַמען פראָנט מיט אונדז קעמפן פאַר זייער באַפרייונג אַלע סלאַווישע פעלקער. ס'ווילן נישט זיין און ס'וועלן קיינמאָל נישט זיין היטלערס שקלאַפן נישט די טשעכן, נישט די סלאָוואַקן, נישט די קאַרפּאַטן־אוקראַינער, נישט די סערבן, כאָרוואַטן, סלאָווענער, נישט די בולגאַרן, פּונקט ווי אויך מיר פּאָליאַקן. צוזאַמען מיטן גרויסן רוסישן פאָלק שטעלן מיר זיך צו דעם הייליקן קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די סלאַוון פון אונטער דעם קרייץ־ריטערישן יאָך. האַנט ביי האַנט מיטן פּוילישן פאָלק קעמפט דאָס פראַנצויזישע, בעלגישע, האָלענדישע, נאָרוועגישע און אַנדערע פעלקער. היטלער־דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מוטיקן ווידערשטאַנד פון ענגלישן פאָלק.

די באַנדיטישע מאַרשן פון דער היטלערישער אַרמיי האָבן נאָך זייערע לייכטע זיגן איבער שוואַכערע קעגנער זיך ענדלעך אָנגעטראָפן אויף אַן אומבאַזיגבאַרער דאַמבע — אויפן וואָזן פון דער רויטער אַרמיי. ווי אַן ענטפער אויפן פאַרעטערישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ גיגאַנטישער קאַמף פון אייז־אָקעאַן ביז צו די ברעגעס פון שוואַרצן ים. די העלדישע רויטע אַרמיי האָט באַדעקט דעם מאַרש־שליאַך פון די היטלערישע האָרדעס מיט מיליאָנען טויטע. דאָס איז דער־

גרעסטער אין דער געשיכטע קאַמף צווישן דער וועלט פון קולטור און דער וועלט פון באַרבאַריזם. עס וועט זיגן די גרויסע אַנטיפאַשיסטישע קאָאַליציע און זי וועט אָפּווישן פון דער ערד דעם פאַרשאָלטענעם היטלעריזם.

אין דעם דאָזיקן אַנטשיידענעם מאָמענט שטעלט זיך פאַרן גאַנצן פאָלק דאָס פּראָבלעם פון פאַראייניקן אַלע כוחות צום קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן אָקופּאַנט, די אויפגאַבן פון שאַפן אַ נאַציאָנאַלן פראָנט צום קאַמף פאַר אַ פרייע און אומאָפּהענגיקע פּוילן.

אַזאַ נאַציאָנאַלער פראָנט, אַ נאַציאָנאַלער פראָנט אָן פאַררעטער און קאַפּיטולאַנטן, קאָן פאַרווירקלעכט ווערן און זיגן נאָר דעמאָלט, ווען אין זיינע ערשטע רייען וועט קעמפן אַ געאייניקטער אַרבעטער־קלאַס.

דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס מוז קודם־כּל אַ סוף מאַכן צו דער שפּאַלטונג אין די אייגענע רייען. די דאָזיקע פאַראייניקונג פון אַרבעטער־קלאַס קאָן דורכפירן נאָר אַ קעמפערישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע וועט נעמען פון דער דערפאַרונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער טראַדיציע פון די באַפרייאונגס־קאַמפן פון פּוילישן פאָלק דאָס אַלץ, וואָס עס איז ריין, געזונט, וואָס איז ווערטפול, און זי וועט אָפּוואַרפן דאָס, וואָס איז פאַרפוילט, וואָס עס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם לעבנס־פּרוּוו.

דאָס מוז זיין אַ פּאַרטיי פונם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע פּאַרטיידיקט שטענדיק און אומעטום די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און קעמפט פאַר זייער ענדגילטיקער באַפרייאונג פון אונטערן יאָך פון קאַפּיטאַליזם, אַן אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם מיטן לעבן, גורל און צוקונפט פון אייגענעם פאָלק, אַ פּאַרטיי, וועלכע ריכטעט זיך אין איר גאַנצער טעטיקייט מיטן ווויל פון פּוילישן פאָלק.

פילנדיק טיף דאָס פעלן פון אַזאַ פּאַרטיי, האָט אַ גרופּע פּוילישע אַרבעטער און געזעלשאַפטלעכע טוער גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו שאַפן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי פאַראייניקט אין אירע רייען אַלע ערלעכע אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן, וועלכע שטיצן אונטער די דאָזיקע איניציאַטיוו, אומאָפּהענגיק פון זייער פריערדיקער פּאַרטייאישער אָנגעהעריקייט.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט נישט בדעה צו פירן קיין קאָנקורענץ לגבי די אַנדערע פּאַרטייען, וועלכע קעמפן אויפריכטיק פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן, פאַרקערט, זי שטרעבט צו דער נאָענטסטער צוזאַמענאַרבעט און געמיינזאַמען מיט זיי קאַמף קעגן דעם געמיינזאַמען שונא.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי גייט מיט יעדן, ווער עס שטעלט זיך צום קאַמף קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן און דערקלערט גלייכצייטיק אַן

אומבאַרמהאַרציקן קאַמף אַלע פּאַטריאָטישע טייַל פֿון פֿאָלק, די נידערטרעכטיקע היטלערישע אַגענטן און צעבראָכענע פּונקט נאַציאָנאַלן פראָנט.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי רופֿט אַלעמען, וועמען ס'איז טייער די אומאָפּהענגיקייט און פֿרייהייט פֿון פּוילישן פֿאָלק צו שאַפֿן און פֿאַרשטאַרקן דעם געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן פראָנט און צום אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דייטשישן פֿאַשיסטישן אַרייַנדרינגער.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי רופֿט צו מסירת־נפֿשדיקער אַרבעט ביים צוגרייטן אַ נאַציאָנאַלן אויפֿשטאַנד פֿאַר באַפֿרייען פּוילן פֿון אונטער דעם היטלעריסטישן יאָך.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי רופֿט צום קאַמף פֿאַר אַ פֿרייַ און אומאָפּהענגיק פּוילן, אין וועלכן דאָס פֿאָלק אַליין וועט דעצידירן וועגן זיין גורל, פֿאַר אַ פּוילן, אין וועלכן ס'וועט נישט זיין קיין פֿאַשיזם און פּריצישע אונטערדריקונג, קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, קיין מענטשהייט־פֿאַרשוועכנדיקע געטאָ, קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, קיין הונגער, נויט און אַרבעטסלאָזיקייט.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי רופֿט צום קאַמף פֿאַר אַ פּוילן, אין וועלכן די אַרבעטער וועט פֿאַרזיכערט ווערן אַן 8־שעהדיקער אַרבעטסטאָג, אמתע סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג און פֿרייהייט צו אָרגאַניזירן זיך, אין וועלכן די פּוילישע ערד וועט געהערן צום פּוילישן פּויער, אין וועלכן ס'וועט עקזיסטירן גלייכהייט און דאָס ברידערלעכע צוזאַמענלעבן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אין וועלכן די בילדונג וועט זיין צוטריטלעך פֿאַר אַלעמען, פֿאַר אַ פּוילן, וואָס וועט פֿאַרזיכערן דעם פֿאָלק ברויט, פֿרייהייט און שלום!

בירגער! ברידער! אין אייערע הענט ליגט דער גורל פֿון פֿאָלק.

יעדער איינציקער פֿון אייך דאַרף אויף זיין פּאָסטן זיין אַ זעלנער אין קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג און דערפֿילן ביזן סוף זיין פּאַטריאָטישן חוב.

מען דאַרף מיט אַלע מיטלען דעזאָרגאַניזירן די באַזעס און דעם באַוואָפֿנטן כּוח פֿון אונדזער שונא אויף זיין הינטערלאַנד: שטערן דעם טראַנספּאָרט פֿון היטלערישן מיליטער און קריגס־מכשירים, פֿאַרניכטן די בריקן, אויפֿרייסן די צוגן, אונטערצינדן די ציסטערנעס און אַמוניציע־מאַגאַזינען פֿון אָקופּאַנט; סאַבאָטירן אויף אַלע אופֿנים די פּראָדוקציע פֿון געווער און אַמוניציע און פֿון אַלץ, וואָס דאַרף דינען צום פֿאַרזאָרגן די היטלערישע אַרמיי.

קיין איין מעסטל תּבֿואה, קיין איין טראָפּן מילך, קיין איין פֿונט פֿלייש פֿאַר די היטלערישע באַנדיטן.

פוילישע יוגנט! זײַ װירדיק אונדזערע רומפולע פאָרגייער, די גרויסע פּאַטריאָטן פון אונדזער פאָטערלאַנד! קיין איין יונגער פּאַטריאָט, קיין איין יונגע פוילישע פּאַטריאָטין, וועט זיך נישט לאָזן ארויספירן אין טיף־דייטשלאַנד, קיין איין יונגער פּאָליאַק וועט זיך נישט לאָזן באַנוצן ווי א געצייג אין באַנדיטישן אָנפאַל אויפן ראַטנפארבאַנד. אַלע צום קאַמף קעגן אונדזער בלוטרשונא.

בירגער! אונדזער הייליקער חוב איז צו געבן די אַלזייטיקע און גרעסטע הילף דער העלדישער רויטער ארמיי.

שטיצט אונטער מיט אַלע כוחות די באַוואָפנטע ארויסטרעטונגען קעגן דער ארמיי פון פאַשיסטישע פאַרכאַפּער.

שאַפט פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. זאָל אַנטשטיין א צווייטער פראָנט אין הינטערלאַנד פון דער היטלערישער ארמיי.

פאַרשטאַרקט מיט אַלע כוחות די קאַמף־סאָלידאַריטעט פון אונדזער פאָלק.

פאַרטרייבט פון די פאַבריקן און ווארשטאַטן, פון די דערפער, כאַטעס, פון דער אייגענער פאַמיליע די פאַרעטער און פּראָוואָקאַטאָרן, אַלע אָנהענגער פון דייטשישן פאַשיזם.

צום קאַמף! צום קאַמף פאַר א פרייע און אומאָפּהענגיק פוילן!

מיר וועלן זיגן!

פוילישע ארבעטער־פּאַרטיי

יאַנואַר, 1942 יאָר.

„מאָרגן־פרייהייט“[1]
נומ. 7 (21), 2 יאָרגאַנג. 10 מערץ, 1942.

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזער נאָטיץ וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און וועגן דער שטעלונג פון דער גרופּע „מאָרגן־פרייהייט“ צום מאַניפעסט פון דער דאָזיקער פּאַרטיי — מעלדן מיר פאָלגנדעס:

ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג

די גרופע „מאָרגן־פרייהייט“, וועלכע איז אַנטשטאַנען אויפן יסוד פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם היטלעריסטישן אָקור־פּאַנט, — פאַר אַ פריי פוילן — די דאָזיקע גרופּע האַלט, אַז מיטן מאָמענט פון דער אַנטשטייאונג פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַר־טיי, וועלכע זאַמלט צונויף אין אירע רייען אַלע אַקטיווע כוחות צום קאַמף קעגן היטלעריסטישן פאַשיזם און פאַר אַ פריי פוילן — פאַר אַ פוילן אָן פּריצים און אָן קאַפּיטאַליסטן, — אַז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער גרופּע „מאָרגן־פרייהייט“ איז נישט צוועק־מעסיק.

מיטן מאָמענט פון דערשיינען פון דער דאָזיקער דערקלערונג האָט קיינער פון אונדזערע מיטגלידער און סימפּאַטיקער נישט קיין רעכט צו רעפּרעזענטירן און אַרויסטרעטן אין נאָמען פון „מאָרגן־

[1] „מאָרגן־פרייהייט“ איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אין וואַרשעווער געטאָ־אונ־טערערד דורך די קאָמוניסטישע גרופּן פון דער אָרגאַניזאַציע „סערפּ און האַמער“ (Sierp i Młot) רעדאַקטאָר איז געווען דער שרייבער יהודה פעלד (פעלדוורום). (רעד.)

פרײהײט", און אויך די צײטונג פון אונדזער גרופע הערט אויף צו דערשײנען.

מיר פאָדערן אויף אַלע אונדזערע מיטגלידער און סימפּאַטיקער צו זאַמלען זיך אין די רײען פון דער פּױלישער אַרבעטער־פּאַרטײ און אָנטײלצונעמען אַקטיוו אין אַלע קאַמפן און אַקציעס פון דער דאָזיקער פּאַרטײ.

די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון
„מ אָ ר ג ן ־ פ ר ײ ה ײ ט"

װאַרשע, דעם 19־טן מערץ 1942.

פראַנטשישעק יוזשוויאַק — וויטאָלד

מיטגליד פון צ.ק. פפּר, שעף פון הויפּט־שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, שפּעטער פון דער פאָלקס־ארמיי

„גוואַרדזשיסטאַ"[1]
אָרגאַן פון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע
נר. 2, 10־טן יוני 1942, 1 יאָרגאַנג

צו די אָפּטיילונגען פון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע, וואָס גייען אַרויס אין פעלד

באַפעל פון 15־טן מאַי

גוואַרדיסטן! פּאַרטיזאַנער!

אין הסכם מיט די פליכטן פון געטרייע זין פון פוילן גייט איר היינט אַרויס אין פעלד. איר גייט אַרויס אין אַ מאָמענט פון פאַרשאַרפטע קאַמפן אויפן מזרח־פראָנט, אין אַ מאָמענט ווען די אָנפירונג פון דער רויבערישער היטלעריסטישער אַרמיי מאַכט פאַרצווייפלטע פרוון איינצוהאַלטן אירע פּאָזיציעס און איבערגיין אין אָפענסיווע, ווען זי וואַרפט אויפן פראָנט די לעצטע רעזערוון אין מענטשן און קריגס־מכשירים, כדי אָפּצושלעפן די מינוט פון איר אומפאַרמיידלעכער מפּלה.

איר זייט נישט די ערשטע. די ערשטע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען זיינען אַרויס אין פעלד נאָך אין האַרבסט פון יאָר 1941, און אין אָנהייב פרילינג, ווען ס'איז נאָך געלעגן שניי, האָבן אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט נייע אָפּטיילונגען אין לובלינער קאַנט, און אַביסל שפּעטער אין בריסקער קאַנט און אין „גאַליציע". איינצלנע אַרויסטרעטונגען זיינען פאָרגעקומען אין צענטראַל־פוילן. דער פעריאָד פון פּאַרטיזאַנער־קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויף אַן אמת.

אייער אויפגאַבע איז איבערטראָגן דעם פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין צענטער פון פוילן. אַנדערע אָפּטיילונגען וועלן אים אָנהייבן אויף די געביטן, וואָס זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין רייך און אין די איבעריקע געגנטן.

---

[1] „גוואַרדזשיסטאַ" — אָרגאַן פון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע, אַרויסגעגעבן אין די אָקופּאַציע־יאָרן פון 1־טן מאַי 1942 ביז יולי 1944 יאָר — יעדע 10 טעג. אין סעפּטעמבער 1942 האָט די דרוקעריי פון „גוואַרדזשיסטאַ" געהאַט אַ דורכפאַל און פאַרמאַכט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט, וואָס האָט דערפירט צו אַ קליינעם איבעררייס. (רעד.)

אייער אומײמיטלבאַרע קאַמפּס־אויפגאַבע איז פאַרניכטן די וועגן און דערזאָרגאַניזירן דאָס צופירן פון קריגס־מאַטעריאַלן און מיליטער אויפן פראָנט; דאָס פאַרניכטן אַלערליי מיליטערישע אָביעקטן און אַנשטאַלטן, וואָס אַרבעטן פאַר דער אַרמיי; פאַרניכטן פּאָליציייאישע אָפּטײלונגען און קלענערע מיליטער־גרופּן; פונאַנדערטרייבן די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען פונם אָקופּאַנט; פאַרניכטן די פאַרבינדונגס־נעץ; דערזאָרגאַניזירן דעם אַפּאַראַט, וואָס פאַרזאָרגט די אַרמיי מיט שפּייז און פאַרניכטן זיינע מאַגאַזינען — בכלל ברענגען שאָדן דעם אָקופּאַנט אויף יעדן טריט און שריט, צווינגען צו שטענדיקער וואַכזאַמקייט און שרעק, צו פאַרטאָפּלען די פּאַטרולן, צום אָפּרופן אַלץ פרישע אָפּטײלונגען פון פראָנט, כדי צו באַוואָרענען זיך אין הינטערלאַנד.

האַנדלט דרייסט און ריקזיכטלאָז, זייט זיך נוקם אין שונא פאַר יעדער נידערטרעכטיקייט זיינער, וועלכע ער באַגייט אויף דער פּוילישער ערד.

אונדזער אומײמיטלבאַרער רעזערוו און הינטערלאַנד איז דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק, איז יעדער ערלעכער פּאָליאַק, וועלכן מיר טרעפן אָן אויף דעם וועג פון אונדזער קאַמף.

גייט צוזאַמען צום קאַמף מיט יעדן, וועלכער באַגערט אים אויפריכטיק. איר זייט נישט די לעצטע. נאָך אייך וועלן קומען פרישע הונדערטער און טויזנטער. די פּוילישע וועלדער, פעלדער און וועגן וועלן באַלעבט ווערן מיט פּאַרטיזאַנער־אָפּטײלונגען — קעמפער פאַר פרייהייט.

דרייסט פאָרויס, עס וועט אין קורצן קומען די מינוט, ווען דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך נעמען פאַרן געווער און שטעלן זיך צום קאַמף, כדי צו מאַכן אַ סוף מיטן שונא אויף אייביק, כדי צו דערגרייכן דעם ענד־ציל — די אומאָפּהענגיקייט.

די הויפּט־אָנפירונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע.



GWARDZISTA

ORGAN GWARDII LUDOWEJ

[illegible] czerwca 1942 [illegible] Nr 2

Do Oddziałów Gwardii Ludowej wyruszających w pole.

Rozkaz z dnia 15 maja

[illegible] i Partyzanci! Dziś, zgodnie z obowiązkiem [illegible] Polski, wyruszacie w pole. Wyruszacie w momencie [illegible] na froncie wschodnim w [illegible] dowództwo rozbójniczej armii hitlerowskiej [illegible] utrzymania swych pozycji [illegible] rzuca na front [illegible] rezerwy. [illegible] aby odwiec [illegible]

[illegible] pierwsi. Pierwsze oddziały partyzanckie wyszły w pole jeszcze jesienią 1941 roku, a wczesną wiosną jeszcze przy śniegu, rozpoczęły swą ożywioną działalność nowe oddziały na terenie Lubelszczyzny, a trochę później w brzeskim [illegible] i w Galicji. Poszczególne wystąpienia miały miejsce i w środkowej Polsce. Okres walki partyzanckiej jest już [illegible] dobrze rozpoczęty.

Zadaniem waszym jest przenieść walkę partyzancką do centrum Polski, inne oddziały rozpoczną ją na terenach wcielonych do Rzeszy i w pozostałych dzielnicach.

Bezpośrednim waszym bojowym zadaniem jest: niszczenie dróg i dezorganizowanie dowozu materiałów wojennych i wojska na front; niszczenie wszelkiego udziału obiektów wojennych i zakładów pracujących dla armii; wybijanie załóg policyjnych i mniejszych oddziałów wojskowych; rozpędzanie administracyjnych organów okupantów; niszczenie sieci łączności; dezorganizowanie aparatu zaopatrującego okupanta w żywność i niszczenie jej składów; — wogóle szkodzenie okupantowi na każdym kroku, zmuszanie go do ciągłej czujności i trwogi, do zdwajania straży, do odwoływania coraz to nowych jednostek z frontu dla ochrony swego bezpieczeństwa na tyłach.

פאָטאָ־קאָפּיע פון דעם נומער „גוואַרדזשיסטאַ“ מיטן ערשטן באַפעל פון
דער הויפּט אָנפירונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע פון 15־טן מאַי 1942 יאָר

„גוואַרדזשיסטאַ"
אָרגאַן פון דער פאָלקס־גוואַרדיע
נר. 3, 1 יולי 1942, 1 יאָרגאַנג

די פאָלקס־גוואַרדיע אין קאַמף

קאָמוניקאַט פונם הויפּט־שטאַב פון דער פאָלקס־גוואַרדיע

מ'האָט פאַרברענט אַ בריק אויפן ליוויעץ.

מ'האָט פאַרברענט אַ בריק הינטער מינסק־מאַזאָוויעצק.

הינטער רעיאָוויעץ האָט מען אויפגעריסן אַ צוג מיט קריגס־מאַטער־יאַלן. דער איבעררייס אין דער קאָמוניקאַציע האָט געדויערט 10 שעה.

אין דער אומגעגנט פון פּיאָטרקאָוו זיינען פאָרגעקומען אַרויסטרע־טונגען פון עטלעכע פּאַרטיזאַנער־גרופּן. צווישן אַנדערע איז דערגאַנגען צו אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס אין וואַלד צווישן דעם דאָרף פּאָליכנאַ און קאָלאָ. אַ גרעסערע אָפּטיילונג פון זשאַנדאַרן און געסטאַפּאָוצעס האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פּאַרטיזאַנער־נעץ. די פּאַרטיזאַנער האָבן צוגעלאָזט צו זיך די דייטשן אויף 15 מעטער און דערנאָך באַגעגנט זיי מיט אַ שיסע־ריי פון רעוואָלווערן און מיט גראַנאַטן. אין דאָזיקן צוזאַמענשטויס זיינען געפאַלן דער שעף פון געסטאַפּאָ און איין געסטאַפּאָוויעץ, איין זשאַנדאַר איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן אין פּאַניק, עפענענדיק אַ בהלהדיקע שיסעריי פון ביקסן און אויטאָמאַטן. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון שלאַכט־פעלד אָן פאַרלוסטן מצד די היטלעריסטן זיי נאָכצויאָגן.

אין אַנדערע צוזאַמענשטויסן האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרוואונדעט עט־לעכע פּאָליציאַנטן און געסטאַפּאָ־אַגענטן.

עטלעכע פּאַרטיזאַנער־גרופּן האָבן אין קראָקעווער און זשעשאָווער געגנט אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט.

ס׳זיינען אריים צום קאמף די פארטיזאנער־אפטיילונגען פון א ריי אנדערע ערטער. אין די אלטע פארטיזאנישע קאמפס־צענטערן איז די טעטיקייט פארשטארקט געווארן.

* * *

אין טארנאוואטקע לעבן טאמאשאוו־לובעלסקי האבן די פארטיזאנער פארברענט א טארטאק און א פאבריק פון געבויגענע מעבל. די דאזיקע ביידע אונטערנעמונגען האבן געארבעט פאר די דייטשן. ביי דער געלעגנהייט איז געקומען צו א שיסעריי, בעת וועלכער ס׳זיינען דערהרגעט געווארן 3 זשאנדארן. די זשאנדארן אין טאמאשאוו פילן זיך נישט זייער זיכער, סיי די זשאנדארן און סיי דער בירגערמייסטער נעכטיקן אין זאמאשטש.

אויף די ראנדן פון די וועלדער אין פיאטרקאווער געגנט האבן זיך באוויזן שילדלעך מיט אויפשריפטן: „פאר דייטשן איז דער אריינטריט פארבאטן", אדער „דייטשן קאנען אריינגיין, אבער ארויסגיין נישט". די ארטיקע באפעלקערונג באציט זיך מיט גרויס סימפאטיע צו די פארטיזאנער. אין די אפטיילונגען טרעטן אריין נייע פרייהייטס־קעמפער.

אויפרוף פון צענטראַלן קאָמיטעט
פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

יולי 1942 יאָר.

נאָכן איבערלייענען גיב איבער אַ צווייטן

צו דער פוילישער אינטעליגענץ!

די פֿיליערדיקע מלחמה און די קרוב דרײַ־יעריקע פֿאַרשקלאַפֿונג צווינגען יעטוועדן איינעם, וועמען עס איז טײַער די אומאָפּהענגיקייט, װאָס קאָנען נישט מער איבערטראָגן די אכזריותן פֿון פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד, זיך צו פֿאַרטראַכטן איבער דער איצטיקער לאַגע און צו שאַפֿן זיך אַ טעטיקייט־ליניע, וועלכע זאָל נישט בלויז דערפֿירן אַרויסצוטרײַבן דעם אָקופּאַנט פֿון פּוילן, נאָר חוץ דעם געבן אונדזער פֿאָטערלאַנד אויף דער צוקונפֿט גאַראַנטיעס פֿון פֿרײַער אַנטוויקלונג און אַלגעמיינעם וווילשטאַנד...

...היינט, ווען מיר פֿילן אָפּ אויף דער אייגענער הויט צו וואָס פֿאַראַ לאַגע די רעגירונגען פֿון דער „עליטע" האָבן דערפֿירט אונדזער לאַנד, היינט, ווען אין פּוילן הוליעט דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט, וועלכער האָט נישט בלויז געשלאָסן די שולן פֿאַר אונדזער יוגנט, נאָר אָרדנט איין געיעגן אויף איר הן אין די שטעט הן אין די דערפֿער, און דאָס אַלץ געשעט אין נאָמען פֿון עליטאַרישקייט, ווײַל דאָס דײַטשישע פֿאָלק דאַרף בלומרשט זײַן דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק צו רעגירן מיט אַנדערע פֿעלקער (הערנפֿאָלק). היינט, איז שוין די העכסטע צײַט, אַז די פּוילישע אינטעליגענץ זאָל דערוואַכן, אויסווישן די אויגן, זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון און לסוף פֿאַרשטיין, ווו עס איז איר אָרט, וועלכע עס דאַרף זײַן איר ראָל.

צי איז דען שוין נישט די העכסטע צײַט צו פֿאַרשטיין, אַז אין אינטערעס פֿון פּוילן איז נישט דער „פֿרומער ווונטש" אויף דער אויסבלוטיקונג און דערשעפּונג פֿון דער רויטער אַרמיי און פּסס"ר, נאָר אַ וואָס שנעלערער זיג איבער היטלער־דײַטשלאַנד און אַז נישט פּאַסיווויטעט און אָפּוואַרטונג, נאָר אַקטיווער קאַמף פֿון גאַנצן פֿאָלק צוזאַמען מיט אונדזערע מעכטיקע פֿאַרבינדעטע וועט פֿאַרשנעלערן די מפּלה פֿון היטלערן און די אַנטשטייאונג פֿון אַ פֿרײַ אומאָפּהענגיק פּוילן.

דער קאמף פון פוילישן פאלק, קודם־כל פון די ארבעטער און פויערים, קעגן היטלעריש אקופאנט פארשטארקט זיך, ער ברייטערט זיך אויס און גייט איבער אויף א העכערן ניוואָ — אין פארטיזאנטקע. באדייטנדיקע טיילן פון לאנד זיינען שוין ארומגעכאפט מיט דער פארטיזאנער־באוועגונג, עס מערן זיך סאבאטאזש־ און דיווערסיע־אקטן.

עס קאן נישט פעלן די פוילישע אינטעליגענץ ביי דער זייט פון ארבעטער און פויער אין געמיינזאמען נאציאנאלן פראנט. פון דער אינטעליגענץ גופא איז אפהענגיק, צי זי וועט נעמען אן אקטיוון אנטייל אינם אויפבוי פון א בעסערן מארגן פארן לאנד, אדער זי וועט זיך נאכשלעפן אין עק און אין דעם בין השמשות פון דער אונטערגייענדיקער וועלט פון אויסנוצונג און אונטערדריקונג.

דאקטוירים און לערער, אינזשענירן און באאמטע, אדוואקאטן און ביורא־ארבעטער, דער כלל ארבעטנדיקע אינטעליגענץ, די פוילישע ארבעטער־פארטיי רופט אייך:

צום קאמף קעגן באשיסטישן אקופאנט מיט אלע צוטריטלעכע מיטלען (סאבאטאזש, דיווערסיע, פארטיזאנטקע)!

צום געמיינזאמען פראנט און אקטיוון קאמף, האנט ביי האנט מיטן פוילישן ארבעטער און פויער פאר א פריי אומאפהענגיק פוילן!

א טויט די היטלערישע אקופאנטן!

זאל לעבן דער געמיינזאמער פראנט פון ארבעטער, פויערים און אינטעליגענץ!

זאל לעבן א פריי און אומאפהענגיק פוילן!

פוילישע ארבעטער־פארטיי

יולי 1942

די ערשטע פרוון פון ווידערשטאַנד אין געטאָ.[1]

דעם 2 יולי ה. י. אין די פרימאָרגן־שעהן האָט מען אין וואַרשעווער געטאָ דערשאָסן 90 יידן און 10 יידישע פרויען.

דעם זעלבן טאָג האָט מען אין די גאַסן פון געטאָ אויסגעקלעפּט די פאָלגנדיקע מעלדונג מיט דער אונטערשריפט פון דייטשישן קאָמיסאַר אויערסוואַלד: „אין דער לעצטער צייט האָבן זיך די יידן פיל מאָל אַנטקעגנגעשטעלט די פאַראָרדענונגען פון דער דייטשער פּאָליציי. אין אַ סך פאַלן איז געקומען דערצו, אַז יידן האָבן זיך באַנוצט מיט כוח קעגן די פּאָליציי־אָרגאַנען. אַלס עקספּער אויף דעם זיינען היינט דערשאָסן געוואָרן הונדערט יידן, וועלכע זיינען געזעסן אין דער צענטראַלער תפיסה פאַר פאַרשידענע איבערטרייטונגען.

„אויב עס וועט זיך נאָכאַמאָל איבערחזרן דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך פון יידן פּאָליציייִשע פאַראָרדענונגען, אָדער זיי וועלן אָנווענדן כוח, וועלן אָנגעווענדט ווערן ווייטערדיקע שטראָף־מיטלען".

אונטערשריפט אויערסוואַלד — קאָמיסאַר פון יידישן וווינונגס־קוואַרטאַל.

5. VII. 42

---

[1] דער דאָזיקער דאָקומענט (אין דער פּוילישער שפּראַך) איז געפונען געוואָרן אינם אַרכיוו פון צ. ק. פּזפּר. ער דערווייזט, ווי שטאַרק עס איז געווען די פּראָוואָקאַציע פון פּפּר פאַר דעם, וואָס קומט פאָר אין געטאָ. דאָס איז וואַרשיינלעך אַ באַריכט, וואָס איז דורך די חברים פון געטאָ געוואָרן איבערגעשיקט צו דער פּפּר-אָנפירונג אויף דער „אַרישער" זייט מיטן טעקסט פון אויערסוואַלדס פּלאַקאַט.

אין שפּיץ פון פּפּר אין געטאָ זיינען געשטאַנען: יוסף לעוואַרטאָווסקי — געוו. מיטגליד פון צ. ק. פון קפּפּ, פאַרשטייער פון צ. ק. פון פּפּר אין געטאָ; אַדאָם מערעטיק, טוער פון קפּפּ; אַנדזשעי שמיט, געוו. קעמפער אין שפּאַניע; און — עדוואַרד פאַנדאַמינסקי, טוער פון קפּפּ. (רעד.)

ראַדיאָ־ביולעטין נר. 34
אויסגאַבע פון וואַרשעווער קאָמיטעט
פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

רוף פון פּפּר צו זעלבשוץ אין געטאָ

זייט עטלעכע טעג האָט זיך אין וואַרשע אָנגעהויבן אַ מאַסנווייזער גירוש פון דער באַפעלקערונג.[1] די אָקופּאַנטן פירן דאָס דורך מיט דער פאַר זיי כאַראַקטעריסטישער ריקזיכטלאָזיקייט און ברוטאַליטעט. מיט קאַנטשיקעס און רעוואָלווערן טעראָריזירן זיי די באַפעלקערונג. כדי זיך צו פאַרלייכטערן די טעטיקייט, האָבן די דייטשן פאַראָרדנט, אַז די יידישע גמינע[2] זאָל טעגלעך צושטעלן צו 6000 מאַן אויף אַרויסצושיקן. די דאָזיקע שענדלעכע ראָל האָט די גמינע אויף זיך גענומען. באַפרייט פון גירוש זיינען די פאַבריק־אַרבעטער, די גמינע און די פונקציאָנערן פון דער יידישער אָרדענונגס־דינסט. אָבער אויך זיי דערוואַרט דער זעלבער גורל. אַלע אויסגעזידלטע דערוואַרט אומפאַרמיידלעכער אומקום.

די דייטשן האָבן שוין אויסגעהרגעט 700 טויזנט יידן. דאָס אַרויספירן אויף אומקום האָבן די דייטשן אומעטום דורכגעפירט אונטער פּרעטעקסט פון איבערזידלונג. פּאַסיוויטעט האָט קיינעם נישט געראַטעוועט. אויך דאָס מאָל וועט זי קיינעם נישט אָפּראַטעווען. די יידן האָבן דאָס פאַרשטאַנען. פון געטאָ קומען אָן ידיעות וועגן איינצלנע פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן גירוש און גזילה. די איינציקע רעטונג איז אַרויסצורייסן זיך מיט כוח פון געטאָ. די איינציקע ריכטיקע שטעלונג אין אַזאַ דראַמאַטישן מאָמענט איז — אַקטיוו ווערן זיך קעגן אויסזידלונג, אָרגאַניזירן

---

[1] דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער ערשטער גרויסער ליקווידיר־אַקציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22־טן יולי 1942. די פּפּר־אָנפירונג האָט, ווי מיר זעען, תיכף רעאַגירט. (רעד.)

[2] דער יודענראַט. (רעד.)



יוסף לעוואַרטאָווסקי
פאָרשטייער פון צ.ק. פון פפר אין געטאָ. אומגעקומען אין אויגוסט 1942

קאמף־גרופן און אינדיווידועלע ארויסטרעטונגען. די זעלבשוץ מוז אננעמען א מאסן־כאראקטער. אין קאמף וועלן אומקומען יחידים, אבער ראטעווען וועלן זיך טויזנטער.

אויף דער פוילישער געזעלשאפט פאלט די פליכט צו טראגן הילף די יידן, וועלכע ראטעווען זיך פון אונדזער געמיינזאמען שונא — דעם היטלעריסטישן אקופאנט.[3]

.42 .VII .30-27

[3] דער דאזיקער רוף פונם „ראדיא-ביולעטין" (אין פויליש) צו די יידן און פאליאקן האט אויסגעדריקט די שטעלונג פון פפר, וועלכע האט די ערשטע געווארפן דעם לאזונג פון געטא-זעלבשוץ און פון הילף מצד דער פוילישער געזעלשאפט. (רעד.)

דער יסוד פון נאַציאָנאַלן פראָנט אינם פעריאָד פון דער אָקופּאַציע איז געווען דער קאַמף מיטן אָנפאַלער, אין וועלכן עס האָבן געקאָנט גיין אין איין ריי אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענץ, קליינבירגער-טום. דער אויבערשטער שיכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, די פינאַנס-אָליגאַרכיע, האָבן, נאַטירלעך, נישט געקאָנט גענומען ווערן אין באַטראַכט, ווייל זיי זיינען געווען צוזאַמענגעשפּאַנט מיטן אָקו-פּאַנט דורך אַ ריי פאַרבינדונגען און אינטערעסן.

קיינמאָל האָבן מיר נישט געשטעלט דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלן פראָנט אַנדערש, ווי אין אַזאַ אופן, וועלכער בינדט, פאַרייניקט, נעמט צונויף אינם קאַמף די פּראָלעטאַרישע און נישט-פּראָלעטאַרישע מאַסן, די אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענץ, קליינבירגערטום, מיטן אויסנאַם פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, צום קאַמף קעגן די לעצטע און קעגן דעם אָקופּאַנט.

(פון דער שלום-רעדע פון חבר באָ-לעסלאַוו ביערוט אויפן דריטן פלענום פון צ. ק. פּפּר, דעם 13 נאָוועמבער 1945 יאָר).

אויפרוף פונם קאמיטעט פון נאציאנאלן פאנד[1]
לטובת דעם באפרייאונגס-קאמף אין פוילן

אויגוסט 1942

צום פוילישן פאלק!

בירגער! אין געראנגל אויף לעבן און טויט, וואס שפילט זיך אפ צווישן דעם לאגער פון פראגרעס און פרייהייט און דעם לאגער פון באר־באריזם און אונטערדריקונג דעצידירט זיך דער גורל פון די פעלקער. עס קומען פאר קאמפן, וועלכע וועלן דעצידירן אויך וועגן גורל פון אונדזער פאטערלאנד.

היטלער האט, פירנדיק די טאטאלע מלחמה, צוגערויבט אלע רייכטי־מער פון די אונטערוואכטע פעלקער. דורך פלינדעריי, קאנטריבוציעס, אנט־אייגענונג, קאנפיסקאציעס און אנדערע באנדיטישע מיטלען פון גזילה — האט ער אנגעזאמלט מעכטיקע מיטלען אויף די ווייטערדיקע רויב־מלחמות.

צום אקטיוון באוואפנטן קאמף און צום נצחון איבערן שונא מוזן מיר מאביליזירן אלע מיטלען פון פאלק. מיר רעכענען נישט אויף דעם, אז די מיטלען אויף אט די צילן וועלן קומען פון אויסן. עס איז נויטיק א גרויסער און קרבנותפולער אנשטרענג פון פאלק. דער אנשטרענג פון גאנצן פאלק וועט צואיילן די באפרייאונג.

לויט דער איניציאטיוו פון א ריי ארגאניזאציעס זיינען ארויסגע־לאזט געווארן אבליגאציעס פון נאציאנאלן פאנד:

אויף באוואפענען די אפטיילונגען, וואס קעמפן פאר פרייהייט;
אויף מעדיצינישער הילף פאר קראנקע;
אויף אויפזיכט איבער די אלמנות און יתומים נאך די געפאלענע אויפן רומפולן שלאכט־פעלד.

די אבליגאציעס אויף 20, 100 און 1000 גילדן און אויף 10, 50, 100 רייכסמארק האבן נומערן און א קיילעכדיקן שטעמפל מיטן אדלער פונם קאמיטעט פון נאציאנאלן פאנד.

---

[1] Dar Narodowy

אונטער־נעמענדיק די דאָזיקע אַקציע, רופן מיר אַלע פּאָליאַקן אויס־צוקויפן די אָבליגאַציעס פונם נאַציאָנאַלן פאָנד. דורך דעם וועג וועלן מיר געבן הילף און ביישטייערן צום אויסקעמפן און אויפבויען אַ פרייַ און אומאָפּהענגיק פּוילן.

יעדע אָבליגאַציע איז אַ קויל אינם אָקופּאַנט.

יעדע אָבליגאַציע איז אַ נקמה־אַקט פאַר די רציחות, וואָס ווערן דורכ־געפירט איבער אונדזער פאָלק.

יעדע אָבליגאַציע איז אַ ציגעלע אין דער געביידע פון קינפטיקן פרייען און אומאָפּהענגיקן פּוילן.

דער קאָמיטעט פונם נאַציאָנאַלן פאָנד
לטובת דעם באַפרייאונגס־קאַמף אין
פּוילן.

אין אויגוסט 1942

„טריבונא כלאָפּסקאַ"
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 6, אויגוסט 1942, 1 יאָרגאַנג

450 טויזנט מענטשן אין וואַרשע דערוואַרט דער טויט!

די היטלעריסטן זיינען צוגעטרעטן דורכצופירן אַ פאַרברעכן פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס שטייגט אַריבער אַלע זייערע ביז־איצטיקע מעשים אין פּוילן. די איבער 450 טויזנט־קעפּיקע יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע איז פאַר־אורטיילט געוואָרן צום טויט. אונטערן אויסרייד פון „איבערזידלען אויף מזרח" פירט מען אַרויס טאָג־איין טאָג־אויס מיט וואַגאָנען 7 — 11 טויזנט פרויען, מענער און קינדער, כדי דערנאָך מיטן שוין באַקאַנטן אופן זיי צו דערמאָרדן ערגעץ אין וואַלד מיט דער הילף פון מאַשין־געווער. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די פאַרמשפּטע וועלן געטויט ווערן מיט דער הילף פון גאַז, אַזוי ווי דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן מיט די יידן פון לובלין און פון אַ סך אַנדערע פּוילישע שטעט. די ידיעה וועגן אַט די גרויליקע צילן האָט איבערגעציטערט די גאַנצע פּוילישע געזעלשאַפט. אָבער לאָמיר זיין אָפנהאַרציק. עס זיינען צווישן אונדז נאָך פאַראַן אַזעלכע קאַנאַליעס, וועל־כע נעמען אויף דעם פאַקט מיט אַ נאַרישן שמייכל, אָדער פּשוט, קוועטשן מיט די פּלייצעס, זאָגנדיק: „זאָל שוין זיין, דאָס זיינען דאָך יידן". אָבער אַזוי טאָר מען נישט רעדן. מיר געדענקען, אַז נאָך די יידן וועט קומען די ריי „אויסצוזידלען אויף מזרח" די פּאָליאַקן. דעריבער מוזן מיר שוין איצט אַלע אַקטיוו זיך קעגנשטעלן די רציחות.

די יידישע באַפעלקערונג מוז איבעררייסן מיט דער פאַטאַלער אי־לוזיע, אַז דורך פּאַסיווקייט און נאָכגיביקייט וועט זי עפּעס ראַטע־ווען. אין אַזעלכע פאַלן קאָן מען עפּעס געווינען נאָר דורך העראָאיזם. דע־ריבער דאַרף מען מיט כוח אַנטוואָפענען די קאָנוואָיענטן, מען דאַרף אומשעדלעך־מאַכן די זשאַנדאַרן, וואָס היטן די גרענעצן פון געטאָ, און אַנטלויפן, ווו עס וועט זיך לאָזן. די קאַמפּספּעיקע זאָלן גיין אין די וועלדער צו דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. מיר ווייסן, אַז עס וועלן זיין קרבנות, אָבער דאָס איז דער איינציקער וועג צו רעטונג. דער ביישפּיל פון נאָוואָ־

גרודעק[1], ווו דער טויט פון עטלעכע הונדערט האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון טויזנטער, איז דער איינציקער, וואָס איז ווערט נאָכצוטאָן.

די פּוילישע באַפעלקערונג, און אויך די פויערים אין די דערפער, מוזן נעבן הילף די אַנטלאָפענע, מוזן זיי באַהאַלטן און באַזאָרגן מיט שפּייז. די פּאָליאַקן מוזן זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אַז וואָס שנעלער היטלער וועט ליקווידירן די יידן, וועט ער אַלץ איילעקער זיך נעמען צו מאָרדן אונדז, פּאָליאַקן. דעריבער קעמפן די יידן, וועלכע שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד, אויך פאַרן לעבן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, ווייל זיי דעזאָרגאַניזירן און שוואַכן אָפּ די שווידערלעכע מאָרד־מאַשין. נאָר די סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף אין קאַמף פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער וועט קרייצן די פּלענער פון די היטלעריסטישע תלינים.

[1] אין נאָוואָגרודעק איז צום ערשטן מאָל — אין דער אָקופּאַציע־צייט — געשען דער פאַל, וואָס יידן האָבן זיך אָרגאַניזירט צום קאַמף קעגן די פעלקערמערדער און זיינען אַרויסגעטרעטן אַקטיוו מיט אַ זעלבשוץ. ווי מיר זעען, האָט זיך די פּאַר־אַנפירונג אינטערעסירט און געזאַמלט ידיעות פון יידישן ווידערשטאַנד אומעטום. (רעד.)

„גוואַרדזישסטאַ"
אָרגאַן פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע
נר. 6, 15 אויגוסט, 1942

פֿון לאַנד

די דייטשישע שאַקאַלן מאָרדן דאָס יידישע פֿאָלק. די לעצטע טעג הילכן אָן אויפֿהער שיסערייען אין וואַרשעווער געטאָ. עס קומט פֿאָר אַ מאַסן־שחיטה אויפֿן אָרט. עס ווערן אויך אַרויסגעפֿירט מאַסן מענטשן מיט דער באַן, צו 100 מאַן אָנגעשטופּט אין אַ וואַגאָן, אין די פֿאַרניכטונגס־ערטער. דאָס זעלבע קומט פֿאָר אין לעמבערגער געגנט, וווּ דאָס פֿאַרניכטונגס־אָרט געפֿינט זיך אין בעלזשעץ. אויף צענדליקער קילאָמעטער אַרום צעטראָגט זיך דער טשאַד פֿון פֿאַרברענטע קערפּער. דאָס זעלבע, וואָס איז פֿאָרגעקומען פֿריִער אין געגנט פֿון ביאַליסטאָק און גראָדנע און אין פֿיל קליינע שטעטלעך אויף יענער זייט בוג, חזרט זיך איצט איבער אין צענטראַל־פּוילן.

ס'איז שווער רואיק צו רעדן וועגן די דייטשע פֿאַרברעכנס. דער בעסטער ענטפֿער וואָלט געווען אַ תּיכּפֿדיקע נקמה.

אָבער מיר פֿרעגן: צו וואָס דאַרפֿן די דייטשן פֿאַרגיסן אַזוי פֿיל מענטשלעך בלוט?

...זיי ווילן אַרויסרופֿן דאָס געפֿיל פֿון טויט־שרעק ביי די אונטערטאָכטע פֿעלקער, און דעם פֿאַל ביי די פּאָליאַקן, וועמענס פּאַסיוויטעט וואָלט אין די קריטישע מאָמענטן געווען פֿאַר זיי זייער גינסטיק.

אונדזער חוב איז צו העלפֿן די יידן, וואָס אַנטלויפֿן פֿון געטאָ, כּדי זיך אַרויסצובאַקומען אויסער דער שטאָט. מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז דאָס זעלבע קאָן געשען מיט דער פּוילישער באַפֿעלקערונג. דעריבער מוז מען מיט אַלע כּוחות, פֿינאַנסיעל אָדער אַקטיוו שטיצן די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן צונישט געמאַכט די דייטשישע פּלענער לגבי דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, וועלכע ווילן נישט דערלאָזן, אַז פּויליש בלוט זאָל זיך גיסן און פּאָליאַקן זאָלן אומגעברענגט ווערן דורכן אָקופּאַנט. די מאַסן־שחיטות איבער די יידן זיינען פֿאַר אונדז אַ וואָרענונגס־סיגנאַל!

„טריבונא כלאָפּסקאַ"
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
1 יאָרגאַנג, 15 אויגוסט 1942 נר. 14.

דער צווייטער פראָנט באַלד

...די לעצטע בלוט־פאַרגליוערנדיקע פאַלן אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט, דאָס מאָרדן הונדערטער טויזנטער מענטשן באַווייזן, צו וואָס די היטלעריסטישע בעסטיע איז פעיק. היינט וויל זי אומברענגען די יידן, מאָרגן וועט זי אין נאָך א גרעסערן פאַרנעם אָנהייבן מאָרדן פּאָליאַקן. אונדז איז שוין באַקאַנט דער סיסטעם פון אומברענגען די קרבנות, יעדן באַזונדער, לויט דער ריי. דעריבער קאָנען מיר לענגער אונטער דער דראָונג פון אומקום נישט וואַרטן. מיר מוזן קרייצן די פאַרברעכערישע פּלענער.

אין נאָמען פון די געפּייניקטע און געקאַטעוועטע אין די תפיסות און לאַגערן, אין נאָמען פון די פּוילישע אַרבעטער, וואָס פאַלן פון הונגער, אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק פאָדערן מיר דעריבער דעם צווייטן פראָנט.

פון אַלע אויפריכטיקע אומאָפּהענגיקייטס־טוער פאָדערן מיר אָפּן זיך אָפּגרענעצן פון די פאַשיסטיש־אַזאַנישע פאַרעטער, וועלכע פּרוון, קעגן די בלוטיקע אינטערעסן פון פּוילישן פאָלק, און אונדז איינרעדן, אַז דייטשלאַנדס נצחון אויף מזרח ליגט אין די אינטערעסן פון פּוילישן פאָלק און אין אויסלאַנד אַגיטירן זיי פאַר פאַרלענגערן די מלחמה. טרייבט די געמיינע אַגענטן, וון זיי וועלן זיך נאַר באַווייזן, רייניקט די פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס פון דער „פינפטער קאָלאָנע."

אויפרוף פון צענטראל־קאמיטעט
פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי
סעפטעמבער 1942 יאר.

צו אלע פוילישע פויערים און לאנד־ארבעטער

די היטלעריסטישע באנדיטן האבן געשווירן אומצוברענגען דאס פוילישע פאלק. זיי פירן דאס אדורך ראטעסווייז. אויף די איינגעגלידערטע אין רייך געביטן פון פוילן האבן זיי אנטאייגנט די פאליאקן. פון שלעזיע ביז גדיניע, פון טשעכאנאוו ביז פויזן האט שוין נישט דער פוילישער פויער קיין ערד. ווער ס'איז נאכנישט ארויסגעטריבן אדער ארויסגעפירט געווארן, דער ארבעט אויף זיין ווירטשאפט אלס דייטשישער קנעכט.

אין פאל ווען דייטשלאנד זאל געווינען דעם קריג, דערווארט אויך אלעמען דער זעלבער גורל. איר, פויערים, וואלט צוזאמען מיטן גאנצן פאלק פארלוירן אייער ערד, געווארן דערנידעריקט, געמארדעט, פארטריבן, אדער ארונטערגעפאלן אונטערן יאך פון פארקנעכטונג ביים דייטש. ווער עס זאגט אייך אנדערש, דער נארט אייך אפ. די דייטשישע פראפאגאנדע נארט אייך אפ, כדי איינצושלעפן אייער וואכזאמקייט. עס נארן אייך אפ די פונאנדערגעשיקטע איבער די דערפער אגענטן פונם שונא. די פוילישע רעאקציע, וועלכע האט בעתן קריג זיך געחברט מיט היטלערן, נארט אייך אפ. מורא האבנדיק פארן באוואפנטן פאלק, דאס הייסט, פאר אייך, רופט אייך די רעאקציע צום געדולדיקן אונטערגעבן זיך דער פארשקלאפונג צום שונא. עס נארן אייך אפ נאראנים, וואס גייען אויפן פאסעק פון די פריצים און פון דער רעאקציע.

פויערים און לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער!

דער דייטשישער פאשיזם האט שוין אויסגעמארדעט מיליאנען פאליאקן, איר זענט עדות פון דער גרויזאמער פארניכטונג, וואס היטלער האט דורכגעפירט איבער דער יידישער באפעלקערונג! אין פאל פון דייטשלאנדס־זיג, וואלט דערווארט דאס זעלבע אייך און אייערע קינדער. ־אס וואלטן פונקט אזוי די קעפלעך פון אייערע קינדער צעשמעטערט געווארן ביי די ווענט פון די הייזער און ביי ביימער אויף די שליאכן, ווי עס ווערן

חיינט צעשמעטערט די יידישע קינדער. דאָס וואָלט מען אייך אַזוי גע־טריבן מחנותוויז אויף טויט, ווי מען טרייבט היינט די יידן.

אין אַנבליק פון געפאַר, וואָס הענגט איבערן פוילישן פאָלק, טאָר מען נישט שווייגן און וואַרטן. היינט, שוין היינט, ווען דער שונא בלוטיקט אין שלאַכט מיט די העלדן פון דער רויטער אַרמיי, דאַרף מען זיך נעמען צו מעשים! מען דאַרף גיין צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט פאַרהאַלטן דעם שונא אין מאַרש, געבנדיק אונדז אַ האָפענונג פון זיג.

די דאָזיקע מלחמה קאָן דער פאַשיזם נישט געווינען! דערצו טאָר מען נישט דערלאָזן. מען טאָר זיך נישט שטעלן צו קיין שום אַרבעטן, וועלכע דער שונא באַפעלט אויסצופירן. מען טאָר אים אין גאַרנישט העלפן. באַוואָפנט אייך, אַנטלויפט אין די וועלדער און שלאָגט דעם שונא, ווו איר וועט אים טרעפן! פאַרניכטעט בריקן און באַנען! פאַרניכטעט אַלץ, וואָס דינט די פאַשיסטן צו מלחמה־צוועקן. דערהרגעט די פאַשיסטישע אַגענטן און מוס־רים.

איינע פון די שוואַכע זייטן פון שונא איז די פראַגע פון אַפּראָוויזירן זיין באַפעלקערונג און די אַרמיי. אין דייטשלאַנד פעלט אויס שפייז. אַ הונגעריקער אַרבעטער אַרבעט שלעכט, אַ הונגעריקער זעלנער ווערט אומפעיק צום קאַמף. מיר שפייזן אַ שלאַנג, אַ מנובל, וועלכער פאַראַכטעט אונדז, וועלכער וויל אונדז פאַרניכטן. מען טאָר נישט שפייזן קיין שלאַנג. טוט אַלץ, וואָס איז מעגלעך, כדי נישט צו געבן דעם שונא קיין שפייז. פאַרברענט סטויגן און שייערן מיט תבואה ביי די פריצים און ביי די דייטשישע קאָלאָניסטן. פאַרניכטעט די דרעש־מאַשינען, פאַרניכטעט דעם לעבעדיקן און טויטן אינוועטאַר פון שונא אפילו ביזן פאַרברענען די שטאַלן מיט קי און חזירים. זאָרגט נישט, אַז די פריצישע פאָלוואַרקן זאָלן בלייבן גאַנץ. די דאָזיקע זאָרג לאָזט פאַר די פריצישע לײַדיק־גייער, וואָס זייַ־נען גרייט צו פאַרהאַנדלען דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק, כדי אָפּצוראַטעווען פאַר זיך די רעכט צו לײַדיק־גייעריי. אין שאַכער־מאַכער מיט היטלערן האָבן זיי שוין פאַרהאַנדלט מיליאָנען פוילישע נפשות. שוין גענוג! נישט אין די הענט פון די פריצים, נאָר אין די הענט פון אַרבעטנדיקן פאָלק, פון די אַרבעטער, פויערים און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, געפינט זיך איצט די זאָרג פאַרן גורל פון פוילישן פאָלק און פון פוילן, פון אונדזער פוילן, פון פאָלקס־פוילן, וואָס איר וועט אין די הענט פון דער רעאַקציע נישט איבערגעבן.

אָרגאַניזירט אין יעדן דאָרף נאַציאָנאַלע קאַמפס־קאָמיטעטן. קאָמי־טעטן, וואָס זאָלן באַשטיין פון ערלעכע פויערים און לאַנדווירטשאַפטלעכע

ארבעטער, אומאפהענגיק פון זייער פאליטישער אנגעהעריקייט. שאפט פארטיזאנער־גרופן און קאמפס־גראמאדעס. צינדט אונטער די קאנטינגענטן־סקלאדעס אין די גמינעס און פאוויאטן, פאלט אן אויף די קאנטינגענט־טראנספארטן, רעקווירירט שפייז און צעטיילט עס צווישן די ארעמע.

באהאלט אים אייערע אייגענע גערעטעניש. שטעלט נישט צו די קאנטינגענטן פון מילך, פלייש און אייער. אויב דער שונא וועט אייך צווינגען דאס אפצוגעבן, באמיט זיך דאס צו פארניכטן גלייך אויפן וועג, אדער אין זיינע מאגאזינען, פאלט אן אויף די פורן און נעמט אפ די ביי אייך־צוגערויבטע שפייז־פראדוקטן. צינדט אונטער די מילכעריייען, די גמינע־אמטן און פאליציייאישע וואך־פאסטנס, ווו עס געפינען זיך די דאקומענטן און רשימות פון אייער פארמעגן. זאלן אייערע קאמפס־אפטיילונגען קאנפיסקירן חזרים און בהמות פון קאנטינגענט און פונאנדערטיילן דאס פלייש צווישן דער באפעלקערונג. שלעפט אפ כיטן אויספאשען חזירים. פארברענט די שעכט־הייזער, פארניכטעט די קאנטינגענט־קארמאפל. ספירט איז בענזין פאר עראפלאנען. פארניכטעט ספירט. פארברענט די ספירט און קראכמאל־פאבריקן, ווייל זיי ארבעטן היינט פאר דער פיינטלעכער ארמיי, באהאלט אוים ליין און קאנאפליעס, זשעפאק און ליין־קערנער.

קיין שום זאך פארן שונא. דער שונא דראט און איז זיך נוקם. אבער ווייסנדיק, וואס עס וועט אונדז ברענגען דער מארגן, שרעקט אונדז נישט דעם שונאס נקמה היינט.

צום געווער, צום קאמף! נידער מיטן אקופאנט! נידער מיט פארעטער און איינשלייפער פון פאלק! א טויט די שפיצלעס און מוסרים! זאל לעבן דער זיג! זאל לעבן א פריי אומאפהענגיק פוילן!

פוילישע ארבעטער־פארטיי

סעפטעמבער 1942.

פארניכטעט נישט דעם אויפרוף! גיט אים איבער פון האנט צו האנט. קלעפט אים אויף די פלויטן און אויף ביימער ביי די שליאכן.

אויפרוף פון לאָדזשער קאָמיטעט
פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי
סעפטעמבער 1942

צו די יידן אין לאָדזשער געטאָ

יידן! די פארבינדעטע מלוכות, ענגלאנד, פאראייניקטע שטאטן, כינע, די פרייע פראנצויזן, טשעכיע, פוילן און אנדערע מיטן ראטנפארבאנד בראש שאפן אן אנטיהיטלערישן פרייהייטס־פראָנט קעגן די רעאקציאָנע־רע אקס־מלוכות, מיט וועלכע עס פירט אָן היטלער־דייטשלאנד.

דעם זעכצנטן חודש קעמפט שוין די העלדישע רויטע ארמיי איינע אליין מיט די האָרדעס פון היטלערן און זיינע וואסאלן. היטלער האָט פארכאפט דאָס גאנצע געווער אין אלע באזעצטע דורך אים לענדער און מיט דער הילף פון רומעניע, אונגארן, פינלאנד און איטאליע איז ער פלו־צים באפאלן דעם ראטנפארבאנד. היטלער האָט זיך איינגעגעבן אריינצו־רייסן זיך אין די ווייטע געביטן פון ראטנפארבאנד. ס'איז אים אָבער נישט געלונגען, ווי ער האָט עס אָנגעזאָגט, צו צעקלאפן אין משך פון א פאָר וואָכן די סאָוויעטישע ארמיי און צו צווינגען דעם ראטנפארבאנד צו קאַ־פיטולאציע.

די רויטע ארמיי האָט א סוף געמאכט צו דער לעגענדע וועגן דער אומבאזיגבארקייט פון די דייטשישע פאנצער־דיוויזיעס.

פיר מיליאָן דייטשן זיינען שוין געפאלן אויף דער סאָוויעטישער ערד. צענדליקער טויזנטער הארמאטן, טאנקן, אעראָפלאנען און אנדערע דייטשיש געווער זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין שמעלץ.

די העלדישע רויטע ארמיי האָט געמאכט שטוינען די וועלט מיט איר העלדישקייט, געוויזן אנדערע פעלקער, ווי אזוי מען דארף קעמפן קעגן היטלעריזם.

לויטן ביישפיל פון די פעלקער פון פסס"ר, פון די העלדישע סאָוויע־טישע פארטיזאנער רייסן זיך צום קאמף די אונטערדריקטע און פארשקלאפ־טע פעלקער.

אין טיפן הינטערלאנד קעמפן די פארטיזאנער פון יוגאסלאוויע, פראנקרייך, טשעכיע, פוילן, נארוועגיע, בעלגיע, האלאנד און אנדערע. זיי רייסן אויף דייטשישע מיליטערישע צוגן, צעשטערן באנוועגן, בריקן, טעלעפאננעצן, ברענען סקלאדעס מיט אמוניציע, בענזין און שפייז. אלע פעלקער סאבאטירן די פאראָרדענונגען פון אקופאנט, פארקלענערן סיסטעמאטיש די קוואליטעט און קוואנטיטעט פון דער פראדוקציע. די אמעריקאנער פליענדיקע פעסטונגען, די פירמאמענטאדיקע סאוויעטישע און ענגלישע באמבארדיר־אעראפלאנען צעשטערן דייטשישע שטעט, ברענגען אריין א צערודערונג אין דעם טראנספארט און אינדוסטריע. דער היטלערישער מאנסטער פילט, אז ער האט דעם קריג פארשפילט און דעריבער ארדנט ער איין שחיטות איבער די אומבאוואפנטע פעלקער.

יידן! כדי נישט צו דערלאזן אויסצוראטן מיליאנען מענטשן: יידן, פאליאקן, טשעכן, פראנצויזן און אנדערע, וועלכע ווערן טאג־טעגלעך מאסנווייז צעשאסן דורך די שיכורע באנדעס פון די היטלעריסטישע מערדער, מוז מען פארשארפן דעם קאמף, אקטיוויזירן אלע כוחות פון אנטיהיטלעריסטישן פרייהייטס־פראנט און פארשנעלערן די באפרייאונג פון די אייראפעישע פעלקער פון אונטער דער מאכט פונם מטורף.

עס גייט אין דעם, אז אין דער צייט, ווען אלע היטלערישע ארמייען ראנגלען זיך שוין מיט די לעצטע כוחות אויפן מזרח און זיינען שיין אויסגעשעפט, זאלן די פארבינדעטע פון מערב א קלאפ טאן אין זייערע אומבאשיצטע פונקטן.

כדי די מלחמה זאל פארענדיקט ווערן נאך אין 1942 יאר, האט פססר געשלאסן א פאקט מיט ענגלאנד און אמעריקע. שליסנדיק דעם דאזיקן פאקט מיט פססר, האבן זיך ענגלאנד און אמעריקע פארפליכטעט נאך היי־יאר צו שאפן דעם צווייטן פראנט. די גאנצע פראגרעסיווע וועלט פאדערט, אז דער צווייטער פראנט זאל וואס שנעלער געשאפן ווערן...

יידן! אויפן מזבח פון פרייהייט און פראגרעס מוז יעדער פאלק ברענגען א קרבן פון בלוט. פאר קאפיטולאנטן און פארעטער פון פרייהייטס־פראנט איז אין דער דאזיקער מלחמה קיין ארט נישטא. איין וועג איז פאראן — קאמף אויף לעבן און טויט מיטן אקופאנט. ווער עס קלערט איבערצולעבן אין פאסיוויטעט, דער איז א פארעטער און וועט אומקומען ווי א פחדן.

די יידן פון ראטנפארבאנד קעמפן אין די רייען פון דער העלדישער רויטער ארמיי און רופן דאס גאנצע יידישע פאלק צום קאמף, צום געווער און צו טאט.

אין די רייען פון דער בריטישער אַרמיי קעמפן יידישע פריוויליקע פון פּאַלעסטינע און ענגלאַנד. אויך יידן פון פּוילן פעלן נישט אין דאָזיקן קאַמף. די יידן פון וואַרשעווער געטאָ רייסן זיך מאַסנווייז דורך די געטאָ־מויערן און דורך די קאָרדאָנען פון די ליטווישע שאַוליסטן. צענדליקער יונגע יידישע מענער און פרויען קעמפן שוין אָרעם ביי אָרעם מיט די פּאָליאַקן אין די רייען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, דער אָרגאַניזאַציע פון פּוילישע פּאַרטיזאַנער, אונטער דעם שטאָלצן לאָזונג: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט"!

יידן! איר האָט דאָך אַ הערלעכע טראַדיציע פון קאַמפן אין די רייען פון די אויפשטענדלער אין זייער קאַמף פאַר פּוילנס פרייהייט, אין זייער קאַמף קעגן די דריי צעטיילער פון פּוילן. די נעמען פון אייערע העלדן זיינען מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון פּוילן. היינט, ווען עס בינדט אונדז דאָס געמיינזאַמע אומגליק, מאַרשירן מיר אויפסניי אַרויס אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. זאָל דאָס זיין אונדזער הייליקער קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אַפילו אויף טויט!

בלויז דער געמיינזאַמער קאַמף קאָן אָפּמעקן די שאַנד פון געוויסע פון דער מענטשהייט — צעשמעטערן די מויערן פון געטאָ.

יידן פון לאָדזשער געטאָ! אייער קאַמף האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אונדזערע הערצער און האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן איבער גאַנץ פּוילן, אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי שטרעקט אויס צו אייך די ברידערלעכע האַנט דורך די שטעכיקע דראָטן און פּאָליציי־קאָרדאָנען און רופט אייך צום קאַמף.

יידן! דעם יידישן פאָלק דראָט אַ געפאַר, היטלער וויל אייער פאָלק אויס־אָטן. לאָזט זיך נישט אַרויספירן. ס'וואַרט אויף אייך דאָרט דער אומפאַרמיידלעכער אומקום. זאָל יעדער הויז אייערס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פעסטונג! נאָר אייער קאַמף און בלוט קאָן אָפּהאַלטן היטלערן אין זיינע פאַרברעכערישע פּלענער. זאָל די גאַנצע וועלט זיך דערוויסן וועגן אייער העלדישקייט. און אויב ס'וועט עמעצער פאַלן אין דעם אומגלייכן קאַמף, וועט ער פאַלן ווי אַ העלד. אומקומענדיק אין קאַמף וועט איר ברענגען אייביקן רום דעם יידישן פאָלק און איבערגעבן די קומענדיקע דורות אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע, אַ בלאַט פון העראָיזם, דרייסטקייט און מוט. מיט פאַסיווקייט פאַרלייכטערט איר היטלערן אויסצופיר

זיינע פאַרבּרעכערישע פּלענער. ברענגט אום אייערע אייגענע פאַרעטער, מוסרים און דייטשישע טעלערלעקער.

יידישע יוגנט! הרגע דייטשע זשאַנדאַרן און פאַרלאַז מחנותוויז די מויערן פון געטאָ! דיין אָרט איז אין די קאַמפּס־רייען. דער קאַמף איז שווער אָבער נייטיק. קיין אַנדער רעטונגס־וועג איז נישטאָ. די יידן פון דער שטאָט...[1] האָבן אין וועג אויף מזרח אויסגעהרגעט די דייטשע עסקאָרטע, צונענומען דאָס געווער, אַנטלאָפן אין די וועלדער און זיך איינגעשלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען. אויף אַזא אופן האָבן זיי זיך אָפּגעראַטעוועט פון אומקום. גייט אין זייערע שפּורן. צום געווער, צום קאַמף, צו די פּאַרטיזאַנער! בלוט פאַר בלוט, טויט פאַר טויט, אַ קבר פאַר אַ קבר!

אַ טויט די היטלערישע מערדער!

לאָדזשער קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

לאָדזש, סעפּטעמבער 1942 יאָר

[1] אין אויפרוף איז דער נאָמען פון דער שטאָט דורכגעלאָזט. (רעד.)

„טריבונאַ וואָלנאָשטשי“[1]
אָרגאַן פון דער פוילישער ארבעטער־פּארטיי
נר. 19 1 נאָוועמבער 1942 1 יאָרגאַנג

תליות איבער פוילן

דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן אויפגעשווידערט פון א נייעם מאַסן־מאָרד פונם אָקופּאַנט. די היטלערישע חיה האָט זיך באַפלעקט מיט פויליש בלוט.

דעם 16 אָקטאָבער האָבן די אָקופּאַנטן אויפגעהאַנגען 50 פּאָליאַקן אין רעמבערטאָוו, מארקי, וולאָכי און אין ווארשע אויף פעלצאָוויזנע און אויף וואָליע. די תליות האָט מען אויפגעשטעלט אין שכנות פון די באַן־ליניעס.

די אויסגעקלעפּטע באַקאַנטמאַכונגען האָבן געגעבן צו וויסן אָט וואָס:

„אין דער נאַכט פון 7 אויפן 8 אָקטאָבער האָבן די קאָמוניסטן מיט דער הילף פון אויפרייס־מאַטעריאַלן צעשטערט די באַן־ליניעס ביי ווארשע. פאַר אָט דעם פאַרברעכן זיינען 50 קאָמוניסטן אויפגעהאַנגען געוואָרן. לטובת דער זיכערקייט און לטובת הכלל מאַכן מיר אויפמערקזאַם דער פוילישער געזעלשאַפט, אַז ביי דעם מינדעסטן פאַרדאַכט פון אַן ענלעכן פאַרברעכן זאָלן זיי געבן צו וויסן דעם נאָענטסטן פּאָליציי־פּאָסטן“.

דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווען דער אָקופּאַנט שטעלט אויף תליות. דער דאָזיקער סיסטעם, וואָס איז געווען ביז איצט פּראַקטיצירט אויף די געביטן, וואָס זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין רייך, ווערט איצט אָנגעווענדט אין גאַנץ פוילן: אין פּלאָשאָוו, נאָשטשין און גריצע, אין סאָכאַטשעוו, ראַיאָן, אין אָסטראָווצע, סקערניעוויץ, קעלץ, ראַדאָם, לעצטנס אין ווארשע, זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן הונדערטער פּאָליאַקן. אַלץ אָפּטער אָבער גיט אָן דער אָקופּאַנט אין די באַקאַנטמאַכונגען ווי די בלומרשטע אויספירער פון די „פאַרברעכנס“ — קאָמוניסטן. איבער די קאָמוניסטן פירן דורך די היטלעריסטן זייער נקמה.

זעענדיק, אַז די דיווערסאַנטיש־פּאַרטיזאַנישע אַקציע נעמט אַרום אַלץ ברייטערע קרייזן פון דער געזעלשאַפט, ווענדט אָן דער אָקופּאַנט אַ נייע

[1] „די פרייהייטס־טריבונע“ (רעד.)

טאַקטיק. ער וויל איזאָלירן די אַקטיווע קעמפער. ער וויל אָפּשרעקן מיטן קאָמוניזם די פּאָליטיש־שוואַכע טיילן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט. עס קאָן זיין, אַז ער ריכט זיך מצד דער פּוילישער רעאַקציע אַז זי וועט פאַראורטיילן די „פּריציטיקע אַרויסטרעטונגען" און די „פאַרברעכערישע טעטיקייט פון פרעמדע אַגענטן".

די היטלעריסטישע כוונות וועלן זיך ענדיקן מיט אַ קראַך. די תליות וועלן נישט אָפּשרעקן די פּאָליאַקן. זיי וועלן אַרויסרופן ביים פּאָלק אַ נאָך גרעסערע סאָלידאַריטעט און קאַמפּס־ווילן, אַ נאָך גרעסערן האַס צום אָקופּאַנט.

דער באַוווסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פון קאַמף דרינגט אַריין אַלץ טיפער אין די סאַמע פּאַסיווע קרייזן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט.

די שטעלונג פון גאַנצן פּוילישן פּאָלק אין באַצוג צו די היטלערישע פאַרברעכנס וועט זיין אַ דעצידירטע. עס שטייט היינט שאַרפער ווי שטענדיק פאַר פּוילן די אַלטערנאַטיוו: זיין אָדער נישט זיין, לעבן ווי אַ פרייע פּאָלק אָדער ווערן אויסגעוואָרצלט און אומקומען. היינט איז נישטאָ קיין אויסוואַל. קיינער האָט שוין נישט קיין אילוזיעס, אַז מען קאָן „איבערדויערן". דאָס פּאָלק מוז קעמפן, ווייל אין קעגנפאַל וועט עס אומקומען פון הונגער, אויף תליות אָדער ביי דער שקלאַפן־אַרבעט פאַרן אָקופּאַנט.

די תליות, מיט וועלכע עס איז געוואָרן באַדעקט פּוילן פון וואַרשע ביז שלעזיע און פון פּאָמערן ביז ראַדאָמער ראַיאָן — דאָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון דעם דורכגעטראַכטן, פון פאָרויס באַאַרבעטן דורך היטלערן, פראַנקן און זייערע שותפים פּלאַן צו טעראָריזירן און אויסראָטן דאָס פּוילישע פּאָלק. דער פּלאַן באַשטייט פון: סיסטעמאַטיש אויסהונגערן די שטעט און דערפער, כאַפּערייען און אַרויסשיקונגען פון די קרבנות אין לאַגערן און אין די באָמבאַרדירטע אַרבעט־צענטערן אויף מערב און מזרח, תליות און פרווון מאַסנווייז צו ליקווידירן די פּאָליאַקן אויפן מוסטער פון געטאָ, ווי דאָס האָט געהאַט אָן אָרט איז לובלין און אין ראַדאָם.

מיט וואָס קלערט זיך אויף אָט דער פאַרשטאַרקטער פאַרניכטונגס־שגעון קעגן פּוילישן פּאָלק און זיינע חיהשע פאָרמען? די לאַגע פון דייטשלאַנד אויף די פראָנטן ווערט אַלץ ערנסטער, די דורכפאַלן היגטער סטאַלינגראַד, די ריזיקע שאָדנס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון דער דאָזיקער שטאָט, די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן שמח פונם גאַנצן אויסגעשפּרייטן מזרח־פראָנט — דאָס אַלץ איז גורם אַ פאַרערגערונג פון די שטימונגען ביים דייטשישן פּאָלק. אַן אויסדרוק

פון דעם איז דער וווקס פון אנטימלחמה־שטימונגען, דעזערציע ביי די זעלנער, די אנטיהיטלעריסטישע דעמאנסטראציעס פון די ארבעטער אין מאנהיים און פראנקפורט, און צוזאמען מיט דעם די טויט־אורטיילן און רעפרעסיעס.

די היטלעריסטישע רעדל־פירער פילן זיך אלץ מער אומזיכער. די דאזיקע אומזיכערקייט וואקסט צוליב דער מורא פאר דער געפאר פון צווייטן פראנט און איפשטאנדן מצד די אונטעריאכטע פעלקער. דעריבער ווענדן זיי אן די אויסגעפרואוטע מיטלען פון טעראר, שאנטאזש, זייען פאניק צווישן דער באפעלקערונג פון פארשקלאפטן לאנד, כדי אפצושטעמפן דאס געוועד פון באפרייאונגס־קאמף, כדי אפצושוואכן דעם אנטיהיטלעריסטישן פראנט, כדי אפצוציען דעם מאמענט פון זייער איינענער מפלה. דאס פוילישע פאלק וועט זיך נישט אונטערגעבן און וועט נישט קאפיטולירן פאר די דאזיקע מעטאדן. פוילן וועט ענטפערן אויף די תליות מיט געווער, דינאמיט און פייער אינם טאג־טעגלעכן אומברחמנותדיקן קאמף, כדי אויפצוהייבן און פונאנדערוויקלען די פאן פון אלגעמיין־נאציאנאלן אויפשטאנד פאר דער אומאפהענגיקייט פון לאנד.

„גלאָס זואַרשאַווי"[1]
אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט
פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. I דעם 20. XI 1942

פון שלאַכט־פעלד

דעם 2־טן ד. ח. איז אויף דער ליניע לאָוויטש—סאָכאַטשעוו אויפ־געריסן געוואָרן א צוג מיט אַמוניציע..

אָנהויב ד. ח. האָבן די פּאַרטיזאַנער באַזעצט דאָס שטעטל פּאַריסאָוו (א גמינע אין גאַרוואָליגער פּאָוויאַט).

די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט געזאָגט: „דאָס האָט דער הימל מסתם אַראָפּגעשיקט די פּאַרטיזאַנער צו באַפרייען אונדז פון די הינט".

א גרופּע יידישע פּאַרטיזאַנער האָט צעטראָמירט א וואַך־פּאָסטן פון זשאַנדאַרן אין פּ. צוויי זשאַנדאַרן זיינען געהרגעט געוואָרן.

אין זשיראַרדאָוו איז דערשאָסן געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון דער היטלער־יוגנט.

אין וואָלאָמין האָבן 100 גרוזינישע קריגס־געפאַנגענע צעטראָמירט מיליטער־סקלאַדעס און באַפרייט פּאָליאַקן, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

אין וואַרשע

דעם 7. XI האָט מען אין א ריי פּונקטן פון וואַרשע אויפגעהאָנגען טראַנספּאַרענטן:

„זאָל לעבן די וואָפן־ברידערשאַפט צווישן פּססר און דעם פּוילישן פאָלק!"

---

[1] „די שטימע פון וואַרשע" (רעד.)

„פאַליאַקן, נעמט אַ ביישפּיל פון די העלדישע קאַמפן פון דער רויטער אַרמיי!"

אויף זשאַליבאָזש זיינען פאַרברענט געוואָרן האָלץ־סקלאַדעס.
אויף ברודנע זיינען פאַרברענט געוואָרן סטויגן תבואה.

דעם 11. XI איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ רויטע פאָן אויפן ראָג ראַקאָוויעצקאַ און פלאַץ־אוניאַי.

אויפרוף
פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
1 דעצעמבער 1942 יאָר.

צו די אַרבעטער, פויערים און פוילישער אינטעליגענץ, צו אַלע פוילישע פּאַטריאָטן

פּאָליאַקן!

מיט שנעלע טריט דערנענטערן מיר זיך צו דער דעצידירנדיקער אָפּרעכענונג מיטן היטלעריסטישן אָקופּאַנט, צום זיג אין קאַמף פאַר אַ פריי אומאָפּהענגיק פוילן.

אויפן מזרח־פראָנט האָט טימאָשענקאָ[1] אָנגעהויבן אַ זיגרייכע אָפּענסיווע, צעקלאַפּנדיק די פאַשיסטישע דיוויזיעס פון אָקופּאַנט. די העראָישע פאַרטיידיקונג פון סטאַלינגראַד, וועלכע האָט נישט קיין בייַשפּיל אין דער געשיכטע, האָט איבערגעשטראָכן די פּלענער און נביאות פון היטלערן. אין משך פון 17 חדשים מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד האָבן די דייטשישע אַרמייען פאַרלוירן 8 מיליאָן געהרגעטע, פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע. די דאָזיקע פאַרלוסטן שטייגן איבער די פאַרלוסטן פון די 4 יאָר וועלט־מלחמה פון 1914—1918.

שוין דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער האָט די רויטע אַרמיי באַוויזן, אַז זי קאָן נישט בלויז זיך פאַרטיידיקן, נאָר זי קאָן אויך שלאָגן דעם שונא און אים אָנגרייפן.

די איצטיקע אָפּענסיווע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי סטאַלינגראַד און אָרדזשאָניקידזע, הינטער קאַלינין און טאָראָפּיעץ — איז אַן איבערברוך־מאָמענט אויפן מזרח־פראָנט, דאָס איז אַן איבערברוך־מאָמענט אין דער איצטיקער מלחמה. ס'וועלן קומען ווייטערדיקע, נאָך שטאַרקערע, צעשמעטערנדיקע קלעפּ. ס'ווערט צוגעגרייט „דער ענדגילטיקער קלאַפּ, וואָס

---

[1] איינער פון די פירער פון דער רויטער אַרמיי, מאַרשאַל פון ראַטנפאַרבאַנד. (רעד.)

וועט דעם פיינט צעשמעטערן" (סטאלין, אין טאג־באפעל פון 7־טן נאוועמבער).

בלויז דאס פעלן פון צווייטן פראנט אין אייראפע אין משך פון הייאריקן זומער האט געראטעוועט היטלערן פון א זיכערער מפלה נאך היינטיקס יאר. היריבער איז נאך גרעסער דער געבאט פון דער שעה, אז די איצטיקע אפענסיווע פון די פארבינדעטע (ראטנפארבאנד, ענגלאנד און אמעריקע) זאל גיין צוזאמען.

עס שטארקן זיך אויף א מעכטיקן אופן די שלאכטן אויף די קאמפפראנטן פון די אונטערדריקטע פעלקער קעגן דעם היטלעריסטישן אנגרייפער. אין אוקראינע, ווייס־רוסלאנד און אין אנדערע באזעצטע דורך די דייטשן געביטן ווירקט א שטארקע פארטיזאנער־באוועגונג, וועלכע פארמאגט דערגאבערטע ביים פיינט עראפלאנען, טאנקן און הארמאטן. פארניכטנדיק זיין מיליטער, טראנספארט און מלחמה־מכשירים, זייען זיי פאניק אין די רייען פון אקופאנט און גיבן צו דער פארפייניקטער און געקאטעוועטער באפעלקערונג מוט און גלויבן אין נצחון. פוילן פארנעמט, א דאנק דער טעטיקייט פון די דיווערסיער און פארטיזאנער־אפטיילונגען, אן אנגעזעען ארט אין פראנט פון די פעלקער, וואס קעמפן פאר זייער באפרייאונג.

די צייט פון היטלערס נצחונות איז שוין אן צווייפל אריבער. ער האט שוין לאנג איבערגעשריטן דעם קולמינאציע־פונקט פון זיין קראפט. די קלעפ, וועלכע די היטלעריסטישע רויבער־באנדעס און זייערע פארבינדעטע האבן באקומען הינטער סטאלינגראד און קאלינין, וועלן ביי די דייטשע מאסן לגמרי פארניכטן דעם גלויבן אין היטלערס נצחון. די געוואלדיקע ירידה פון די שטימונגען אין דייטשלאנד, דער שטארקער וווקס פון דער אנטיפאשיסטישער באוועגונג אין איטאליע, דאס פולקאמע איינברעכן זיך און די אינפלאציע אין פינלאנד, דער הונגער אין אונגארן און אין רומעניע — דאס זיינען די ערשטע בשורות פונם אנקומענדיקן אינערלעכן שטורעם. די נביאות און צוזאגן פון היטלערן, גערינגען און געבעלסן, וועלן גארנישט העלפן. ס'וועלן נישט העלפן קיין תליות, מאסן־עקזעקוציעס און קאנצענטראציע־לאגערן פאר אנטיפאשיסטן.

די מפלות פון היטלערן אויף די פראנטן — דאס איז א קראך פון היטלער־רעזשים און פון דער בארימטער „נייער ארדענונג", פון סיסטעם פון מארדן און שקלאפעריי, פון געוואלד און תליות. די מפלות פון היטלערן אויף די פראנטן — דאס איז א סיגנאל צום אויפשטיין פון די אונטערדריקטע פעלקער צום קאמף פארן ענדגילטיקן אראפווארפן פון זיך דעם פאשיסטישן יאך.

פּאָליאַקן!

מיט גרויסע שריט דערנענטערט זיך דער מאָמענט, ווען אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד פון פּאָליאַקן דאַרף צעשמעטערן דעם כּוח פון אַגרעסאָר, דערנענטערן די ענדגילטיקע מפּלה פון היטלערן, פאַרטרייבן דעם באַרבאַרישן אָקופּאַנט פון דער פּוילישער ערד און אויסקעמפן אַ פרייע, אומאָפּהענגיק פּאָטערלאַנד. נאָר דער אויפשטאַנד פון גאַנצן פאָלק קאָן דערפירן צום זיג. קיין אַנדער וועג צו פרייהייט איז נישטאָ. זי וועט נישט אַראָפּפאַלן פון הימל און קיינער וועט זי אונדז נישט ברענגען אַלס מתנה. אַליין מוזן מיר די פרייהייט אויסקעמפן. דאָס איז אונדזער צושטייער, אונדזער אָנטייל אינם געמיינזאַמען קאַמף קעגן פאַרהאַסטן היטלעריזם.

צו דעם דאָזיקן אַנטשיידענעם און שוין נאָענטן קאַמף מוזן מיר זיך צוגרייטן.

דער שונא שלאָפט נישט. די היטלעריסטישע באַנדיטן קריכן פון דער הויט, כּדי אין סאַמע אָנהייב צו דערשטיקן די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד. היטלער, הימלער, פראַנק און קאָמפּ. האָבן שוין אויסגעאַרבעט אַ טייוולאָנישן פּלאַן פון פאַרניכטן דאָס פּוילישע פאָלק, די באַפעלקערונג פון די שטעט און טיילווייז פון די דערפער דאַרף ווערן אויסגעהונגערט, דערוואַקסענע מענער און פרויען און קודם־כּל די יוגנט דאַרפן ווערן אַרויסגעפירט אויף שקלאַפן־אַרבעט אין די באָמבאַרדירטע דייטשישע שטעט, אָדער אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אַן אומדערהערטע אין דער געשיכטע כוואַליע פון טעראָר, מאַסן־אַרעסטן, צעשיסונגען און תּליות דאַרף דערשטיקן דעם גייסט פון ווידערשטאַנד אין פאָלק. דאָס באַנוצן אַלס הענקער פאַרעטער און לומפּן פון דעם מין „פּוילישע" פּאָליציאַנטן, אָנגעשטעלטע פון די אַרבעטס־אַמטן, סאָלטיסן און אַנדערע, האָט פאַר אַ ציל צו ברעכן די איינהייט און אונדז פאַרוואַנדלען אין אַ געהאָרכזאַם ווערקצייג אין דער האַנט פון אָקופּאַנט. דאָס מאָנסטרועלע אויסמאָרדן הונדערטער טויזנטער יידן באַווייזט, אויף וואָס עס איז פעיק די פאַשיסטישע בעסטיע און וואָס סיקאָן אונדז דערוואַרטן, אויב מיר וועלן זיך איר פּאַסיוו אונטערוואַרפן.

דאָס פּוילישע פאָלק וועט צונישט מאַכן די פאַרברעכערישע פּלענער פון שונא. ס'וואַקסט דער באַוווּסטזיין וועגן דער נויטווענדיקייט פון קאַמף אויף לעבן און טויט. ער נעמט אַרום אַלץ ברייטערע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. עס שטייגט דער סאַבאָטאַזש אויף די פאַבריקן און אין טראַנספּאָרט, עס מערן זיך פאַלן פון אויפרייסן מיליטערישע צוגן, פאַר־

ניכטן באַן־וועגן און פאַרברענען מיליטערישע מאַגאַזינען. אין גאַנץ פּוילן, אין דער א. ג. גענעראַל־גובערניע און אויף די שטחים, וואָס זיינען איינגעגלידערט אין רייך, פירן אַ טעטיקייט פּוילישע דיווערסאַנטן און פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען. זיי שלאָגן דעם שונא, ראַטן אויס פאַרעטער, באַפרייען די פאַרשפּאַרטע און געפּייניקטע פּאַטריאָטן. אַלס נקמה פאַרן טויט פון פּאָליאַקן, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די תליות, האָבן פּוילישע דיווערסאַנטן געוואָרפן באָמבעס אין וואַרשע און אין ראַדאָם, הרגענענדיק און פאַרווונדנדיק עטלעכע צענדליק היטלעריסטן. דער שונא איז פאַרציטערט געוואָרן. וועגן די העלדישע פּוילישע דיווערסאַנטן און פּאַרטיזאַנער רעדט די גאַנצע פרייע וועלט מיט באַוווּנדערונג און אַנטציקונג, זיי ראַטעווען דעם כבוד פון פּוילן.

דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו אַן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, דער איינציקער וועג. דער אויפשטאַנד איז דער העכסטער עטאַפּ פון דער שטייגנדיקער כוואַליע פון דיווערסאַנטיש־פּאַרטיזאַנישע קאַמפן, דאָס איז די באַוועגונג פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן. אַן אויפשטאַנד ברעכט נישט אויס פּלוצים דורך אַ נאַכט, לויט אַ געגעבענעם צייכן. אַן אויפשטאַנד מוז זיין צוגעגרייט, זאָרגעוודיק צוגעגרייט.

דאָס צוגרייטן אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד הייסט צענפאַכיק, הונדערטפאַכיק פאַרגרעסערן די דיווערסאַנטן און פּאַרטיזאַנער־גרופּן, באַוואָפענען זיי, פאַרהאַרטעווען זיי צום קאַמף מיטן שונא. דאָס הייסט רעזאָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט, פאַרניכטן די פאַרבינדונג, די מלחמה־מכשירים און שפּייז־מאַגאַזינען, שלאָגן דעם שונא און זיינע אַגענטן, אויסראָטן פאַררעטער.

צוגרייטן אַן אויפשטאַנד הייסט פאָלקאָם ברעכן די פּאַסיוויטעט פון דער געזעלשאַפט, איבערציַיגן זי אין דער נייטווענדיקייט און צוועקמעסיקייט פון טאַט, פאַר וועלכער דער שונא וועט אַ ציטער טאָן. שטערן דעם שונא אויף שריט און טריט, יעדן טאָג, ווירקזאַם דעזאָרגאַניזירן דעם אַפּאַראַט, סאַבאָטירן זיינע פאַראָרדנונגען, שלאָגן אים אומעטום — אָט דאָס איז דער באַפעל פון פּוילישן געוויסן.

צוגרייטן אַן אויפשטאַנד הייסט אויפבויען אַ געמיינזאַמען קאַמפּס־פראָנט פון גאַנצן פאָלק. אין גאַנצן לאַנד, אין די שטעט און דערפער, אין די פאַבריקן און פּאָלוואַרקן, אין די וואַרשטאַטן און ביוראָען מוזן אַנטשטיין נאַציאָנאַלע קאַמפּס־קאָמיטעטן, פון עטלעכע פּאָליאַקן, אָן אונטערשיד פון זייערע אָנשויאונגען, איבערגעגעבענע מיטן גאַנצן הארץ דער זאַך פון קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

אין אָנבליק פון די אָנקומענדיקע דעצידירנדיקע פּאַרמעסטן, פּילנ־דיק דעם אייגענעם כּוח און די אונטערשטיצונג פון די ברייטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, פילנדיק דעריבער די גרויסע היסטאָרישע אחריות — רופט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַלעמען, וועמען ס'איז טייער די פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, צו שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט פון קאַמף קעגן אַגרעסאָר.

די פּוילישע רעאַקציע, די פרעמדע אַגענטן און לומפּן, וועלכע פאַר־ראַזיטעווען אויף דער גויט פון די מאַסן, האַסן דאָס פּוילישע פאָלק מער, ווי די אָנפאַלער. פּונקט, ווי אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער די פּוילישע שליאַכטע. זיי האָבן פאַניש מורא פאַר אַ פּוילן פון אַרבעטער און פּויערים, פאַר אַ פאָלקס־פּוילן, אין וועלכן זיי וואָלטן פאַרלוירן זייער־רע קלאַסן־פּריווילעגיעס אין רווחים. זיי, זייערע פּאַרטיידיקער און משר־תים רופן צו פּאַסיוויטעט און הכנעה לגבי דעם שונא, דאַקעגן רופן זיי צום קאַמף קעגן דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. געמיינע, אָפּט פּראָוואָקאַטאָ־רישע אָנפאַלן אויף דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי זיינען אַ דירעקטע הילף פאַרן אָקופּאַנט, דעם טויט שונא פון פּוילן. יעדער ערליכער פּאָליאַק וועט דאָס שטעמפּלען אַלס נישט מאָראַליש און שעדלעך פאַר פּוילן.

צו אַלע פּוילישע פּאַטריאָטן, צו אַלע ערלעכע פּאָליאַקן, אָן אונטער־שיד פון זייערע פּאָליטישע, אָדער רעליגיעזע אָנשויאונגען, שטרעקט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי אויס די הענט צו צוזאַמענאַרבעט ביים שאַפן איין קאַמפס־פראָנט פון גאַנצן פאָלק, אַ פראָנט פון קאַמף אָן פאַרעטער און קאַפּיטולאַנטן.

אויף דעם וועג וועלן מיר זיגן!
פאָרויס! צום גווער! צם קאַמף!
אַ טויט די היטלער־סטישע אָקופּאַנטן!
זאָל לעבן דער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד!
זאָל לעבן אַ פרייע אומאָפּהענגיק פּוילן!

פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי

1 דעצעמבער 1942.

„טריבונא וואָלנאָשטשי"
אָרגאַן פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי
נומער 24, 15 יאַנואַר 1943 יאָר, 2 יאָרגאַנג

וואָס טאָן?

די פוילישע געזעלשאַפט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן מיט די ידיעות וועגן „אויסזידלען" די דאָרפישע גמינעס פון זאמאָשטשער און קראַסנאָסטאַווער פאָוויאַט; אין פאַרלויף פון דעצעמבער האָבן די אָקופאַנטן „אויסגעזידלט" העכער 12.000 פויערישע פאַמיליעס. מיר ברענגען די שילדערונג פון דער אויסזידלונגס־אקציע אין די דערפער זאַוואדא, וויעלאָנטשא און דעמבאָוויעץ, אלס טיפיש בילד. ביינאַכט זיינען אין דאָרף פאַרפאָרן אויטאָס מיט אַן ערך 50 זשאַנדארמען. מיט קלעפ, ווילדע געשרייען און שאָסן כדי אָפּצושרעקן האָט מען ארויסגעטריבן די באַפעלקערונג פון די הייזער, נישט לאָזנדיק זיי אפילו זיך אָנטאָן אָדער מיטנעמען עסן. ס'זיינען פאָרגעקומען פאַלן פון מאָרדן אלטע לייט און פון דערהרגענען קליינע קינדער. נאָכן צונויפנעמען אלע איינוווינער פונם דאָרף האָבן די זשאַנדאַרמען אָנגעהויבן א סעגרעגאַציע. מ'האָט די פאַרזאמלטע צעטיילט אויף 4 גרופן — דערוואַקסענע מענער און פרויען אין אַן עלטער פון 12 — 40 יאָר, אַלטע און אומפעיקע צו דער אַרבעט, פרויען מיט קליינע קינדער, קינדער אין עלטער פון 2 — 12 יאָר. יעדע גרופע האָט מען ארויפגעזעצט אויף אויטאָס, און טיילווייז אויף פויערישע פורן, דערנאָך ארויסגעפירט אין פארשידענע ריכטונגען. וואָס געשעט מיט די אויסגעזידלטע? ס'קומט אָן ידיעות, אז א טייל פון די אויסגעזידלטע ווערן געהאַלטן אין באַוואכטן פיניקונגס־אָרט, אין לאַגער אין מיידאַנעק ביי לובלין. ס'איז באַקאַנט, אז א טייל אויסגעזידלטע האָט מען אוועקגעפירט מיטן פריערדיקן יידישן וועג „אויף מזרח". ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז די פראַכט־וואַגאָנען, וועלכע זיינען געווען איבערפולט מיט קליינע קינדער, האָט מען איבערגעשטעלט אויף די באַן־ליניעס פון קראָקעווער, ראַדאָ־

מער און וואַרשעווער קנופּ. די קינדער זיינען אויסגעגאַנגען פֿון קעלט און הונגער.

די „אויסזידלונגס"־אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 27סטן נאָוועמבער און דויערט ביז איצט, להיפּוך צו די פֿאַלשע קלאַנגען איז די אַקציע נאָך נישט פֿאַרענדיקט און ווערט אַפֿילו נישט אָפּגעשוואַכט. פֿאַרקערט, ס'דערגייען קלאַנגען וועגן ווייטערדיקן אויסברייטערן די אַקציע אויף די פּאָוויאַטן: פּולאַווער, הרוביעשאָווער, גאַרוואָלינער. מען רעדט וועגן אָנהייבן אַן אויסזידלונגס־אַקציע לעבן אָסטראָלענקע. אין דער אומגעגנט פֿון די ביאַלאָוויעזשער וועלדער ווערן שוין פֿון לאַנג אויסגעזידלט גאַנצע דערפֿער. אין קראָקע האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די כוואַליע פֿון טעראָר און אַרעסטן אין אַזאַ מאָס, וועלכע ס'איז נאָך ביז איצט נישט געווען. אין וואַרשע און אין דער אומגעגנט ווערן דורכגעפֿירט זינט אַ ריי טעג אַרעסטן פֿון גאַנצע פֿאַמיליעס. די געסטאַפּאָ־אַגענטן אַרבעטן אין דער אָפּטיילונג פֿון דער עווידענץ פֿון דער וואַרשעווער באַפֿעלקערונג און אין די גמינע־אַמטן אין די שטעטער אַרום וואַרשע. ס'וואַקסט אָן די כוואַליע פֿון גוואַלד־אַקטן, טעראָר, מאַסן־מאָרדן, מאַסן־„אויסזידלונגען". איבערן פּוילישן פֿאָלק האָט זיך אויסגעשפּרייט די געפֿאַר פֿון פֿאַרניכטונג. „וואָס שייך די פּאָליאַקן" — האָט געשריבן מיט אַ חודש צוריק דער „פֿעלקישער בעאָבאַכטער" (נר. 349) — ווערט אויסגעפֿירט דער אורטייל, וועלכן די פּאָליאַקן האָבן אַליין אים זיך אַרויסגעגעבן. דאָס פּוילישע פֿאָלק האָט פֿאַרלוירן דאָס רעכט, אַז מען זאָל עס באַטראַכטן פֿאַר אַ מיטגליד פֿון דער אייראָפּעישער משפּחה. זאָל זיין גורל דינען אַלס וואָרענונג..." קלאָר און דייטלעך: דער גורל, וועלכן די היטלעריסטן ווילן גרייטן פֿאַר די פּאָליאַקן, דאַרף זיין אַ וואָרענונג פֿאַר די פֿעלקער, פּונקט אַזוי ווי פֿאַר די פּאָליאַקן איז נישט לאַנג צוריק געווען אַ וואָרענונג דער גורל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

כּדי צו פֿאַרשטיין די מאָטיוון פֿון די דאָזיקע פֿאַרברעכערישע היטלערישע פּלענער, דאַרף מען אַריינדרינגען אין דער פּסיכיק פֿונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם, אין תּוך פֿון היטלעריזם, וועלכער זאָגט זיך צו ענדערן אויף 1000 יאָר דאָס בילד פֿון דער וועלט און אויסצופֿלאַסטערן אַ וועג דער דייטשישער הערשאַפֿט. אין דער אַקציע אין לובלינער געגנט האַנדלט זיך עס אין אַ קליינער מאָס בלויז וועגן דער שנעלער קאָלאָניזאַציע פֿון די פּוילישע געביטן. דער אייגנטלעכער ציל פֿון די היטלערס פּלענער איז צו פֿאַרניכטן דאָס פּוילישע פֿאָלק. צוליב דעם ווערט יעדעס פּוילישע קינד באַטראַכט דורכן היטלערישן אימפּעריאַליזם פֿאַר אַ פֿיינט.

די טאַקטיק פון די קריגס־אָפּעראַציעס באַפעלט: אַטאַקירן אין די שוואַכסטע פונקטן פונם שונא. די דאָזיקע טאַקטיק ווענדן אָן די היטלעריסטן אין די אָקופּירטע לענדער. ס'איז לייכטער די אָקופּאַציע־אַרמייען צו מאָרדן די שוצלאָזע באַפעלקערונג פון אונדזערע ישובים ווי שטעלן אַ ווידערשטאַנד די באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען. ס'איז לייכטער צו דערהרגענען קליינע שוצלאָזע פּוילישע קינדער ווי צו שטעלן זיך אין געפאַר פון ווערן באַשאָסן מיט קוילן און גראַנאַטן.

דעריבער מוזן מיר זיך באַפרייען פון אַלע אילוזיעס, באַזונדערס מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן פאָלגנדיקע אמתן:

1. וואָס שווערער אין האָפענונגסלאָזער ס'איז די סיטואַציע פון היטלער־דייטשלאַנד, אַלץ ווייניקער זיינען די היטלעריסטן פאַראינטערעסירט אין די פּאָליאַקן אַלס אַן אַרבעטסקראַפט, דאָקעגן האַסן זיי אונדז וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און האָבן אַלץ מער פאַר אונדז מורא.

2. ס'זיינען נישט פאַראַן קיין הומאַניטאַרע היטלעריסטן. אין דער פּאָליטיק פונם אָקופּאַנט דעצידירט דער מלוכה־אינטערעס פונם היטלעריזם. דער בעסטער אויסדריקער פונם דאָזיקן היטלערישן מלוכה־אינטערעס איז שטענדיק דער פון צווישן די אָקופּאַנטישע פאַרברעכער, וועלכער איז אַממערסטן אומברחמנותדיק, אַממערסטן אכזריותדיק, אַממערסטן בלוטדורשטיק.

3. די הילף, וועלכע ס'קאָנען אונדז געבן אונדזערע פאַרבינדעטע באַשטייט אין דער איינציקער זאַך — אין דער אָפענסיווע קעגן דייטשלאַנד, אין פאַרקירצן די מלחמה. מיר ווייסן, ווי אימפּאָזאַנט און ווי דערפאָלגרייך ס'איז די איצטיקע אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי. פון דער צווייטער זייט ווייסן מיר אויך, ווי נייטיק און וויכטיק ס'וואָלט געווען אַן אָפענסיווע־אָנגריף פון ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן דורך שאַפן דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע. די אָפענסיווע־אָפּעראַציעס פון די פאַרבינדעטע קאָנען פאַרקירצן די מלחמה און אָפּציען נאָך מער דייטשישע כוחות פון אונדזער לאַנד. נישט געקוקט דערויף זיינען מיר דאָ, אין לאַנד, אין די באַדינגונגען פון אָקופּאַציע, אָנגעוויזן און קאָנען רעכענען בלויז אויף די אייגענע כוחות. די פאַרברעכערישע פּלענער פון אָקופּאַנט קאָנען צוניכטס מאַכן בלויז מיר אַליין, מיט די אייגענע כוחות.

אויב אַלזאָ האָט זיך מיט דער גאַנצער ערנסטקייט געשטעלט פאַר אונדז די פראַגע, וועלכע דעצידירט וועגן אונדזער גורל: „וואָס טאָן?".

וואָס טוען די פּויערים פון די אויסגעזידלטע דערפער? אַנטלויפן אין די וועלדער (פון געוויסע דערפער איז אַנטלאָפן 80 פּראָצענט פון

דער באפעלקערונג), ארגאניזירן זעלבשוץ-גרופן, צינדן אונטער די פארלאזענע ישובים. (ס'זיינען געווען פאלן פון אונטערצינדן דערפער נאכדעם ווי ס'זיינען אנגעקומען אהין דייטשן פון בעסאראביע און יוגאסלאוויע), פאלן אן אויף די זשאנדארמען, דערובערן געווער, שליסן זיך אן צו די פארטיזאנער אפטיילונגען. די באפעלקערונג פון גאנץ לובלינער געגנט איז אין צושטאנד פון מאביליזאציע. מיר קאנען פעסטשטעלן אלס אומבאשטרייטבארע זאך, אז די פויערים פון זאמאשטשער געגנט האבן זיך נישט אונטערגעגעבן פאסיוו דער אקציע פון אקופאנט. נישט געקוקט דערויף האבן זיי דאך נישט געקאנט זי אפשטעלן. מיר האבן דאס נישט געקאנט דורכפירן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס דערפאר, ווייל צום קאמף איז נישט ארויס דאס גאנצע פוילישע פאלק, צווייטנס דערפאר, ווייל ס'איז געווען בלויז אן אקציע פון פארטיידיקן דעם באדראטן אפשניט, און מיט קיין פארטיידיקונג קאן מען קיין קאמף נישט געווינען.

די ידיעות, וועלכע קומען אן פון זאמאשטשער געגנט, האבן ארויסגערופן אין גאנצן לאנד שטימונגען פון האס און ווידערשטאנד קעגן פיינט. די מערהייט פון דער געזעלשאפט און באזונדערס די יוגנט, שאצט אפ אין דער פולער מאס די נויטווענדיקייט פון אן ארגאניזירטער באוואפנטער אקציע. אלע ווילן מעשים. ס'גייט וועגן דעם, מען זאל פונם ווילן איבערגיין צו דער רעאליזאציע. און ארגאניזירטער באוואפנטער קאמף אין אונדזער לאנד קאן נישט דערלאזן צו פארווירקלעכן די היטלערישע פלענער.

די מאס פון דער זיכערקייט פון אונדזער פאלק איז אפהענגיק פון דער אינטענסיווקייט פון די באוואפנטע באפרייאונגס קאמפן אין גאנצן לאנד. וואס שטארקער, וואס מאסנהאפטער ס'איז די באוואפנטע באוועגונג, וועלכע שלאגט דעם אקופאנט, וואס העכער ס'זיינען די פארמען פון דער באוואפנטער אקציע און ברייטער איר פארנעם, וואס גרעסערע כוחות פונם אקופאנט ס'זיינען געבונדן מיט דער פארטיידיקונג פון זיינע קאמוניקאציע-ליניעס, אדמיניסטראטיווע צענטערן, מאגאזינען, ווירטשאפטלעכע איינריכטונגען א. ד. גל. אלץ גרעסער זיינען פאר אונדז די שאנסן געראטעוועט צו ווערן און אלץ גרעסער איז די זיכערקייט פונם גאנצן פאלק.

די ערשטע אנווייזונג, וואס מאן — דאס איז דער באוואפנטער, אומקאמפראמיסלעכער קאמף קעגן אקופאנט, דער וועג פון אונדזער רעטונג און פרייהייט.

צווייטנס — מוז עס זיין דער קאמף פונם גאנצן פאלק. פונקט אזוי, ווי היינט האט דאס גאנצע פוילישע פאלק פאראייניקט זיך איינעם האס צום אקופאנט, אזוי מוז עס זיך פאראייניקן איינעם קאמף. דער איינהייטלעכער נאציאנאלער פראנט פון קאמף קעגן אקופאנט מוז אנטשטיין אין לאנד־מאסשטאב. אויף יעדן אפשניט מוזן די פאליאקן ארויסטרעטן צום קאמף אלע צוזאמען.

ווייטער — דאס מוז זיין אן אפענסיוו־קאמף. מיר מוזן דיקטירן דאס ארט און די פארמען פון די קריגס־אפעראציעס אין אונדזער לאנד. און נישט אויפנעמען דאס וואס עס ווערט אונדז אנגעווארפן דורכן אקופאנט. דאס דרינגט ארויס פון די באדינגונגען פון דער אקופאציע. די דייטשן האבן נישט גענוג כוח, כדי צו קאנען קעגנשטעלן זיך אונדזערע אלע כוחות אויפן שטח פון גאנצן לאנד, אבער זיי האבן גענוג כוח דערויף, כדי אויף וועלכן נישט איז אויסגעקליבענעם אפשניט צו באקומען איבער אונדז אן איבערגעוויכט.

די פארטיידיקונג, וועלכע איז אונטערגענומען געווארן דורך אונדז אויף א געוויסן אפשניט, ווי מיר זייען אטאקירט דורך די קאנצענטרירטע כוחות פון פיינט, איז א שווערע און מוז ברענגען מיט זיך גרויסע, בלוטיקע קרבנות. דאקעגן די אנגריפן אויפן אקופאנט אין דעם ארט און אין דער צייט, וועלכע מיר וועלן פעסטשטעלן, זייענדיק ווירקזאמער און קאסטן אונדז נישט קיין סך קרבנות. די דערפארונגען פון אונדזער פארטיזאנער קאמף לערנען דאס „מען טאר נישט ווארטן, ביז דער אקופאנט וועט אונדז אטאקירן. מיר דארפן אליין איבערגיין אין אנגריף און בינדן אים מיטן קאמף אזוי, אז ער זאל נישט האבן קיין כוח און קיין דרייסטקייט אפצוגעבן זיך מיט אונדזער שטילער באפעלקערונג. מען דארף אפציען און צעשטויבן דעם פיינטס כוחות, ווייל אויף אזא אופן פאראליזירן מיר זיינע פלענער.

ס׳קומען אן צייטן, ווען פון העלדנמוט און מסירת־נפשדיקייט פונם יחיד, פון זיין איניציאטיוו און אונטערנעמערישקייט אין קאמף, וועט אפהענגיק זיין דאס לעבן פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פון אונדזערע ברידער. דער אקופאנט וועט מאכן אלע אנשטרענגונגען, כדי צו פאראליזירן אונדזערע ווידערשטאנד־צענטערס און צעשלאגן אונדזערע ארגאניזאציעס. אבער אים וועט זיך נישט איינגעבן אפצושטעלן אונדזער קאמף, אויב יעדער באוווסטזיניקער, גוטער פאליאק וועט זיך פילן אלס זעלנער, וואס איז פאראנטווארטלעך פארן אפשניט פונם קאמף, אויף

וועלכן ער איז מעטיק. די צייטן זיינען אזעלכע, אז מען קאן נישט קוקן אויף די אנדערע אדער ווארטן מיט פארלייגטע הענט אויף דירעקטיוון און אנווייזונגען פון די צענטראלע אינסטאנצן. מען דארף ארויסווייזן זעלבשטענדיקייט און איניציאטיוו, מיטן אייגענעם ביישפיל מיטרייסן די נאענטסטע סביבה. ס'קאנען נישט זיין קיין נישט־טעטיקע מענטשן, פונקט ווי ס'קאן נישט זיין קיין נישט באנוצט געווער. אונדזער קאמף, פונקט ווי אלע באפרייאונגס־קאמפן, וועט ס'רוב ווערן געפירט און געווינען מיטן אונטערדריקערס געווער, וואס מיר מוזן אים ארויסרייסן. אונדזער ארסענאל זיינען די אקופאנטישע זעלנער און זשאנדארמען. די געשאפענע אין אלע פוילישע צענטערס זעלבשט־גרופן וועלן פאר־וואנדלט ווערן אין פארטיזאנער־אפטיילונגען, דעראבערנדיק ביים שונא געווער און איבערגייענדיק פון דער ווידערשטאנדס־אקציע צום אפענסיוון קאמף.

און ווען געווער צו קעמפן וועט זיך געפינען אין די הענט פון צענדליקער טויזנטער פאליאקן, ווען ס'וועלן הונדערטפאכיק שטייגן אין לאנד די טעטיקע פארטיזאנער־אפטיילונגען, ווען זער באוואפנטער קאמף וועט זיך צעפלאקערן אויף אלע שטחים פונם לאנד, ווען ס'וועט אנט־שטיין אן איינהייטלעכער פראנט פונם גאנצן פאלק און ס'וועט גע־בראכן ווערן די פאסיוויקייט פון דער גאנצער געזעלשאפט, דאן וועלן מיר רירן צום אנגריף אויף די לעצטע פעסטונגען פונם אקופאנט און אויסקעמפן די באגערטע פרייהייט און באפרייאונג.

„גלאָס וואַרשאַווי"
אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
16—7 43-1-29

וואַרשעווער כראָניק

די יידישע באַפעלקערונג פון וואַרשע פאַרטיידיקט זיך[1]

פון געטאָ קומען ווייטער אָן פאָלגנדיקע ידיעות: מאָנטיק דעם 18־טן יאַנואַר 7 אַזייגער אינדערפרי זיינען אָפּטיילונגען פון זשאַנדאַרמעריע און עס־עס־לייט אַריין אין געטאָ. זיי האָבן פאַרהאַלטן יידישע אַרבעטער־גרופּן, וואָס גייען אַהיים צו דער אַרבעט אויסערן געטאָ און האָבן זיי אַוועקגעפירט צו דעם א. ג. אומשלאַג־פּלאַץ אויף סטאַווקי־גאַס, ווו מען האָט זיי אָנגעלאָדעוועט אין וואַגאָנען קיין טרעבלינקע. די ערשטע גרופּן האָבן זיך נישט אָריענטירט אין דער סיטואַציע. די אַרבעטער פון דער פירמע „אָסטדויטשע באַוישטעלע" האָבן די ערשטע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אַ סיגנאַל דערצו איז געוואָרן אַ גראַנאַט, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דורכן יונגן מיידל לאַנדוי. איניקע דייטשן זיינען געפאַלן טויט. דאָס מיידל איז דערשאָסן געוואָרן. די רעשט אַרבעטער, אויסנוצנדיק די אַנטשטאַנענע צערודערונג, האָט אַנטוואָפנט די דייטשן און איז זיך צעלאָפן. אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אין שולץ־פאַבריק, ווו עס זיינען געווען באַשעפטיקט 4500 אַרבעטער. פון דאָרט האָבן זיך די דייטשן שנעל צוריקגעצויגן. די שטיגן אין די פאַרבלאָקירטע הייזער האָט מען באַגאָסן מיט נאַפט און בענזין און בעתן דערנענטערן זיך פון די דייטשן האָט מען זיי אונטערגעצונדן. אַזוי איז פאַרברענט געוואָרן דאָס הויז אויף ניזקע־גאַס, ווו עס זיינען געפאַלן איניקע זשאַנדאַרן.

[1] דאָס איז די ערשטע באַשרייבונג פון דער ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ אין יאַנואַר 1943. (רעד).

„גוואַרדזישׂסטאַ"
נר. 12 5 פעברואַר 1943

פון לאַנד

די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ

דעם 18 יאַנואַר האָבן די עס־עס־לייט אָנגעהויבן קאַרעוועס גרופן ייִדן, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, צום „אומשלאַג־פּלאַץ", כדי זיי אַנצולאָדעווען אין די צוגן. ווען די ייִדן האָבן זיך אָריענטירט אין דער סיטואַציע, האָבן זיי געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין די וואַרשטאַטן פון „אָסטדויטשע באַוטישלעריי" האָט מען די דייטשן באַוואָרפן מיט גראַנאַטן. אין דער פירמע „שולץ" אויף נאַוואַליפּיע האָבן די היטלעריסטן פאַרבלאָקירט אַן ערך פון 4000 מענטשן. זיי האָבן אָבער דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און זיי האָבן רעזיגנירט פון דער אַקציע אַרויסצוכאַפּן פון דאָרטן די מענטשן.

אין געטאָ אַרבעט נישט קיין שום פאַבריק. די גאַסן זיינען פול מיט עס־עס־לייט און זשאַנדאַרן. די אויסגענג פון אַלע פאַבריקן און הייזער זיינען באַשטעלט מיט מאַשין־געווער. אויף ניזקע־גאַס האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן אַ פאַרבלאָקירט הויז.[1] אין משך פון ערשטן טאָג פון די באַפעלייען האָבן די פאַרברעכער באַוויזן אַרויסצופירן 1500 מאַן. אין אַלגעמיין זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן 5000 מאַן. אין זייער אַקציע האָבן די דייטשן גרויסע פאַרלוסטן. די באַפעלקערונג שטעלט אַ העלדישן פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. די קליינע צאָל געווער און גראַנאַטן, וואָס די ייִדן האָבן פאַרכאַפּט ביי די דייטשן, ווערן באַנוצט אין קאַמף צוגלייך מיט היים וואַסער, העק, טעמפּע מכשירים א. א. אין די אַטאַקירטע הייזער

---

[1] אַ טעות. דאָס האָבן די ייִדישע קעמפער אַליין אונטערגעצונדן די שטיגן, כדי די היטלעריסטן זאָלן נישט קאָנען אַרייַנדרינגען. זע דעם פריערדיקן דאָקומענט און אויך ווייטער. (רעד.)

באַניס: די ייִדן די שטיגן מיט נאַפּט אָדער בענזין, צינדן זיי אונטער אין מאָמענט, ווען די דייטשן רייסן זיך אַהין אַריין.

אין די פּאַרלאָזטע הייזער באַהאַלטן זיך די קעמפּער־גרופּן, וועלכע פירן דורך פּלוצלינגדיקע איבערפאַלן אויף דייטשן... צווישן די חורבות באַהאַלט זיך איצט אויס אַן ערך פון 10.000 ייִדן.

די דייטשן פירן שנעל אַרויס פון געטאָ די דאָרט אויסגעאַרבעטע מונדירן, שטיוול און אַנדערע דייטשע סחורות, מורא האָבנדיק, אַז דאָס וועט דאָרטן פאַרניכטעט ווערן.

די קאַמפּן אין געטאָ דאָס איז דער ערשטער מאַסן־אָפּווער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די ייִדן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון דער פּאַסיוויטעט, געבנדיק אַ ביישפּיל פון ווידערשטאַנד, וואָס איז ווערט נאָכצופאָלגן.

אין ביאַליסטאָקער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסנווייזע אויסזידלונג־אַקציע אין אָרטשאַפטן ביים בוג און אין די ביאַלאָוויעזשער וועלדער. אַלע דערפער און די דאָזיקע געביטן האָט מען אונטערגעצונדן. די באַפעלקערונג איז אַרויסגעפירט, אָדער פאַרטריבן געוואָרן אין די שטעט. אין ביאַליסטאָק געפינען זיך העכער 40.000 אויסגעזידלטע פּויערים.

„טריבונא וואָלנאָשטשי"
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 25, 1 פעברואַר 1943, 2 יאָרגאַנג

חבר מאַריאַן („סטאַרי")[1]

עס איז אומגעקומען פון די הענט פונם שונא איינער פון די גרינדער און דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי חבר מאַריאַן, פּסעוודאָנים „סטאַרי".

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1893 אין טשעכאָנאָווער ראַיאָן ווי אַ זון פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער אין אַ גרויסן פּריצישן הויף. פון די יינגסטע קינדער יאָרן האָט ער דערקענט דאָס האַרטע אַרבעטער־לעבן, האָרעווענדיק אויף זיין אייגענער אויסהאַלטונג און אויף לערנען. ביים אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה טרעט ער צו צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער מלחמה ווערט ער דורך די דייטשן אַרויסגעפירט אויף אַרבעט קיין וועסטפאַליע. נאָכן צוריקקומען דראָט אים טויט־שטראָף פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט קעגן אָקופּאַנט. אין יאָר 1918 איז ער אַן אַקטיווער טוער אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. אין יאָר 1920 איז ער אַ מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין לאָדז. אין די ווייטערדיקע יאָרן נעמט ער אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער אַרבעטער און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. צוויי מאָל ווערט ער פאַרמשפּט דורך דער פּוילישער רעאַקציע און זיצט אָפּ קנאַפּע צען יאָר אין תּפיסות: אין וואַרשע, פּלאָצק, קראָקאָווע, ראַווימש. ער אַרבעט עקשנותדיק איבער זיך, פאַרטיפט זיין וויסן, דערציט אַ יונגן דור רעוואָלוציאָנערן, נעמט אַ טעטיקן אָנטייל אין די קאָלעקטיוון פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

---

[1] מאַריאַן „סטאַרי" — מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, מיטגליד פון סדקפּל, אַ וויכטיקער טוער פון דער קפּפּ, איינער פון די גרינדער פון פּ.פּ.ר. און ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ. ק. דערמאָרדעט דורכן שונא דעם 28־טן נאָוועמבער 1942 יאָר. (רעד.)

נאָכן אַרויסרייסן זיך פון תּפיסה בעת דעם מלחמה־אויסברוך (סעפּטעמבער 1939), גייט ער, נישט געקוקט אויף דער פיזישער דערשעפּונג, קיין וואַרשע, כּדי זיך צו שטעלן אין די רייען פון די פאַרטיידיקער פון דער הויפּט־שטאָט. אויך שפּעטער רוט ער נישט קיין איין מינוט, וואַרפט זיך אַריין אין דער אַרבעט. אין מאָמענט, ווען היטלער־דייטשלאַנד באַפאַלט דעם ראַטנפאַרבאַנד, פאַרנעמט ער דעם פּאָסטן פון פאָרזיצער פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פונם ראַט פון די דעפּוטאַטן פון די אַרבעטנדיקע אין לאַפּי. אויף דעם פּאָסטן איז ער אויסגעוויילט געוואָרן דורך דער פּוילישער באַפעלקערונג פון דעם ראַיאָן, גענייסנדיק פונם אַלגעמיינעם צוטרוי.

פאַרשטייענדיק, אַז עס שפּילן זיך אָפּ געשעענישן פון אַ געוואַלדיקן היסטאָרישן באַטייט, וועלכע וועלן דעצידירן וועגן דער צוקונפט פון די פעלקער, וועגן דעם גורל פון פּוילישן פאָלק, און טיף אָפּפילנדיק דעם מאַנגל פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין פעיק צום באַלדיקן קאַמף פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, טרעט ער צו צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרבעטער און געזעלשאַפטלעכע טוער צום שאַפן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

אַ דאַנק דער גרויסער דערפאַרונג, וועלכע ער האָט דעראָבערט אין משך פון זיין קנאַפּער 30־יאָריקער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אַ דאַנק דער אויסערגעוויינלעכער ענערגיע און קרישטאָלענער כאַראַקטער־ריינקייט — איז ער אָנערקענט געוואָרן דורך אַלעמען פאַרן פירער און ערשטן סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּר. אויף אָט דעם וויכטיקסטן קאַמפס־פּאָסטן האָט אים געטראָפן דעם שונאס פאַררעטערישע קויל.

טיף אויפגעטרייסלט דורך אָט דעם געוואַלדיקן שאָדן, פילן וויטיקלעך היינט זיין אָפּוועזנהייט אין שפּיץ פון אונדזערע רייען אַלע די, וועלכע האָבן געקענט דעם חבר מאַריאַן און צוזאַמענגעאַרבעט מיט אים.

דיין טויט, חבר מאַריאַן, וועט נישט גיין לאיבוד. מיר וועלן נקמה נעמען פאַר דיין אומקום. מיר וועלן נישט רוען, ביז מיר וועלן נישט דערפירן צו אַ זיג די זאַך, פאַר וועלכער דו האָסט געלעבט, געאַרבעט און געקעמפט.

צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

סטאַלינגראַד איז געווען די שקיעה פון דער דייַ־
טשער פאַשיסטישער אַרמיי.

י. סטאַלין

פונם רעפעראַט צום 26־טן יאָרטאָג פון
דער גרויסע סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רע־
וואָלוציע.

די אָנפירנדיקע ראָל פון פפר האָט באַשטימט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דעם קאַמף קעגן אָקופּאַנט. פּאַראַלעל מיטן קאַמף קעגן אָקופּאַנט האָט זיך געפירט אַ שאַרפער קלאַסן־קאַמף צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף און די אָנהענגער פון ווידעראויפשטעלן אַ פוילן ווי פאַר סעפּטעמבער, אַ פּריציש־קאַפּיטאַליסטיש פוילן. אין דער פּראָגראַם־דעקלאַראַציע „פאַר וואָס קעמפן מיר" האָט די פפר פּרעציזירט אַ פּראָגראַם פון אַ פאָלקס־פוילן, אַ פוילן אָן קאַפּיטאַליסטן און אָן פּריצים, אַ פוילן, וואָס וועט רעגירט ווערן דורך די אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער־קלאַס און וואָס וועט אָנשפּאַרן זײַנע גרענעצן אויף דער אָדרע, ניסע און באַלטיק.

די דערפאַרונגען, וועלכע דאָס פאָלק האָט אַרויסגעצויגן אין משך פון דעם קאַמף, די נצחונות פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט זיך דערנענטערט צו די גרענעצן פון פוילן, האָבן פאַרטיפט ביי די פאָלקס־מאַסן דעם באַוווסטזיין, אַז דער איינציק־ריכטיקער איז דער פּראָגראַם פון פפר און אירע לאָזונגען וועגן דער נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן דאָס גאַנצע פאָלק צום קאַמף קעגן אָקופּאַנט. עס איז אַלץ בולטער געוואָרן דער אמת, וועלכן עס האָט פון סאַמע אָנהייב געפּריידיקט די פפר, אַז נאָר אַ בונד מיטן ראַטנפאַרבאַנד קאָן פאַרזיכערן די באַפרייאונג פון פוילן.

אויפן יסוד פון די דאָזיקע און אויך פון די פאַרמלחמהדיקע דערפאַרונגען האָט, אונטערן איינפלוס פון דער טעטיקייט און אויך פון דער פאָליטישער קאָנצעפּציע פון פפר, זיך געשטאַרקט און איז אידעאָלאָגיש רייף געוואָרן די לינקע איינהייטספראָנטיקע שטרעמונג אין די רייען פון פפס. אַן אויסדרוק פון דעם איז געווען די אַנט־

שטייאונג פון רפפס,[1] ווי אַ קעגנשטעלונג צו ו. ר. נ., וועלכע איז געווען אַן אָנשפּאַר פאַר דער עמיגראַנטישער פפּס. די רפפס האָט זיך גישט מיט איינמאָל באַפרייט פון די רעפאָרמיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע רעשטלעך. אָבער גובר זייענדיק די דאָזיקע איבערבלייבכצן און אויך די פּרוּוון פון דער טראָצקיסטישער דיווערסיע אין אירע רייען, האָט זיך די לינקע גרופּע פון רפפס אַנטשידן קעגנגעשטעלט די רעכטע אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון ק. ר. נ. און האָט זיך געשטעלט צוזאַמען מיט פפּר אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

אויך די ראַדיקאַלע, לינקע עלעמענטן פון זיעי פּויערים־באַוועגונג האָבן זיך אויסגעבראָכן פון אונטער דער מיקאָלאַיטשיקישער אָנפירונג און האָבן געשאַפן די „וואָליאַ לודו“, וועלכע האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט פפּר.

אין לאַנד איז פאַרגעקומען אַן ערנסטע איבער־גרופּירונג פון די קלאַסן־כּוחות דורך דעם, וואָס אַרום דער פפּר האָבן זיך געזאַמלט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־כּוחות.

(פונם רעפעראַט פון חבר באָלעסלאַוו ביערוט אויפן קאָנגרעס פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, דעם 15 דעצעמבער 1948 י.)

---

[1] „ראַבאָטניטשאַ פּאַרטיאַ פּאָלסקיך סאָציאַליסטוּוו“ — „אַרבעטער־פּאַרטיי פון די פּוילישע סאָציאַליסטן“ (רעד.)

באשלוס
פון צ. ק. פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי
פעברואר 1943

די דערגרייכונגען פון א יאר ארבעט

(ארגאניזאציאנעלע פראבלעמען פון פפר)

נאך א יאר ארבעט איז די פוילישע ארבעטער־פארטיי, וואס איז לויט דער איניציאטיוו פון אן ענגער גרופע ארבעטער און געזעלשאפטלעכע טוער געגרינדעט געווארן אין יאר 1942, אויסגעוואקסן אין א צענטראליזירטער מאסן־פארטיי, וועלכע פארמאגט ארגאניזאציעס אין גאנצן לאנד, באזונדערס אין די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע צענטערן — א פארטיי פון די ארבעטער, פויערים און אינטעליגענץ פון פוילן. דער דאזיקער פאקט באווייזט, אז דאס אנטשטיין פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי איז געווען א היסטארישע נויטווענדיקייט, ווייל דער ארבעטער־קלאס און די פאלקס־מאסן האבן געמוזט האבן זייער אמתע ארבעטער־פארטיי, וועלכע זאל זיי ארגאניזירן און פירן צום קאמף קעגן היטלעריסטישן אקופאנט און צו סאציאלער באפרייאונג אין א פרייען אומאפהענגיקן פוילן.

אויפן גרונט פון דער אידיי וועגן באוואפנטן קאמף קעגן אקופאנט, וואס די פפר האט פראפאגירט, איז אנטשטאנען די גרויסע קאמפס־ארגאניזאציע „גווארדיא לודאווא",[1] וואס אירע קאמפס־ארויסטרעטונגען האט דער היטלערישער אקופאנט שטארק אפגעפילט.

צוויי עטאפן כאראקטעריזירן די טעטיקייט פון פפר. אין משך פון יאר: דער ערשטער, פון יאנואר ביז מאי פ. י. — דער פעריאד פון בויען די פונדאמענטן פון דער ארגאניזאציע, קאנסאלידירן די רעוואלוציאנערע באוועגונג דורך באהייליקן די פונאנדערגעשפרייטע גרופן און פאראייניקן, אנצייכענען און פאראייגענען דורך די ארגאניזאציעס די פאליטישע ליניע און די פלאטפארם פון דער פארטיי. דאס איז געווען דער פעריאד פון פראפאגירן די אידיי פון אקטיוון קאמף און געמיינזאמען נאציאנאלן

[1] פאלקס־גווארדיע. (רעד.)

פראָנט קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט. דעם צווייטן עטאַפּ, פון מאַי פ. י. ביזן איצטיקן מאָמענט, כאַראַקטעריזירט דאָס איבערגיין פון פּראָפּאַגירן די אידיי פון קאַמף, צו פאַרווירקלעכן זי אין לעבן, דאָס איבערגיין צו באַוואָפנטע קאַמפן קעגן אָקופּאַנט.

דער פּאַראָל פון אַקטיוון קאַמף קעגן היטלעריסטישן אַריינדרינגער האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג און אונטערשטיצונג צווישן די ברייטסטע מאַסן פון פּוילישן פאָלק. די צייטן, ווען דער אָקופּאַנט האָט אומבאַשטראָפט געפּייניקט דאָס פּוילישע פאָלק זיינען שוין פאַרביי. דער היסטאָרישער באַפעל פון דער פאָלקס־גוואַרדיע פון 15 מאַי 1942, וועגן אַרויסמאַרש פון די ערשטע פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין פעלד, איז געוואָרן דער ווענד־פּונקט אין דער געשיכטע פון באַפרייאונגס־קאַמף אין פּוילן.

פון דעמאָלט אָן האָט די פאָלקס־גוואַרדיע דורכגעפירט העכער 300 גרעסערע קאַמפס־אַרויסטרעטונגען. זי האָט אויפגעריסן איבער 20 מיליטערישע צוגן, זי האָט אָנטיילגענומען אין אַ סך קאַמפן מיט גרופּן פון שונא, וועלכע האָבן געציילט פון 20 ביז 200 זשאַנדאַרן און אין איין פאַל — אַפילו מיט אַ גאַנצן באַטאַליאָן דייטשיש מיליטער. זי האָט פאַרניכטעט און ליקווידירט איבער 50 דייטשישע פּאָליציייִשע און זשאַנדאַרן־פּאָסטנס, צעגראָמירט אַן ערך 70 גמינע־אַמטן, פאַרניכטנדיק דאָקומענטן, קאָנטינגענטן־רשימות און שטראָף־מאַנדאַטן, באַפרייט הונדערטער פּאָליאַקן פון די תפיסות און אַרבעטס־לאַגערן, ליקווידירט צענדליקער געסטאַפּאָווצעס, פאַררעטער און אַנדערע היטלעריסטישע אַגענטן. אין דער קאַמפס־טעטיקייט רוקן זיך אַרויס אויפן ערשטן אָרט די ראַיאָנען פון ראַדאָם, לובלין, און אויך די וואַרשעווער געגנט. וויכטיקע פּאָליטישע אַקציעס ווערן דורכגעפירט אין וואַרשע, קראָקע און ראַדאָם. די דיווערסיע און סאַבאָטאַזש־אַקטן האָבן געהאַט אַ ברייטן פאַרנעם אין דער אינדוסטריע און טראַנספּאָרט אויף די געביטן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן צום רייך, באַזונדערס אין לאָדזש, אין שלעזיע און אין דאָמבראָווער ראַיאָן.

דער קאַמף קעגן אַזאַ גרויזאַמען בעסטיאַלישן שונא, ווי עס איז דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד, האָט געקאָסט אַ סך קרבנות פון צווישן די פּאַרטיזאַנער, קעמפער, פּאַרטיי־טוער און סימפּאַטיקער, עס איז אומגעקומען פון דעם שונאס האַנט איינער פון די איניציאַטאָרן און דער ערשטער סעקרעטאַר פון אונדזער פּאַרטיי, דער אַלטער אַרבעטער־טוער, חבר מאַריאַן. בויענדיק דעם קאָפּ פאַר די דאָזיקע בעסטע זין פון פאָלק, וועלכע האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פאַר דער גרויסער אידיי פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, וועט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי אַלץ טאָן, כדי זיי־

ער אָנדענק זאָל לעבן אינעם פֿאָלק און די קרבנות פֿון זייער קאַמף און טויט זאָל נישט גיין לאיבוד.

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט פֿיל כּוח און מי אַוועקגעגעבן, בכדי צו שאַפֿן אַן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פֿראָנט פֿון קאַמף, אויפֿן וועג פֿון אַ פֿאַרשטענדיקונג פֿון אַלע פּוילישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, פּונקט ווי אין אַנדערע לענדער, וועלכע געפֿינען זיך אונטער דער פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע. אויף דער אויסגעשמיעדעטער דורך פפר האַנט צום געמיינזאַמען קאַמף, האָבן די אָנפֿירונגען פֿון געוויסע פּאַרטייען אָפּגעענטפֿערט מיט וואַרפֿן שמוץ אויף דער פפר און אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָך טרעט אַרויף דאָס פּוילישע פֿאָלק אַלץ מער אַנטשלאָסן אויף דעם ריכטיקן וועג פֿון קאַמף פֿאַר פּוילן און נישט אויפֿן וועג פֿון פּאַסיוון אָפּוואַרטן ביז עמעץ וועט אונדז שענקען פֿרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. אין אַ גאַנצער ריי פֿאַבריקן, אין אַ סך געמיינעס און פּאָוויאַטן זײַנען אַנטשטאַנען נאַציאָנאַלע קאָמיטעטן, וועלכע פֿאַראייניקן אַלע ערלעכע פּאָליאַקן צום געמיינזאַמען קאַמף.

די פפר האָט זיך אַקטיוו אַנטקעגנגעשטעלט דער בעסטיאַלישער אַקציע אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג, רופנדיק די יידישע מאַסן צו זעלבשוץ און די פּוילישע געזעלשאַפט — צו סאָלידאַריטעט און הילף. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קאַמפּאַניע קעמפט איצט אַ טייל פון דער יידישער יוגנט און פון אַקטיוון קאַמפּס־עלעמענט אָרעם־ביי־אָרעם מיט די פּאָליאַקן אין די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען.

דאָס פֿאַרגאַנגענע יאָר איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון גרויסער און שנעלער אַנטוויקלונג פֿון דער פּאַרטייאישער אַרבעט, פֿון פֿונאַנדערבויען די נעץ הן פֿון צענטראַלע פּרעסע־אויסגאַבן, הן פֿון ראַיאָן־אויסגאַבן, באַזונדערס אין וואַרשע, לאָדזש, קראָקע און שלעזיע. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער קרבנותפֿולער אַרבעט פֿון די חברים פֿון דער פּאַרטיי־טעכניק, וועלכע האָבן זיך מיט פֿולער מסירת־נפֿשדיקייט געווידמעט דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער און דערהויבענער אַרבעט אויף דער אַרויסגערוקטער פּאָזיציע פֿון פּאַרטיי־טעטיקייט.

אַזוי אַרום איז די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, נאָך אַ יאָר אַרבעט, געוואָרן אַזאַ כּוח, וואָס ווערט פֿון קיינעם נישט קווענטיאָנירט; אַ דראָענדיקער כּוח פֿאַר די שונאים פֿון פּוילן; אַ כּוח, וואָס פֿאַרזיכערט דעם אַרבעטער־קלאַס דאָס פֿאַרדינטע אָרט אינעם נייעם פֿרייען פּוילן.

די יסודותדיקע אויפֿגאַבע פֿון דער פּאַרטיי אויפֿן איצטיקן היסטאָרישן עטאַפּ איז דאָס צוגרייטן די גאַנצע אָרגאַניזאַציע און דאָס פֿאָלק צו

די אָנקומענדיקע דעצידירנדיקע קאַמפן, כדי אַרויסצוטרייבן די היטלערישע אָקופּאַנטן פון פּוילן, דאַרפן צוגרייטן און אָרגאַניזירן א באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון פּוילישן פאָלק. פון דער דאָזיקער עיקרדיקער אויפגאַבע, וועלכער מען דאַרף אונטעראָרדענען די גאַנצע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי, דרינגען אַרויס א ריי פּאָליטישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע אויפגאַבן.

1. מען דאַרף נאָך מער הייבן די קאַמפס־גרייטקייט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע און פון דער פאָלקס־גוואַרדיע. יעדער פּאַרטיי־מיטגליד דאַרף זיך אָפּגעבן א חשבון פון דעם, אַז זיין חוב איז צו זיין אין די ערשטע רייען פון די קעמפער. מיר מוזן זיך נעמען אַלס מוסטער די העלדן פון דער פּאַרטיי און פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף, און די, וועלכע קעמפן היינט קעגן היטלעריסטישן אָנפאַלער. זייערע נעמען, זייערע העלדישע קאַמפס־טאַטן דאַרפן ווערן באַקאַנט דער פּאַרטיי, דער פאָלקס־גוואַרדיע און דעם גאַנצן פאָלק. מיר דאַרפן אויך מער ווי ביז איצט פּאָפּולאַריזירן דעם קאַמף און די העלדן פון אַנדערע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון אַנדערע פעלקער, וועלכע קעמפן קעגן היטלעריזם.

מיר דאַרפן שאַפן הונדערטער נייע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, דיווערסאַנטישע אַרויספאַל־גרופּן און זעלבשוץ־גרופּן, צוגרייטן טויזנטער נייע פּאַרטיזאַנער. דער ווינטער טאָר נישט זיין קיין שטערונג. מ'דאַרף העלפן די אָפּגעשטאַנענע געגנטן, אָדער די ספּעציעלע דורכן שונא באַדראָטע געגנטן, שיקנדיק אַהין געניטע אָרגאַניזאַטאָרן פון באַוואָפנטן קאַמף (באַזונדערס אין די געגנטן, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אין רייך און אין דער זאַמאָשטשער געגנט).

2. מ'דאַרף שטאַרקער אַנטוויקלען די פּאַרטייאישע אַרבעט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן. יעדער מיטגליד פון פּפּר דאַרף זיך אָפּגעבן א דין־וחשבון, אַז מיר וועלן נישט אויספירן אונדזערע אויפגאַבן, אויב מיר וועלן נישט אַנטוויקלען קיין אָרגאַניזאַטאָרישע, אַגיטאַטאָריש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט צווישן די ברייטסטע מאַסן פון דער געזעלשאַפט. סעקטאַנטישקייט — דאָס אָפּזונדערן זיך אין דעם ענגן קרייז פון די נאָענטע — איז די הויפּט־שטערונג ביים צוקומען פון דער פּאַרטיי צו די ברייטע מאַסן.

מיר דאַרפן זיך נישט אָפּשרעקן פאַר שוועריקייטן, אָדער פאַרבייגייענדיקע אומדערפאָלגן אין קאַמף פאַר שאַפן א נאַציאָנאַלן פראָנט. נישט ריכטיק זיינען די „טעאָריעס", אַז אין פּוילן וועט קיינמאָל אַזא

פראַנט נישט זיין, פונקט ווי עס איז אַזאַ פאָלקס־פראָנט נישט געווען אין די יאָרן 1936—1939. די סיטואַציע איז פּרינציפּיעל אַן אַנדערע. דעמלט האָט זיך די מאַכט געפונען אין די הענט פון דער פּוילישער רעאַקציע, און איצט פאַרניכטעט דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט דאָס פּוילישע פאָלק, און די קלעפּ טרעפן אין אַ גרעסער אָדער אין אַ קלענערער מאָס אַלע פּאַרטייען און פאָלקס־שיכטן. מיר מוזן עקשנותדיק איבערווייזן מיט פאַקטן, אַז דער איינציקער וועג פון פּוילישן פאָלק איז דער וועג פון קאַמף. די אַרגומענטן מוזן זיין קלאָרע, איבערצייגעוודיקע און פאַרשטענדלעכע פאַר יעדן פּאָליאַק.

מען דאַרף טרעפן צו די מאַסן נישט בלויז דורך די ידיעות וועגן אונדזערע אַרויסטרעטונגען, נישט בלויז מיטן געשריבענעם וואָרט (פּרעסע, אויפרופן), נאָר אויך מיטן לעבעדיקן וואָרט. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז ס׳איז מעגלעך און רעאַל צו אָרגאַניזירן מאַסוואָקס און קורצע מיטינגען.

די געגנט־ און קרייז־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן באַטראַכטן די צוועקמעסיקייט פון אָרגאַניזירן אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אויך די מעגלעכקייטן פון אָרגאַניזירן שטרייקן אין די פאַבריקן, נעמענדיק פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט דעם בעסטיאַלישן טעראָר, די אוממענטשלעכע עקספּלואַטאַציע און דאָס איזדעקעווען זיך איבער די אַרבעטער.

מען מוז זיך אומבאַדינגט אינטערעסירן מיט די שטימונגען קעגן דאָרף, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ געוויסע צאָל אַרבעטער, ווי אויך דער אַגיטאַציע קעגן די שמאָטישע אַרבעטער, וואָס ווערט פאַרשפּרייט איבער דאָרף דורך די היטלערישע אַגענטורן. די צייטן, ווען אַ געוויסע טייל רייכע פּויערים האָט זיך פאַרהעלטנישמעסיק גוט געלעבט, ענדיקן זיך. נאָכן איינמאַרשן דעם האַרבסט־קאָנטינגענט, ראַבירט איצט דער היטלערישער אָקופּאַנט אַלצדינג (קי, עופות א. א. וו.), פאַרניכטנדיק אַפט גאַנצע דערפער. די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָרן דאַרפן טרעפן אין יעדן דאָרף און דאָרטן ווייזן די פּויערים דעם וועג פון קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

די פּאַרטיי מוז באַדייטנדיק ברייטער פונאַנדערוויקלען די מאַסן־אַרבעט צווישן דער יוגנט, אַרויסרייסן זי פון אונטער די דעמאָראַליזירנדיקע איינפלוסן, פון דער היטלעריסטישער אַגיטאַציע. די יוגנט מוז פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין די קאַמפנדיקע רייען; אַן דער יוגנט וועלן מיר אונדזערע אויפגאַבן נישט דערפילן.

ס׳איז אומבאַדינגט נייטיק ברייטער פונאַנדערצובויען די פּאַרטיי־פּרעסע און פאַרגרעסערן איר טיראַזש. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט

דארף מען שענקען דער אנטוויקלונג פון ארטיקע אויסגאבן און אויך דער געהעריקער ארגאניזירונג פון שנעלערן און ברייטערן קאלפארטאזש.

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט דארף געלייגט ווערן אויף דער ווייטערדיקער פונאנדערבויאונג פון דער פארטיי־ארגאניזאציע, אין דער ערשטער ריי אין די געגנטן, וווּ ס'איז ביז איצט נאך נישט פאראן קיין פארטיי־ארגאניזאציע, ווי אויך די סטראטעגיש־וויכטיקע אפשניטן. די אויפגאבע פון דער פארטיי דארף זיין, אז אין משך פון די נאענטסטע דריי חדשים זאל די צאל מיטגלידער פון פפר פארטאפלט ווערן.

3. די גאנצע פארטיי דארף געדענקען, אז דער שונא מאכט גרויסע אנשטרענגונגען און אין דער צוקונפט וועט ער זיך נאך מער באמיען אריינצודרינגען אין אונדזערע רייען. א פארשטארקטע רעוואלוציאנערע וואכזאמקייט, דער קאמף מיט דער ארגאניזאציאנעלער נאכלעסיקייט, דאס אפהיטן די קאנספיראציע־פרינציפן און די פרינציפן פון אננעמען אין דער פארטיי נייע מיטגלידער — דאס איז די אויפגאבע פון דער גאנצער פארטיי און אין דער ערשטער ריי פונם אנפירנדיקן פארטיי־אקטיוו. יעדער פארטיי־מיטגליד דארף זיך קלאר מאכן, אז דער איצטיקער פעריאד איז גינסטיק פאר פרעמדע און צו אונדז פיינטלעכע עלעמענטן אריינצודרינגען אין די פארטיי־רייען. מיר טארן נישט פארגעסן אין די היסטארישע דערפארונגען פון דער ארבעטער־באוועגונג אין פוילן. די אייניקייט פון ארבעטער־קלאס, דער קאמף פאר א נאציאנאלן פראנט, באפרייען אונדז נישט, נאר פארקערט, פארפליכטן אונדז צו א שטארקערער וואכזאמקייט און אפצוהיטן די ריינקייט פון די פארטיי־רייען.

מיר מוזן פארשטארקן אין די פארטיי־רייען די דערציערישע ארבעט אין גייסט פון מארקסיזם־לעניניזם. מיר טארן זיך נישט באגנוגענען מיט דעם, וואס אונדזערע רייען דערציען זיך אין קאמף. יעדער פארטיי־מיטגליד מוז סיסטעמאטיש לייענען די פארטייאישע ליטעראטור און ארבעטן איבער זיין אידעאלאגישער דערציאונג, כדי צו הייבן זיין וויסן און באוווסטזיין.

יעדער מיטגליד פון דער פארטיי מוז געדענקען וועגן דעם, אז די פפר דאס איז דער אוואנגארד־אפטייל פון ארבעטער־קלאס. די פפר דארף אין אירע רייען זאמלען די צומיינסטן באוווסטזיניקע, די צומיינסטן קרבנותגרייטע און די בעסטע עלעמענטן פון דעם ארבעטער־קלאס און פון די פאלקס־מאסן פון פוילן. אין פפר פארפליכטעט די אייניקייט פון ווילן און טאט. יעדע גרופע — פראקציע דאס איז אן איינפלוס פון קלאסן־פרעמדע עלעמענטן אויף דער פארטיי, דאס איז — צעקלאפן די פארטיי. דאס אפ־

שוואַכן, דאָס צעקלאַפּן די פּאַרטיי איז אַ פאַרברעכן לגבי דעם אַרבעטער־קלאַס, לגבי די פאָלקס־מאַסן פון פּוילן. פאַרהיטן און פאַרפעסטיקן די קאַמפס־איינסקייט פון דער פּאַרטיי איז דער וויכטיקסטער חוב פון יעדן פּאַרטיי־מיטגליד.

4. מיר מוזן פאַרשטאַרקן די אינערלעכע פּאַרטיי־דיסציפּלין. די אינערלעכע פּאַרטיי־דעמאָקראַטיע קאָן נישט זיין אַבסטראַקט, נאָר זי מוז זיין אונטערגעאָרדנט דעם ווילן פון דער פּאַרטיי, פון אַרבעטער־קלאַס און פאָלק, זי מוז זיין צוגעפּאַסט צו די מלחמה־באַדינגונגען. די אָנקומענדיקע פעריאָד פאָדערט, אַז אַלע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן זאָלן זיין מער אָפּעראַטיוו, זאָלן זעלבסטשטענדיק קערעווען מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און מיטן קאַמף אויף הייערע געביטן. ס'איז אומבאַדינגט נויטווענדיק אויסצובעסערן די פאַרבינדונג צווישן די פאַרשידענע רינגען פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, די פּאַרטיי דאַרף דרייסטער אַרויסרוקן דעם נייעם יונגן עלעמענט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אינעם איצטיקן קאַמף, כדי אַזוי אַרום אויסצוברייטערן דעם אַקטיוו. מ'דאַרף מיט באַזונדערער השגחה אַרומרינגלען דעם אויפוואַקסנדיקן אַרבעטער־אַקטיוו, כדי פון אים צו שאַפן די אָנפירנדיקע פּאַרטיי־קאַדרען, פאַרבונדענע מיט די מאַסן און פעאיקע צו זעלבסטשטענדיקע מעשים.

* * *

די פּפּר איז אַ יונגע פּאַרטיי, וואָס עקזיסטירט איין יאָר. די אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן איז אָבער גרויס און אַלט, זי האָט שוין הינטער זיך אַ 75־יאָריקע געשיכטע. די פּפּר שעפּט פון דער געשיכטע און טראַדיציעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער פּויערים־באַוועגונג אין פּוילן און נעמט פון זיי אַלץ, וואָס איז גוט און געזונט, אָן אונטערשייד, וועלכע פּאַרטיי עס האָט דאָס געשאַפן. די פּפּר בינדט אָן צו די טראַדיציעס פון דער ערשטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין פּוילן, דעם „פּראָלעטאַריאַט” און נעמט פון דאָרט איר קעמפערישקייט און קאָמפּראָמיסלאָזיקייט אין קאַמף קעגן צאַריזם, דעם דעמאָלטיקן היטלעריזם. די פּפּר נעמט פון די טראַדיציעס פון אַרבעטער־פאַרבאַנד,[2] און שפּעטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קרוין־פּוילן און ליטע, זייער בונד מיט די ברייטע מאַסן, זייער אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן צאַריזם און קעגן בורזשואַזן שאָוויניזם. די פּפּר בינדט אָן צו די בעסטע טראַדיציעס פון דער אַלטער פּפּס, ווי למשל

[2] „Związek Robotników“ וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען יוליאַן מאַרכלעווסקי. (רעד.)

הער קרבנותפולער קאַמף פון א טייל קעמפער קעגן צאַריזם. די פּפּר בינדט אָן צו די טראַדיציעס פון דער קפּפּ בייַ אָנפירן מיט שטרייק־אַקציעס, מאַסן־דעמאָנסטראַציעס און אין דער קרבנות־גרייטקייט פון אירע קאַדרען. די פּפּר בינדט אָן צום טייל פון די בעסערע טראַדיציעס פון דער פּויערים־באַוועגונג אין פּוילן, צו אירע מאַסן־קאַמפן קעגן די דריי פאַרכאַפּערישע מלוכות, וואָס האָבן צעטיילט פּוילן, צו די אַגראַר־שטרייקן קעגן דער פּויר־לישער רעאַקציע אין די יאָרן 1932—1939.

די פּפּר איז נישט און קאָן נישט זיין גלייכגילטיק לגבי דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון איר אייגענעם פאָלק. אין קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט בינדט אָן די פּפּר און דאַרף נאָך שטאַרקער אָנבינדן אין די גרויסע טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק אין זיין קאַמף פאַר אומאָפּהענגי־קייט. מיר דאַרפן אָנקניפּן אין די גוטע זייטן פון פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון סטעפאַן טשאַרניעצקי מיט דער שוועדישער אָקופּאַציע, אין דעם אויפ־שטאַנד פון קאָשטשיושקאָ, אין די אויפשטאַנדן פון יאָר 1831, 1846 און 1863. מיר דאַרפן אַרויסציען א לערע, אַז די גרונט־סיבה פון די מפּלות בעת די אויפשטאַנדן איז געווען דאָס פעלן פון געמיינזאַמען פראָנט פון גאַנצן פאָלק.

די פּפּר, קעמפנדיק אַקטיוו קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט, קערט צוריק א ם אין דער וועלט דעם גוטן נאָמען פון פּאָליאַק אַלס קעמפער פאַר פרייהייט, געווינט צוריק די ירושה פון אונדזערע אבות, וואָס איז אַזוי פּאַמאַכליעוועט און באַשמוצט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעאַק־ציע אין משך פון איר 20־יאָריקער הערשאַפט.

די פּפּר בינדט אָן אין הײם שטאָלצן לאָזונג: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט“, וועלכן ס'האָבן די ערשטע אין לעצטן יאָרצענדליק אויף דער שפּאַנישער ערד אויפגעהויבן די דאָמבראָווטשאַקעס, און וועט אונטער דעם דאָזיקן לאָזונג פירן דאָס פּוילישע פאָלק צום זיג איבערן געמיינזאַמען שונא פון דער מענטשהייט — דעם היטלעריזם.

דעקלאַראַציע
פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

1 מערץ 1943 יאָר.

פאַר וואָס קעמפן מיר?[1]

מיט מיילן־טריט דערנענטערן מיר זיך צום זיג. אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי ברעכט זיך איין די היטלעריסטישע קראַפט. די פּרעכטיקע נצחונות פון ראַטנפאַרבאַנד דערנענטערן די ענדגילטיקע מפּלה פון דעם בלוטיקן היטלעריסטישן רעזשים. סטאַלינגראַד, ראָסטאָוו, קורסק, כאַרקאָוו — אָט זיינען די מיילן־שטיינער אויפן וועג צו באַפרייאונג פון אונטערן פאַשיסטישן יאָך.

עס ברייטערט זיך אויס און עס שטאַרקט זיך אונדזער קאַמף מיטן אָנפאַלער. עס וואַקסט און צעמענטירט זיך דער געמיינזאַמער פראָנט פון גאַנצן פאָלק, וועלכער גרייט צו אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, כדי אַרויסצוטרייבן דעם בעסטיאַלישן היטלעריסטישן אָקופּאַנט און שאַפן דאָס פרייע און אומאָפּהענגיקע פּוילן.

וועלכע דאַרפן זיין אונדזערע ערשטע שריט נאָכן פּראָקלאַמירן דאָס פרייע און אומאָפּהענגיקע פאָטערלאַנד?

וואָס דאַרף מען טאָן, כדי פּוילן זאָל זיין באמת פריי און אומאָפּהענגיק, כדי עס זאָל זיך נישט איבערחזרן דאָס יאָר 1918 און אויך נישט 1939?

1. מבטל מאַכן די מאַנדאַטן פון כל המינים קאָמיסאַרן, סטאַראָסטעס, וואָיטן א. ד. גל., שאַפן אַ צייטווייליקע מאַכט פון דאָרפישע און שטאָטישע ראַטן ביז דער רעגירונג איינגעשלאָסן. תיכף ומיד צוטרעטן צו צוגרייטונגען דורכצופירן דעמאָקראַטישע וואַלן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג

---

[1] אין דער דעקלאַראַציע איז פאָרמולירט געוואָרן דער מינימום־פּראָגראַם פון דער פּפּר. די אויספירלעכע פּראָגראַם־דעקלאַראַציע אין אַ ברייטן פאָרעם איז דערשינען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער אין נאָוועמבער 1943 יאָר. זע אויסגאַבע „W dziesiątą rocznicę powstania Polski Partii Robotniczej". זייט 186. (רעד.)

(קאָנסטיטואַנטע), פעסטשטעלן די אָרדענונג־פאָרמען און אָננעמען א קאָנסטיטוציע.

2. אַנטוואָפּענען און אינטערנירן אַלע דייטשן, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין פּוילן נאָכן ערשטן סעפּטעמבער 1939, אָדער זיינען פייַנטלעך געשטימט צום פּוילישן פאָלק, ווי אויך די היטלעריסטישע אַגענטן. אָרגאַניזירן און באַוואָפּענען א פאָלקס־מיליץ, צוטרעטן צו רעאָרגאַניזירן די אַרמיי.

3. תיכף ומיד באַפרייען די פּוילישע בירגער פון די תפיסות, קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָרגאַניזירן דאָס באַלדיקע צוריקקומען אין לאַנד אַריין פון די פּאָליאַקן, וועלכע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די דייטשן. שטעלן פאַר פאָלקס־געריכטן, און תיכף באַשטראָפן די היטלעריסטישע תלינים און די נאַציאָנאַלע פאַרעטער; די, וועלכע מען וועט נישט פאַרמשפטן צום טויט, באַשעפטיקן ביים פאַריכטן די שאָדנס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס. שטעלן פאַר א ספּעציעלן פאָלקס־טריבונאַל די שולדיקע פאַר דער סעפּטעמבער־מפּלה (די שמיגלי־בעקרעגירונג).

4. איינשליסן אין דער פּוילישער מלוכה אַלע פּוילישע געביטן. אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון רעכט פון די פעלקער צו באַשטימען אַליין וועגן זיך. אָפּשאַפן די געטאָס און די בירגערלעכע באַגרענעצונגען פאַר ייִדן. איינשטעלן גוט־שכנותדיקע און בונד־באַציאונגען מיט אַלע לענדער פון אייראָפּע, פירן אן אויסערן־פּאָליטיק אין אָנשפּאַר אויף א בונד מיטן ראַטנפאַרבאַנד.

5. פּראָקלאַמירן די פולע פרייהייט פון געוויסן, וואָרט, דרוק, פאַרזאַמלונגען און געזעלשאַפטן.

6. קאָנפיסקירן אַלע בענק, אינדוסטריע, האַנדל־ און לאַנדווירטשאַפט־אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען צוגערויבט געוואָרן דורך די דייטשן. מאַכן באַמיאונגען וועגן צוריקבאַקומען דאָס פאַרמעגן, וואָס איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט.

א) פאַרגעזעלשאַפטלעכן די בענק און די אונטערנעמונגען פון דער גרויס־אינדוסטריע און איינפירן א קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע פון די פאַרגעזעלשאַפטלעכע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען דורך די פאַבריק־קאָמיטעטן.

ב) צוריקגעבן די אַלטע אייגנטימער, בפרט די פּויערים, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע נחלות, זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַלעבאַטישקייטן, די קליינע אינדוסטריע און האַנדל־אונטערנעמונגען.

ג) אנטאייגענען און אנטשעדיקונג די פריצישע ערד איבער 50 העקטאר און צעטיילן די ערד צווישן די ווייניקערדיקע פויערים און די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער.

ד) איינפירן אן 8־שעהדיקן ארבעטס־טאג און א מינימום געהאלט פאר ארבעטער און אנגעשטעלטע, פארזיכערן רעכט אויף ארבעט פאר אלעמען.

7. באארבעטן א גרויסן פלאן פון ווידעראויפבוי און פונאנדערבוי פון דער פוילישער נאציאנאלער ווירטשאפט, מיט א באזונדערער באריקזיכטיקונג פון דער נויטווענדיקייט צו עלעקטריפיצירן און אינדוסטריאליזירן דאס לאנד, אויפהייבן די לאנדווירטשאפט אויף א העכערן ניווא און ליקווידירן דעם דירות־הונגער. איינפירן דעם פרינציפ פון פלאנמעסיקייט אין אלע געביטן פון ווירטשאפטלעכן און קולטור־לעבן.

8. עפענען אלע שולן און לערן־אנשטאלטן, וואס זיינען פארמאכט געווארן דורך די דייטשן. פארזיכערן רעכט אויף בילדונג פאר אלעמען דורך אפהיטן דעם פרינציפ פון אומזיסטקייט פון לערנען, אנגעהויבן פון דער אלגעמיינער שול ביזן אוניווערסיטעט איינגעשלאסן, און דורך באזייטיקן אלע מניעות, וועלכע ווערן געשטעלט די קינדער פון דער ארעמער באפעלקערונג.

9. עפענען אלע היילאנשטאלטן, וועלכע זיינען פארמאכט געווארן דורך די דייטשן. פארזיכערן דאס רעכט צו היילן זיך פאר אלעמען דורך איינפירן דעם פרינציפ פון אומזיסטיקייט פון היילן און פון רפואות און דורך איבערנעמען די דאקטוירים אויף א מלוכהשן עטאט.

10. ברייט פונאנדערבויען די אינסטיטוציעס פון סאציאלער פארזיכערונג און איבערגעבן זיי די סאנאטאריעס און קור־ערטער. פארזיכערן דאס רעכט אויף אפרו פאר אלעמען, בפרט פאר מלחמה־ און ארבעטס־אינוואלידן און פאר זקנים. געבן הילף און ארומרינגלען מיט אויפזיכט די קרבנות פון היטלעריסטישן טעראר און זייערע משפחות.

אט דאס איז א מינימאלער פראגראם פון פאראָרדענונגען און מאסמיטלען, וועלכע דארפן ווערן רעאליזירט תיכף ומיד. דער איבערוועגנדיקסטער טייל פון דער פוילישער געזעלשאפט זאגט זיך שוין ארויס אין דעם גייסט און נעמט אן דעם פראגראם אלס זיינעם.

ער שעפט ניט אויס אלע שטרעבונגען און אספיראציעס פון די ארבעטער, פויערים און אינטעליגענץ פון פוילן. עס וועט זיין די זאך

פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג (קאָנסטיטואַנטע) אָנצונעמען אַזעלכע באַשלוסן, בכדי עס זאָל אויף שטענדיק געמאַכט ווערן אַ סוף צו די קוואַלן פון די אימפּעריאַליסטישע מלחמות און צו דער אויסנוצונג פון מענטש דורך מענטש, כדי מען זאָל אין לעבן פון פאָלק אָנהייבן אַ נייע ערע, אַן ערע פון פרייהייט און וווילשטאַנד.

צענטראַל-קאָמיטעט
פון דער פוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי

1-טער מערץ 1943

„דער קאמף פון די יונגע" (וואלקא מלאדיך) [1]

1-טער יארגאנג, ווארשע 5-טער אפריל, נומער 4

בריוו פון דער יידישער יוגנט צו די חברים פון יענער זייט מויער

אויך מיר, די קעמפער פון ווארשעווער געטא, באקומען די „וואלקא מלאדיך". זינט העכער צוויי יאר זיינען מיר איזאלירט הינטער די מויערן, וואס עס האט אויפגעשטעלט דער אקופאנט. מיר באגריסן מיט פרייד יעדן ברידערלעכן געדאנק וועגן קאמף קעגן די דייטשן.

מיט צוויי חדשים צוריק האט די ערשטע דעראבערטע „מאשין" פארטרעטן די האק און די פלאש מיט זויער-שטאף. איצט זיינען מיר בעסער באוואפנט. דאס האבן גוט אפגעפילט אויף דער אייגענער הויט די פאשיסטישע יונגען און זייערע יידישע יוצר משרתים. מיר געפינען זיך כסדר אין קאמף. מיט יעדן טאג דעראבערן מיר ווערטפולע דערפארונגען. א דייטש, וואס שפאנט אריין אין געטא, ווייסט, אז פון הינטער יעדן מויער, פון יעדן פארלאזטן הויז לויערט אויף אים א קויל פון א קעמפער. מיר שיידן זיך קיינמאל נישט מיטן געווער. פארן שיידן זיך מיטן געווער באצאלן מיר מיטן לעבן.

אין די שווערע יאנואר-טעג, ווען אויף די גאסן פון געטא האבן די ס.ס. און ס.ד.-יונגען געמארדעט מאסנווייז די שוצלאזע באפעלקערונג, האבן מיר אין די נעכט געשעפט כוח צום קאמף פון די ידיעות, אז מיר זיינען נישט אליין, אז עס רייסן אויף באמבעס אין די ווארשעווער קאפעקלובן, אז אין פראנקרייך וואקסט די דיווערסיע-אקציע. הייסער האבן געשלאגן די הערצער אויף די ידיעות וועגן די נצחונות פון דער רויטער ארמיי, וועלכע קעמפט פאר דער פרייהייט פון אלע אונטערדריקטע.

חברים! מיר זיינען מיט אייך! האלטנדיק פעסט אין האנט די רעוואלווערן, ווארטן מיר אויף דער מינוט, ווען מיר וועלן צוזאמען אויפרייסן די מויערן און צושטויסן צום דעצידירנדיקן קאמף פאר א פריי פוילן. אלע קעמפער אין די וועלדער, דערפער און שטעט שיקן מיר איבער א ברידערלעכן האנט-דרוק.

---

[1] ארגאן פון ז.וו.מ. (פארבאנד פון יוגנט-קאמף, יוגנט-ארגאניזאציע אנגעפירט דורך פפר). (רעד.)

„גלאָס ווארשאַווי"
אָרגאַן פון ווארשעווער קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי
נר.20 (29), 23 אַפּריל 1943 יאָר, 2 יאָרגאַנג

העלדישער קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג.

זונטיק[1] 2 אזייגער ביינאכט זיינען היטלעריסטישע באַנדעס באַפאלן דאָס געטאָ אין ווארשע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע אָרגיע. די עס-עס-באַנדיטן האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די וווינונגען פרויען און קינדער. קינדערישע קעפּלעך האָבן זיי צעשמעטערט אויפן ברוק. זיי האָבן צונויפגעטריבן די באַפעלקערונג אויף פּלעצער, כדי פון דאָרט זיי צו שטויסן מיט דעם אויסגעצפּרוטן וועג אין די גאַזקאַמערן פון טרעבלינקע.

דאָס מאָל אָבער האָבן די היטלעריסטישע מערדער געהאַט אַ טעות אין חשבון. די יידישע באַפעלקערונג געדענקט גוט די טראַגישע געשעענישן פון סעפּטעמבער און יאַנואַר. דאָס געטאָ אין ווארשע האָט זיך זייט חדשים געגרייט צום ווידערשטאַנד. די אָנשטרענגונגען פון די היטלעריסטן פולקאָם צו איזאָלירן די יידן פון דער אויסערלעכער וועלט האָבן זיך נישט איינגעגעבן. דער לאָזונג „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט" האָט געפונען זיין שטאַרקן אויסדרוק אין דער הילף, וואָס די פּוילישע באַפעלקערונג האָט ביינעטראָגן אין דער צוגרייטונג פון דער זעלבשוץ אין געטאָ. אויך דער מאָמענט פון אומדערוואַרטן באַפאַלן דאָס געטאָ האָט זיך די דייטשן נישט איינגעגעבן.

די שחיטה איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ קורצן טערמין. זי האָט זיך אָבער פאַרוואַנדלט אין אַ האַרטנעקיקן קאַמף, וואָס דויערט שוין דעם 5-טן טאָג. די יידישע באַפעלקערונג האָט תיכף געשטעלט אַ העראָישן ווידערשטאַנד. זי האָט אַטאַקירט די היטלעריסטישע באַנדיטן מיט גראַנאַטן, רעוואָלווער-שאָסן און מאַשין-געווער. נאָך גרויסע פאַרלוסטן האָבן זיך די דייטשן געמוזט צוריקציען. דאָס איז דער ערשטער זיג. דער ווידערשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ דעצידירטן באַוואָפנטן קאַמף. אויפן ענגן שטח פון ווארשעווער געטאָ האָט מען

[1] זונטיק, דעם 18־טן אַפּריל 1943 ביינאַכט איז דאָס ווארשעווער געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט. דעם 19-טן איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. (רעד.)



אפרים (עדוואַרד) פּאָנדאַמינסקי
סעקרעטאַר פון דער פפּר־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ אין דער צייט פונם אויפשטאַנד

נעמוזט אַראָפּברענגען רעגולער מיליטער, אַרטילעריע און טאַנקען. מען האָט אויך גענומען צוהילף אַעראָפּלאַנען. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַ פּאַרמעלע באַלאַגערונג. פֿאַרביסענע קאַמפֿן ווערן געפֿירט איבער יעדן הויז, יעדער וווינונג. די געטאָ־מויערן, וועלכע האָבן געזאָלט פֿאַרלייכטערן די דייטשן אין זייער בלוטיקער שחיטה איבער דער יידישער באַפֿעלקערונג, זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿעסטונג, וואָס ווערט שוין דעם 5־טן טאָג געשטורעמט דורך דער דייטשער בעסטיע. דאָס געטאָ איז באַדעקט מיט געהרגעטע זשאַנדאַרן און ס.ס.־לייט, די קאַרעטקעס פֿון רויטן־קרייץ בירן פֿון דאָרט אַרויס מאַסן פֿאַרוווּנדעטע. דאָס איז נישט בלויז אַ מיליטערישע מפּלה, דאָס איז אַ בפֿירושע פּאָליטישע מפּלה.

דער קאַמף דויערט ווייטער. עס איז שווער צו רעדן וועגן די העראָאישע אָנשטרענגונגען פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אָן טיפֿער אָנטרקענונג און אָן יראת־הכבוד. אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט, בלוטיק געפּייניקט דורך טעראָר, אַראָפּגעשטויסן אויפֿן אָפּגרונט פֿון דערנידעריקונג, איז די יידישע באַפֿעלקערונג אויפֿגעשטאַנען צום קאַמף קעגן איבערוועגנדיקן כּוח פֿון באַוואָפֿנטן שונא. זי האָט הויך אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון קאַמף פֿאַר פֿרייהייט.

די ווייס־רויטע פֿאָן, וואָס איז אויפֿגעהאָנגען געוואָרן אין געטאָ אויף אַ קלויסטער־טורעם, ווערט אַ סימבאָל. דער העראָישער קאַמף פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג האָט אויפֿגערודערט גאַנץ וואַרשע. דער דאָזיקער קאַמף צעשמעטערט דעם מויער פֿון נאַציאָנאַלן האַס, וואָס אונדזער געמיינזאַמער שונא האָט זייט פֿיר יאָר אויפֿגעשטעלט. צוליבן אומגעריכטן אָנגריף האָבן זיך אין געטאָ געפֿונען פּאָליאַקן, וועלכע קעמפֿן האַנט ביי האַנט מיט די יידן אויף די גאַסן פֿון געטאָ. דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַריטעט ווערט אַלץ שטאַרקער.

די באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע ציט דערפֿון אַרויס פּראַקטישע קאָנסעקווענצן. ווען דער אָקופּאַנט טרעפֿט אָן אויף אַ סאָלידאַרן, באַוואָפֿנטן קאַמף, ווייזט ער זיך אַרויס פֿאַר שוואַך. דאָס, וואָס קומט פֿאָר אין געטאָ, באַווייזט, אַז דער באַוואָפֿנטער קאַמף קעגן היטלעריסטישן טעראָר קאָן זיין ווירקזאַם, אַז אַקטיווע זעלבשוץ פֿאַרשאַפֿט דעם שונא שטאַרקע פֿאַרלוסטן. יעדעס הויז קאָן ווערן אַ פֿעסטונג. דער ביישפּיל פֿון די קאַמפֿן אין געטאָ באַווייזט, אַז בלויז דער קאַמף קאָן קרייצן די געמיינע, בלוטדורשטיקע פּלענער פֿון די היטלעריסטן.

די פאָלקס־גוואַרדיע צו־הילף די געטאָ־אויפשטענדלער

ראַפּאָרט[1]

וואַרשע

אַקציעס: דעם 23 אַפּריל. די אָנפירונג פון וואַרשע האָט אַרויסגעשטעלט 3 אָנגריף־גרופּן מיטן ציל דורכצופירן אַ דעמאָנסטראַציע אין שכונות פון די געטאָ־מויערן. די גרופּע I אונטער דער אָנפירונג פון חבר גוסטאַוו, מיטגליד פון שטאַב, און 3 מאַן; די גרופּע II, אונטער דער אָנפירונג פון אַדיוטאַנט סלאַוועק, און 3 מאַן; די גרופּע III, אונטער דער אָנפירונג פון לעשעקן, און 3 מאַן. אין דער גרופּע II איז אויך פאַרטרעטן דער אַדיוטאַנט אַנטעק. די ראַיאָנען פון די גרופּן־איבערפאַלן: די גרופּע I — אין ראַיאָן פון אַלט־שטאָט, די גרופּע II — אין ראַיאָן פון לעשנאָ, די גרופּע III — אין ראַיאָן פון אָקאָפּאָווע ביים אַרויסגאַנג־טויער.

די אויפגאַבן: אין פאַל פון אָנטרעפן אויף אַ גרעסערער קאָנצענטרירונג פון זשאַנדאַרן, עס־עס אָדער גראַנאַטאָווע פּאָליציאַנטן — באַוואַרפן מיט גראַנאַטן, אין פאַל פון נישט אָנטרעפן אויף אַזעלכעס — ליקווידירן אייניקע וואַך־פּאָסטנס.

די דורכפירונג: די גרופּן זאַמלען זיך 4 אַ זייגער, באַקומען געווער, די לעצטע אינסטרוקציעס, דער אַרויסמאַרש מיט אַזאַ אויסרעכענונג, אַז האַלב זעקס זאָלן זיי זיך געפינען אויפן אָרט פון דער אַקציע. די צייט, וואָס די אַקציע דאַרף דויערן, איז פון האַלב זעקס ביז 7. די גרופּע פון חבר סלאַוועק האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף העכער אַ האַלבער שעה. דער פאַרלויף פון די אַקציעס. די גרופּע I קומט אָן פּינקטלעך. נאָכן דורכגיין

[1] דאָס איז אַ ראַפּאָרט (אין פּויליש) פון דער וואַרשעווער אָנפירונג פון „גוואַרדיאַ לודאָוואַ". געפינט זיך אין אַרכיוו פון צ. ק. פּ.פּ.ר. (רעד.)

א געוויסן אָפּשניט טרעפט זי זיך אָן אויף אן אויטאָ מיט געסטאַפּאָ, וואָס פאָרט צו אויף פּרימאַרגאַס צו א הויז. די זשאַנדאַרן שפּרינגען אַרויס פון אויטאָ, באַזעצן דאָס טויער פון הויז און גייען אַריין אינעווייניק. אין אויטאָ בלייבן 4 זשאַנדאַרן און דער שאָפער. איין זשאַנדאַר שטייט פאַר טויער פון הויז. די גרופּע טיילט זיך אין צווייען. צוויי מיטן אָנפירער פון דער גרופּע שטעלן זיך אין שוץ־פּאָזיציע, די אַנדערע צוויי וואַרפן גראַנאַטן גייענדיק. איין גראַנאַט שלאָגט זיך אָן אין אויטאָ, פאַלט אויפן ברוק אונטערן אויטאָ, דער צווייטער טרעפט אין אויטאָ גופא. די זשאַנדאַרן פאַלן צו צום אויטאָ, גיבן אָפּ צוויי שאָסן אויף בלינד. אין דעם מאָמענט רייסט אויף דער גראַנאַט אין אויטאָ. דער אויטאָ צינדט זיך אָן. די גרופּע ציט זיך צוריק אויפן זאַמל־פּונקט. די פאַרלוסטן פון די דייטשן: 4—5 געהרגעטע און א פאַרברענטער אויטאָ. די גרופּע II און III האָבן זיך אייגנזיליק פאַרייניקט, פלאַנירנדיק פריער צו דעראָבערן אַן אויטאָ און פון אויטאָ אַטאַקירן די וואַך־פּאָסטנס. דער חבר לעשעק, וועלכער איז פאַרטשעפּעט געוואָרן אַלס ייִד, האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן, שיסנדיק. געיאָגט דורך א גראַנאַטאָוון פּאָליציאַנט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ געסל, וואָס איז געווען באַזעצט פון דייטשן, און איז דערשאָסן געוואָרן.[2]

[2] אין דעם דאָזיקן ראַפּאָרט ווערט באַשריבן איינער פון די קאַמפּס־אַרויס־טריטן פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ” צוהילף די געטאָ־אויפשטענדלער. עס זיינען געווען נאָך אַרויסטריטן. זע דעם ווייטערדיקן דאָקומענט. (רעד.)

„טריבונא וואָלנאָשטשי"
אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
2-טער יאָרגאַנג, 15-טער מאַי 1943 יאַר, נר. 32

די קאַמף אין פּוילן

די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ

דעם 19-טן אַפּריל האָבן זאַלפן פון שאָסן אין געטאָ געגעבן צו וויסן וואַרשע, אַז הינטער די מויערן האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ קאַמף. די דייטשן האָבן געהאַט בדעה צוצוטרעטן אַרויסצופירן יידן אויף אומקום. ס.ס.־אָפּטיילונגען האָבן אַטאַקירט דאָס געטאָ. דעמלט האָט די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. מען האָט אַטאַקירט די דייטשן מיט גראַנאַטן, מיט פייער פון מאַשין־געווער און מיט געוויינלעכן וואָפן. נאָך אַ שעהדיקן שטורם האָבן זיך די דייטשן צוריקגעצויגן. אויפצומאָרגנס האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט אַן אולטימאַטום, וועלכער האָט געפאָדערט קאַפּיטולאַציע. ער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן ווייטערדיקע אַטאַקעס. אין משך פון די ערשטע צען טעג זיינען די קאַמפן געווען די סאַמע פאַרביסנסטע. די דייטשן האָבן פאַרלוירן אין דער צייט אַרום 400 דערהרגעטע און איבער טויזנט פאַרוואונדעטע. די פאַרטיידיקער האָבן אויסגענוצט יעדע צעשעדיקונג פון מויער, יעדן דאַך פון אַ גאַס צום עקשנותדיקן קאַמף. ביינאַכט האָבן זיי געמאַכט אָנפאַלן אויפן שונאס געביט, פאַרשאַפנדיק אים שווערע פאַרלוסטן. ביים אַריינגאַנג אין געטאָ האָט אַ פּלוטאָן פון זשאַנדאַרן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מינע. 22 סאָלדאַטן זיינען געפאַלן טויט. דער אָקופּאַנט, זעענדיק אַז ער וועט נישט איינעמען דאָס געטאָ מיט שטורם, איז צוגעטרעטן צו אַ סיסטעמאַטישער באַשיסונג פון געטאָ דורך האַרמאַטן, צו באָמבאַרדירן דורך עראָפּלאַנען און צום אונטערצינדן. אָפּטיילונגען, באַוואָפנטע מיט פייערוואַרפער, האָבן אונטערגעצונדן די הייזער, וועלכע זיינען געווען באַוווינט דורך אַ שוצלאָזער באַפעלקערונג. דאָרטן ווו עס זיינען געפאַלן שאָסן, האָבן די תלינים מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן.

מחוץ די מויערן זיינען די דייטשן אויך נישט געווען רואיק. דעם 20-טן אַפּריל האָט אַ גוואַרדיע־אָפּטיילונג ליקווידירט אַ דייטשן שווערן



פּפּר־פּרעסע בעת דער אָקופּאַציע

מאַשין־געווער. מען האָט דערהרגעט 2 זעלנער און 2 פּאָליציאַנטן. אין צוויי טעג שפּעטער האָבן די גוואַרדיסטן צעשטערט די באַן־ליניעס צווישן דעם מזרח־וואָקזאַל און דער בריק איבער דער ווייסל. דעם זעלבן טאָג האָט מען צווישן וואַרשע־זאַכאָדניע [1] און דעם הויפּט־וואָקזאַל אונטערגעצונדן אַ מיליטערישן טראַנספּאָרט. דער פּלאַם האָט צעשטערט די עלעקטרישע נעץ, און די וואַגאָנען האָבן פּאַרשטעלט די ליניע. אַט די אַרויסטריטן האָבן גורם געווען אַ צווייטאָגיקע דעזאָרגאַניזאַציע פון דעם וואַרשעווער באַן־קנופּ. דעם 23־טן אַפּריל האָט אַ גוואַרדיע־אָפּטיילונג אַטאַקירט אויף פּראַגאַ־גאַס אַן אויטאָ מיט זשאַנדאַרן. 5 זשאַנדאַרן זיינען אומגעקומען. די גוואַרדיסטן האָבן קיין פאַרלוסטן נישט געהאַט. אין עטלעכע אַנדערע אַקציעס האָט מען ליקווידירט עטלעכע גראַנאַטאָווע און דייטשן. די פּאָליאַקן האָבן דעמאָנסטרירט די אייניקייט פון קאַמף פון פּוילישן און יידישן פאָלק.

דאַקעגן די אָפיציעלע פּוילישע מיליטערישע פאַקטאָרן,[2] וועלכע טענהן שטענדיק, אַז נאָר זיי זיינען באַרופן צו טעטיקייט, האָבן אויף דעם העלדישן קאַמף [3] אין צענטער שטאָט, וואָס (דויערט שוין) קנאַפּע צוואַנציק טעג, נישט רעאַגירט מיט קיין איין שאָס. מען האָט זיך בלויז באַגרענעצט צו אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער אין די צייטונגען. פּונקט אַזוי האָט דער פּוילישער ראַדיאָ פון לאָנדאָן ערשט נאָך 2 וואָכן אָנגעגעבן אַ ידיעה וועגן געטאָ. אַט די פאַרשווייגונג פונם קאַמף קענען מיר נישט פון היינט.

די קאַמפן אין געטאָ האָבן אַ ריזיקע פּאָליטישע באַדייטונג. דאָס איז די גרעסטע דערשיינונג פון אָרגאַניזירטער זעלבשוץ אין די אָקופּירטע לענדער. די פאַרטיידיקונג פון געטאָ האָט דערוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט עס האָבן אין דער געזעלשאַפט די לאָזונגען פון אַקטיוון ווידערשטאַנד און פון באַוואָפנטן קאַמף. די ביז נישט לאַנג שטילע יידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, וואָס רופט אַרויס באַוווּנדערונג און אָנערקענונג מצד דעם גאַנצן לאַנד און דער וועלט. די פאַרטיידיקונג פון געטאָ באַווייזט, אַז אַפילו אַ שלעכט באַוואָפנטע, אָבער אַ דעצידירטע, און קודם כל אַ באַצייטנס אָרגאַניזירטע פאַרטיידיקונג קאָן דערלאַנגען דעם שונא ווייטיקלעכע קלעפּ. די אָנפירער פון די קאַמפן אין געטאָ זיינען יונגע בחור־

---

[1] אַ וואָקזאַל נעבן וואַרשע. די דאָזיקע אַקציע פון דער פאָלקס־גוואַרדיע האָט צוו. אַנד. געצילט צו פאַרשווערן דאָס אַרויספירן די יידן פון געטאָ און געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. (רעד.)

[2] די דעלעגאַטור פון דער לאָנדאָנער עמיגראַנטישער רעגירונג און די אָנפירונג פון ז. וו. ז. (אַ. ק.) (רעד.)

[3] פון די יידן. (רעד.)

רים, אפטמאל אפילו נישט אויסגעשולטע אין דער פוילישער ארמיי. דאס זיינען אזעלכע, וואס זיינען ארויס פון פאלק, בעת די קאמפן. דער אקור־פאנט פארשפרייט קלאנגען, אז די פארטיידיקער זיינען זייער א סך, אויסגע־צייכנט באוואפנט און אנגעפירט דורך העכערע פוילישע אפיצירן. דאס אנטשפרעכט נישט דעם אמת. — קעמפנדיקע איז געווען א הייפל. באַ־וואפנט זיינען זיי געווען שוואך. די גראנאטן זיינען זיי אויסגעגאנגען אין די ערשטע טעג, אמוניציע האבן זיי געדארפט דערָאבערן אין משך פון די קאמפן. די פארטיידיקער האט פארפעלט וואסער, עס האט זיי געשטיקט דער רויך, עס האט געפעלט שפייז. זיי האבן זיך אבער נישט איינגעבראכן. בלוטיק האט דער אקופאנט באצאלט פאר זיין רציחה. די יידן, וועלכע זיינען אומגעקומען אין קאמף קעגן די היטלעריסטישע מערדער, גיט אפ דאס פוילישע פאלק כבוד. די, וואס האבן זיך געראטעוועט, איז עס מחויב צו געבן הילף און דערמעגלעכן זיי דעם ווייטערדיקן קאמף.

„פשעגלאָנד טיגאָדניאַ"[1]
מערץ 1943

די קאַמפּן אין ביאַליסטאָקער געטאָ

ביאַליסטאָק, אַרום דעם 1.10.[2] איז אין ביאַליסטאָק געקומען צו שאַרפע קאַמפן צווישן די דייטשן און דעם יידישן געטאָ, וואָס איז באַשטימט געוועז צו ליקווידאַציע. הינטער מאַשין־געווער האָבן די יידן געזאָלט באַנוצן אַזעלכע רייסנדיקע סובסטאַנציעס, צוליב וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעפירט אין דער אַקציע אַפּטיילונגען אין אַנטי־גאַז־קאָמבינעזאָנען. די דייטשן האָבן וואַרשיינלעך געהאַט גרויסע שאָדנס.

---

1 „וואָכן־איבערבליק", אַן אויסגאַבע פון פּפּר. (רעד.)

2 ווייזט אויס — אַ דרוק־פעלער, ווארעם די קאַמפן אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן דעם 5־טן פעברואַר 1943. (רעד.)

באַריכט פֿונעם שטאַב פֿון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער[1]

„דאָס געטאָ אין ביאַליסטאָק, איז נאָך אַ פֿאַרצווייפֿלטן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד פֿון די ייִדן, ליקווידירט געוואָרן. אַ טייל פֿון די ייִדן, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפֿן, איז אַוועק אין פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען”.

[1] איבערגעזעצט פֿון רוסישן טעקסט, וועלכער געפֿינט זיך אינעם אַרכיוו פֿון צ. ק. פּזפּר. דער באַריכט איז נוגע דעם אויפֿשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ אין אויגוסט 1943. (רעד.)

„נאָווע ווידנאָקרענגי"
נר. 10, 20-טער מאַי 1943 יאָר, 3 יאָרגאַנג

קאָמוניקאַט וועגן שאַפן די פּוילישע דיוויזיע א. נ. פון טאַדעוש קאָשטשיושקאָ

די סאָוויעטישע רעגירונג האָט באַשלאָסן אָנטקעגנצוקומען דער ביטע פונם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין ססר וועגן שאַפן אויף דער טעריטאָריע פון ססר א פּוילישע דיוויזיע א. נ. פון טאַדעוש קאָשטשיושקאָ, כדי צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי צו קעמפן קעגן די דייטשישע אַריינדרינגער.

דאָס פאָרמירן די פּוילישע דיוויזיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

„וואלנא פאלסקא" [1]

ארגאן פונם פארבאנד פון די פוילישע פאטריאטן

נר. 15. 16 יולי 1943 יאר. 1 יארגאנג.

טעלעגראמע פון פרעזידיום פונם צוזאמענפאר פון זפפ

צום פארזיצער פונם ראט פון די פאלקס־קאמיסארן פון ססר יאסיף סטאלין

דער צוזאמענפאר פונם פארבאנד פון די פוילישע פאטריאטן אין ססר שטעלט מיט פרייד פעסט, אז — נישט געקוקט אויף אלע שטערונגען און באמיאונגען פון די שונאים — האט די סאוועטישע רעגירונג און איר פערזענלעך געהאט א פאזיטיווע און פריינדלעכע באציאונג צום באפרייאונגס־קאמף פון פוילישן פאלק, צו דער פראגע פון צוריקאויפבויען א פריי, אומאפהענגיק און שטארק פוילן אין רעזולטאט פון דער מלחמה און צום איינשטעלן פריינדלעכע באציאונגען צווישן אונדזערע פעלקער נאך דער מלחמה.

דער צוזאמענפאר פון זפפ דריקט אויס זיין דאנק און אויפריכטיקע דאנקבארקייט דער סאוועטישער רעגירונג און אייך פערזענלעך פאר דער הסכמה צו פארמירן די פוילישע דיוויזיע א. נ. פון טאדעוש קאשטשושקא, פאר דער אלזייטיקער הילף ביים פארמירן זי, און אויך פאר דער גינסטיקער שטעלונג צו דער פראגע וועגן ארגאניזירן הילף פאר די פוילישע פליטים און באפרידיקן זייערע בילדונגס־ און קולטור־באדערפענישן.

דער צוזאמענפאר פון זפפ פארזיכערט אייך און דער סאוועטישער רעגירונג, אז די פאליאקן אין ססר וועלן דערפילן זייערע פליכטן לגבי דעם פאראייניקטן פראנט פון די פעלקער, וואס קעמפן קעגן דער היטלערישער טיראניע, באזונדערס וועלן זיי דערפילן זייער זעלנערישן חוב און, קעמפנדיק קעגן די דייטשישע איינדרינגער ארעם ביי ארעם מיט דער העלדישער רויטער ארמיי, וועלן זיי צעמענטירן מיט בלוט די וואפן־ברודערשאפט

---

[1] „פריי פוילן". (רעד.)

און די פֿריינדשאַפֿט צווישן פּוילישן פֿאָלק און די פֿעלקער פֿון ראַטנפֿאַר־באַנד.

טיף איבערצייגט, אַז דאָס באַרפֿעסטיקן די פּויליש־סאָוויעטישע פֿריינדשאַפֿט געהערט צו די וויכטיקסטע פּוילישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און אַנטשפּרעכט אויך די אינטערעסן און ווינטשן פֿון ראַטנפֿאַר־באַנד, פֿאַרזיכערן מיר אייך, אַז מיר וועלן נישט דערלויבן צו שטערן דערין די יעניקע, וועלכע ווילן אַריינהאַקן אַ קליַין צווישן פּוילישן פֿאָלק און דעם ראַטנפֿאַרבאַנד, און מיר וועלן זיך באַמיִען מיט אַלע כּוחות צו פֿאַרפֿעסטיקן די פּויליש־סאָוויעטישע פֿריינדשאַפֿט, ווי דעם עיקרדיקן באַדינג פֿאַרן צוריקבאַקומען אונדזער אייגענע אומאָפּהענגיקייט און צו באַפֿעסטיקן דעם שלום נאָכן זיג איבער דייטשלאַנד.

מיר פֿאַרזיכערן אייך, אַז מיר וועלן נישט קאַרגן קיין כּוחות און קרבנות אין דער מלחמה קעגן אונדזער געמיינזאַמען שונא — קעגן דייטשלאַנד, ביז מיר וועלן נישט דערגרייכן קיין פֿולשטענדיקן נצחון, ביז צו דער פֿולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע פֿון היטלער־דייטשלאַנד.

פאָרזיצער פונם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן י. סטאַלין צום פּרעזידיום פונם צוזאַמענפאָר פון די פּוילישע פּאַטריאָטן

צו די פּרעזידיום־מיטגלידער פונם צוזאַמענפאָר
פון דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין פסס״ר

איך דאַנק אייך דערפאַר, וואָס איר האָט זיך געווענדט אַזוי וואַרעם און פריינדלעך צו דער סאָוועטישער רעגירונג.

איך באַגריס הייס אייך און דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין פסס״ר, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַ דערפאָלגרייכע אַרבעט צו פאַראייניקן זיינע כוחות און פאַרשטאַרקן די פריינדשאַפט צווישן פּוילישן פאָלק און די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד.

איר קאָנט זיין זיכער, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וועט טאָן אַלץ וואָס ער קאָן, כדי צוצואיילן די מפּלה פון אונדזער געמיינזאַמען שונא — היטלער־דייטשלאַנד, כדי צו פאַרשטאַרקן די פּויליש־סאָוועטישע פריינדשאַפט און מיט אַלע מיטלען מיטווירקן צום אויפבויען צוריק אַ שטאַרק און אומאָפּהענגיק פּוילן.

איך ווינטש אייך דערפאָלג אין אייער אַרבעט.

י. סטאַלין

דעם 17 יוני 1943 י.

[1] י. וו. סטאַלין: זאַמלונג פון דאָקומענטן אין דער פּוילישער פראַגע". פאַרלאַג „קשיאָנזשקאַ אי וויעדזאַ", זייט 12 (אין פּויליש). (רעד.)

פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן

אלפרעד לאַמפּע

וואנדא וואשילעווסקא

יאַקוב בערמאַן

הילאַרי מינץ

אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי

ראָמאַן זאַמבראָווסקי

סטאַניסלאַוו ראַדקיעוויטש



עדוואַרד אָכאַב

זיגמונט מאָדזעלעווסקי

„וואָלנאַ פּאָלסקאַ“
אָרגאַן פון פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן
נר. 15, 16 יוני 1943 יאָר, 1 יאָרגאַנג

אידייען־דעקלאַראַציע פון פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין פּסח

עס זיינען שוין אַדורך כמעט 4 יאָר, זינט דער דייטשישער אימפּעריאַליזם האָט פאַרניכטעט די פּוילישע מלוכה, צעריסן דאָס לאַנד, צעטרעטן די פרייהייט, דערנידעריקט דעם מענטשן, געקרייציקט דאָס פאָלק. די אָקופּאַנטן האָבן שוין דורכגעפירט אין פּוילן אַ שרעקלעכע אויסראָטונג פון דער באַפעלקערונג, אַ פאַרניכטונג פון דער ווירטשאַפט און פון דער ציוויליזאַציע. יעדער טאָג, וואָס עס דויערט די דייטשישע אָקופּאַציע, באַדייט דאָס ווייטערדיקע בלוטיקן פון פאָלק, ברענגט ווייטערדיקע באַרלוסטן.

אין לאַנד שטעלט דאָס פאָלק עקשנותדיק אַ ווידערשטאַנד די דייטשישע אָקופּאַנטן, צואייַלנדיק דעם טאָג פון דעם אַלגעמיינעם פאָלקס־אויפשטאַנד, וועלכער וועט ענדלעך אָפּווישן דעם שונא פון דער אויבערפלאַך פון דער פּוילישער ערד.

אונדזערע גרויסע פאַרבינדעטע פאַרשאַפן דעם שונא אַלץ שווערערע פאַרלוסטן אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט, דערנענטערנדיק די מינוט פון דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד און זיינע פאַרבינדעטע.

די מלחמה איז אַריין אין אַ דעצידירנדיקער פאַזע. אין דער ראַזיקער איבערברוך־צייט קאָנען די פּאָליאַקן, וואָס זיינען צעזייט איבער דער וועלט, נישט בלייבן פּאַסיוו.

* * *

אין סעפּטעמבער 1939 יאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן די פּאָליטישע, מיליטערישע און מאָראַלישע נישטיקייט פון דעם סיסטעם פון פאַר־סעפּטעמבער, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין פולקאָמער באַנקראָט. אונדזער

פאלק האט טייער באצאלט דערפאר, וואס עס האט נישט געקאנט באַצייטנס זיך באפרייען פון די רעאקציאנערע, פאשיסטישע רעגירונגען מיט רידז-שמיגלי און בעק אין דער שפיץ.

די סעפטעמבער-קאטאסטראפע האט ארויסגערוקט די נויטווענדיקייט פון דער פולשטענדיקער ליקווידאציע פון די רעשטלעך פונם פארסעפטעמבערדיקן סיסטעם, האט ארויסגערוקט די נויטווענדיקייט אפצוווארפן די די אפגעלעבטע פארמען און אידייען, גובר צו זיין די אינערלעכע צעריסנקייט, האט ארויסגערוקט די נויטווענדיקייט פון פאראייניקן דאס פאלק אויף נייע יסודות, וועלכע אנטשפרעכן דער איצטיקער ווירקלעכקייט.

אזא פאראייניקונג איז אומבאדינגט נייטיק לטובת דער באפרייאונג און ווידערגעבורט פון פאטערלאנד. דער פראצעס פון אזא נאציאנאלער פאראייניקונג האט זיך שוין אנגעהויבן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה און האט זיך אנטפלעקט אין דעם פראכטפולן פאטריאטישן אויפברויז פון די ווארשעווער איינוואוינער בעת דער אומפארגעסלעכער פארטיידיקונג פון ווארשע. אין לאנד אנטוויקלט זיך דער דאזיקער פאראייניקונגס-פראצעס פונם פאלק אין פייער פון קאמף.

אויף דער עמיגראציע אבער זיינען פארבליבן פארשידענע אפגעשטאַנענע פאליטישע גרופן, אזאן,[1] א. נ. ר.[2] און אנדערע גרופן, וועלכע קאנסערווירן די פארשימלטע פארטייאישע און קליקע-אפצוימונגען, אפהיטנדיק די פארדארבנדיקע אנשויאונגען פון נעכטן, האמעווען דעם באפרייאונגס-קאמף פון פאלק. די דאזיקע גרופן — כאטש פאראנטווארטלעכע פאר דעם אומגליק פון פאלק — ציען אויס די גיריקע לאפעס צו דער פוילישער צוקונפט.

די עמיגראנטישע רעגירונג פון גענעראל שיקארסקי האט נישט אויסגעפירט די גרויסע אויפגאבן, וועלכע זי האט באדארפט אויספירן. אנשטאט צו פירן א פאליטיק פון אמתער נאציאנאלער איינהייט, פירט די רעגירונג פון גען. שיקארסקי, וואס קייקלט זיך אראפ אויפן דומלאזן וועג פון אזאן, א פאליטיק פון אינערלעכער צעריסנקייט.

די רעגירונג פון גען. שיקארסקי פארשטארקט נישט דעם קאמף פון פאלק פאר באפרייאונג, נאר זי האמעוועט דעם קאמף. דאס פראפאגירן אין לאנד א פאליטיק פון פאסיווקייט און אפווארטן, איז נישט עפעס אנדערש ווי פירן א טעטיקייט צום שאדן פון פוילן.

---

[1] סאנאטארישע פאשיסטישע פארטיי אין דער לעצטער צייט פאר דער מלחמה. (רעד.)

[2] פאשיסטישע, סאנאטאריש-ענדעקישע פאגראם-ארגאניזאציע. (רעד.)

אַנשטאָט צו בלייבן טריי דעם לאָזונג, וואָס לויטעט, אַז היטלער־דייטשלאַנד איז דער געפערלעכער שונא פון פוילישן פאָלק און אַז קיין שום קאָמפּראָמיס מיט אים איז נישט מעגלעך — האָט די רעגירונג פון גענ. שיקאָרסקי זיך געלאָזט פאַנגען פון דער היטלערישער פּראָוואָקאַציע אַרום דעם קאַטינער וואַלד, זי האָט זיך אויסגעבראָכן פון דעם פראָנט פון די פאַרייניקטע פעלקער און איז אַוועק אויפן היטלעריסטישן שטריקל.

די רעגירונג פון גענ. שיקאָרסקי האָט אָפּגעוואָרפן די באַראַנענע מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן קאַמף פון פּאָליאַקן קעגן די דייטשן אויפן סאָוועטיש־דייטשישן פראָנט און האָט אַרויסגעפירט די פוילישע אַרמיי פון פּסס״ר. די רעגירונג פון גענ. שיקאָרסקי האָט געבראָכן דעם געגעבענעם צוזאָג צו ענדערן דעם פאַטאַלן קורס פון די רעגירונגען פון פאַר סעפטעמבער אין באַצוג צום ראַטנפאַרבאַנד.

די רעגירונג פון גענ. שיקאָרסקי האָט אויך געבראָכן דעם צוזאָג צו פאַרטיפן די פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען מיט טשעכאָסלאָוואַקיע.

אַזוי אַרום האָט די רעגירונג פון גענ. שיקאָרסקי נישט נאָר פאָרמעל איבערגענומען די מאַכט פון די הענט פון דער באַנקראָטירטער און צעקלאַפּטער קליקע פון דער אָזאָניש־סאַנאַציִשער רעגירונג, האָט נישט נאָר פאָרמעל אָנערקענט די קראַפט פון דער אַנטידעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1935, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דעם פאָלק, נאָר איז געוואָרן דער פאַקטישער יורש און קאָנטינואַטאָר פון דער פּאָליטיק, וואָס האָט שוין איין מאָל דערפירט פּוילן צום חורבן.

דערביַי ווערט די פראַגע פון צונויפבינדן און אַקטיוויזירן אַלע פּראָגרעסיווע כוחות פון דער פוילישער עמיגראַציע נאָך מער אַ ברענענדיקע נויטווענדיקייט.

דער פאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן אין פּסס״ר איז אַנטשטאַנען, כדי צו פאַרייניקן אין דער צייט פון מלחמה די פּאָליאַקן, וואָס וווינען אויף דער סאָוועטישער ערד, אָן אונטערשייד פון פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע אָנשויאונגען אין איין פּאָליטישן לאַגער פון קאַמף קעגן היטלעריזם.

די דאָזיקע באַוועגונג שטעלט זיך פאַר אַ ציל, אין הסכם מיטן סטאַטוט פון ז. פ. פ., צו העלפן דעם פוילישן פאָלק אין באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד פון דער היטלעריסטישער קנעכטשאַפט; צו אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן קאַמף פון די פּאָליאַקן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי קעגן די דייטשישע פאַרכאַפּער; דעם קאַמף אומצוקערן די סוווערענע רעכט און אומאָפּהענגיקייט פון דער פוילישער מלוכה; דעם קאַמף אויפצובויען אַ

דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין באַפרייטן פּוילן; צו פאַרשטאַרקן די פריינדלעכע באַציאונגען פון פוילישן פאָלק מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן האָט אויך אויסגעפילן אַנדערע וויכטיקע אויפגאַבן — צו באַפרידיקן די מאַטעריעלע, קולטורעלע און אַנדערע באַדערפענישן פון דער פוילישער עמיגראַציע אין פססר.

דער ז. פ. פ. שטרעבט אויפצוהאַלטן דעם געזונטן נאַציאָנאַלן געפיל ביי די פּאָליאַקן אין פססר, און אויך דערצו, אַז די פּאָליאַקן, וואָס וועלן זיך אומקערן פון דער עמיגראַציע אין זייער היימלאַנד, זאָלן מיט זיך מיטברענגען חוץ דעם געפיל פון דערפילטן פליכט אויך די מאָראַלישע און פּאָליטישע קרעפטיקייט.

* * *

אַלס די ערשטע הויפּט־אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונדזער פּאָלק, האַלטן מיר דאָס צעקלאַפּן דעם שונא, וועלכער באַלעבאַטעוועט שוין דאָס פערטע יאָר אויף די חורבות פון אונדזערע שטעט, אויפן אש פון אונדזערע דערפער.

דער זפּפּ וויל העלפן דעם לאַנד און אַלע די, וואָס נעמען אָנטייל אין דעם היסטאָרישן קאַמף קעגן פאַשיזם.

דורך גרינדן אַ פוילישע מיליטערישע פאָרמאַציע אין פססר, דורך וואָפן־ברידערשאַפט מיט דער רויטער אַרמיי אין דער קריג מיט דייטשלאַנד — שטרעבט ז. פ. פּ. צו באַפעסטיקן די שון־עקזיסטירנדיקע פריינדשאַפט פון פוילישן פאָלק מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד און פאַרשטאַרקן זי אין דער צוקונפט.

אין אָנבליק פון דעם פאַרניכטונגס־שגעון, דעם ציניזם און די ברוטאַלקייט, מיט וועלכע די דייטשן ראָטן אויס אונדזער פאָלק, ריכט זיך אַרויס אַלס הויפּט־פּראָבלעם פון דער פוילישער פּאָליטיק דאָס פאַרזיכערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ קעגן דער מעגלעכקייט אויפסניי באַדראָט צו ווערן דורך דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם.

די איינציקע ריכטיקע פּאָליטיק היינט, ווי פריער פאַרן יאָר 1939, איז אַ בונד מיטן ראַטנפאַרבאַנד, אונדזער נאַטירלעכן פאַרבינדעטן.

דער פאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן אין פססר, שטרעבט צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע פאַרבאַנדן פון פּאָליאַקן אויף דער גאַנצער וועלט צו דערגרייכן דאָס, אַז אין די באַציאונגען צווישן פוילן און פססר זאָל הערשן פריינדשאַפט און צוזאַמענאַרבעט אין קאַמף בעת דער מלחמה, די ענגסטע צוזאַמענאַרבעט און אַ דויערהאַפטער בונד נאָך דער מלחמה.

דער פאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן אין פססר שטרעבט דערצו, אַז צווישן פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע זאָל זיך ענדלעך איינמאָל פאַר

די פּרעסע פון דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע

אלעמאל ענדיקן דער פעריאד פון אמאליקע שטרייטן און קריגעריייען, אז די פויליש־טשעכאסלאוואקישע פאליטישע און עקאנאמישע צוזאמענארבעט זאל פארווירקלעכט ווערן.

* * *

דער פארבאנד פון די פוילישע פאטריאטן אין ססר קעמפט:

פאר א דעמאקראטיש פוילן, אין וועלכן די אינטערעסן פון פאלק זאלן נישט זיין אונטערגעווארפן די אינטערעסן פון פריווילעגירטע, אין וועלכן עס וועט פארווירקלעכט ווערן די אמתדיקע מאכט פון פאלק;

פאר א פוילן, אין וועלכן דער דעמאקראטישער סיים וועט באשטימען וועגן די רעגירונגען, וועגן די רעכטן און פליכטן פון די בירגער;

פאר א ניי פוילן, אין וועלכן עס וועט איבערגעבויט ווערן די סטרוקטור פון דער לאנדווירטשאפט, אין וועלכן די פויערים וועלן באקומען אומזיסט ערד, אין דער ערשטער ריי די אָרעמדיקע און ווייניק־ערדיקע פויערים, ווי אויך די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער און די גאלוואַרקדינער־שאפט, אין וועלכן די שעפערישע ארבעט וועט זיין דער עקזיסטענץ־יסוד פון די בירגער און פון דער געזעלשאפט, אין וועלכן עס וועט אין א שנעלן טעמפ ליקווידירט ווערן אונדזער ווירטשאפטלעכע און קולטורעלע אפגעשטאנענקייט;

פאר א פוילן, א באפרייטס פון דער הערשאפט פון די גוטס־באזיצער, קארטעלן־בעראנען, באנק־וווכערניקעס און בערזע־שפעקולאנטן, אין וועלכן דער באפרייטער פויער וועט באלעבאטעווען אויף אייגענער ערד, אין וועלכן דער פיזישער און גייסטיקער ארבעטער וועט באקומען ארבעט, מלוכהשע אויפזיכט און מענטשלעכע לעבנס־באדינגונגען;

פאר א יושרדיק פוילן, אין וועלכן עס וועלן פארגיטיקט ווערן די עוולות, וועלכע דער פאשיסטישער אָקופאנט איז באגאנגען לגבי די באזונדערע בירגער, אינסטיטוציעס, פאריינען, דער קירך, דער גאנצער געזעלשאפט, אין וועלכן פארעטער און רעגענאטן וועלן באקומען די פארדינטע שטראף, און ערלעכע דינסט אין די רייען פון דער ארמיי, אין די אויפשטאנד־אפטיילונגען און אין די פארטיזאנער־רייען — וועט באלוינט ווערן;

פאר א פוילן פון בירגערלעכער, פאליטישער און רעליגיעזער פרייהייט, אָן ראסן־ און נאציאנאלן האס, פאר א פוילן פון פרייהייט פון ווארט און געוויסן;

פאר אן אומאפהענגיק פוילן, וואס וועט נישט זיין קיין שפילצייג פון פרעמדן אימפעריאליזם און נישט זיין רויב;

פאַר אַ פּוילן אַ שטאַרקס אויסערלעך — נישט דורך פאַרכאַפּן פרעמדע ערד, נאָר דורך פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען מיט אַלע אונדזערע פאַר־בינדעטן;

פאַר אַ פּוילן אַ פאַרגעשריטנס, אַ שלום־ליבנדיקס, אַן אינערלעך באַנייטס.

* * *

אָנבינדנדיק צו די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון די גרויסע בויער פון דער פּוילישער מלוכה — פון די באָלעסלאַווס און לאָקעטעקן — שטרעבן מיר צו פאַרשטאַרקן פּוילן אויפן מערב און ביים באַלטיק.

נאָך דעם זיגרייכן פאַרענדיקן די מלחמה, דאַרף אין שלעזיע רעסטאַווירט ווערן די פּוילישקייט. די פּוילישע עטנישע מאַסע אין שלעזיע מוז ווידער פאַראייניקט ווערן מיט איר פּוילישן שטאַם. דער אויסגוס פון דער ווייסל, פון דער גרונטיקער לעבנס־אַרטעריע פון אונדזער לאַנד, דאַרף זיך אומקערן אין די פּוילישע הענט. מזרח־פּרייסן קאָן נישט ווייטער עקזיסטירן אַלס פעסטונג פון דעם דייטשן אימפּעריאַליזם, אַלס אַ באַריערע, וואָס טיילט אָפּ פּוילן פון באַלטיק.

פאַראורטיילנדיק דעם אָנטייל פון דער רעגירונג פון רידז־בעק אין דער צעטיילונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע, האַלטן מיר, אַז אונדזער גרענעץ מיט טשעכאָסלאָוואַקיע אויף דער אָלזע דאַרף אויפסניי רעגולירט ווערן צוזאַמען מיט דער ווידערגעבוירענער טשעכאָסלאָוואַקישער מלוכה, אויף אַ פרידלעכן אופן, וואָס זאָל נישט שטערן דער דויערהאַפטער פריינדשאַפט צווישן אונדזערע פעלקער.

די מזרח־גרענעץ פון דער רעפּובליק קאָן און מוז ווערן דער פאַרבינדער און נישט די צוים צווישן אונדז און אונדזער מזרח־שכן.

אָנערקענענדיק דעם פּרינציפּ, אַז די גאַנצע פּוילישע ערד מוז פאַראייניקט ווערן אין די גרענעצן פון דער פּוילישער מלוכה, האַלטן מיר, אַז די גרענעצן פון ריגער טראַקטאַט האָבן נישט אַנטשפּראָכן די גערעכטע שטרעבונגען פון די אוקראַינער און ווייסרוסן צו אייגענער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון פרייהייט, פאַר וועלכע די פאַראייניקטע פעלקער קעמפן קעגן היטלעריזם, פאָדערן מיר נישט פאַר זיך קיין איין שפּאַן אוקראַאינישע, ווייסרוסישע, אָדער ליטווישע ערד.

עס איז די העכסטע צייט צו פאַרשיטן דעם קינסטלעך־געשאַפענעם תהום, וואָס האָט אונדז לאַנג אָפּגעטיילט פון די אונדז נאָענטע לויט דער שפּראַך, גייסט, געשיכטע — אוקראַאינישן, ווייסרוסישן, רוסישן און טשע־

בישע פעלקער. אין דער אטמאָספער פון פריינדשאַפט און קאָנגזייטיקן צוטרוי, קאָן און וועט די פראַגע פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן רעגולירט ווערן גינסטיק, אין הסכם מיט די אינטערעסן פון אַלע פאַראייניטע רעפובליקאַנישע פעלקער.

פאַרזיכערט פון מזרח און דרום, שטאַרק דורך דער שטיצע פון אונדזערע פאַרבינדעטע, וועלן מיר קאָנען אויף זיך נעמען די לאַסט פון מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איינשטעלן די שלום־וואַך ביי דער אָדער, כדי אוממעגלעך צו מאַכן אַ נייעם אָנפאַל פון אימפעריאַליסטישן דייטשלאַנד.

* * *

פאַראורטיילנדיק די פּאָליטיק פון דער רעגירונג פון גען. שיקאָרסקי, באַציט זיך נישט דער פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן נעגאַטיוו צו די אַלע, וועלכע שטיקען נאָך צוטרוי צו דער דאָזיקער רעגירונג. יעדער, וואָס קעמפט קעגן דער היטלעריסטישער טיראַניע, איז אונדז אַ פריינד און אַ ברודער.

פאַראייניקנדיק די פּאָליאַקן אין פּסטר און פאַרבינדנדיק זייער אָנשטרענגונגען מיט די אָנשטרענגונגען פון גאַנצן קעמפנדיקן פאָלק, רופט דער פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן אַלע פּאָליאַקן צו איינהייט אונטערן צייכן פון מאַט, צו איינהייט אונטערן צייכן פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן פאַרכאַפער, צו איינהייט אונטערן צייכן פון באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד פון דער היטלעריסטישער טיראַניע.

„וואָלנאַ פּאָלסקאַ"
אָרגאַן פונם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן
נר. 25, 1 סעפּטעמבער 1943 יאָר, 1 יאָרגאַנג.

דער ערשטער פּוילישער קאָרפּוס אין פסס"ר

דאָס פאָרמירן די דיוויזיע א. נ. פון הענריק דאָמבראָווסקי

די סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן דערפילט די בימע פון ז.פ.פּ. און דערלויבט צו פאַרגרעסערן די פּוילישע באַוואָפנטע כוחות אין פסס"ר און פאָרמירן אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד א פּוילישן קאָרפּוס.

אונדזער באַוואָפנטער כוח וואַקסט. צוגלייך מיט דער 1־טער דיוויזיע אויפן נאָמען פון טאַדעוש קאָשטשיושקאָ ווערט שוין היינט געשאַפן די 2־טע דיוויזיע אויפן נאָמען פון הענריק דאָמבראָווסקי, אויפן נאָמען פונם קאָמאַנדיר, וועלכער האָט געפירט דאָס פּוילישע מיליטער פון דער ווייטער איטאַליענישער ערד צום פאָטערלאַנד.

קאַראָל שווערטשעווסקי
שעפער פון דער II פוילישער ארמיי, מיטגליד פון צ.ק. פפר, אומגעקומען
פון אַ קויל פון די אוקראַאינישע פאשיסטן דעם 23 מערץ 1947 יאָר

„וואָלנאַ פּאָלסקאַ"
אָרגאַן פונם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן
נר. 31, 16 אָקטאָבער 1943 יאָר, 1 יאַרגאַנג

די קאָשטשושקאָווצעס האָבן איבערגעבראָכן דעם דייטשישן פאַר־טיידיקונגס־פּאַס

ספּעציעלער באַפעל[1]

13 אָקטאָבער 1943, 1,30 ביינאַכט

צו די קאָמאַנדירן פון די טיילן און פאָרמאַציעס פון קאָרפּוס.

לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן דערהאַלטן אין דער איצטיקער מינוט, האָט נעכטן, דעם 12־טן אָקטאָבער, די ערשטע דיוויזיע א. נ. פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ איבערגעבראָכן דעם דייטשישן פאַרטיידיקונגס־פּאַס און אויסגעפירט די טאָג־אויפגאַבע.

ערע און רום דער דיוויזיע א. נ. פון קאָשטשושקאָ, וועלכע האָט מיטן אייגענעם בלוט די ערשטע אונדז געעפנט דעם טויער צום געליבטן פאָטער־לאַנד.

זאָלן לעבן די, וועלכע האָבן דערפילט די טרוימען פון די פּאָליאַקן, וועגן באַוואָפנטן קאַמף מיטן דורותדיקן שונא — דעם דייטשישן אָנפאַלער — פאַר באַפרייען פּוילן.

ערע און רום דעם גרויסן מעכטיקן פריינד פון פּוילן — דעם ראַטנפאַרבאַנד.

ערע און אייביקער רום די ערשטע העלדן, וועלכע זיינען אומגעקומען אין קאַמף פאַר אַ פריי, גרויס, אומאָפּהענגיק און דעמאָקראַטיש פּוילן.

די דאָזיקע ידיעה דאַרף מען איבערגעבן פאַרן פראָנט פון די טיילן און סוב־אָפּטיילונגען אויף ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען דעם 13־טן אָקטאָבער 1943, 12 אזייגער ביים אָנטייל פון דעם פולן אָפיציר־ישן צוזאַמענשטעל.

פאַרטרעטער פון קאָרפּוס־קאָמאַנדיר
קאַראָל שווערטשעווסקי
בריגאַדע גענעראַל

---

[1] דער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דירעקט פאַר דער שלאַכט הינטער לעניגאָ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 12 אָקטאָבער 1943 יאָר. די שלאַכט הינטער לעניגאָ איז געווען דער אָנהייב פון באַרימטן מאַרש פון די פּוילישע אָפּטיילונגען ביז בערלין. (רעד.)

„וואָלנאַ פּאָלסקאַ"[1]

ארגאַן פֿונם פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן

נר. 31, 16 אָקטאָבער 1943 יאָר 1 יאָרגאַנג

די באַראַטונג פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די פּוילישע יידן אין סס"ר.

אין די טעג פֿון 18—20 נאָוועמבער איז פֿאָרגעקומען אינם לאָקאַל פֿון דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע אַ באַראַטונג פֿון די פּוילישע יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, צונויפֿגערופֿן דורך דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿון די פּוילישע יידן ביי דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿונם פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן.

עס האָבן אָנטייל גענומען אין דער באַראַטונג פֿאָרשטייער פֿון די גרעסערע קיבוצים פֿון פּוילישע יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, דעלעגאַטן פֿון מיטל־אַזיע, אוקראַינע, אוראַל, קויבישעווער געגנט, סאַראַטאָווער געגנט און אַנד. אינם לאָקאַל פֿון דער באַראַטונג האָט דער היסטאָרישער רעפֿעראַט ביים ז.פּ.פּ. איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פֿון מאַטעריאַלן וועלכע האָבן אילוסטרירט דעם אָנטייל פֿון די פּוילישע יידן אינם אַלגעמיינעם אָנשטרענג פֿון דער פּוילישער עמיגראַציע און בפֿרט די רעזולטאַטן פֿונם פּראָדוקטיוויזיר־פּראָצעס, וועלכן עס האָבן אַדורכגעמאַכט די פּוילישע יידן אין משך פֿון זייער זעקס־יאָריקן זיין אין ראַטנפֿאַרבאַנד, און וועלכער דאַרף אָפּשפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין זייער לעבן אינם ווידערגעבוירענעם פּוילן.

צו דער באַראַטונג זיינען געקומען דער אַמבאַסאַדאָר פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס־רעפּובליק, די הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן, פֿאָרשטייער פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פֿון אַנדערע פּוילישע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און פֿון דער סאָוועט־

---

[1] באַלד נאָכן אַנטשטיין פֿונם פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין יאָר 1944 האָבן די פּוילישע יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד זיך אָרגאַניזירט, געשאַפֿן אַן אָר־גאַניזיר־קאָמיטעט ביי דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון ז.פּ.פּ. דער אָרגאַניזיר־קאָמי־טעט האָט געפֿירט די אַרבעט צווישן די פּוילישע יידן און צונויפֿגערופֿן די באַראַטונג פֿון די פּוילישע יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. (רעד.)

טישער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן באַגריסט די באַראַטונג און איר געווונטשן פרוכטבאַרע רעזולטאַטן.

נאָכן אויסהערן די רעפעראַטן וועגן די דערגרייכונגען פון די פּוילישע ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד, דעם ווידעראויפבוי פון ייִדישן לעבן אין דעמאָקראַטישן פּוילן, דער טעטיקייט פונם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּוילישע ייִדן ביים פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן — און נאָך אַ גרינטלעכער דיסקוסיע — האָט די באַראַטונג צווישן אַנד. פעסטגעשטעלט אַט וואָס:

די אָפּגעראַטעוועטע פּוילישע ייִדן גיבן אָפּ כבוד און דריקן אויס זייערע טיפסטע געפילן פון פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט דער העלדישער רויטער אַרמיי. דער רעטערין פון די פּוילישע ייִדן. די רויטע אַרמיי, וועלכע האָט צעגראָמירט דעם ברוינעם פאַשיזם, האָט אַ פאַרדינסט אויף דור־דורות פאַר דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. מיר, די לעצטע געבליבענע פּוילישע ייִדן, האָבן צו פאַרדאַנקען אונדזער רעטונג דער העלדישקייט פון אירע שלאַכט־לייט און דער גאַסטפריינדלעכקייט פון אַט דער מלוכה, וואָס איר פאַרשטייער האָט אָפיציעל דערקלערט פון דער קרעמל־טריבונע, אַז יעטוועדע ראַסן־שנאה און אַנטיסעמיטיזם ווערט דורך איר טראַקטירט ווי אַ פאַרברעכן.

הײַנט, אַ דאַנק דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי, זײַנען מיר עדות פון דעם תחית־המתים פון די ייִדישע ישובים אין אייראָפּע, אין בולגאַריע, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך, בעלגיע און אַנדערע לענדער. הײַנט זעען מיר קלאָר, ווי שטאַרק דער גורל פון די ייִדן איז פאַרבונדן מיט דער זאַך פון דעמאָקראַטיע. נאָר דאָרטן, וווּ עס זיגט די דעמאָקראַטיע, קאָנען די ייִדן צולייגן זייערע כוחות ווידעראויפצובויען דאָס ווירטשאַפטלעכע און קולטור־לעבן פון לאַנד און ווידעראויפצושטעלן זייער אייגן נאַציאָנאַל לעבן. דער בײַשפּיל פון ראַטנפאַרבאַנד און פון בולגאַריע, וווּ אַנטיסעמיטיזם ווערט באַשטראָפט מיטן העכסטן מידת־הדין, קאָן דינען ווי אַ מוסטער ווי אַזוי מען קאָן ווירקזאַם באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם.

דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דעם נײַעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

אויף צווייי וועגן איז געגאַנגען דאָס ייִדישע לעבן נאָך דער סעפּטעמבער־קאַטאַסטראָפע. דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז געבליבן אין לאַנד. דער וועג פון אָט דעם טייל האָט געפירט נישט בלויז דורכן שליאַך פון מאַרטירעריי, פון מײַדאַנעק און טרעבלינקע, נאָר אויך דורך דער גבורה פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פון די

אויפשטענדלער פון ווארשעווער און ביאליסטאקער געטא. פון די דאזיקע יידן האבן זיך, ליידער, געראטעוועט נישט קיין סך.

דער חוב אויפצושטעלן אויפסניי דאס יידישע לעבן אין פוילן ליגט אזוי ארום אין א גרויסער מאס אויף די פוילישע יידן, וואס האבן זיך געראטעוועט אין ראטנפארבאנד.

די פוילישע יידן אין ראטנפארבאנד, קאנצענטרירנדיק זיך צוזאמען מיט דער גאנצער פוילישער עמיגראציע ארום דעם פארבאנד פון די פוילישע פאטריאטן, האבן צוגעשמידט דער ערשטער פוילישער ארמיי, וועלכע איז אנטשטאנען אויף דער סאוויעטישער ערד, א גרויסע צאל אויסגעצייכנטע אפיצערן און זעלנער. אין דעם באוואפנטן קאמף פון דער פוילישער עמיגראציע צוזאמען מיט דער רויטער ארמיי האבן זיך באטייליקט א סך פוילישע יידן. דער רומפולער וועג פון פוילישן מיליטער פון לענינא דורך ווארשע צום באלטיק און בערלין איז באשפריצט אויך מיטן בלוט פון פוילישע יידן. קיין שום אנדערס וועט נישט זיין אימשטאנד אפצומעקן דאס בלוט, וואס איז פארגאסן געווארן אין די שלאכטן פאר דער אומאפהענגיקייט פון פוילן.

פוילישע יידן האבן אויך געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער ארמיי, דער באפרייערין פון פוילן. צווישן די נעמען פון העלדן פון ראטנפארבאנד געפינען זיך אויך פוילישע יידן.

די פוילישע יידן פון ראטנפארבאנד האבן גענומען אנטייל אין באפרייען דאס היימלאנד, זיי וועלן זיך אויך באטייליקן אין זיין אויפבוי.

פון אונדזער שטאנדפונקט זיינען זייער וויכטיק די ענדערונגען, וועלכע זיינען פארגעקומען אין דער פראפעסיאנעלער סטרוקטור פון די פוילישע יידן אין ראטנפארבאנד. צווישן די פוילישע יידן זיינען בעת זייער אנקומען קיין ראטנפארבאנד געווען סך־הכל 30 פראצענט פראדוקטיווע עלעמענטן. איצט פארמאגן פראפעסיאנעלע קוואליפיקאציעס 70 פראצענט. די פוילישע יידן אין ראטנפארבאנד האבן באהערשט א ריי נייע פאכן. זיי ארבעטן אין דער מעטאלורגיע, בארגוועזן, נאפט־גרובנס, הוטעס, עלעקטרישער אינדוסטריע, בוי־אינדוסטריע, קאמוניקאציע און א סך אנדערע געביטן. טויזנטער פוילישע יידן האבן געארבעט אין דער קריגס־אינדוסטריע, ביי דער פראדוקציע פון עראפלאנען, הארמאטן, טאנקען. אין דער לייכטער אינדוסטריע, אין דער באשפייזונג־ און טעקסטיל־אינדוסטריע זיינען געווען באשעפטיקט ארום 40 פראצענט פון יידישע עמיגראנטן פון פוילן. צווישן די פוילישע יידן זיינען פאראן א סך סטאכאנאוצעס, דערפינדער, ראציאנאליזאטארן. א געוויסע צאל זייערע פארנעמט אין דער

אינדוסטריע אָנפֿירנדיקע פּאָסטנס. אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל אין דער פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון די פּוילישע יידן האָבן געשפּילט די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון אין מיטל־אַזיע און אויפֿן אוראַל.

דער פּראָדוקטיוויזיר־פּראָצעס וועט דינען ווי אַ יסוד ווידעראויפֿצובויען דאָס יידישע לעבן אין פּוילן. מען דאַרף ווי צומשאַרפֿסטן פֿאַראורטיילן די, וועלכע חלומען וועגן ווידערגעבורט פֿונם לעבן לויט די אַמאָליקע נישט־געזונטע ווירטשאַפֿטלעכע פֿאָרמען. אַזוי קאָנען טראַכטן נאָר אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן גאָרנישט געלערנט פֿון אונדזער קאַטאַסטראָפֿע, נישט פֿון די יאָרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, נישט פֿון די ענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר אין נייעם דעמאָקראַטישן פּוילן. די אויפֿגאַבע פֿון די יידישע טוער אין לאַנד וועט זיין צו קאָנטינויִרן דעם פּראָדוקטיוויזיר־פּראָצעס. די ביזאיצטיקע רעזולטאַטן גיבן אונדז אַ רעכט פֿעסטצושטעלן, אַז די יידן פֿון פּוילן וועלן צוהעלפֿן ביים אויסהייבן פּוילן פֿון די חורבות און ביים ווידעראויפֿשטעלן דאָס יידישע לעבן אין לאַנד.

אינם אינטערעס פֿון אָט דעם ווידעראויפֿבוי איז צו שאַפֿן אין לאַנד אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן זיין אימשטאַנד צו אַנטוויקלען אַ שעפֿערישן קולטור־לעבן. איינע פֿון די הויפּטריכטונגען פֿון דער רעפּאַטריאַציע וועט זיין נידער־שלעזיע, וווּ עס זיינען נייטיק אַרבעטס־הענט אין דער מעטאַלורגיע, אין דער טעקסטיל־ און דערנערונגס־אינדוסטריע, און וווּ עס זיינען שוין אַנטשטאַנען די ערשטע יידישע דערפֿער און קאָלאָניעס.

אַן אָנגעזעענער טייל פֿון די פּוילישע יידן האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד. זייער שטעלונג איז אַ פֿולשטענדיק פֿאַרשטענדלעכע און באַרעכטיקטע.

די באַראַטונג האָט באַאַרבעט גענויע פּלענער פֿון אויפֿבויען אין נייעם פּוילן אַ נעץ פֿון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, פֿון ווידעראויפֿשטעלן דאָס יידישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטור־לעבן (שולן, ליטעראַטור, פּרעסע, טעאַטער, ביבליאָטעקן).

מיט לאַנגדויערנדיקע אויסרופֿן: „זאָל לעבן דער גענעראַליסימוס סטאַלין!‟, „זאָל לעבן דער פּרעזידענט ביערוט!‟ איז די באַראַטונג געשלאָסן געוואָרן ביי אַ געהויבענער שטימונג.

צוליב דעם, וואָס עס דערנענטערט זיך די פּערספּעקטיוו פון דער מפּלה פון פאַשיזם און פון באַפרייען פוילן דורך דער סאָוועטישער אַרמיי, רוקט זיך אַרויס אין כּמעט אויבן־אָן דאָס פּראָבלעם פון קאַמף פאַר דער פּאָליטישער מאַכט. לויט דער איניציאַטיוו פון פּפּר אַנטשטייט סוף 1943 און אָנהייב 1944 יאָר דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט, ווי דער אונטערערדישער צענטער פון דער מאַכט פון די פאָלקס־מאַסן בראש מיטן אַרבעטער־קלאַס. די אַנטשטייאונג פון ק.ר.נ. איז געווען אַ זיג פון פּאָליטישן געדאַנק פון פּפּר, האָט געעפנט אַ נייעם עטאַפּ אינעם קאַמף פאַר מאַכט, פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון די פוילישע פאָלקס־מאַסן.

די אַנטשטייאונג פון ק. ר. נ. איז באַגלייט געוואָרן דורך ברידער־מאָרדן און דורך אַ פאַרשטאַרקטער פּאָליטישער דיווערסיע מצד דער רעאַקציע. עס איז קעגנגעשטעלט געוואָרן דעם ק. ר. נ. דער „ראַט פון נאַציאָנאַלער איינהייט”, וועלכער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויף איין פוס. צו דער דיווערסיע זיינען אויך באַנוצט געוואָרן די רעכטע עלעמענטן פון רפּפּס. אַ באַשעפעניש פון אָט דער דיווערסיע, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף איבערכאַפּן די אַוועקגייענדיקע פון דעם ראַט פון נאַציאָנאַלער איינהייט דעמאָקראַטישע עלעמענטן, איז געווען דער א. ג. צענטראַלער פאָלקס־קאָמיטעט (צ.ק.ל.), וועלכער איז אַנטשטאַנען אין מערץ 1944 יאָר.

אין אָט דעם נישט לייכטן פּעריאָד האָבן זיך ביי א טייל פון דער אָנפירונג פון פּפּר באַוויזן וואַקלונגען, וועלכע האָבן פּראַקטיש דערפירט צו דער פאַרקריפּלונג פון דעם הויפּט־געדאַנק פון ק. ר. נ. צו בלאָקירן זיך מיטן צ.ק.ל. און אין דער קאָנסעקווענץ צום צוריקציִען זיך פון דער פּאָזיציע פון אָנערקענען די אָנפירנדיקע ראָל פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף פאַר דער מלוכה־מאַכט. די דאָזיקע טענדענצן זיינען געווען אַן אויסדרוק פון אַן אומגלויבן אין די כּוחות

פון אַרבעטער־קלאַס, פון אונטערגעבן זיך דעם ווילן דרוק פון דער רעאַקציע און קליינבירגערטום.

די אַנטוויקלונג פון די היסטאָרישע געשעענישן האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער פּאָליטישער ליניע פון ק.ר.ג. ווי אַ קאַמפּס־פּראָגראַם פאַר דער מאַכט פון די פּאָלקס־מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער־קלאַס. די קאַפּיטולאַנטישע טענדענצן האָבן נישט געפונען קיין אונטערשטיצונג אין דער פּאַרטיי.

די אידיי פון ק.ר.נ. האָט זיך שנעל אָנגענומען ביי די אַרבעטער־און פּויערים־מאַסן. תיכף נאָכן אַנטשטיין פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, הייבן זיך אָן שאַפן נאַציאָנאַל־ראַטן אין גאַנצן לאַנד. עס זיינען אין זיי אַריינגעגאַנגען אַרבעטער, פּויערים און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ.

די אַנטשטייאונג פון די ראַטן און דער וווּקס פון דער פּאָלקס־אַרמיי, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך ק.ר.ג. זיינען געווען אַ בפירושער סימן, אַז די קאָנסעקווענטע, העלדישע שטעלונג פון פּפּר אינם קאַמף פאַר אַ פּאָלקס־פּוילן ,אינם קאַמף פאַר די רעכט פון דעם אַרבעטנדיקן פּאָלק — האָט געוווּנען די פולע אונטערשטיצונג מצד די פּילמיליאָניקע שיכטן פון די אַרבעטער און פּויערים.

(פונם רעפעראַט פון חבר באָלעסלאַוו
ביערוט אויפן קאָנגרעס פון דער
פּוילישער פאַריייניקטער אַרבעטער־
פּאַרטיי, דעם 15 דעצעמבער 1948 י.).

פון דער רעדע פון
חבר באָלעסלאַוו ביערוט
אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג
פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט
1 יאַנואַר 1944 יאָר.

פון דער רעדע
פון בירגער יאַנאָווסקי (חבר באָלעסלאַוו ביערוט)
אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט
1 יאַנואַר 1944

בירגער! מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט!

אין נאָמען פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי באַגריס איך אייך, פאַרזאַמלטע, דאָ אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט. מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַן אויסערסט וויכטיקער צייט. דאָ אין לאַנד ווי אויף דער וועלט־אַרענע ווערן דעצידירט געשעענישן און באַשלוסן, פון וועלכע עס וועט אָפּהענגיק זיין דער גורל פון פּוילן אויף אַ לענגערער, קאָן זיין, תקופה פון אונדזער געשיכטע. דער דאָזיקער פאַקט גיט צו אייערע באַראַטונגען און באַשלוסן אַ באַזונדערס וויכטיקע היסטאָרישע באַדייטונג. שוין דער פאַקט אַליין פון שאַפן דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט באַדייט אַ באַשלוס פון באַזונדערס גרויסער באַדייטונג פאַר אונדזער לאַנד: דאָס נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון פּוילישן פאָלק דורך די פאַראייניקטע כוחות פון דעם אַנטיפאַשיסטישן און דעמאָקראַטישן לאַגער, וואָס זיינען צוזאַמענגעטרעטן אין דעם קאַמף פאַר פּוילנס פרייהייט, צוזאַמענסטן צונויפגעוואַקסן מיט די אַרבעטער־מאַסן, מיטן קערן פון פאָלק.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק נעמט דער באַשלוס אַן אַזאַ קאָנקרעט־רעאַלן און אָרגאַניזאַציאָנעל־אומיטלבאַרן כאַראַקטער. דאָס פּוילישע פאָלק האָט הינטער זיך אַ פינף און צוואַנציק יעריקע דערפאַרונג פון שווערע עוולות און קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן, וואָס פליסן אַרויס פון דעם פאַרגוואַלדיקן און סיסטעמאַטישן ליקווידירן די דעמאָקראַטישע יסודות דורך די עליטאַרע, רעאַקציאָנערע רעגירונגען. די דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז די רעמאָקראַטישע יסודות פון דער מלוכה־אָר־

דענונג, און װעלכער עס איז פֿאַראינטערעסירט דאָס פֿאָלק, קאָנען רעאַליזירט װערן נאָר דורך דער אָנשטרענגונג פֿון די פֿאָלקס־מאַסן גופֿא.

פּױלן שמאַכט נאָך הײַנט אין די קײטן פֿון דער שרעקלעכסטער טיראַניע און געװאַלד, װעלכע ס'האָט װען עס איז געקענט די געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק. דאָס פּױלישע פֿאָלק מוז זיך העצידירן אױף דער ריזיקער אָנשטרענגונג זיך צו באַפֿרײַען פֿון די דאָזיקע קײטן. אָבער די אַרבעטער־מאַסן פֿון פּױלן האָבן די דאָזיקע אָנשטרענגונג שױן גענומען אױף זיך. דער באַװאָפֿנטער קאַמף קעגן אָקופּאַנט פֿון די אױפֿשטענדלער־אָפּטײלונגען פֿון דער פֿאָלקס־גװאַרדיע, פּױערים־באַטאַליאָנען און אַנדערע מיליטערישע פֿאָרמאַציעס, דױערט, װערט אַלץ שטאַרקער און באַדײַטנספֿולער. דער אומדערהערטער טעראָר און באַרבאַרישקײט פֿונעם שונא שטאַרקן פֿון טאָג־צו־טאָג די שנאה פֿון פֿאָלק צום אָקופּאַנט און דאָס פֿאַרשטײן די נױטװענדיקײט פֿון אַ פּלאַנירטער, דעצידירטער פֿאַרטײדיקונג. בײַ דער זײַט פֿון דער זיגרײַכער רױטער אַרמײ קעמפֿן זײַט לאַנגע חדשים די פּױלישע דיװיזיעס א. נ. פֿון טאַדעוש קאָשטשושקאָ און הענריק דאָמבראָװסקי. אין די פֿלי־ און ים־כּוחות פֿון די פֿאַרבינדעטע נעמען אָנטײל פּױלישע פּליאונים־פֿאָרמאַציעס.

די פֿאַלשע און פֿאַר פּױלן אומגליקלעכע פּאָליטיק פֿון די רעאַקציאָנערע קרײַזן האָט זיך באַמיט צו שטױסן דאָס פּױלישע פֿאָלק אױף די אומװעגן פֿון אָפּגעשטאַנענע שטרעבונגען, אָפּשװאַכן און פּאַראַליזירן זײַן קאַמפֿס־פֿעיִקײט קעגן דײַטשישן אָקופּאַנט, דערפֿירן פּױלן צו דעם געפֿערלעכן קאָנפֿליקט מיט איר װיכטיקסטן שכן אױפֿן מזרח — מיטן פֿאַרבאַנד פֿון סאָװיעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. דאָס אַלץ האָט געצילט צו פֿאַרזיכערן דער רעאַקציע דאָס דעראָבערן אױפֿסנײַ די מאַכט אין פּױלן. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אױפֿן אינטערנאַציאָנאַלן באָדן שענדלעך באַנקראָטירט. אונדזער אױפֿגאַבע איז ניט נאָר אָנצװײַזן דעם פּױלישן פֿאָלק אױף דעם דאָזיקן באַנקראָט, נאָר אָפּנעמען אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל בײַ די דאָזיקע רעאַקציאָנערע באַנקראָטשיקעס די מעגלעכקײט איבערצונעמען דעם מלוכה־רודער און אַרױסצוטרעטן אין נאָמען פֿון פֿאָלק. אונדזער פּראָגראַם איז בױען אַ דעמאָקראַטיש פּױלן, ד. ה. אַ פּױלן װאָס אַנטװיקלט איר עקזיסטענץ און שעפֿערישע ראָל אין אָנשפּאַר אױף דער באַװוּסטזיניקער און טעטיקער מיטבאַטײליקונג און אױף דעם אומבאַצװונגענעם װילן און באַשלוס פֿון די װיכטיקסטע שיכטן פֿון פֿאָלק: פֿון די אַרבעטער, פּױערים, האַנטװערקער און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. אַזאַ פּױלן קאָן און דאַרף

אויפשטיין צום לעבן פון דעם בלוטיקן נעפּל פון דער דאָזיקער פאַרניכטנדיקער און באַרבאַרישער מלחמה. פאַר אַזאַ פּוילן קעמפן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אונדזער לאַנד, אַזאַ פּוילן באַגערט די גרעסטע מערהייט פון אונדזער פאָלק. אָבער אַזאַ פּוילן קאָן אויפשטיין נאָר אין רעזולטאַט פון אַ האַרטן, דעצידירטן קאַמף מיט די ווילדע האָרדעס פון היטלערישן אָקופּאַנט, פון קאַמף אויף לעבן און טויט, צוזאַמען מיט אַלע כוחות פון אַנטיהיטלערישן לאַגער. אין שפּיץ פון די דאָזיקע כוחות, ווי אַ קראַפט, וואָס צעשמעטערט קאָנסעקווענט און אומבויגזאַם די מאַמאַלע מיליטערישע מאַשין פון דייטשלאַנד, וואָס דערלאַנגט איר כסדר אומהיילבאַרע קלעפּ, דעצידירנדיקע פאַרן אַלגעמיינעם אויסגאַנג פון קריג — מאַרשירט די רויטע אַרמיי, די אַרמיי פון די שכנותדיקע מיט אונדז פעלקער פון דער גרויסער סאָוועטישער מלוכה. דאָס פאַרשטיין דעם דאָזיקן פאַקט, וואָס איז שוין היינט אומבאַשטרייטבאַר, דאָס פאַרשטיין די ראָל פון דעם ראַטנפאַרבאַנד אין דער דאָזיקער גיגאַנטישער מלחמה, וואָס וועט ענדערן דאָס פּנים פון דער וועלט, האָט פון אָנהייב באַשטימט די שטעלונג און טעטיקייט פון דעם דעמאָקראַטישן לאַגער, וואָס קעמפט מיטן שונא, און וועלכער ווערט אָנגעפירט דורך דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי. די דאָזיקע שטעלונג קומט צום אויסדרוק אין צוויי עיקרדיקע ריכטליניעס פון דעם טעטיקייטס־פּראָגראַם פון דעם לאַגער: 1) אין דעם אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן קאַמף און אינעם מאָביליזירן דאָס פאָלק צום זעלבשוץ, ווידערשטאַנד און קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט, ווייל אָן אַ זעלבשטענדיקן, קרבנות־גרייטן און דעצידירטן קאַמף פאַר זיין פרייהייט קאָן קיין שום פאָלק זיך נישט פאַרזיכערן און פאַרפעסטיקן קיין אמתע אומאָפּהענגיקייט און סוווערעניטעט אין געמיינשאַפט פון אַנדערע קעמפנדיקע פעלקער; 2) אין דעם פּראָקלאַמירן דורך אונדז קלאָר און אָפן דעם פּרינציפּ, אַז די אויסערלעכע פּאָליטיק פון פּוילן מוז זיך אָנשפּאַרן אויפן בונד און דער אויפריכטיקער פריינדשאַפט מיט אַלע לענדער, וואָס זיינען פאַרבונדן אינעם קאַמף קעגן פאַשיזם און אין דער ערשטער ריי אויפן בונד און דער פריינדשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד, ווי מיט דער מלוכה, וואָס האָט זיך נישט נאָר אויסגערוקט אין שפּיץ פון דעם דאָזיקן קאַמף, נאָר וועמענס ראָל אין דעם אויפבוי פון דער נאָכמלחמהדיקער וועלט וועט נאַטירלעך זיין אַן אָנפירנדיקע. קודם־כל איז די דאָזיקע מלוכה אונדזער אַ מיטלבאַרער שכן, מיט וועלכן דאָס פריינדשאַפטלעכע צוזאַמענלעבן מיט איר איז דער באַדינג פון אונדזער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און גלייכצייטיק דער באַדינג פון דער דויערהאַפטיקייט פון אונדזער אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ.

דער דאָזיקער פּראָגראַם האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ ריכטיקן. ער האָט געפֿונען פֿאַרשטענדעניש און שטיצע ביי די פֿאָלקס־מאַסן און שאַפֿט זיך אַלץ ברייטער אַ וועג צווישן אַלע גרופּן און פֿאָרגעשריטענע טייל פֿון דעמאָקראַטישן לאַגער. אין אָנשפּאַר אויף דעם פּראָגראַם האָט די פּפּר זיך אַרויסגערוקט אויפֿן ערשטן אָרט צווישן די געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע כּוחות, וואָס זיינען טעטיק אין פּוילן. דעם דאָזיקן פֿאַקט קאָן נישט ענדערן די אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע קאַמפּאַניע קעגן דער פּפּר, וואָס עס פֿירן די פֿאָלקספֿיינטלעכע רעאַקציאָנערע קרייזן, וועלכע האָבן זיך דערקייקלט ביזן פֿונאַנדערפּלאַקערן ברודער־קאַמפֿן אינעם לאַנד, וואָס ווערט טיראַניזירט דורכן שונא. טראָץ דער דאָזיקער קאַמפּאַניע, וואָס אירע איינפֿליסן דערגרייכן באַטייטלעך אויך צו דעמאָקראַטישע גרופּירונגען, אָדער מיטער, ווערט אַלץ פֿעסטער די איבערצייגונג, אַז אָן דעם אָנטייל פֿון דער פּפּר, אַלס אַ כּוח, וואָס שפּיגלט אָפּ די געדעכטע שטרעבונגען פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, קאָן נישט פֿאָרקומען קיין שום פֿאָלקס־פֿאַראייניקונג און עס קאָן נישט פֿאַרווירקלעכט ווערן די קאָנצעפּציע פֿון דער רעפּרעזענטאַנץ פֿונעם פֿאָלקס־ווילן.

דער אָנטייל פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די גרונטיקע פּאָליטישע גרופּירונגען אין די באַראַטונגען פֿון דעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט איז בלי ספֿק אַ וויכטיקער אויסדרוק פֿון דער ווירקלעכער פֿאַראייניקונג פֿון די אַנטיפֿאַשיסטישע און דעמאָקראַטישע כּוחות, וואָס קומט פֿאָר אין לאַנד. טראָץ די צעשמעטערישע אָנשטרענגונגען פֿון דער רעאַקציע, רופֿט ביי אונדז אַרויס אַ באַזונדערע פֿרייד דער פֿאַקט, וואָס אינעם אָרגאַניזירן דעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט נעמט אָנטייל אַ צאָלרייכע גרופּע פֿון סאָציאַליסטישע און פּויערים־טוער. די פֿאַראייניקונג פֿון פֿאָלק, דאָס קאָנצענטרירן זיינע גרונטיקע כּוחות, די איינהייטלעכע אָנפֿירונג מיט זיי אין דעם קאַמף מיט דעם שוידערלעכן טעראָר פֿון אָקופּאַנט, וואָס שטרעבט סיסטעמאַטיש צו פֿאַרניכטן אונדזער פֿאָלק, איז דער באַדינג פֿאַר דער ווירקזאַמקייט פֿון אונדזער זעלבשוץ, איז גלייכצייטיק די פֿראַגע פֿון אונדזער עקזיסטענץ. דעריבער האַלטן מיר, אַז איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן, וואָס שטייט ביים היינטיקן טאָג פֿאַרן נאַציאָנאַלן לאַנדראַט — איז די פֿאַראייניקונג פֿון אַלע דעמאָקראַטישע כּוחות אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט. דער נצחון אין דעם קאַמף איז געזיכערט דורך אַ פּאָליטישן בונד און דורך דער פֿאַרשטענדיקונג אין די קריגס־אָפּעראַציעס פֿון אַלע פֿאַרבינדעטע לענדער. דער אָנטייל פֿון פּוילן אין דעם בונד מוז זיך אָנשפּאַרן אויף די יסודות

פון אויפריכטיקייט כלפי חוץ און אויף דעם דעצידירטן קאמף מיטן אָקופּאַנט אין לאַנד.

אין דעם מאָמענט ווען דער געמיינזאַמער קלאַפּ פון אַלע פאַרבינדעטע אין קאַמף מיטן היטלעריזם וועט דערלאַנגען דעם ענדגילטיקן טויט־קלאַפּ די שיין איצט ערנסט אונטערגעבראָכענע כוחות פונם שונא — וועט פּוילן, באַפרייט פון אָקופּאַנטישן געוואַלד, צוטרעטן צו בויען זיין אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ אויפן יסוד פון ברייטער דעמאָקראַטיזאַציע פון זיין אינערלעכן פּאָליטישן לעבן ווי אויך ליזן די גרונטיקע געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען אויף אַזאַ אופן, וואָס אַנטשפּרעכט די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן. אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק וועלן די יסודות זיין און אַנשפּאַר פאַרן בונד און פריינדשאַפט מיט די שכנותדיקע פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד ווי אויך פאַר אַ שעפערישע מיטבאַטייליקונג אינם אויפבוי פון שלום אין אייראָפּע צוזאַמען מיט די אַנדערע פעלקער און פאַרבינדעטע מלוכות. אַט דאָס זיינען די הויפּט־יסודות, וועלכע וועלן שאַפן די ריכטליניעס פון דער טעטיקייט פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט.

ווינטשנדיק אייך אַ דערפאָלגרייכע און ווירקזאַמע אַרבעט פאַרן וווּיל פון אונדזער פאָטערלאַנד אין הסכם מיט די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, רוף איך אויס:

זאָל לעבן דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט, וואָס דריקט אויס דעם ווילן פון פּוילישן פאָלק, דער אָנזאָגער פון זיין אָנקומענדיקער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, וואָס גאַראַנטירט די דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין פּוילן!

„ראדא נאראדאווא"
ארגאן פון נאציאנאלן לאנד־ראט
נר. 1, 5 יאנואר 1944, 1 יארגאנג

די דעקלאראציע פון נאציאנאלן לאנד־ראט
וואס איז אנגענומען געווארן אויף דער ערשטער פלענארער זיצונג
פון נאציאנאלן לאנד־ראט
דעם 1 יאנואר 1944

פויליש פאלק!

עס דערנענטערט זיך דער טאג, אין וועלכן די דריי פארבינדעטע גרויסמאכטן: ראטנפארבאנד, גרויס־בריטאניע און די פאראייניקטע שטאטן פון צפון־אמעריקע — וועלן אנגרייפן מיט געמיינזאמע כוחות, כדי ענדגילטיק צו פארניכטן דעם שונא פון דער גאנצער מענטשהייט. פון דער ביישפיללאזער העלדישקייט פון די קעמפער פאר באפרייאונג, פון דעם בלוט פון מיליאנען פוילישע קרבנות, וועט אויפשטיין א פריי, זומדאפהענגיק פוילן. פאראייניקט דורך דעם געמיינזאמען קאמף און געבראכטע קרבנות, וועלן די פעלקער צוטרעטן אויפצובויען אייראפע און די וועלט אויפן יסוד פון פרייהייט און דעמאקראטיע. די דאזיקע פרינציפן וועלן אויסשטרייכן פון דער פאליטיק דעם מאמענט פון מלחמה און וועלן פארזיכערן דער מענטשהייט א דויערהאפטן שלום.

די צוקונפט פון פוילן איז שטארק אפהענגיק פון אונדזער אנטייל אין די געשעענישן, וואס קומען איצט פאר, פון דעם אנטייל פון פוילישן פאלק אין דער זאך פון געמיינזאמען זיג. דאס ארט און די ראל פון פוילן אין דער נאכמלחמהדיקער וועלט, אונדזער עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ פון די צוקונפטיקע דורות, זיינען אפהענגיק פון דעם וועג, אויף וועלכן דאס פוילישע פאלק וועט גיין.

אין דעם דאזיקן היסטארישן מאמענט איז געווארן נויטווענדיק דאס שאפן אין לאנד אן אנפירערשאפט, וואס רעפרעזענטירט דעם ווילן, די שטרעבונגען און אינטערעסן פון די ברייטסטע שיכטן פון דער פוילישער געזעלשאפט. ארום דער אנפירערשאפט דארף זיך פאראייניקן דאס גאנצע פאלק אין קאמף מיטן אקופאנט און צואיילן דעם זיג. די דאזיקע אנפירער־

שאפט וועט פארלייגן דויערהאפטע און געזונטע פונדאמענטן אונטער דער נעביידע פון דער פוילישער מלוכה, וועט פארהיטן דאס פאלק פאר די פרוּוון אים נאכאמאל איינצוואַרפן די סאנאטאריש־אזאנישע דיקטאטור, וועט אנצייכענען א קלארן טעטיקייטס־פלאן אויף דער נאענטסטער צוקונפט.

דער נאציאנאלער לאנדראט, וועלכער איז געשאפן געווארן דעם 1־טן יאנואר 1944 אין ווארשע דורך די דעמאקראטיש־פאליטישע, מיליטערישע און געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, וואס קעמפן פאר דער אומאפהענגיקייט, — שטעלט זיך פארן פוילישן פאלק אלס רעאליזאטאר פון זיין ווילן, געשאפן און באפולמעכטיקט אנצופירן מיט זיין קאמף אין נאמען פון דעם העכסטן פרינציפ: דעם נאציאנאלן און מלוכהשן אינטערעס פון פוילן.

דער נאציאנאלער לאנדראט שטעלט פאר זיך אלס די הויפט־אויפגאבע: די פארייניקונג און די מאביליזאציע פון אלע פאלקס־כוחות און אלע מיטלען צום קאמף אויף טויט און אויף לעבן מיט דעם בעסטיאלישן אקופאנט כדי צו באפרייען פוילן.

כדי דעם דאזיקן ציל צו דערגרייכן:

שאפט דער נאציאנאלער לאנדראט די פאלקס־ארמיי, אלס דעם באוואפנטן כוח פון פאלק, וועלכער דארף צונויפנעמען אין אירע רייען אלע די, וואס ווילן קעמפן פאר דער אומאפהענגיקייט פון פאטערלאנד, און באשטימט די אנפירונג פון דער פאלקס־ארמיי;

נעמט איבער די אנפירונג איבער אלע באוואפנטע כוחות פון פוילישן פאלק;

וועט נישט מיד ווערן אין איר ארבעט ביים ארגאניזירן דעם באוואפנטן מאט פון גאנצן פאלק ביז דעם מאמענט ווען ס'וועט אויסגעקעמפט ווערן א פריי, דעמאקראטיש, סוווערען פוילן.

דער נאציאנאלער לאנדראט דערקלערט, אז אין באפרייטן פוילן וועט הערשן סאציאלע גערעכטיקייט. די גרויסקייט און שטארקייט פון דעם פאטערלאנד דארף זיך אנשפארן אויף פארזיכערן די ברייטע מאסן פון די ארבעטנדיקע פון שטאט און דארף — ארבעטער, פויערים, האנטווערקער, גייסטיקע ארבעטער און אינטעליגענץ — א פרידלעכע און זיכערע מאטעריעלע עקזיסטענץ, בילדונג, פרייהייט, פולע דעמאקראטישע רעכט און די ראל פון א באלעבאס אין דעם באפרייטן פוילן. אזעלכע אויפגאבן וועט שטעלן דער נאציאנאלער לאנדראט פאר דער צייטווייליקער רעגירונג, וועלכע זי וועט שאפן אין דעם מאמענט, ווען דאס וועט פאדערן דער אינטערעס פון פאלק. די דאזיקע רעגירונג וועט אויספירן די מאכט אין לאנד ביז וואנען עס וועט דורך א דעמאקראטישן פינף־פאכיקן וואל־סיסטעם אויסגעוויילט ווערן א געזעצגעבערישע פארזאמלונג.

די ציטוּווייליקע רעגירונג וועט דאָס אויספירן די אויבנגעשטעלטע אויפגאַבן פאַרזיכערן דורך:

אַנטאייגענען און אַנטשעדיקונג די גאַנצע ערד פון די פּריצים און די ערד נאָך די דייטשן, כדי זי איבערצוגעבן די פּויערים און ערד־אַרבעטער;

נאַציאָנאַליזירן די גרויס־אינדוסטריע, גרובנס, בענק און דעם טראַנספּאָרט, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די יסודות פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט.

אויפן געביט פון אויסערן־פּאָליטיק וועט דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט שטרעבן איינצוהאַלטן פרײַנדשאַפטלעכע באַציאונגען מיט אַלע פעלקער, וואָס זײַנען פאַרבונדן אין קאַמף מיטן היטלעריזם, דאָס ווערט דורך אים באַטראַכט פאַר דעם באַדינג פון קראַפט און מלוכהשער דויער־האַפטיקייט פון פּוילן און פונם וווילשטאַנד פון זײַנע בירגער. די יסודות פון דער דאָזיקער מיטאַרבעט דאַרפן זיך שטיצן אויף:

דאָס אומקערן פּוילן די פּוילישע ערד אויף מערב און צפון, וואָס איז מיט געוואַלד געדמאַניזירט געוואָרן;

דאָס לייזן די גרענעץ־פּראָבלעמען אויפן מזרח אויפן וועג פון פרײַנדשאַפטלעכער פאַרשטענדיקונג מיטן ראַטנפאַרבאַנד און דורך אָנערקענען די רעכט פון די פעלקער אויף זעלבסטבאַשטימונג, ווי צוזאַמענשטעלן אַנקניפּן באַציאונגען פון דויערהאַפטער פרײַנדשאַפט און מיטאַרבעט פון פּוילן מיטן ראַטנפאַרבאַנד ווי אויך דאָס פאַרייניקן זיך פון פּוילן צום פּאַקט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן ראַטנפאַרבאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע אין דעצעמבער 1943;

איינהאַלטן און פאַרפעסטיקן די פרײַנדשאַפט און מיטאַרבעט מיט די איבעריקע פאַרבינדעטע.

האַלטנדיק פאַר נייטיק די עקזיסטענץ פון אַ פאַרשטייערשאַפט פון פּוילן אין אויסלאַנד, כדי צו רעפּרעזענטירן דאָס לאַנד לגבי די פאַרבינדעטע מלוכות — זאָגט אָפּ דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט די רעכט פון דער איצטיקער רעגירונג אין לאָנדאָן אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון פּוילישן פאָלק. די דאָזיקע רעגירונג האָט אין משך פון איר גאַנצער טעטיקייט זיך נישט גערעכנט מיטן ווילן און מיינונג פון דער געזעלשאַפט אין לאַנד, האָט געפירט און פירט ווייטער אַ פּאָליטיק, וואָס ליגט נישט אין די אינטערעסן פון פּוילן, האָט זיך צעפּגעקייקלט צו דער ראָל פון אַ רעפּרעזענטאַנטין פון די אינטערעסן פון אַן ענגער רעאַקציאָנערער קליקע און אַלס אַזעלכע האָט זי נישט קיין רעכט אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון דעם לאַנד און פון פאָלק. פונקט אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט קיינמאָל נישט אָנערקענט די עלימאַר־

טאָטאַליסטישע קאָנסטיטוציע פון אַפּריל 1935, אויף וועלכער עס שטיצט זיך די לאָנדאָנער רעגירונג, וועט זי אויך קיינמאָל נישט אָנערקענען די דאָזיקע רעגירונג פאַר איר פאָרשטייערין.

דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט שטעמפּלט ווי שונאים פון פאָלק די אַלע גרופּן אָדער פּערזאָנען, וואָס אַרבעטן מיט מיטן אָקופּאַנט דורך צע־פּלאַקערן דעם קאַמף און ברידער־מאָרדן, דורך מסרן פאַר דעם אָקופּאַנט דעמאָקראַטישע אומאָפּהענגיקייטס־טוער, אָדער דורך אָפּשוואַכן און פאַר־ליזירן דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן אויף וועלכן ס׳איז אַנדערן אופן.

פאָליאַקן!

אין דעם דאָזיקן דעצידירנדיקן און היסטאָרישן מאָמענט, אין וועלכן עס ווערט באַשטימט דער גורל פון פּוילן, רופט דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט אַלע פאָליאַקן אין לאַנד און אויף דער עמיגראַציע צו זאַמלען זיך אַרום דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט, אונטערצושטיצן זיינע אָנשטרענגונגען און אונטערצואָרדענען זיך אַלע זיינע פאַראָרדענונגען און באַפעלן. ער רופט אַלע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, אַלע פאַרבאַנדן און גרופּירונגען צו צוזאַמענאַרבעטן מיט די ציווילע און מיליטערישע אָרגאַנען פון דעם נאַ־ציאָנאַלן לאַנד־ראַט.

דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט פירט אויס די מאַכט אין לאַנד דורך די וואָיעוואָדישע, פּאָוויאַטאָווע, שטאָטישע און דאָרפישע נאַציאָנאַל־ראַטן, וועלכע באַשטייען פון פאָרשטייער פון אַלע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען מעמיק אויף דעם געגעבענעם געביט ווי אויך פון פּערזאָנען, וואָס האָבן דעם צוטרוי פון דער געזעלשאַפט.

דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט, פאַרייניקנדיק די אָנשטרענגונגען און באַוואָפנטן טאַט פון פּוילישן פאָלק — קעגן די שטרעבונגען פון דער רע־אַקציע — מיטן קאַמף אין אָפענסיווע־אָפּעראַציעס פון אַלע אונדזערע פאַרבינדעטע, וועט דערנענטערן דעם מאָמענט פון פאַרענדיקן די מלחמה, פון דער מפּלה פונם דייטשן באַרבאַר און די אַנטשטייאונג פון אַ פרייע, דעמאָקראַטיש פאָלקס־פּוילן.

זאָל לעבן דער העלדישער און קרבנות־גרייטער קאַמף פון דעם פּוי־לישן פאָלק!

זאָל לעבן די פאָלקס־אַרמיי!

זאָל לעבן אַ פרייע און אומאָפּהענגיק דעמאָקראַטיש פּוילן!

דער נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט

„גוואַרדזשיסטאַ"
אָרגאַן פון דער פאָלקס-גוואַרדיע
נר. 1, 10 יאַנואַר 1944, 3 יאָרגאַנג

קאָמוניקאַט פון הויפּט-שטאַב פון דער פאָלקס-גוואַרדיע

צוזאַמענשטעל פון די אַקציעס פון דער פאָלקס-גוואַרדיע לויט די דערהאַלטענע לעצטע ראַפּאָרטן

I	צייט-אָפּשניט פון 15 מאַי 1942 ביזן 15 נאָוועמבער 1942	(175 טעג)
II	ביזן 15 מערץ 1943	(120 טעג)
III	ביזן 15 יולי 1943	(122 טעג)
IV	ביזן 15 דעצעמבער 1943	(153 טעג)

קאַמף מיטן טראַנספּאָרט

	צייט-אָפּשניט				צוזאַמען
	I	II	III	IV	
אויפגעריסן פראַכט-צוגן	11	19	19	67	116
אויפגעריסן פּאַסאַזשיר-צוגן	1	2	4	4	11
אויפגעריסן לאָקאָמאָטיוון	—	1	9	12	22
פאַרניכטעט וואַגאָנען	13	56	58	114	271
דער איבעררייס אין פאַרקער האָט געדויערט שעהן	204	255	277	2400	3136
פאַרניכטעט באַן-סטאַציעס	—	6	14	16	36
פאַרניכטעט באַן-וועגן	6	1	10	13	30
פאַרניכטעט בריקן	5	2	—	6	13
פאַרניכטעט אַעראָפּלאַנען	—	—	—	8	8
פאַרניכטעט אויטאָס	—	4	7	121	132
קאַמף מיטן אַדמיניסטראַטיוון קאָנטינגענט און מיט דער מלחמה-פּראָדוקציע פון שונא					
פאַרניכטעט אָדער פאַרברענט גמינע-אַמטן	22	32	40	188	282
פאַרניכטעט מילכערייען	4	12	25	114	155

	I	II	III	IV	צוזאַמען
		צייט־אָפּשניט			
פאַרניכטעט אייער־מאַגאַזינען	1	—	2	25	28
פאַרניכטעט אַמטן פון שטעמפּלען בהמות	—	3	5	1	9
פאַרניכטעט פּאָסט־אַמטן	4	12	3	—	19
פאַרברענט תבואה־סטויגן	53	7	—	177	237
פאַרניכטעט אָדער פאַרברענט מילן	—	4	—	3	7
פאַרניכטעט דרעשערייען	—	—	—	114	114
פאַרניכטעט לאָקאָמאָבילן	—	—	—	23	23
פאַרניכטעט מאַרטאַקן	2	—	2	6	10
פאַרניכטעט גאָזשעלניעס	1	2	2	2	7
פאַרניכטעט נאַפט־שאַכטעס	—	—	1	3	4
פאַרניכטעט פאַרשיידענע פאַבריקן	2	3	3	3	11
פאַרניכטעט פאַבריק־מאַטאָרן	—	7	—	10	17

פאַרטיילט תבואה און קאַרטאָפל צווישן דער באַפעלקערונג (וואַגאָ־נען — אַן ערך פון 100).

קאַמף מיט דער זשאַנדאַרמעריע כ'ס'מענער און פאָליציי

	I	II	III	IV	צוזאַמען
קאַמפן און צוזאַמענשטויסן	19	38	53	127	237
דערהרגעט					
זשאַנדאַרן, פאָליציאַנטן א. א.	75	85	319	857	1336
דערהרגעט אָפיצערן	13	3	36	19	71
צווישן זיי גענעראַלן	—	—	3	1	4
פאַרוואונדעט					
זשאַנדאַרן, פאָליציאַנטן א. א.	77	94	195	580	946
אָפיצערן	20	—	17	15	52
פאַרניכטעט אָדער פאַרברענט וואַך־פּאָסטנס פון פאָליציי און ווערמאַכט	6	14	8	23	51
אַראָפּגעשאָסן עראָפּלאַנען	—	—	4	2	6
פאַרניכטעט, אָדער פאַרברענט אויטאָס	3	5	2	29	39
פאַרניכטעט, אָדער פאַרברענט מאַטאָרן פון אויטאָס	—	—	—	89	89
צעשטערט דייטשישע הייזער און בריטישע הויפן	5	17	—	14	36

אַקציעס פון באַפרייען אַרעסטאַנטן

	צייט־אָפּשניט				צוזאַמען
	I	II	III	IV	
באַפרייט אַרעסטאַנטן	65	530	220	653	1468
פאַרברענט באַראַקן	—	2	20	14	36

אין קאַמף מיט שפּיצלעס

	I	II	III	IV	צוזאַמען
דערהרגעט שפּיצלעס	11	28	72	217	328
פאַרווונדעט שפּיצלעס	—	3	2	—	5
באַשטראָפט מיט שמיץ וואַיטן, סאָלטיסן אין אַנד.	1	27	16	37	81

די אויבנאָנגעגעבענע רשימה שפּיגלט נישט אָפּ דעם גאַנצן קאַמף, ווייל אַ סך ראַפּאָרטן זיינען נישט דערגאַנגען צו דער אָנפירונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע. אויך פיל דורכגעפירטע אַקציעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער, זיינען נישט אַריין אין די ראַפּאָרטן. דער קאַמף ווערט אויך געפירט דורך גרופּן, וואָס פאַרלירן אויף אַ לענגערער צייט דעם קאָנטאַקט מיט דער אָנפירונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע און פיל אַקציעס באַזונדערס קלענערע, ווערן פאַרגעסן.

„ארמיא־לודאָווא"[1]

ארגאן פון דער „ארמיא־לודאָווא

נר. 1, 1 פעברואר 1944 יאר, 1 יארגאנג

איבערלייענען פארן פראָנט

באַפעל נר. 2

זעלנער פון דער אַרמיאַ־לודאָוואַ!

פוילישע זעלנער אין די לענדער פון די פארבינדעטע!

זעלנער פון אלע מיליטערישע אָרגאניזאציעס פון אונטערערדישן פוילן!

דער נאציאנאלער לאנדראט האט דורכן דעקרעט פון 1 יאנואר 1944 י. געשאפן די ארמיא־לודאָווא, וועלכע וועט ארומנעמען אין איין גאנצקייט און פירן דעם פלאנמעסיקן קאמף פאר דער פרייהייט און אומאפהענגיקייט פון דעמאקראטישן פוילן.

ס'איז שוין די העכסטע צייט דערצו. ערב דעם אלגעמיינעם זיג שטייט דאס פוילישע פאלק אין אנבליק פון דער געפאר פון פולשטענדיקער אויסראטונג דורכן היטלעריסטישן פארכאפער. אונדזער טויט־שונא זעט וואס אמאל אלץ דייטלעכער זיין אומפארמיידלעכע מפלה. אויפן מזרח־פראנט, נישט געקוקט אויפן צונויפגרופירן דארט די מערהייט פון דער דייטשישער ארמיי, טויזנטער טאנקען, הארמאטן, עראָפלאנען, ליידן די דייטשן כסדרדיקע מפלות. די אוויאציע־אָנפאלן און דער קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער גראבן אונטער און דעזאָרגאניזירן דאס הינטערלאנד פון די היטלעריסטישע אַרמייען.

דער פראָנט דערנענטערט זיך צו פוילן. די רויטע ארמיי געפינט זיך שוין עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון די אמת־פוילישע געביטן, ביינאנד מיט איר קעמפט דער פוילישער קאָרפוס א. נ. פון טאדעוש קאשטשיושקא, געמיינזאם צעקלאַפנדיק דעם שונא.

די רעגירונג פון ססס"ר האט אין איר לעצטער דערקלערונג זיך אויפסניי ארויסגעזאָגט פארן ווידעראויפבוי פון א שטארק און אומאָפ־

[1] פאָלקס־אַרמיי. (רעד.)

העלדיש פּוילן, אַרויסגעוויזן נאָכאַמאָל דעם גוטן ווילן צו אַ ברידערלעכן צוזאַמענלעבן מיט אונדז, פאַרזיכערנדיק פּוילן אַלע עטנאָגראַפישע פּוילישע געביטן אויף מזרח און הילף ביים צוריקגעווינען אַלע פּוילישע געביטן אויף מערב און אַנשפּאַר אויפן באַלטישן ים.

די דייטשן, געפינענדיק זיך אין אַנבליק פון אַ מפּלה און פון אַרויסטרייבן זיי פון דער פּוילישער ערד, ראַמען אויס מאַסנהאַפט דאָס פּוילישע פאָלק. די בלוטיקע פאַציפיקאַציעס און שחיטות הערן נישט אויף קיין איין מינוט. דאָס גאַנצע פאָלק שטייט פאַר דער געפאַר פון אויסראָטונג, און דאָס לאַנד פאַר פאַרוואַנדלען עס אין אַש און חורבות.

ווילנער!

ווי ווייט ס'גרייכט די געשיכטע, האָט דאָס פּוילישע פאָלק תמיד מסירת-נפשדיק פאַרטיידיקט זיינע רעכט אויף לעבן, פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. פון הינטער די מויערן פון גלאָגאָוו דורך גרונוואַלד, ראַצלאַוויצע אַזש ביז קוטנאָ, וואַרשע, דורך די קאַמפן פונם קאָרפּוס א. ג. פון טאַדעוש קאָשטשושקאָ און די פּאַרטיזאַנער-קאַמפן אין לאַנד ציט זיך דער זעלבער פאָדעם פון העלדישקייט און פאַראַכטונג צום טויט, די זעלבע גרייטקייט אָפּצוגעבן דאָס בלוט פאַרן פאָטערלאַנד.

די איצטיקע סיטואַציע באַפעלט מער ווי ווען נישט איז דעם אָנשטרענג און מאָביליזאַציע פון אַלע כוחות, כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, צוצואײַלן די באַפרייאונג פון פּוילן.

דאָס איז דער חוב פון יעדן פּאָליאַק, און קודם-כל פון יעדן פּאָליאַק-ווילנער.

אין לאַנד קעמפן שוין העלדיש כמעט צוויי יאָר פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען. אין די שווערע שלאַכטן זיינען אויסגעוואַקסן קאַדערן פון אָנפירער. די ווילנער האָבן מיט בלוט דעראָבערט אָפיצירישע און אונטער-אָפיצירישע ראַנגען, דעראָבערט ערן-אויסצייכענונגען. זייער קאַמף ווירקט נישט ווייניק מיט צום אַלגעמיינעם זיג.

דער העלדישקייט און מסירת-נפשדיקייט פון די פּוילישע ווילנער, וועלכע קעמפן אין לאַנד און אויף אַלע פראָנטן פון דער וועלט, האָט נישט אַנטשפּראָכן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צושטאַנד. די רעאַקציאָנערע אָפיציעלע פאַקטאָרן האָבן דורך זייער פּאָליטיק אוממעגלעך געמאַכט די פאַראייניקונג פון די פּוילישע באַוואָפנטע כוחות. די קליקע-סאַנאַציע-אָפיצירן, וועלכע פירן אָן מיט דער אַרמיאַ-קראַיאָוואַ, האַלט אָפּ די אונטערערדישע באַוואָפנטע כוחות פונם אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

די נאַציאָנאַלע באַוואָפֿנטע כוחות גייען איבער וועג פֿון פּאַשיזם און אַרבעטן מיטן אָקופּאַנט. די פּוילישע רעאַקציע האָט פֿאַרפֿלעקט די הענט מיט ברידער־מאָרדן. אַ ריי אַנדערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, זעענדיק די פֿאַלשקייט און שענדלעכע מעטאָדן פֿון די אָפֿיציעלע מיליטערישע פֿאַקטאָרן און זייער ריין־סאַנאַטאָרישן קליקע־כאַראַקטער, האָבן נישט געוואָלט איבערגעבן זייערע כוחות אין דינסט פֿון דער רעאַקציע און געהאַט אייגענע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

אַזאַ צושטאַנד קאָן ווייטער נישט אָנהאַלטן, ווייל ער פּאַראַליזירט דאָס פֿאָלק און שטאַרקט די חוצפּה פֿונעם אָקופּאַנט.

היינט, נאָך פֿיר יאָר דערפֿאַרונגען, אינעם מאָמענט ווען ס'אַנטשיידט זיך דער גורל פֿון פּוילן, אַנטשטייט די אַרמיאַ־לודאָוואַ, וועמענס אויפֿגאַבע ס'איז צו פֿאַראייניקן די מיליטערישע באַוועגונג אונטער לאָזונג פֿונעם קאַמף פֿאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, פֿאַר אַ דעמאָקראַטיש פּוילן — דעם פֿאָטערלאַנד פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן.

זעלנער!

די צייט איילט. ס'דערנענטערן זיך קאַמפֿן, וועלכע וועלן דעצידירן וועגן גורל פֿון פּוילן. אינעם דאָזיקן פּעריאָד מוזן מיר אַרויסווייזן דעם גייסטיקן כוח און קאַמפֿס־צוגרייטונג. דעריבער מאַקע רופֿט אייך די הויפּט־אָנפֿירונג פֿון דער אַרמיאַ־לודאָוואַ אונטערצואָרדענען זיך די באַפֿעלן און אינסטרוקציעס פֿון דער געגנטלעכער, קרייז און פּאָוויאַטאָווער אָנפֿירונג פֿון דער אַרמיאַ־לודאָוואַ, וועלכע איז נאָמינירט געוואָרן דורך דער הויפּט־אָנפֿירונג פֿון דער אַרמיאַ־לודאָוואַ. די אָפּטיילונגען, וועלכע מעלדן זיך אין אונדזערע רייען ווערן מיטשעפּער פֿון דער אַרמיאַ־לודאָוואַ און נעמען אָנטייל אין די אַרבעטן פֿון דער אָרטיקער אָנפֿירונג. אונדזער ציל איז דורכן געמיינזאַמען אָנשטרענג פֿונעם גאַנצן פֿאָלק אויסצוקעמפֿן דעם זיג. אונדזער הויפּט־אויפֿגאַבע און פֿליכט לגבי דעם פֿאָלק איז היינט דאָס ווי צום שנעלסטן איבערגיין פֿון די באַוואָפֿנטע אַרויסטריטן פֿון די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס צום געמיינזאַמען פּלאַנירטן קאַמף, וואָס וועט געפֿירט ווערן דורך אַן איינהייטלעכע אַרמיי אין לאַנד און אין דער פֿרעמד. דאָס באַדייט נישט קיין כוונה נישט צו נעמען אין אַכט די דערגרייכונגען פֿון די באַזונדערע מיליטערישע פֿאָרמאַציעס. פֿאַרקערט, אונדזער ציל איז צו פֿאַרהיטן די טראַדיציעס פֿון אַלע אָפּטיילונגען, וועלכע גייען אַריין אָדער וועלן אַריינגיין אין באַשטאַנד פֿון דער אַרמיאַ־לודאָוואַ.

אין די רייען פון דער ארמיא לודאָווא וועלן אַנערקענט ווערן אלע מיליטערישע ראַנגען און אויסצייכענונגען, וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן אין באַוואָפנטן קאַמף אויפן שטח פון לאַנד אָדער אויף די ווייטע פראָנטן אין די רייען פון אלע פוילישע מיליטערישע פאָרמאַציעס.

אָפיצערן, אונטער-אָפיצערן און זעלנער פון די אונטערערדישע מיליטערישע פאָרמאַציעס!

דאָס פאָטערלאַנד רופט אייך אַלעמען, ווער עס קעמפט נאָך נישט, זאָל זיך שטעלן צום קאַמף. לאָמיר געמיינזאַם אָרגאַניזירן די אַרמיי, לאָמיר געמיינזאַם אָנגרייפן דעם שונא. ס'האָבן וואַרטן אונדז גרויסע אויפגאַבן — דער ווייטערדיקער קאַמף קען אָקופּאַנט איזש ביז צו אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד און ארויסשטויסן דעם שונא פון דער פוילישער ערד. זאָל יעדער אָפּגעבן אַלע זיינע כוחות דעם קאַמף פאַר דער געמיינזאַמער זאַך, ווערן א מוסטער פון פּאַטריאָטיזם, מוטיקייט, קענטעניש, דיסציפּלין.

שנעל דערנענטערט זיך דער מאָמענט פון דעם מעכטיקן און לעצטן קלאַפּ אויפן שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט. דער קאָאָרדינירטער און איינהייטלעכער קלאַפּ פון די אַליאַנטן פון מזרח, מערב און דרום מוז זיין פאַרבונדן מיט אינדזער קלאַפּ פון אינעווייניק. זאָל אינעם דאָזיקן מאָמענט קיינער פון אייך נישט זיין אויסער די רייען פון דער אַרמיאַ לודאָווא.

פוילישע זעלנער אין דער פרעמד!

דאָס פאָלק דאַרף אייער הילף, אייער וויסן, מוטיקייט, באַוואָפנונג! באַוואָפנטערהייט פלאַסטערט אייך דעם וועג אין לאַנד אריין.

זאָל לעבן א פריי און אומאָפּהענגיק פוילן!

זאָל לעבן די פאָלקס-אַרמיי!

פאָרויס, צום זיג!

יאַנואַר 1944 יאָר

הויפּט אָנפירונג
פון דער אַרמיאַ-לודאָווא

„ראַדאַ נאַראָדאָוואַ"
אָרגאַן פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט
נר. 3, 5 פעברואַר 1944 יאָר, 1 יאָרגאַנג

פאַראָרדענונג פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט וועגן שטראָף־פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אָנטייל אין ברידער־מאָרדן, מסירות און מיטאַרבעט מיטן אָקופּאַנט

ארויסגעגעבן אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פון ק. ר. נ. דעם 1־טן יאַנואַר 1944.

צוליב די מערנדיקע זיך פאַלן פון ברידער־מאָרדן, אָרגאַניזירט און אויסגעפירט דורך עקסטרעם־רעכטע און פּראָפאַשיסטישע גרופּירונגען,

צוליב אָנווענדן דורך די דאָזיקע גרופּירונגען מסירה־מעטאָדן ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט לגבי פּאָליטישע קעגנער,

צוליב די פאַקטן פון מיטאַרבעט מיטן אָקופּאַנט מצד געוויסע יחידים פון פּוילישער נאַציאָנאַליטעט און א טייל פון דער א. ג. גראַנאַטאָווער פּאָליציי ביים אויסראָטן די אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג, ביים מאָרדן אָדער שאַנטאַזשירן די לעצטע אָפּגעראַטעוועטע פון טויט יידן א. ד. גל.

באַשליסט דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט:

1. יעדער איינער, וואָס נעמט — אומאָפּהענגיק פון די מאָטיוון — דירעקט אָדער אומדירעקט אָנטייל

א) אין דער אַקציע פון אָרגאַניזירן און אויספירן ברידער־מאָרדן,

ב) אין דער אַקציע פון מסרן ביים אָקופּאַנט אומאָפּהענגיקייט־טוער און אויך לאָקאַלן, מאַגאַזינען, ערטער, וווּ עס געפינען זיך פּאַרטיזאַנער, נישט־געמאָלדענע פּערזאָנען א. ד. גל.,

ג) אין העלפן דעם אָקופּאַנט אין דער אַקציע פון אויסראָטן דאָס פּוילישע פאָלק דורך אַרויסגעבן דער אָקופּאַציע־מאַכט אינפאָרמאַציעס וועגן די פּאָליטישע אָנשויאונגען פון פּוילישע בירגער, וועגן זייער אַקטיווקייט און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט,

ד) אין דער אַקציע פון אויסראָטן אויסבאַהאַלטענע יידן, פון אַרויסגעבן זיי אין די הענט פון די דייטשישע אָקופּאַציע־אָרגאַנען, אָדער פון די

זיי אונטערגעאָרדנטע פּוילישע הילפס־אָרגאַנען, און אויך אין שאַנטאַזשירן און אויספּרעסן אויסקויף־געלט,

ה) אין דער אַקציע פון מאָרדן קריגס־געפאַנגענע, וואָס באַהאַלטן זיך אויס, אָדער אַנדערע פּאַרטיזאַנער, וועלכע ווערן גערודפט דורכן אָקופּאַנט, און אויך אין דער אַקציע פון אַרויסגעבן זיי אין די הענט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט —

וועט ווערן צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אונטערליגט א שטרענגער שטראָף ביז טויט איינגעשלאָסן.

2. די, וואָס באַגייען די אויבנדערמאָנטע פאַרברעכנס, וועלן ווערן געמשפּט און באַשטראָפט במשך דער אָקופּאַציע־צייט דורך אַנטשפּרעכנדיקע אונטערערדישע אָרגאַנען, געשאַפענע דורך דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט אָדער דורך די נאַציאָנאַל־ראַטן אויף די ערטער לויט דער באַפולמעכטיקונג פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט.

3. די שטראָפן פאַר די אויבנדערמאָנטע פאַרברעכנס אין באַצוג צו די שולדיקע, וועלכע עס וועלן נישט כאַפּן די אונטערערדישע אויספיר־אָרגאַנען, און אויך לגבי די שולדיקע, וועלכע האָבן אויף אן אומדירעקטן אופן, בעיקר דורך אַגיטאַציע, אָנטייל גענומען אין די אויבנדערמאָנטע פאַרברעכנס, וועלן אויסמעסטן די פּוילישע געריכטס־טריבונאַלן מיטן מאָמענט פון צוריקבאַקומען דורך דער פּוילישער מלוכה די אומאָפּהענגיקייט.

נאַציאָנאַלער לאַנד־ראַט

איבערגעגעבן צו דער עפנטלעכקייט דעם 5־טן פעברואַר 1944.

„ראָדאַ נאַראָדאָוואַ"
אָרגאַן פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט
וואַרשע, 28 אַפּריל 1944 יאָר. נר. 7

צום ערשטן יאָרטאָג פונם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

דעם 19 אַפּריל איז געוואָרן אַ יאָר זינט ס'איז אויסגעבראָכן דער באַ־וואָפנטער אויפשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער געטאָ קעגן דער אַזוי גערופענער אויסזידלונגס־אַקציע אין די טויט־לאַגערן. דער פאַרלויף פון דער אַקציע, די מעטאָדן, מיט וועלכע די דייטשישע מאַכט האָט זיך באַנוצט דערביי און דער קאַמף פון די יידן זייַנען פאַר אונדז אַ לערע, פון וועלכער די פוילישע געזעלשאַפט דאַרף אַרויסציען די געהעריקע מס־קנות אויף להבא. זיי אילוסטרירן קלאָר די דייטשישע אופנים פון פאַר־ניכטן די אונטערטעניקטע פעלקער, די ריקזיכטלאָזיקייט, מיט וועלכער די דייטשן רעאַליזירן זייערע פּלענער. זיי באַווייזן, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַר־ברעכן, פאַר וועלכן די דייטשן וועלן זיך צוריקציען ביים רעאַליזירן זייערע צילן. דאָס אַלץ דאַרף אַ סוף מאַכן צו די אילוזיעס, וועלכע הערשן נאָך טיילווייז ביי אונדז, אַז מיט פּאַסיוויטעט און געהאָרכזאַמקייט לגבי דעם אָקופּאַנט קאָן מען אויסמיידן די פאַרניכטונג.

אויסער דער פיזישער איבערגעוויכט פון שונא, איז דאָס צווייטע שטאַרקע מיטל זיינס, ביים ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ, געווען דאָס שאַפן אילוזיעס ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אויף אילוזיעס ביי די יידן האָבן זיך די דייטשישע תלינים געשטיצט און אַ דאַנק דעם האָט זיך זיי ביז דעם 19 אַפּריל איינגעגעבן דורכצופירן אויסזידלונגס־אַקציעס. באַשוועכט דער יידישער באַפעלקערונג זיך אויסצוניכטערן פון די אילוזיעס האָט דער פאַקט, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין געווער און דעריבער האָט זי אויסגענומען דעם געדאַנק וועגן אָפענעם קאַמף.

מיר דאַרפן געדענקען, אַז די אויסזידלונגס־אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין צוויי עטאַפּן. איר אָנהייב, נישט רעכענענדיק די פריערדיקע קלענערע אויסזידלונגען און לאָקאַלע „ליקווידאַציעס", דאַטירט זיך פון

דער דענקמאָל צום אָנדענק פונם געטאָ־אויפשטאַנד אין ווארשע

22 יולי 1942. שוין דעמלט האָבן זיך די דייטשן באַנוצט מיט זייער אַלטן מעטאָד. די גאַנצע באַפעלקערונג, וועלכע איז פון פאָרויס געווען פאַראורטיילט צו אומקום, האָבן זיי צעטיילט אויף צוויי קאַטעגאָריעס — די, וועלכע אַרבעטן פאַרן מיליטער און אין דער דייטשישער אינדוסטריע, און די אַנדערע, די אַזוי גערופענע אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן. די ערשטע קאַטעגאָריע האָט געזאָלט האָבן דאָס רעכט איבערצולעבן דעם קריג, און די צווייטע האָט געזאָלט ווערן „אויסגעזידלט". אויף אַזאַ אופן איז מיטאַמאָל געבראָכן געוואָרן די סאָלידאַריטעט פון דער יידישער באַפעלקערונג, געבראָכן געוואָרן דער דראַנג צו ווידערשטאַנד דעמלט, ווען די באַפעלקערונג פון וואַרשעווער געטאָ האָט נאָך געציילט איבער זעקס הונדערט טויזנט יידן און זייער ווידערשטאַנד האָט געקאָנט זיין פיל ווירקזאַמער. דאָס האָט דערפירט דערצו, אַז די דייטשן האָבן אָן שום שטערונגען ארויסגעפירט אַן ערך 300 טויזנט יידן אין די גאַזקאַמערן. דער דראַנג צו ווידערשטאַנד איז אויך פּאַראַליזירט געוואָרן דורך דעם, וואָס נישט אַלע האָבן געוואָלט גלויבן אין דעם גרויזאַמען אמת, און אין די ערשטע צייטן פון די אַקציעס האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז די טראַנספּאָרטן גייען ווירקלעך אין די אַרבעטס־לאַגערן. דעם 21 נאָוועמבער 1942 יאָר איז פאַרענדיקט געוואָרן דער ערשטער עטאַפּ פון דער ליקווידאַציע. עס זיינען אַדורך חדשים פון בלומשטער רו. די לעבנגעבליבענע, סרוב מענער, איינגעשפּאַנט אין אַ שווערער קאַטאָרגע־אַרבעט, האָבן פאַר גראָשנס מיט די לעצטע כוחות געהאָרעוועט פאַר די מערדער פון זייערע פרויען, מאַמעס און קינדער. די דייטשן האָבן אָבער פון זייערע פּלענער קיינמאָל נישט רעזיגנירט, דער טויט־אורטייל אויף אַלעמען איז שוין געווען אַרויסגעטראָגן.

ס'איז אָנגעקומען דער באַקאַנטער בלוטיקער פרילינג פון 1943. אָט אַזוי שטעלט זיך פאָר דער פאַרלויף פון די געשעענישן: ביים אָנהייב האָבן די דייטשן גערעכנט, אַז ס'וועט זיי געלינגען אָן שטערונגען צו ליקווידירן די לעבנגעבליבענע יידן. ווען ס'האָט זיך אָבער, נאָך דעם ערשטן נישט געלונגענעם פרווו אַרויסצופירן האַלמאַנס טישלערייוואַרשטאַטן, וועלכע די אַרבעטער האָבן אונטערגעצונדן, נאָכן פרווו אַרויסצופירן די קירזשנער פון שולצס באַקלייד־פאַבריק קיין טראַווניק, אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט אַן אָפענער בונט פון דער באַפעלקערונג, ווען אויף די מויערן האָבן זיך באַוויזן אויפרופן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיטן רוף צום ווידערשטאַנד — דעמלט האָבן זיך די דייטשן בלומרשט צוריקגעצויגן. ס'האָבן זיך באַוויזן אָפיציעלע דערקלערונגען, צווישן אַנדערע פון

טעבענסן, וועלכער האט געזאלט כלומרשט איבערפירן די ווארשעווער קיין טראווניק און פאניאטאוו, אז קיין ווייטערדיקע איבער־זידלונגען קומען נישט אין באטראכט. דאס איז אבער געווען בלויז א מאנעוור, כדי איינצושלעפערן די וואכזאמקייט. נישט געקוקט אויף אלע פארזיכערונגען האט זיך די אויסזידלונגס־אקציע אנגעהויבן.

כדי צו פארטיפן די אילוזיעס, פארשפרייטן די דייטשישע אגענטן קלאנגען, אז די ארבעטער, וואס זיינען איבערגעזידלט געווארן קיין טראווניק און פאניאטאוו, לעבן אין גוטע באדינגונגען. נאך דעם אבער, ווי פון ערשטן טראנספארט האבן זיך אומגעקערט אנטלאפענע יידן און האבן איבערגעגעבן, ווי די ארויסגעפירטע זיינען געצוווּנגען געווארן צו גראבן גריבער און ביי די גריבער זיינען זיי מיט מאשינען־געווער אויסגעשאסן געווארן, האבן די מאסן אנגעהויבן גלויבן אינעם שרעקלעכן אמת.

דעם 19 אפריל אינדערפרי האבן זיך אויף די מויערן באוויזן אויפרופן: „אומקומען מיט כבוד". די דייטשן האבן דאך געגלויבט, אז מיט דראונגס־מעטאדן וועט זיך זיי איינגעבן צו ברעכן דעם ווידערשטאנד — אזא כאראקטער האט געטראגן זייער ערשטע אקציע אויף די גאסן: סמאטשע, גענשע און לובעצקי. ווען זיי האבן זיך אבער איבערצייגט, אז די באפעלקערונג שטעלט א פארצווייפלטן ווידערשטאנד, אז די ערשטע עס־עס און זשאנדארן־אפטיילונגען האבן זיך אונטער האגל פון קוילן געמוזט צוריקציען, אז די ארייגעפירטע, דורך דעם נאלעווקי־טויער, טאנקן זיינען באווארפן געווארן מיט גראנאטן און פלעשלעך בענזין, האבן די דייטשן איבערגעריסן די אקציע און געבראכט גרעסערע פארשטארקונגען. אבער אויך דאס האט נישט געהאלפן. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס געטא איז א פעסטונג, וואס איז שווער צו דעראבערן. זיי האבן דעריבער רעזיגנירט פון אפענעם קאמף, אנגעהויבן א רעגולערע באלאגערונג און באשלאסן צו פארניכטן די קעמפער מיט דער הילף פון פייער. אויף די אויגן פון גאנץ ווארשע האט זיך אפגעשפיגלט א טראגעדיע, וואס האט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט און דעמלט ערשט האבן זיך די מערדער אנגעהויבן אריינרייסן אין דרויבן געטא. די פארטיידיקונג פון ווארשעווער געטא, וואס האט געדויערט פון 19 אפריל ביז דער העלפט פון חודש מאי, איז נישט געווען קיין געוויינלעכער באוואפנטער צוזאמענשטויס. דאס איז געווען א רעגולערער קאמף קעגן דער גאנצער קראפט פון מאדערנעם דייטשישן געווער, קעגן טאנקן, ארטילעריע, קעגן גראנאטן און פייער־ווארפער, קעגן צינדער און גאזבאמבעס און קעגן עראפלאנען. מיט וואס דערקלערט

זיך, וואָס פאַרמאָגנדיק זייער ווייניק געווער, האָבן די יידישע קעמפער געקאָנט לאַנגע וואָכן אָפּהאַלטן דעם דרוק פון אַזאַ גרויזאַמען כוח?

מען דאַרף אָפּוואַרפן די לעגענדע, אַז בראש פון די יידישע קעמפער זיינען געשטאַנען פּראָפעסיאָנעלע און געשולטע מיליטער־לייט. אמת איז, אַז אין דער קאַמפּס־אָנפירונג האָט זיך נישט געפונען קיין איין אָפיצער. בראש פון קאַמף זיינען געשטאַנען טוער פון אַרבעטער־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דער קאָמענדאַנט פון די קעמפער איז געווען דער 24־יעריקער יוגנט־טוער מ. אַניעלעוויטש,[1] וועלכער איז כמעט מיטן גאַנצן שטאַב אומגעקומען אין קאַמף. די פירער פון די יידישע קעמפער זיינען אויסגעוואַקסן פון די פאָלקס־מאַסן און זיינען געווען באַגייסטערט מיט דער אידיי פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די ברייטע אונטערשטיצונג מצד די פאָלקס־מאַסן — דאָס איז געווען דער כוח פון די קעמפער. נאָר אַ דאַנק דער פאַראייניקונג פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות פון דער יידישער געזעלשאַפט, אויסער די רעוויזיאָניסטן און אָרטאָדאָקסן, האָט מען געקאָנט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם מעכטיקן באַוואָפנטן שונא.

זייער גינסטיק, כמעט דעצידירנדיק פאַרן פאַרלויף פון די קאַמפן איז געווען דער פאַקט, וואָס די אויפשטענדלער האָבן פון אָנהייב אָן באַנוצט די הייזער, די קאַנאַלן און בונקערס, און אויך דאָס, וואָס זיי האָבן געקאָנט די געהיימע דורכגענג און דעם פּלאַן פון דער שטאָט.

אין אָנבליק פון דער יידישער טראַגעדיע קאָנען מיר לייכטער פאַרשטיין די פּאָליטיק פון אָקופּאַנט לגבי דעם פּוילישן פאָלק. אויך אין דעם פאַל שטיצט זיך די פּאָליטיק פון אָקופּאַנט קודם־כל אויף צו שאַפן אילוזיעס, אַז דורך געהאָרכזאַמקייט און שקלאַפן־אַרבעט וועלן מיר געווינען דאָס רעכט צו לעבן. דער אָקופּאַנט איז גרייט אונדז צו מאָלעדירן, ווי ער האָט מאָלעדירט די יידישע אַרבעטער פון טעבענס, בראַוערס, האַלמאַנס און

---

[1] דער ערשטער קאָמענדאַנט פון די קאַמפּס־גרופּן אין געטאָ איז געווען אַנדזשעי שמידט, וועלכער איז אומגעקומען אין מאַי 1942 צוזאַמען מיט אַ ריי אָנפירנדיקע טוער פון פּפּר און פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. אין אָקטאָבער 1942 איז אַנטשטאַנען די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיט אַ קאָמענדע פון 5 פערזאָן אין שפּיץ. דער פאָרשטייער פון פּפּר אין דער קאָמענדע איז געווען מיכאַל ראָזענפעלד, וועלכער האָט שפּעטער קאָנטינואירט דעם קאַמף אין די רייען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע און איז געפאַלן אין שלאַכט מיט די היטלערישע אָקופּאַנטן. צוזאַמען מיט אַניעלעוויטשן איז אין שטאַב פון אויפשטאַנד אומגעקומען אויך דער סעקרעטאַר פון פּפּר אין געטאָ עדוואַרד פאָנדאַמינסקי. (רעד.)

שולצס פֿאַבריקן, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן אַרבעטן פֿאַר דער היטלער־אַרמיי, אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען אים נייטיק. זיין פֿאַרניכטונגס־פּלאַן פֿון פּוילישן פֿאָלק וויל דער אָקופּאַנט דורכפֿירן — פּונקט ווי אין געטאָ — עטאַפּנווייז. דער אָקופּאַנט וויל שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז זיינע מאָרד־אַקטן טראָגן אַ „לאָקאַלן" כאַראַקטער און די רעשט באַפֿעלקערונג קאָן רואיק שלאָפֿן. די פּוילישע רעאַקציע, פּונקט ווי די יידישע גמינע[2] אין געטאָ, העלפֿט צו דעם אָקופּאַנט צו שאַפֿן אילוזיעס. דאָס פּוילישע פֿאָלק וועט זיך אָבער נישט לאָזן אָפּנאַרן. דאָס פּוילישע פֿאָלק שטאַרקט דערייבער זיין פּאַרטיזאַנער־קאַמף, וויל עס ווייסט, אַז בלויז אויף דעם וועג וועלן מיר שנעלער דער־גיין צום באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, וואָס וועט אַ סוף מאַכן צו די דייטשישע פֿאַרברעכנס.

דאָס פֿאַרקירצן מיט יעדן טאָג די שקלאַפֿעריי און ברענגט רעטונג פֿאַר טויזנטער פּאָליאַקן.

[2] דער יודענראַט. (רעד.)

„טריבונאַ וואָלנאָשטשי"
אָרגאַן פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 55, 1 מאַי 1944 יאָר, 3 יאָרגאַנג

די העלדישע קאַמפֿן אין וואַרשעווער געטאָ

דעם 19 אַפּריל[1] האָט זיך אין צענטער פֿון וואַרשע פֿונאַנדערגעפּלאַקערט אַ רעגולערע שלאַכט.

די יידן, פֿאַרשפּאַרטע הינטער די מויערן פֿון געטאָ, האָבן באַשלאָסן זיך צו ווערן, האָבן באַשלאָסן נישט צו גיין פֿרייוויליק אין די גייע טויטן־לאַגערן פֿון טרעבלינקע און פּאָניאַטאָוו. פֿייער פֿון מאַשין־געווער און רעוואָלווערן האָט באַגעגנט די ברוטאַלע מערדער, וועלכע האָבן געוואָלט מיט כּוח אַריינטרייבן די יידן אין די וואַגאָנען. דער אָנפֿירער פֿון עס־עס און פּאָליציי האָט גערעכנט, אַז מיט דער הילף פֿון פּאַנצער־געווער וועט זיך אים אין משך פֿון אַ פּאָר שעה איינגעבן צו ברעכן דעם באַוואָפֿנטן יידישן ווידערשטאַנד. אין די גאַסן פֿון געטאָ זיינען אַריין טאַנקן און אינפֿאַנטעריע. אָנשטאָט קעגן־פּאַנצער־האַרמאַטן האָבן זיך די יידן באַנוצט מיט גראַנאַטן און פֿלעשלעך בענזין. נישט געקוקט אויף דער פּרימיטיווער פֿאַרטיידיקונג, איז די ערשטע דייטשישע פֿראָנטאַלע אַטאַקע געוואָרן אָפּגעשטויסן.

אין משך פֿון צוויי טעג זיינען די פֿיל־מאָליקע דייטשישע פּרוּוון צו באַהערשן די וויכטיקסטע פֿאַרטיידיקונגס־פּונקטן געוואָרן אָפּגעשלאָגן. די דייטשישע פֿאַרלוסטן האָבן באַטראָפֿן אַן ערך צוויי הונדערט טויטע און פֿאַרוווּנדעטע. אין אַ פֿראָנטאַלער אַטאַקע איז דאָס געטאָ געווען נישט צו דעראָבערן. יעדעס הויז איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿעסטונג. די אונטערערדישע קאַנאַלן האָבן דערמעגלעכט אָנצופֿאַלן אומגעריכט אויפֿן שונא. די דייטשן זיינען צוגעטראָטן צום באַלאַגערן דאָס געטאָ. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט אַרטילעריע און אָנגעהייבן סיסטעמאַטיש צו באַשיסן הויז נאָך הויז. גלייכצייטיק האָבן די דייטשן פֿון אַעראָפּלאַנען באַוואָרפֿן דאָס קאַמפּף־פעלד מיט צינד־באָמבעס. אין משך פֿון דריי וואָכן האָבן געבושעוועט שׂריפֿות. אַ פֿערטל פֿון דער שטאָט איז אַוועק מיטן רויך.

[1] 1943; דאָס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן צום ערשטן יאָרטאָג. (רעד.)

מיט דער פארטיידיקונג פון געטא האט אנגעפירט דער יונגער קעמפער אניעלעוויטש. זיינע מיליטערישע קענטענישן און דערפארונג האט ער ערשט דעראבערט אין לויף פון די קאמפן. די יידישע קאמפס־ארגאניזאציע האט געשטעלט א העלדישן ווידערשטאנד דער הונדערטמאליקער איבערגעוויכט פון שונא, נישט געקוקט אויף דער מינימאלער הילף פון דרויסן און אויף דער שוואכער באוואפענונג. די געטא־אויפשטענדלער זיינען טאקע באזיגט געווארן, אבער מיט זייער קאמף האבן זיי באוויזן דער וועלט, אז מען קאן ווירקזאם שלאגן דעם שטארק באוואפנטן שונא אפילו אין א זייער אומגינסטיקער סיטואציע. אויב די יידן האבן פארשפילט די אפריל־קאמפן, איז עס געווען דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען פולקאם איזאלירט און געקעמפט גאנץ אליין מיט דער מאדערנער, מעכטיקער היטלעריסטישער קריגס־מאשין.

די דעלעגאטור און די אנפירונג פון דער ארמיא־קראיאווא האבן אפגעזאגט צו געבן הילף דעם צווישן־ארגאניזאציאנעלן יידישן קאמיטעט. בלויז די קאמפס־גרופן פון גווארדיא לודאווא און רפפס האבן אויף אייניקע ערטער אטאקירט די וואך־פאסטנס פון עס־עס און זשאנדארמעריע, וועלכע האבן מיט אן אייזערנעם רינג ארומגענומען דאס ברענענדיקע געטא. דערמיט האבן זיי דאקומענטירט זייער אונטערשטיצונג פאר דער קאמפס־אקציע, וואס איז געווען געווענדעט קעגן אקופאנט. ווען די קאמפן אין געטא האבן זיך שוין דערנענטערט צום סוף, האבן די זעלנער פון דער גווארדיא לודאווא געהאלפן די יידישע קעמפער מיט געווער אין האנט זיך דורכרייסן אויף אונדזער זייט, כדי צו גיין אין די וועלדער און ווייטער פירן דעם קאמף קעגן אקופאנט.

דער באוואפנטער ארויסטריט פון די יידן איז נישט געווען אן אימפראוויזירטע אדער פארצווייפלונגס־אקציע. דער דאזיקער ארויסטריט איז געווען געגרייט אין משך פון עטלעכע חדשים. נאך אויגוסט און סעפטעמבער פון יאר 1942 האבן שוין די יידן נישט געהאט קיין אילוזיעס וועגן דעם גורל, וואס דער אקופאנט גרייט פאר זיי. פון די טראגישע אויגוסט־ און סעפטעמבער־טעג האבן די יידן באוויזן ארויסצוציען די געהעריקע קאנסעקווענצן.

אין דער יידישער געזעלשאפט איז דורכגעפירט געווארן א פאראייניקונג פון אלע פאליטישע גרופירונגען, עס איז אנטשטאנען א געמיינזאמער דעמאקראטישער פראנט, אויסשליסנדיק די יידישע גמינע און די יידישע פאשיסטן, וועלכע האבן אפן מיטגעארבעט מיט די דייטשישע מערדער.

די יידישע אַרבעטער זיינען געווען דער קערן און דער אַקטיוווסטער טייל אין דעם דאָזיקן קאַמפּס־פראָנט, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט די יידי־שע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך צוגעגרייט מיליטעריש, געבויט בונקערס, געזאַמלט געווער און שפּייז.

אין ערשטן יאָרטאָג פון די העלדישע קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ באַערן מיר דעם אָנדענק פון די יידן, וועלכע זיינען אין די היסטאָרישע אַפּריל־טעג געפאַלן אין קאַמף קעגן דעם היטלעריסטישן שונא.

„גלאָס וואַרשאַווי"
אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 31 (123), וואַרשע, 18 אַפּריל 1944 יאָר,
3 יאָרגאַנג.

דער ערשטער יאָרטאָג

מיט אַ יאָר צוריק, ווען די נאָענטסטע פראָנט־ליניע האָט זיך געצויגן טויזנט קילאָמעטער ווייט פון אונדז, האָבן אין וואַרשע געדונערט האַרמאַטן, טאַנקן און עראָפּלאַנען, וועלכע זיינען אַרויס קעגן אַ הייפל העלדישע געטאָ־קעמפער. אין דער שוידערלעכער טראַגעדיע פון די יידן אין פּוילן איז דער 19 אַפּריל 1943 געוואָרן אַ סימבאָל, אַ צושטייער, וועלכן די יידישע געזעלשאַפט האָט בייגעטראָגן צום באַפרייאונגס־קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער הערשאַפט, קעגן דער הערשאַפט פון טויט־פאַבריקן און גאַז־קאַמערן.

היינט, ווען דער קאָשמאַר פון די אַכזריותדיקייטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר אונדזערע אויגן, געהערט שוין צו דער געשיכטע, איז אַלץ אומפאַרשטענדלעכער צו באַגרייפן די שחיטה איבער אַ דריימיליאָניקער מענטשלעכער מאַסע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון אַלע מעכנישע דערגרייכונגען. כדי צו באַגרייפן די דאָזיקע גרויסע טראַגעדיע איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז די צאָל אויסגעהרגעטע יידן איז גלייך צו דער צאָל פון גאַנצן פינלענדישן, אָדער דענישן פאָלק, אָדער דער צאָל פון די לעטן און עסטאָניער צוזאַמען.

פאַרן גאַנצן דעמאָקראַטישן לאַגער אין פּוילן איז פון ערשטן מאָמענט אָן קלאָר געוואָרן, אַז די ליקווידאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אַ קלאַפּ, וואָס דער אָקופּאַנט האָט געצילט אין פּוילישן פאָלק, כדי אָפּצושוואַכן עס צאָלמעסיק אויף דער צוקונפט, צוגרייטנדיק אַ באָדן פאַר דער דייטשישער קאָלאָניזאַציע אוןווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע.

דאָס אויסמאָרדן די יידן איז געווען פאַרן פּוילישן פאָלק אַ הראָענדיקע וואָרענונג, וואָס עס דערוואַרט אים אין דער צוקונפט, אויב די היטלערישע מערדער וועלן צום סאַמע אָנהייב נישט אָנטרעפן אויף אַ דעצידירטן און אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, אויב מיר וועלן דערלויבן אונדז אָפּצושוואַכן, ווי מ'האָט אָפּגעשוואַכט די יידישע געזעלשאַפט. די שלאַכט, וואָס דאָס קליינע הייפל יידישע קעמפער האָט מיט אַ יאָר צוריק אונטערגענומען,

איז געקומען צו שפעט, כדי זי זאל קאנען האבן א געהעריקע ווירקונג אויפן גורל פון דער מערהייט שוין אויסגעמאָדעטער יידישער באפעלקערונג. פאר פוילן אבער איז דער דאזיקער קאמף געווען א וועג־ווייזער ווי זיך אפ־צוהיטן פון אומקום. דער דאזיקער קאמף איז פאר די מערדער געווען א וואָרענונג, אז די צייט פון פאסיוון אונטערליגן דעם קאפ אונטערן מעסער איז אריבער, אז פון איצט אן וועט יעדער אטענטאט אויף דער עקזיס־טענץ פון פאלק אנטרעפן אויף א דעצידירטן ווידערשטאנד און קרבנות־פולער העלדישקייט, ווי עס האבן באוויזן די יידישע קעמפער אין די אפריל־טעג. אין דער געשיכטע פון געראנגל פון פוילן און פון דעם גאנצן קעמפנ־דיקן אייראפע איז מיט גאלדענע אותיות פארשריבן דער אנדענק פון די, וואס זיינען אומגעקומען, נישט איבערלאזנדיק קיין זכר נאך זיך. די מעכטיקע מלחמה־מאשין, וועלכע עס האבן געהאט צו זייער דיספאזיציע די היטלעריסטישע מערדער, האט אין ווארשעווער געטא באקומען א שווערן קלאפ. א הייפל שלעכט־באוואפנטע, אויזאלירטע קעמפער האט געשטעלט א ווידערשטאנד די שטורעם־אפטיילונגען פון ארטילעריע און פאנצער־וואפן. דער נידערטרעכטיקער שונא האט ערשט דעמלט באוויזן צו ברעכן דעם ווידערשטאנד, ווען ער האט פארברענט דאס גאנצע געטא, באנוצנדיק זיך מיט עראפלאנען און אפילו מיט גאז־באמבעס.

דער אומגלייבער קאמף, וואס האט זיך מיט א יאר צוריק אפגעשפילט אין ווארשע, האט באוויזן דעם גאנצן פאלק, אז דער קאמף קעגן בלוטיקן אקופאנט איז נישט בלויז נייטיק, ער איז אויך מעגלעך.

צווייטער טייל

„אַרונטעררייסנדיק דעם אימפּעריאַליזם, האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איינצייטיק געשאַפן אין געשטאַלט פון דער ערשטער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אַ מעכטיקע און אָפענע באַזע פאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע די דאָזיקע באַוועגונג האָט פריער קיינמאָל נישט געהאַט און אויף וועלכער זי קאָן זיך איצט אָנשפּאַרן. זי האָט געשאַפן אַ מעכטיקן און אָפענעם צענטער פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכן די דאָזיקע באַוועגונג האָט פריער קיינמאָל נישט געהאַט און אַרום וועלכן זי קאָן זיך איצט קאָנצענטרירן, אָרגאַניזירנדיק אַן איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט פון די פּראָלעטאַריער און פון די אונטערדריקטע פעלקער אין אַלע לענדער קעגן דעם אימפּעריאַליזם”.

י. סטאַלין

(פונם אַרטיקל „דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע”).

(פון ביערוטס רעפעראַט אויפן פאַרייניקונגס־קאָנגרעס)

די פּפּר איז געווען די היסטאָרישע פאָרזעצערין פון דעם זעלבן אין זיין תוך פּראָצעס פונם „באַהעפטן די אַרבעטער־באַוועגונג מיטן סאָציאַליזם" — ווי דער מאַרקסיזם האָט באַצייכנט די ראָל פון דער פּאַרטיי. זי האָט געקעמפט פאַר דער רעאַליזאַציע פון דער אידעאָלאָגיע פונם פּראָלעטאַריאַט אין באַזונדערע היסטאָרישע באַדינגונגען, ווען דער קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט פאַר דער מאַכט האָט זיך ווי צום ענגסטן געבונדן מיטן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. פון דאַנען די איינגאַרטיקע און היסטאָריש־באַגרינדעטע אַנדערשקייט פון דער פּראַקטיק, לאָזונגען און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, וועלכע האָבן אַנטשפּראָכן די באַזונדערע באַדינגונגען פון דער מלחמה־סיטואַציע, די באַזונדערע באַדינגונגען פונם קאַמף קעגן היטלערישן אָקופּאַנט, ווי דעם הויפּט־שונא נישט בלויז פונם פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פונם פאָלק. אָבער קעמפנדיק פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, האָט די פּפּר נישט בלויז נישט אָפּגעזאָגט זיך פונם קאַמף פאַר דער מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר פאַרקערט — זי איז געווען די איינציקע פּאַרטיי, פאַר וועלכער דער קאַמף פאַר דער מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט איז געווען אומאָפּטיילבאַר פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. די וואַקלונגען פון געוויסע חברים פון פּפּר, וועלכע זיינען געניינט געווען צום פונאַנדערטיילן די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען, אונטערצואָרדענען די פראַגע פון קאַמף פאַר דער מאַכט דער פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אַלס עיקרדיקע פראַגע — זיינען, פאַרשטענדלעך, געווען אַן איינגאַרטיקער אויסדרוק פון אָפּאָרטוניזם און פונם אַראָפּקייקלען זיך פון די לעניניסטישע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס. דעריבער טאַקע האָבן די דאָזיקע וואַקלונגען אָנגעטראָפן אויף אַן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד און נישט געהאַט קיין וועזנטלעכן איינפלוס אויפן כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי און אירע אידעאָלאָגישע אויפגאַבן.

די איינציקע ראָל פון דער פּאַרטיי, אַלס מאַרקסיסטישע פּאַרטיי — איז געווען, „די באַהערשונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מיטן סאָציאַליזם". די דאָזיקע אויפגאַבע — די אויפגאַבע פון דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג — אויף דעם דאָזיקן באַזונדער היסטאָרישן עטאַפּ, אין וועלכן די פּאַרטיי איז טעטיק געווען, האָט געקאָנט דערפאָלג־רייך רעאַליזירט ווערן נאָר אַדאַנק צוויי גרונטבאַדינגונגען:

1) אַדאַנק דעם צעגראָמירן דעם פאַשיזם דורכן באַוואָפנטן אָרעם פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה, אָן וועמענס הילף סיי די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון פּוילן, ווי אויך איר סאָציאַלע באַפרייאונג דורכן איבערנעמען די מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט — וואָלט געווען נישט צום דערגרייכן;

2) אַדאַנק דעם בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס מיט די האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון די דערפער און שטעט, מיט די גרונטיקע מאַסן פונעם פּויערטום און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, דעם בונד, אָן וועלכן דאָס אײַנהאַלטן און פאַרפעסטיקן די מאַכט פונעם פּראָלעטאַריאַט וואָלט געווען אוממעגלעך.

דער ערשטער פון די דאָזיקע באַדינגען איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ספּעציפישער מלחמה־סיטואַציע, אין וועלכער ס'האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אין באַוואָפנטן קאַמף די צוויי מעכטיקסטע גרופּירונגען פון די אינטערנאַציאָנאַלע כוחות, אַרייַנפירנדיק אין קאַמף כמעט אַלע מיטלען, וועלכע ס'האָט צו איר דיספּאָזיציע די היינטיקע געזעלשאַפט. די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג נישט בלויז פון פּוילן, נאָר אויך פון אַלע אַנדערע פעלקער, די אונטערטעניקטע און פאַרשקלאַפטע דורכן היטלעריזם, איז פילשטענדיק אָפּהענגיק געווען פונעם דאָזיקן געראַנגל פון די מעכטיקע און דעצידירנדיקע אינטערנאַציאָנאַלע כוחות. אין דעם דאָזיקן געראַנגל איז אָבער וועזנטלעך געווען נישט בלויז דאָס פּראָבלעם פון דער מאַטעריעלער פאַרהעלטעניש פון די דאָזיקע כוחות, נישט ווייניקער וועזנטלעך איז געווען זייער קלאַסן־כאַראַקטער. וועזנטלעך איז געווען דאָס, וואָס אין דער דאָזיקער מלחמה האָט געקעמפט די סאָציאַליסטישע מלוכה, סססר, קעגן די בלאָקירטע דורכן היטלעריזם כוחות פון פאַשיזם, וועזנטלעך איז געווען דאָס, אַז דער זיג פון סססר איז געווען דער זיג פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה איבער די בלאָקירטע כוחות פונעם פאַשיזם.

דער זיג פון סססר אין דער פאַרגאַנגענער מלחמה איז געוואָרן דער וועזנטלעכסטער פאַקטאָר פאַרן גאַנצן לויף פון דער ווייטערדיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז געווען דער גרעסטער זיג פונעם סאָ־

ציאַליזם אינם געהאַנגל קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן זיין אגרעסיווסטן און יענער סיטואַציע אָפּטייל — קעגן היטלעריזם.

אין דעם באַשטייט דער היסטאָרישער און קלאַסן־זין פונם דאָזיקן זיג.

אין דעם צעבראָכירן דעם אימפּעריאַליסטיש־היטלעריסטישן אריינ־דרינגער אין רעזולטאַט פונם זיג פון פאַר אין דער וועלט־מלחמה וואָלט אומדערגרייכבאַר געווען סיי די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון פוילן און פון די אַנדערע איינגעריאַכטע דורכן היטלעריזם פעלקער, פּונקט ווי ס'וואָלט אומדערגרייכבאַר געווען דאָס דערגרייכן די מאַכט דורכן פּוילישן פּראָ־לעטאַריאַט מיטן מאָמענט פון באַפרייען דאָס לאַנד. די פאָלקס־דעמאָ־קראַטישע מלוכה איז אַלזאָ אַ דירעקטער רעזולטאַט פונם היסטאָרישן זיג פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה איבערן היטלעריסטישן אריינדרינגער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון פּפּר איז דאָס, אַז אָפּשאַצנדיק ריכטיק די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זי באַוויזן צו פאַרבינדן דאָס פּראָבלעם פון דער נאַציאָנאַ־לער באַפרייאונג פון פוילן מיטן זיג פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה, זוי אויך דאָס, וואָס זי האָט באַוויזן דעם קאַמף פאַר דער מאַכט פונם פּראָלעטאַריאַט צו פאַרבינדן מיטן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

דער צווייטער באַדינג איז ענג פאַרבונדן מיטן אייגנאַרטן און פאַרפעסטיקן ד פאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכה. ער באַשטימט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער דאָזיקער מלוכה און איר מהות. די פאָלקס־דעמאָ־קראַטיע איז אַנטשטאַנען נישט אין רעזולטאַט פון אַ באַוואָפנטן אויפ־שטאַנד, וועלכער האָט פאַר אין אויפגאַבע צו באַזייטיקן מיט כוח די שליטנדיקע פונם מלוכהשן אַפּאַראַט אינם מאָמענט פונם קולמינאַציע־פּונקט פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע — ווי דאָס איז פאָרגעקומען דעם 7־טן נאָוועמבער 1917 יאָר — נאָר אין רעזולטאַט פונם זיג פון דעם ראָטנפאַרבאַנד איבער די באַוואָפנטע כוחות פון דעם דייטשישן פאַשיזם.

דער גאַנצער אַפּאַראַט פון דער מלוכהשער מאַכט, וואָס האָט זיך דערמלט געפונען אין די הענט פונם דייטשישן פאַשיסטישן פאַרכאַפּער, איז געווען דער אַפּאַראַט פון זיין דיקטאַטור. ביינאַנד מיטן צעבראָכירן דעם דייטשישן פאַשיזם, איז זיך צונאַנדערגעפאַלן דער אַפּאַראַט פון זיין דיקטאַטור אין די פאַרכאַפּטע לענדער, צווישן זיי אויך אין פוילן.

צום פאַרכאַפּן דעם מאַכט־אַפּאַראַט אינם מאָמענט פון דער מפּלה פונם אָקופּאַנט האָבן זיך געגרייט די אונטערערדישע בורזשואַז־פּאַריזשער אָרגאַניזאַציעס, מיט אַזאַ, און נישט מיט קיין אַנדערן ציל האָבן זיך

טעריכטעט די געפינענדיקע זיך אין לאנדאן אנספיראטארן פונעם אויגוסט-אויפשטאנד אין ווארשע, וועלכע האבן געלייערט אויף דער העלדישקייט פון דער ווארשעווער באפעלקערונג און אויף איר שנאה צו די היטלעריסטן. מיט די דאזיקע צילן האבן זיך געריכטעט די וואלדבאנדעס אין זייער פארברעכערישער אקציע קעגן דער פאלקס-מלוכה אין די יארן 1945 און 1946.

די פפר אלס פארטיי פונעם ארבעטער-קלאס האט מאביליזירט די ארבעטער-מאסן צום קאמף קעגן דעם דייטשישן אקופאנט, ארגאניזירט דעם באוואפנטן כוח צום דאזיקן קאמף, געשאפן א ברייטן דעמאקראטישן פראנט פונעם ארבעטער-קלאס, פויערטום און אינטעליגענץ צום קאמף פאר דער נאציאנאלער באפרייאונג און פאר דער פאלקס-מאכט. איינע פון די פארמען פונעם דאזיקן פראנט איז געווען די גווארדיא לודאווא, וועלכע האט אין משך פון העכער צוויי יאר פון דער אקופאציע העלדיש געקעמפט אינעם הינטערלאנד פון שונא. די ארגאניזאציאנעלע פארם פונעם דאזיקן פראנט אין דירעקטן קאמף פאר דער פאלקס-דעמאקראטיע איז געווען דאס שאפן פונעם נאציאנאלן לאנדראט (ק.ר.נ.). דער סאציאל-פאליטישער פראגראם פון ק.ר.נ., וועלכער איז אנטשטאנען בעת דער אקופאציע אין אונטערערד, ווי אויך דער פראגראם, וועלכער איז פארמולירט געווארן אינעם מאניפעסט פון פ.ק.וו.נ., אלס שוין אפענעם ארגאן פון דער פאלקס-דעמאקראטישער מאכט — איז דער פראגראם פון ארבעטער און פויערים-בונד, דער פראגראם פונעם ברייטן דעמאקראטישן פראנט פון די ארבעטנדיקע מאסן פון די שטעט און דערפער מיטן ארבעטער-קלאס בראש.

דער היסטארישער פארדינסט פון דער פפר אלס מארקסיסטישע פארטיי איז געווען דאס, וואס זי האט אין קאמף פאר נאציאנאלער באפרייאונג ארויסגערוקט דעם פראגראם פון א ברייטן פאלקס-פראנט, וואס זי האט זיך געשטעלט בראש פונעם דאזיקן פראנט און געפונען די געהעריקע ארגאניזאציאנעלע פארמען, כדי צו רעאליזירן אים. דאס פארבינדן דעם באפרייאונגס-קאמף פון די פאלקס-מאסן אונטער דער אנפירונג פונעם ארבעטער-קלאס מיטן זיגרייכן באפרייאונגס-מארש פון דער סאוועטישער ארמיי, ביי וועמענס זייט ס'האט געקעמפט דאס פוילישע מיליטער, האט דערמעגלעכט אויפצובויען אויף די רואינען פון דער בורזשואזער מלוכה דעם נייעם אפאראט פון דער רעוואלוציאנערער מאכט פון די פאלקס-מאסן.

...די פוילישע ארבעטער-פארטיי, וועלכע איז ביינאנד מיטן בא-

פֿרייען האָט לאַנד ארויס פֿון אונטערערד, איז געווען די איניציאַטאָרין און הויפּטלעכער אָנפֿירנדיקער כוח פֿון די פֿאָרקומענדיקע עיקרדיקע, רעוואָלוציאָנערע איבערגעשטאַלטיקונגען אין אונדזער לאַנד, דער אָרגאַניזאַטאָר פֿונם ברייטן דעמאָקראַטישן פֿראָנט, וועלכער איז אָנגעהויבן געוואָרן דורכן ק.פּ.פּ. אינם ערשטן פּעריאָד נאָך דער באַפֿרייאונג האָט די פּפּר קאָנצענטרירט אַלע אירע אָנשטרענגונגען אויפֿן אויפֿבויען דעם נייעם מאַכטאַפּאַראַט. די מיטגלידער פֿון פּפּר האָבן געשאַפֿן די ערשטע קאַדרען פֿונם אַפּאַראַט פֿון דער עפֿנטלעכער זיכערקייט, פֿונם פּוילישן פֿאָלקס־מיליטער, פֿון דער נייער מלוכהשער און קאָמונאַלער אַדמיניסטראַציע. שטיצנדיק זיך אויפֿן אייניקייטלעכן פֿראָנט מיט דער פּפּס, וועלכע האָט פֿאַנאַנדערגעבויט איר אָרגאַניזאַציע, האָט די פּפּר גאַראַנטירט דעם אַרבעטער־קלאַס די אָנפֿירנדיקע ראָל אינם פֿאָלק און באַשטימט די ריכטונג פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון פֿאָלקס־פּוילן. דער יסוד פֿון דער אַנטוויקלונג זיינען געווען די אַגראַר־רעפֿאָרם און די נאַציאָנאַליזירונג פֿון דער אינדוסטריע, וועלכע האָבן ליקווידירט די מאַטעריעלע באַזע פֿונם גרויס־קאַפּיטאַל און פּריצנטום.

די פּפּר האָט דורכגעפֿירט די אַגראַר־רעפֿאָרם אומיטלבאַר מיט די הענט פֿון די פּויערים ביי דער אַקטיווער צוזאַמענאַרבעט פֿון די אַרבעטער, אויסברייטערנדיק דעם אַרבעטער און פּויערים־בונד און איינטראָגנדיק אין אים א נייעם אינהאַלט. די פּפּר איז געווען די איניציאַטאָרין פֿונם אָרגאַניזירן די פּויערישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע — דעם פֿאַרבאַנד פֿון דער פּויערישער זעלבסטהילף.

די פּפּר האָט דורכגעפֿירט פֿון אונטן די פּראַקטישע נאַציאָנאַליזירונג פֿון דער אינדוסטריע, וועלכע איז ערשט שפּעטער לעגאַליזירט געוואָרן דורך א געזעצגעבערישן אַקט, זי האָט מאָביליזירט די אַרבעטער צום לאָזן אין באַוועגונג און פֿאַרזיכערן די אַרבעטס־אונטערנעמונגען, צום אָרגאַניזירן אונטערנעמונגס־ראַטן און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. די מסירת־נפֿשדיקייט און ענטוזיאַזם פֿונם אַרבעטער־קלאַס, זיינע באַפֿרייטע כוחות, האָט די פּפּר באַוויזן גלייך צו ריכטן אויפֿן וועג פֿונם שעפֿערישן ווידער־אויפֿבוי פֿונם לאַנד און פֿון דער חרוב־געמאַכטער דורכן אָקופּאַנט הויפּטשטאָט.

פֿונם רעפֿעראַט פֿון ח׳ באָלעסלאַוו ביערוט אויפֿן קאָנגרעס פֿון דער פּוילישער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי דעם 15־דעצעמבער 1948 יאָר.

ביילאַגע
צום דזשענניק אוסטאַוו
פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק
נר. 1, יולי 1944 יאָר

מ אַ נ י פ ע ס ט

פון פּוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג (פּ. ק. וו. נ.) [1]

צום פּוילישן פאָלק!

פּאָליאַקן אין לאַנד און אויף דער עמיגראַציע! פּאָליאַקן אין דער דייטשישער געפאַנגענשאַפט!

ברידער!

ס'האָט אויסגעשלאָגן די שעה פון באַפרייאונג. די פּוילישע אַרמיי האָט ביי דער זייט פון דער רויטער אַרמיי, פאָרסירט דעם בוג. דער פּוילישער זעלנער שלאָגט זיך אויף דער פאָטערלענדישער ערד. איבער דעם פאַרפּייניקטן פּוילן פלאַטערן ווידער ווייס־רויטע פענער.

דאָס פּוילישע פאָלק באַגריסט די זעלנער פון דער פאָלקס־אַרמיי, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט די זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי אין פּסכר. געמיינזאַם איז דער שונא, געמיינזאַם איז דער קאַמף, געמיינזאַם זיינען די פענער.

פאַראייניקט אין איין פּויליש מיליטער צום רום פון פאָטערלאַנד, אונטער אַ געמיינזאַמער אָנפירונג, וועלן אַלע פּוילישע זעלנער גיין, ביי דער זייט פון דער זיגרייכער רויטער אַרמיי, צום קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד.

ברידער!

זיי וועלן גיין דורך גאַנץ פּוילן, נקמה צו נעמען איבער די דייטשן, ביז ס'וועלן נישט פלאַטערן די פּוילישע פענער אויף די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט פון דעם פאַריסענעם יונקערטום, אויף די גאַסן פון בערלין.

---

[1] Polski Komitet Wyzwolenia Narodowego.
פּוילישער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. (רעד).

ברידער!

דאָס פאָלק, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער דייטשישער אָקופּאַציע פאַר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, האָט געשאַפן זיין רעפּרעזענטאַנץ, דעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט (ק. ר. נ.). אין ק. ר. נ. זיינען פאַרטראָטן פאָרשטייער פון די דעמאָקראַטישע גרופּירונגען: פּויערים־טוער, דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן, מיטגלידער פון פּפּר און אנדערע אָרגאַניזאַציעס. דעם ק. ר. נ. זיינען אונטערגעאָרדנט די אָרגאַניזאַציעס פון דער פּוילישער עמיגראַציע אין דער ערשטער ריי דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן (זפּפּ)[1] אין ססר און די דורך אים געשאַפענע פּוילישע אַרמיי.

דער איינציק לעגאַלער קוואַל פון מאַכט אין פּוילן איז דער ק. ר. נ., וועלכער איז באַרופן דערצו דורך דעם קעמפנדיקן פאָלק.

די עמיגראַנטישע לאָנדאָנער „רעגירונג" און איר דעלעגאַטור אין לאַנד איז אן אוזורפּאַטאָרישע און אומלעגאַלע מאַכט, וואָס שטיצט זיך אויף דער נישט־רעכטלעכער פאַשיסטישער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1935. די דאָזיקע „רעגירונג" האָט געהאַמעוועט דעם קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט און האָט מיט איר אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק געשטויסן צו וועלן צו א נייער קאַטאַסטראָפע.

היינט, אין מאָמענט פון פּוילנס באַפרייאונג, אין מאָמענט, ווען די פאַרבינדעטע רויטע אַרמיי און צוזאַמען מיט איר דאָס פּוילישע מיליטער פאַרטרייבט דעם אָקופּאַנט פון לאַנד, מוז אנטשטיין א לעגאַלער צענטער פון מאַכט, וואָס וועט דערפירן דעם קאַמף פון פאָלק פאַר דער ענדגילטיקער באַפרייאונג ביז צום סוף.

העריבער האָט דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט, דער צייטווייליקער פאַרלאַמענט פון פּוילישן פאָלק, באַשטימט דעם פּוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פאַר דעם לעגאַלן צייטווייליקן אויספיר־אָרגאַן, וואָס איז באַרופן צום פירן דעם קאַמף פאַר באַפרייען דאָס פאָלק, פאַר דעראָבערן די אומאָפּהענגיקייט און אויך פאַר דעם אויפבוי פון דער פּוילישער מלוכהשאַפט.

דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט און דער פּוילישער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג שטיצן זיך אויף דער איינציק רעכטלעך־פאַרפליכטנדיקער לעגאַלער קאָנסטיטוציע פון 17 מערץ 1921. די גרונט־יסודות פון דער קאָנסטיטוציע פון 17 מערץ 1921 וועלן פאַרפליכטן ביזן צוזאַמענקומען זיך פון נייעם געזעצגעבערישן סיים, וואָס וועט געווײלט ווערן דורך

1 Związek Patriotów Polskich

פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן. (רעד.)

אַלגעמיינע, דירעקטע, געהיימע, גלייכע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן און וועט, אַלס דער אויסדריקער פון פאָלקס־ווילן, בשטימען אַ נייע קאָנסטי־טוציע.

ברידער!

פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע האַלט דער פ. ק. וו. נ. דאָס פאַרשטאַרקן העם אָנטייל פון פּוילישן פאָלק אין קאַמף פאַר צעשמעטערן דאָס היטלע־ריסטישע דייטשלאַנד.

ס'האָט אויסגעשלאָגן די שעה פון נקמה איבער די דייטשן פאַר די ליידן און פּיין, פאַר די פאַרברענטע, פאַר די צעשמעטערטע שטעט, פאַר די חרוב־געמאַכטע קלויסטערס און שולן, פאַר די „לאַפּאַנקעס", לאַגערן און צעשיסונגען, פאַר אָשוויענטשים, מיידאַנעק, טרעבלינקע, פאַר אויס־הונגערן דאָס געטאָ.

ברידער!

די פאַרבינדעטע רויטע ארמיי האָט מיט איר העלדישקייט און מסי־רת־נפש דערלאַנגט צעשמעטערנדיקע קלעפּ דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד. די רויטע אַרמיי איז ווי אַ באַפרייערישע אַרמיי אַריין קיין פּוילן.

דער פ. ק. וו. נ. רופט די באַפעלקערונג, ווי אויך אַלע זיינע אונטער־געאָרדנטע אָרגאַנען, צו טראָגן הילף דער רויטער אַרמיי און צו אַ וואָס שנעלערער מיטאַרבעט מיט איר. וואָס מער פאַליאַקן עס וועלן זיך באַ־טייליקן אין דער מלחמה קעגן שונא, אַלץ מער וועלן פאַרקלענערט ווערן די ליידן פון פאָלק און אַלץ שנעלער וועט זיך דערנענטערן דער סוף פון קריג.

נעמט זיך פאַרן געווער, שלאָגט די דייטשן אומעטום, ווו איר טרעפט זיי! אַטאַקירט זייער טראַנספּאָרט, ערטיילט אינפאָרמאַציעס; העלפט די פּוילישע און סאָוועטישע זעלנער! אויף די באַפרייטע געביטן פירט אויס דיסציפּלינירט די מאָביליזאַציע־באַפעלן און אײַלט אין די רייען פון פּוי־לישן מיליטער, וואָס וועט נקמה נעמען פאַר דער סעפּטעמבער־מפּלה און צוזאַמען מיט די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע פעלקער צוגרייטן די דייטשן אַ נייעם גרונוואַלד!

שטעלט זיך אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן, פאַרן אומ־קערן העם פאָטערלאַנד דאָס אַלטע פּוילישע פאָמערן און שלעזיע, דאָס פּוילישע מזרח־פּרייסן, פאַר אַ ברייטן צוטריט צום ים, פאַר די גרענעצן ביי דער אָדרע.

שטעלט זיך אין די רייען פון קאַמף פאַר אַ פּוילן, וועלכן עס וועלן שוין קיינמאָל נישט דראָען קיין גערמאַנישע איבערפאַלן, פאַר אַ פּוילן,

וועלכן ס'וועט פאַרזיכערט ווערן אַ דויערנדיקער שלום, אַ מעגלעכקייט פון שעפערישער אַרבעט און אויפבליאונג פון לאַנד.

די געשיכטע און די דערפאַרונגען פון דער איצטיקער מלחמה האָבן באַוויזן, אַז דעם דרוק פון געהמאַנישן אימפּעריאַליזם קאָן זיך בלויז אַנט־קעגנשטעלן אַ דאַמבע פון די סלאַווישע פעלקער, וואָס וועט זיך באַזירן אויף אַ פאַרשטענדיקונג פון פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע.

צווישן די פּאָליאַקן און אוקראַינער, צווישן די פּאָליאַקן און די ווייס־רוסן, די פּאָליאַקן און די רוסן האָבן זיך אין משך פון 400 יאָר כסדר געצויגן קאָנפליקטן צום שאָדן פון ביידע צדדים. איצט איז געקומען אַן היסטאָרישער איבערברוך. די קאָנפליקטן טרעטן אָפּ דאָס אָרט דער פריינד־שאַפט און צוזאַמענאַרבעט — וואָס ווערט דיקטירט דורך די קעגנזייטיקע לעבנס־אינטערעסן. די פריינדשאַפט און די קאַמפס־צוזאַמענאַרבעט, וואָס איז דורך דעם וואָפנבריהדערשאַפט פון פּוילישן מיליטער מיט דער רויטער אַרמיי שוין איינגעשטעלט געוואָרן, דאַרפן נאָכן קריג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיקן בונד און שכנותדיקער צוזאַמענאַרבעט.

דער ק. ר. נ. און דער פּ. ק. וו. נ. אָנערקענען, אַז דאָס רעגולירן די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעצן דאַרפן געלייזט ווערן אין גייסט פון אַ גע־מיינזאַמער פאַרשטענדיקונג. די מזרח־גרענעץ דאַרף זיין אַ ליניע פון פריינדשאַפטלעכער שכנות און נישט קיין שייד־וואַנט צווישן אונדז און אונדזערע שכנים. זי דאַרף זיין באַשטימט אין הסכם מיטן כלל: די פּוי־לישע געביטן פאַר פּוילן, די אוקראַינישע פאַר דעם סאָוויעטישן אוקראַינע, די ווייסרוסישע פאַרן סאָוויעטישן ווייס־רוסלאַנד, די ליטווישע פאַר דעם סאָוויעטישן ליטע. דער דויערהאַפטיקער בונד מיט אונדזערע אוממיטלבאַרע שכנים, מיטן ראַטנפאַרבאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע, וועט זיין דער הויפּט־פּרינציפּ פון דער פּוילישער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס וועט רעאַליזירט דורכן פּוילישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

די וואָפנברידערשאַפט, וואָס איז געהייליקט געוואָרן מיטן געמיינזאַ־מען בלוט אין קאַמף קעגן דער דייטשישער אַגרעסיע, וועט נאָך מער פאַר־טיפן די פריינדשאַפט און פאַרפעסטיקן דעם בונד מיט גרויס־בריטאַניע און מיט די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. פּוילן וועט שטרעבן צו קאָנטינוירן די טראַדיציאָנעלע פריינדשאַפט און בונד מיטן באַנייטן פראַנקרייך און אויך מיטצואַרבעטן מיט אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות פון דער וועלט.

די פּוילישע אויסערן־פּאָליטיק וועט זיין אַ דעמאָקראַטישע פּאָליטיק, וואָס באַזירט זיך אויף די יסודות פון קאָלעקטיווער זיכערקייט.

דער פּ. ק. וו. נ. וועט סיסטעמאַטיש פעסטשטעלן די שאָדנס, וואָס די דייטשישע אינוואַזיע האָט גענבראַכט פאַרן פּוילישן פאָלק און וועט אָננעמען שריט, כדי צו פאַרזיכערן פּוילן די געהעריקע אַנטשעדיקונג.

ברידער!

אין נאָמען פון ק. ר. נ. נעמט איבער דער פּ. ק. וו. נ. די מאַכט אויף די באַפרייטע געביטן פון פּוילן. קיין איין מאָמענט מער נישט אויף דער פּוילישער ערד, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער דייטשישער אינוואַזיע עקזיסטירן קיין אַנדערע אַדמיניסטראַציע ווי די פּוילישע. דער פּ. ק. וו. נ. רעאַליזירט זיין מאַכט דורך די וואָיעוואָדישע, פּאָוויאַטאָווע, שטאָטישע און גמינע נאַציאָנאַל־ראַטן און אויך דורך באַפולמעכטיקטע פאָרשטייער. דאָרט, וווּ קיין נאַציאָנאַל־ראַטן עקזיסטירן נאָך נישט, זיינען די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פאַרפליכטעט אַזעלכע באַלד צו שאַפן, אַריינגערעכנט אין זיי פּוילישע פּאַטריאָטן, וועלכע געניסן פונם צוטרוי פון דער באַפעלקערונג, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע איינשטעלונגען.

דער פּ. ק. וו. נ. פאָדערט אַ תיכפדיקע אויפלייזונג און אַנטוואָפענונג פון דער א. ג. גראַנאַטאָווער פּאָליציי.

די נאַציאָנאַל־ראַטן שאַפן תיכף אַ בירגער־מיליץ, וועמענס אויפגאַבע עס וועט זיין אָפּצוהיטן די רו און זיכערקייט.

די אויפגאַבע פון די אומאָפּהענגיקע פּוילישע געריכטן וועט זיין צו פאַרזיכערן אַ גיכן גערעכטן פּסק. קיין שום דייטשישער מלחמה־פאַרברעכער, קיין שום פאַררעטער פון פאָלק קאָן נישט אויסמיידן די פאַרדינטע שטראָף.

ברידער!

דער פּ. ק. וו. נ. טרעט צו אויפצובויען די פּוילישע מלוכהשאַפט און דערקלערט פייערלעך דאָס צוריקקערן אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, גלייכהייט פון אַלע בירגער אָן אונטערשיד פון ראַסע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט, פרייהייט פון פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, פון פּרעסע, געוויסן. די דעמאָקראַטישע פרייהייטן קאָנען אָבער נישט דינען די שונאים פון דער דעמאָקראַטיע. די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווי אַנטינאַציאָנאַלע, וועלן אויסגעראָטן ווערן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון געזעץ.

ברידער!

דאָס חרובע און אויסגעהונגערטע לאַנד וואַרט אויף גרויסע שאַפונגס־אָנשטרענגונגען פון גאַנצן פאָלק. די עוולות, וואָס דער אָקופּאַנט איז באַגאַנגען דאַרפן וואָס שנעלער פאַריכט ווערן. די פאַרמעגנס, וואָס זיינען

צוגערויבט געוואָרן דורך די דייטשן ביי פאַרשידענע בירגער, ביי פויערים, באַלמעלאָכים, סוחרים, פאַבריקאַנטן, אינסטיטוציעס און קלויסטערס, וועלן ווערן אומגעקערט זייערע פאַקטישע אייגנטימער. די דייטשישע מאַיאָנטקעס וועלן קאָנפיסקירט ווערן. די יידן, וואָס זיינען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן געמאָרדעט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט, ווערט געזיכערט דער אויפבוי פון זייער עקזיסטענץ און זייער יורידישע און פאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָס פאָלקס־פאַרמעגן, וואָס איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער דייטשישער מלוכה און פון באַזונדערע דייטשישע קאַפּיטאַליסטן, דאָס הייסט, די גרויסע אינדוסטריעלע, האַנדלס־ און באַנק־אונטערנעמונגען, טראַנספּאָרט־מיטלען, און אויך וועלדער וועלן אַריבערגיין אונטער אַ צייטווייליקער מלוכהשער פאַרוואַלטונג. און מיטן מאָמענט פון רעגולירן די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען, וועט דאָס צוריקגעקערט ווערן די אייגנטימער.

ברידער!

כדי צוצואיילן דעם ווידעראויפבוי פון לאַנד און צו באַפרידיקן דעם שטענדיקן הונגער פון פוילישן פויער נאָך ערד, וועט דער פוילישער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג תיכף צונויפרופן צו פאַרווירקלעכן אויף די באַפרייטע געביטן אַ ברייטע אַגראַר־רעפאָרם.

צו דעם צוועק וועט געשאַפן ווערן אַן ערד־פאָנד, וואָס וועט אונטערליגן דעם רעסאָרט פון ערד־ און אַגראַר־רעפאָרם.

דער דאָזיקער פאָנד וועט איבערנעמען דעם באָדן, צוזאַמען מיטן טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר, וואָס געהערט צו די דייטשן, צו נאַציאָנאַלע פאַררעטער, און אויך פריצישע ערד־ווירטשאַפטן, וואָס באַשטייען פון העכער 50 העקטאַר. אויף די געביטן, וואָס זיינען געוועזן אָנגעשלאָסן אין רייך — ערד־ווירטשאַפטן פון העכער 100 העקטאַר. דייטשישע ערד און ערד פון נאַציאָנאַלע פאַררעטער וועט קאָנפיסקירט ווערן. פריצישע ערד־ווירטשאַפטן אָפּהענגיק פון זייער גרייס, וועלן איבערגענומען ווערן דורכן ערד־פאָנד אָן אַנטשעדיקונג, אָבער די געוועזענע אייגנטימער וועלן ווערן באַזאָרגט. ערד־אייגנטימער, וואָס האָבן פּאַטריאָטישע פאַרדינסטן אין קאַמף מיט דייטשלאַנד באַקומען אַ העכערע פאַרזאָרגונג. די ערד, וואָס געפינט זיך אין באַזיץ פונם ערד־פאָנד ווערט, מיטן אויסנאַם פון דער, וואָס איז באַשטימט פאַר מוסטער־ווירטשאַפטן, צעטיילט צווישן ווייניק־ערדיקע פויערים, מיט גרויסע פאַמיליעס מיטל־ערדיקע, פאַר קלענערע ערד־פאַכטערס און פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. די ערד, וואָס ווערט צו־

געטיילט דורכן ערד־פאנד פאר א (מינימאלן) אפצאל, ווערט צוזאמען מ[illegible] דער ערד וואס מען באזיצט פון פריער, אנערקענט פאר אינדיווידועל אייגנטום. דער ערד־פאנד שאפט נייע ווירטשאפטן עווענטועל פארגרעסערט ער די ווייניק־ערדיקע ווירטשאפטן, נעמענדיק אין באטראכט אבער די נארמע פון 5 העקטאר פארזיי־פעלד פון מיטעלן קוואליטעט פאר א נישט צאלרייכער פאמיליע. די ווירטשאפטן, וואס וועלן אויפן ארט נישט קאנען באקומען די דאזיקע נארמע, וועלן האבן רעכט אנטיילצונעמען ביים באזעצן מיט דער הילף פון דער מלוכה אנדערע געביטן מיט פרייער ערד, באזונדערס אויף ערד וואס איז אפגענומען געווארן פון די דייטשן.

ברידער!

דער פ.ק.וו.נ. שטעלט זיך פאר א דירעקטער אויפגאבע דאס תיכף־דיקע פארבעסערן די לאגע פון די ברייטע פאלקס־מאסן.

די קאנטינגענטן, וואס נעמען צו ביי דעם פויער דעם בלוטיק פאר־הארעוועטן גראשן, וועלן תיכף אפגעשאפט ווערן. דאס זארגן פאר די נויטן פון דער ארמיי און אויך דאס אפראוויזירן די שטעט וועט ווערן דורכגע־פירט אויפן סמך פון פוילישן געזעץ וועגן הילף בעת מלחמה. די הילף אין נאטור וועט זיין באדייטנדיק קלענער, ווי די דייטשישע קאנטינגענטן.

די פארדינסטן פון די פיזישע און גייסטיקע ארבעטער, וואס די דייטשן האבן איינגעהאלטן אויף דער פארמלחמהדיקער הייך, וועלן ווערן געהע־כערט צו דער נארמע, וואס וועט פארזיכערן דעם מינימום עקזיסטענץ.

די אינסטיטוציעס פאר סאציאלער פארזיכערונג פאר קראנקע, אינ־וואלידן, ארבעטסלאזע און זקנים, וועלן תיכף אויפגעבויט ווערן. די אינס־טיטוציעס פאר סאציאלער פארזיכערונג וועלן זיך שטיצן אויף דעמאק־ראטישע זעלבסט־פארוואלטונגען. אויפן געביט פון ארבעטס־שוץ וועלן איינגעפירט ווערן די נייעסטע געזעצן און ס'וועט ליקווידירט ווערן די וווינונגס־נויט.

ס'וועלן אפגעשאפט ווערן די פאראכטעטע דייטשישע געזעצן, וואס קרעמפירן די ווירטשאפטס־טעטיקייט און דעם האנדל־אומזאץ צווישן דארף און שטאט. די מלוכה וועט שטיצן די ברייטע אנטוויקלונג פון קאאָ־פעראטיוו־וועזן. די פריוואטע איניציאטיוו, שטארקנדיק די פולסירונג פון ווירטשאפטלעכן לעבן — וועט אויך געפינען די אונטערשטיצונג פון דער מלוכה. דאס פארזיכערן די נארמאלע אפראוויזאציע וועט זיין איינע פון די וויכטיקסטע זארגן.

ברידער!

דער פ. ק. וו. נ. האלט פאר איינער פון זיינע דרינגענדיקסטע אויפגאבן די אויפבויאונג פון שול־וועזן אויף די באפרייטע געביטן און דאס פארזיכערן אומזיסטע בילדונג אויף אלע לער־שטאפלען די אלגעמיינע צוואנגס־בילדונג וועט ווערן שטרענג אפגעהיט. די פוילישע אינטעליגענץ, וועלכע איז געמארדעט געווארן דורך היטלער־דייטשלאנד, די וויסנשאפטלער און קינסטלער, וועלן ווערן ארומגענומען מיט א ספעציעלער זארג. עס וועלן תיכף אונטערגענומען ווערן שריט אויפצובויען די שולן און שפיטאלן.

ברידער!

דער פ. ק. וו. נ. וועט שטרעבן, אז די פאליאקן אויף דער עמיגראציע זאלן וואס שנעלער זיך קאנען אומקערן אהיים און וועט אננעמען שריט צו ארגאניזירן דעם דאזיקן אומקער.

די גרענעצן פון פוילן וועלן זיין געשלאסן בלויז פאר היטלערישע אגענטן און פאר די, וואס האבן אין סעפטעמבער 1939 פאראטן פוילן.

ברידער!

עס שטייען פאר אונדז גיגאנטישע אויפגאבן. מיר וועלן זיי עקשנותדיק און דעצידירט רעאליזירן. מיר וועלן פון זיך טרייבן אינטריגאנטן, אגענטן פון דער רעאקציע, וואס העלפן דעם היטלעריזם דורך צעברעכן די נאציאנאלע איינהייט, דורך פרוון פראוואצירן קאמפן צווישן פאליאקן.

די אויפגאבן פון באפרייען פוילן, פון ווידעראויפבויען די מלוכה, פון דערפירן די מלחמה ביזן זיגרייכן סוף, פון באקומען פאר פוילן א בכבודיק ארט אין דער וועלט און פון דעם ווידעראויפבוי פון דעם חרוב־געווארענעם לאנד — דאס זיינען אונדזערע הויפט־אויפגאבן.

אן נאציאנאלער איינהייט קאן מען נישט פארווירקלעכן די דאזיקע אויפגאבע. אין שווערן, אונטערערדישן קאמף איז די איינהייט אויסגעשמידט געווארן. די אנטשטייאונג פון פ. ק. וו. נ. איז געוועזן דער אויסדרוק פון איר רעאליזירונג.

די אנטשטייאונג פון פ. ק. וו. נ. איז א וויטערדיקער שריט אויפן דאזיקן וועג.

ברידער!

דער פ. ק. וו. נ. רופט אייך וואס שנעלער באפרייען דאס לאנד און צו צעקלאפן די דייטשן!

פאָליאַקן!

צום קאַמף! צום געווער!

זאָל לעבן דאָס באַרייניקטע פוילישע מיליטער, וואָס קעמפט פאַר דער פרייהייט פון פוילן!

זאָל לעבן די באַפריינדעטע רויטע אַרמיי, וואָס טראָגט באַפרייאונג פאַר פוילן!

זאָלן לעבן אונדזערע גרויסע פאַרבינדעטע, דער ראַטנפאַרבאַנד, גרויס־בריטאַניע, און די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע!

זאָל לעבן די אייניקייט פון פאָלק!

זאָל לעבן דער ק. ר. נ., די רעפּרעזענטאַנץ פון קעמפנדיקן פאָלק!

זאָל לעבן דאָס פרייע, שטאַרקע, אומאָפּהענגיקע, סוווערענע און דעמאָקראַטישע פוילן!

פוילישער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג

22 יולי 1944 יאָר.

דעקרעט פון פוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג
פון 31־טן אויגוסט 1944

וועגן שטראָפן פאַר די פאַשיסטיש־היטלעריסטישע מערדער, וועלכע זיינען שולדיק אין די רציחות און איזדעקעווען זיך איבער דער ציווילער באַפעלקערונג און קריגס־געפאַנגענע, ווי אויך פאַר די פאַרעטער פון פוילישן פאָלק

אויפן סמך פונם געזעץ פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט פון 15־טן אויגוסט 1944 וועגן ציימווייליקן אופן פון אַרויסגעבן דעקרעטן מיט דער קראַפט פון געזעצן, באַשליסט דער פוילישער קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און עס באַשטעטיקט דער פּרעזידיום פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט דאָס פאָלגנדיקע:

אַרט. 1. ווער עס האָט, האַנדלענדיק לטובת דער דייטשישער אָקופּאַציע־מאַכט:

א) געטומען, אָדער נעמט אַנטייל ביים דורכפירן מאָרדן איבער פּערזאָנען פון דער ציווילער באַפעלקערונג, אָדער קריגס־געפאַנגענע, אין איזהעקעוועו זיך איבער זיי, אָדער אין רודפן זיי;

ב) געווירקט, אָדער ווירקט צום שאָדן פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען, אָדער געפינען זיך אויפן שטח פון דער פוילישער מלוכה, בפרט דורך כאַפּן, אָדער אַרויסגעבן געזוכטע, אָדער פאַרפאָלגטע מענטשן דורך דער אָקופּאַנטישער מאַכט צוליב וועלכע נישט איז סיבות (אויסער דאָס פאַרפאָלגן פאַר אויספירן קרימינעלע פאַרברעכנס) —

באַקומט טויט־שטראָף.

אַרט. 2. ווער עס האָט אויסגעפּרעסט אָדער פּרעסט אויס געלט פון אַזעלכע פּערזאָנען, אָדער פון זייערע נאָענטע אונטער דער דראָונג פון כאַפּן די מענטשן און איבערגעבן זיי אין די הענט פון דער אָקופּאַציע־מאַכט —

באַקומט תּפיסה־שטראָף ביז 15 יאָר, אָדער לעבנסלענגלעך.

אַרט. 3. עס באַפרייט נישט פון שטראָף־פאַראַנטוואָרטלעכקייט דער פאַקט פון אויספירן די פאַרברעכנס פון אַרט. 1 און 2 אין די ראַמען פון דינסט לטובת דער פיינדלעכער אָקופּאַנטישער מאַכט, אָדער לויט איר באַפעל, צי צוואַנג.

אַרט. 4. צוגלייך מיטן אויספירן די פאַרברעכנס, וואָס ווערן פאַרויסגעזען אין דעם דאָזיקן דעקרעט, ווערן באַשטראָפט: פרוון, אונטערהעצונג און הילף.

אַרט. 5. פּאַראַגראַף 1. אין פאַל פון פאַראורטיילן פאַר די פאַרברעכנס, וואָס ווערן פאַרויסגעזען אין די אַרטיקלען 1, 2 און 4 פון דעם דאָזיקן דעקרעט, באַשליסט דאָס געריכט אויסער דעם:

א) דאָס פאַרלירן די עפנטלעכע און בירגערלעכע ערן־רעכט.

ב) דאָס קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון פאַרמשפּטן, און חוץ דעם קאָן דאָס געריכט באַשליסן די קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן פון דעם מאַן (ווייב) פון באַשולדיקטן און פון זיינע קינדער, אחוץ דעם פאַרמעגן פון די לעצטע, אויב עס שטאַמט פון זייער אייגענער מי, אָדער פון ירושה, צי מתנה, אויב דער, פון וועמען עס שטאַמט די ירושה אָדער מתנה, איז נישט באַגאַנגען קיין מעשים, אויף וועלכע עס איז חל די שטראָף לויט דעם דאָזיקן דעקרעט.

פּאַראַגראַף 2. וועגן אויסשליסן פון דער קאָנפיסקאַציע אין זין פון ערשטן פּאַראַגראַף פונקט „ב" וועלן באַשליסן די אַלגעמיינע ציווילע געריכטן אין הסכם מיט די פאַרשריפטן פון קאָדעקס פון ציווילער פּראָצעדור וועגן באַפרייען פון עקזעקוציע (אַרט. 657 פון פּראָצעדורעלן ציוויל־קאָדעקס און ווייטערדיקע).

אַרט. 6. לגבי די פאַרברעכנס, וואָס ווערן פאַרויסגעזען אין דעם דאָזיקן דעקרעט, ווערן אָנגעווענדעט די פאַרשריפטן פון דעם אַלגעמיינעם טייל פונם שטראָף־קאָדעקס.

אַרט. 7. לגבי די פאַרברעכנס, וואָס ווערן פאַרויסגעזען אין דעם דאָזיקן דעקרעט, איז חל די פּראָצעדור פון ספּעציעלע שטראָף־געריכטן.

אַרט. 8. דאָס אויספירן דעם דאָזיקן דעקרעט ווערט איבערגעגעבן דעם לייטער פון יוסטיץ־רעסאָרט.

אַרט. 9. דער דאָזיקער דעקרעט גייט אַריין אין קראַפט מיטן טאָג פון זיין פאַרעפנטלעכן און ווערט אָנגעווענדט לגבי אַלע דאָ פאַרויסגעזעענע פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין דער צייט זינט דעם 31־טן אויגוסט 1939.

פאָרזיצער פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט
(—) באָלעסלאַוו ביערוט

„גלאָס לודו“
אָרגאַן פֿון דער
פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

נר. 1, 3 יאַנואַר 1945, 2־טער יאָרגאַנג

מ אַ נ י פֿ ע ס ט

פֿון פּרעזידענט פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט באָלעסלאַוו ביערוט

דעם 31־טן דעצעמבער 1944

הויכער ראַט! בירגער דעפּוטאַטן!

דאָס יאָר, וואָס ענדיקט זיך איצט, האָט זיך אומפֿאַרגעסלעך אויף אייביק איינגעשריבן אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. אין דאָזיקן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. דעם 22־טן יולי 1944 האָט זיך אָנגעהויבן די ווידערגעבורטס־עראַ פֿון דער באַנייטער פּוילישער מלוכהשאַפֿט. אַדאַנק דער הילף פֿון דער מעכטיקער העלדישער רויטער אַרמיי איז אַ גרויסער טייל פֿון דער פּוילישער ערד באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער דייטשישער אָקופּאַציע. צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי קעמפֿן שוין אויף דער באַפֿרייטער פֿאָטערלענדישער ערד צוויי אַרמייען פּויליש מיליטער. דאָס פּוילישע פֿאָלק נעמט אַ ווירדיקן און אַלץ מער אָרגאַניזירטן אָנטייל אינעם קאַמף פֿון די פֿאַרבינדעטע מלוכות פֿאַרן צואיילן דעם ענדגילטיקן זיג איבער די דייטשישע איבערפֿאַלער. הגם אויף אַ גרויסן שטח פֿון אונדזער לאַנד גראַסירן נאָך האָרדעס פֿון צעווילדעוועטן היטלערישן מיליטער, צווייפֿלט שוין קיינער נישט, אַז דאָס אָנקומענדיקע יאָר וועט אונדז ברענגען די פֿולע פֿרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז נישט פֿאַראַן קיין וויכטיקערער איבערברוכס־מאָמענט ווי דער, וועלכן מיר לעבן איצט איבער. פּוילן אַנטשטייט אויפֿסניי, ווערט זעלבסטשטענדיק און באַפֿרייט זיך פֿון דער פֿאַרשקלאַפֿונג. די מענטשלעכע שפּראַך איז צו אָרעם, זי זאָל קאָנען שילדערן דעם גיהנום פֿון לעבן, דורך וועלכן עס איז דורכגעגאַנגען דאָס פּוילישע פֿאָלק אין זיין קאַמף פֿאַר באַפֿרייאונג. דער קאַמף דויערט נאָך. אין טייכן בלוט, אין העקאַטאָמבעס פֿון קרבנות און שווערער מי ווערט געבוירן די נייע רעפּובליק. אָבער זי לעבט שוין און איז אומבאַזיגבאַר... דער מאָמענט

אליין פון איר אנטשטייאונג גיט האפענונג אין איר צוקונפטיקער שטאַרקייט און גרויסקייט, ווייל די אנשטרענגונג ביים ווידערגעבורט פון פאטערלאנד האבן גענומען אויף זיך די מיליאנען מאסן פון פוילישן פאלק, ווייל פאר איר קעמפן מסירת־נפשדיק צאָלרייכע פוילישע מיליטער־טיילן, וועלכע קארגן נישט זייער בלוט און כוח פאר דער אויפלעבונג פון פוילן, פאר אראפרייסן פון אים די קייטן, פאר צואיילן דעם פולן נצחון.

אונדזער זיג איז א זיכערער, ווייל דאס גאנצע פוילישע פאלק האט זיך איינהייטלעך געשטעלט צום קאמף קעגן בארבארישן שונא און האט זיך אנטקעגנגעשטעלט זיין פארניכטונגס־כוח. אין מאמענט, ווען ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז די קאטאסטראפע איז אומפארמיידלעך און די רעאקציע האט געפרוווט שטויסן פוילן צום אפגרונט, האט דאס פאלק ארויסגערוקט שעפערישע כוחות, וועלכע זיינען פעיק אים צו ווייזן א קלארן וועג פון פאליטיק און קאמף. דער נאציאנאלער לאנדראט, וועמענס ווירדיקן יארטאג מיר פייערן היינט צום ערשטן מאל, האט געזאמלט ארום זיין פראגראם נישט נאר די בעסטע און קרבנותפולע קאמפס־דייען, נאר אויך די מעכטיקע כוחות פון פוילישן פאלק, וואס האט געזען אין אים דעם ריכטיקן וועגווייזער און פירער. אונדזער זיג איז זיכער ווי קיינמאל אין אונדזער געשיכטע, ווייל קיינמאל ווי היינט איז נאך דאס פוילישע פאלק נישט געווען אזוי איינהייטלעך אין זיינע שטרעבונגען, געדאנקען און ווילן פון קאמף פאר זיין פרייהייט און אומאפהענגיקייט. די קאלאסאלע געשיכטלעכע פארדינסטן באשטייען אין דעם, וואס אין די קריטישע מאמענטן האט זיך דעם נאציאנאל־ראט איינגעגעבן צו פאראייניקן דאס פאלק, באהויכן עס מיט קאמפס־באגייסטערונג, אנצייכענען דעם וועג פארויס דורך קאמף צו פרייהייט און ווידערגעבורט.

אונדזער זיג איז זיכער, ווייל, אפשאצנדיק ריכטיק דעם לויף פון די היסטארישע געשעענישן, פארבינדן מיר אונדזער באפרייאונג מיטן זיג פון דער ענגליש־סאוועטיש־אמעריקאנער קאאליציע און אונדזער צוקונפט באזירן מיר אויף דעם בונד מיט די ברידערלעכע, זיגרייכע פעלקער פון גרויסן סאציאליסטישן ראטנפארבאנד, וועלכע טראגן פרייהייט און שלום די אונטערדריקטע פעלקער פון אייראפע. מיר גלייבן שטארק, אז דער דאזיקער בונד וועט זיין דויערהאפט און אייביק. דער בונד מיט ראטנפארבאנד איז א פועל־יוצא פון נאטירלעכע, געמיינזאמע, שכנישע אינטערעסן און פארזיכערט אונדז א סווערענע ארויסגערוקטע פאזיציע אין דער משפחה פון די סלאווישע פעלקער, וועלכע עס פאראייניקט הן די געמיינזאמע קולטור־פארבינדונג, הן די געמיינזאמע פארטיידיקונגס־באדערפעניש קעגן דער גערמאנישער געפאר.

הגם עס שטייען אונדז נאך פאר קאלאסאלע אויפגאבן, הגם ארום אונדז זיינען רואינען און חורבות, הגם די גרויזאמע מלחמה פירט זיך נאך אין סאמע הארץ פון אונדזער אומגליקלעך לאנד, באגעגענען מיר דאס נייע יאר מיט דער איבערצייגונג, אז דער פולער זיג און די באפרייאונג פון אונדזער פאטערלאנד איז שוין נישט ווייט.

די הויפט־אויפגאבע באשטייט אין דעם, אז די אנשטרענגונג פאר דער פולער באפרייאונג פון פוילן זאל מען שטארקן ביזן מאקסימום, אז יעדער פון אונדז, יעדער טרייער זון פון פוילישן פאלק, זאל באווייזן מיט טאט, צו וואס עס קאן פעיק זיין א מענטש לטובת דער אויפלעבונג פון זיין פאלק, לטובת זיין צוקונפט, זיין קראפט און מאכט.

נאר א דעמאקראטישע רעגירונג פארזיכערט פוילן די ראל ווי א וועכטער פון שלום. עס קאן נישט זיין קיין דויערהאפטער שלום, אויב די רעגירונגען אין פוילן וועלן ארויסווייזן נאציאנאליסטישע, אדער פאשיסטישע טענדענצן, ווייל פאשיזם און נאציאנאליזם זיינען דער מקור פון אגרעסיע און אינטערנאציאנאלע קאנפליקטן. בלויז דעמאקראטישע רעגירונגען קאנען פארזיכערן פוילן אן אויפריכטיקע און דויערהאפטע פריינדשאפט מיט בסר — דעם שכן אויף מזרח. אן אזא פריינדשאפט און אן א דויערהאפטן בונד קאן מען וועגן א שלום אין אייראפע נישט טראכטן, ווייל א פוילישע רעגירונג, וואס וועט זיין פיינטלעך געשטימט צו בסר, וועט זיין דער אביעקט פון אינטריגעס און אנטי־סאוויעטישע איינפלוסן אין וועלט־מאס־שטאב, פונקט ווי דאס איז געווען אין די צייטן פון פאר סעפטעמבער. די פויליש־סאוויעטישע פריינדשאפט איז וויכטיק הן פאר פוילן, הן פארן ראטנפארבאנד, אבער פאר פוילן האט זי א צענפאכיק גרעסערע באדייטונג ווי פאר בסר. אן דער הילף פון בסר וואלט פוילן נישט געווען אימשטאנד זיך צו באפרייען פון דער היטלעריסטישער קנעכטשאפט. דאס אויפבויען אונדזערע מיליטערישע כוחות, דעמאלט ווען דאס לאנד איז אזוי חרוב, האבן מיר אין א גרויסער מאס צו פארדאנקען דער גרויסמוטיקייט און פריינדשאפט פונם גרויסן פירער פון די סאוויעטישע פעלקער, דעם טיפסטן דענקער און פאליטיקער פון אונדזער היינטיקער צייט, גענעראליסימוס יוזעף סטאלין.

טיפע דערפארונגען האט אונדז אויך געבראכט דאס פארגאנגענע יאר אויפן געביט פון אונדזער אינערלעכן געזעלשאפטלעכן פאליטישן לעבן. די פוילישע רעאקציע האט אלץ געטאן, כדי צו צעשפאלטן דאס פאלק אפילו אין די צייטן פון זיין בלוטיקן טראגישן געראנגל מיטן

בעסטיאַלישן היטלעריסטישן אָנפֿאַלער. אויך אין אַנדערע אונטערזשאַכטע לענדער האָט די רעאַקציע אַזוי געהאַנדלט, ווייל איר האָט געבונדן מיטן היטלעריזם די אידעאָלאָגישע קרובהשאַפֿט. דאָס פּוילישע פֿאָלק האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן שטאַנדהאַפֿטיק לגבי די פּאַרטעטרישע, צעבראָכערישע רעאַקציאָנערע טענדענצן. די פּרוּוון פֿון דער רעאַקציע אַרויסצורופֿן אַ בירגער־קריג, ברידער־קאַמפֿן, טעראָר און סאַבאָטאַזש לגבי דעמאָקראַטישע מאַכט און מלוכה־אָרגאַנען האָבן נישט באַוויזן אָנצונעמען דעם דורך איר געוווּנטשענעם פֿאַרנעם. די מערדער, וועלכע ווערן אָנגעפֿירט דורך נ.ס.ז. און דורך א. ק., העלפֿן טאַקע צו די דייטשן אויף די אָקופּירטע געביטן צו דערשטיקן די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און אויף די באַפֿרייטע געביטן שיסן זיי פֿון הינטערן פּלויט צו פּוילישע זעלנער און מיליציאַנטן, צו אָפֿיצערן פֿון דער רויטער אַרמיי און צו די קרבנותפֿולע פּאָליטישע טוער פֿון דעמאָקראַטישן לאַגער, אָבער דאָס רופֿט אַרויס צאָרן און פֿאַראַכטונג ביי די פֿאָלקס־מאַסן. בכדי צו שטאַרקן די דאָזיקע טעטיקייט, שיט די לאָנדאָנער עמיגראַציע מיט אַ ברייטער האַנט דאָס געלד פֿון צוגערויבטן מלוכהשן פֿאַרמעגן. אָבער אויך מיט דעם גיט זיך איר נישט איין צו שפּאַלטן דאָס פּוילישע פֿאָלק.

פּונקט פֿאַרקערט — די פֿאַרייניקונג פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט, אָן אונטערשייד פֿון פּאָליטישע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן, וואָס האָבן זי אַמאָל געטיילט, אַרום דעם פּראָגראַם און מאַניפֿעסט פֿון פּ.ק.וו.נ. האָט דערגרייכט אַזאַ ניוואָ און אויסדרוק, וועלכער איז אין פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון אונדזער לאַנד נאָך נישט געווען באַקאַנט. נאָר אַדאַנק דער פֿאַראייניקונג פֿון פֿאָלק, האָט דער פּ.ק.וו.נ. אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען אין אַ קאָלאָסאַלן טעמפּ געקאָנט ברענגען אין באַוועגונג די צעשטערטע אינדוסטריע, אַראָפּנעמען די תבואה, זאַמלען דעם קאָנטינגענט, אָרגאַניזירן די אַפּראָוויזאַציע פֿון דער אַרמיי און באַפֿעלקערונג, דערגענצן די מיליטער־טיילן, שאַפֿן שפּיטאָלן פֿאַר פֿאַרוווּנדעטע, נעזונטהייטס־שוץ פֿאַר דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אָרגאַניזירן די קאָמוניקאַציע, פּאָסט, פּרעסע, גרונטיקע, מיטעלע שולן און דאָס העכערע שולוועזן, שאַפֿן אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכקייטן פֿאַר דער פּאָליטישער, פּראָפֿעסיאָנעלער, קאָאָפּעראַטיווער, קולטורעלער און געזעלשאַפֿטלעכער באַוועגונג אין פּוילן זינט פֿון וואָרט. נאָר די פּוילישע דעמאָקראַטיע האָט געקאָנט באַוויזן אַזאַ וווּנדער, נאָר זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿעיק צו פֿאַרייניקן דאָס פֿאָלק צום קרבנותפֿולן קאַמף מיטן אָנפֿאַלער, נאָר זי האָט באַוויזן אַרויסצורופֿן די אַלגעמיינע באַגייסטערונג צו אַרבעט פֿאַרן

אויפבוי פון פאטערלאנד, פאר זיין ווירטשאפט און דעמאקראטישער מלוכהשער מאכט. עס איז אן אומפארגעסלעכער פארדינסט פון דער פוילישער דעמאקראטיע, וואס זי האט באוויזן דורכצופירן אין משך פון נישט קיין גאנצע צוויי חדשים די אגראר־רעפארם אין פוילן, צעטיילן צווישן די פויערים די פריצישע ערד און באזונדערע אויפטרייסלונגען און קאנפליקטן, וועלכע זיינען בעת אזעלכע סאציאלע ענדערונגען, כמעט אומפארמיידלעך.

פאריקעדם, די אגראר־רעפארם האט געשמארקט און פארטיפט די אייניקייט פון פאלק, געהויבן די אקטיוויטעט פון די פאלקס־מאסן, פאר וועלכע זי איז געווארן א באשטעטיקונג, אז די דעמאקראטישע לאזונגען פון פ.ק.וו.נ. און זיין פארעפנטלעכטער פראגראם זיינען נישט קיין פוסטע פראזעס, נאר א לעבעדיקע ווירקלעכקייט, אן אויפריכטיקע טעטיקייט אויפן געביט פון שאפן אין פוילן יושרדיקע און גוטע באדינגונגען פארן ווויל פון דער געזעלשאפט. א קלארער אויסדרוק פון דער אקטיוויטעט פון די מאסן איז די אנטשטייאונג פון פארבאנד פון „סאמאפאמאץ כלאפסקא"‚[2] ווי א מעכטיקע ארגאניזאציע, וואס שפילט אפ דעם נייעם אנטוויקלונגסיועג פון דער לאנדווירטשאפט, וואס שטיצט זיך אויף אינדיווידועלע און קאאפעראטיווע ווירטשאפטן. די סיבה פון דערפאלג פון דער פוילישער דעמאקראטיע באשטייט אין דעם, וואס זי האט באוויזן זיך אויפצוהויבן איבער די אויבערפלעכלעכע מחלוקתן, וועלכע זיינען אזוי כאראקטעריסטיש געווען אין די פארגאנגענע פאליטישע פארהעלטענישן, וואס זי האט באוויזן צו פארוואנדלען די אמאליקע רעוואלוציע ביי ערד־פארטיילונג אין א שעפערישער צוזאמענארבעט פון אלע גרופן און אלע פאליטישע ריכטונגען. די פאריניקונג פון פאלק ווערט א ווירקלעכע, אויפריכטיקע, אידייאישע פאראייניקונג פון דער פוילישער דעמאקראטיע. די פיר פאליטישע הויפט־גרופירונגען, וועלכע האבן צוריק מיט א יאר געגעבן די איניציאטיוו צו שאפן דעם נאציאנאלן לאנדראט און שטעלן פאר מיט זיך דעם פאליטישן כוח פון פ.ק.וו.נ. — האבן, אין פראצעס פון קאמף קעגן אקופאנט און פון מלוכהש־שעפערישער ארבעט, באוויזן צו שאפן א געשלאסענע, פול מיט צוטרוי, קאאליציע, וואס איר צוזאמענארבעט איז א האַרציקע און איינהייטלעכע. אזא קאאליציע איז דער ערשטער ביישפיל פון דער פילזייטיקער געשיכטע פון פוילישן פאליטיש־געזעלשאפטלעכן לעבן...

[2] פויערישע זעלבסטהילף — א מאסן־ארגאניזאציע פון ארבעטנדיקע פויערים (רעד.)

גלאָס לודו
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ׳ 15, 19 יאַנואַר 1945 יאָר, 2־טער יאָרגאַנג

רעזאָלוציע פון פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט און צוזאַמענהאַנג
מיטן באַפרייען וואַרשע
19־טער יאַנואַר 1945 י.

וואַרשע! האַרץ פון פאָלק און הויפּט־שטאָט פון דער מלוכה!

גאַנץ פּוילן לעבט היינט מיט דער פרייד פון דיין באַפרייאונג! מיטן בלוט פון דיינע בעסטע זין זיינען דורכגעזאַפּט דיינע פלעצער און דיין אונטערערד. אין חורבות ליגן דיינע שענסטע, דורך אונדז אַלעמען געליבטע געביידעס, דענקמעלער און גאַסן.

דערפירט דערצו האָבן די שנאה פונם שונא און די מפלות פון די רעאַקציאָנערן.

היינט האָבן דיר צוריקגעקערט די פרייהייט די פּוילישע זעלנער, צוזאַמען מיט דער ברידערלעכער, העלדישער רויטער אַרמיי, דער באַפרייער פון די אונטערדריקטע פעלקער.

דאָס פאָלק, וואָס האָט דיך היים ליב, וועט קיינמאָל וועגן דיר נישט פאַרגעסן!

דורות־לאַנג וועלן די פאָליאַקן ערן דעם אָנדענק פון דיינע העלדישע מעשים און דעם אומבויגזאַמען ווילן פון דיין קאַמף פאַר כבוד און אומאָפּהענגיקייט.

די פּוילישע דעמאָקראַטיע וועט צוריקשטעלן דעם גלאַנץ פון דיינע מויערן, וועט דעם רום פון איר הויפּט־שטאָט פאַרפעסטיקן אינם שעפערישן מאַרש צום יושרדיקן צוזאַמענלעבן פון די פעלקער.

פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט
באָלעסלאַוו ביערוט

די רעדע פון חבר י. וו. סטאַלין אין צוזאַמענהאַנג מיטן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך וועגן פריינדשאַפט, קעגנזייטיקער הילף און נאָכמלחמהדיקער צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער פוילישער רעפובליק

דעם 21 אַפּריל 1945

הער פּרעזידענט, הער פּרעמיער, הערן!

איך האַלט, אַז דער אָפּמאַך וועגן פריינדשאַפט, קעגנזייטיקער הילף און נאָכמלחמהדיקער צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פוילן, וועלכן מיר האָבן נאָרוואָס אונטערגעשריבן, האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג.

די באַדייטונג פון דעם אָפּמאַך באַשטייט קודם כל אין דעם, וואָס ער צייכנט אָן אַ פּרינציפּיעלן קער אין די באַציאונגען צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פוילן אין דער ריכטונג פון בונד און פריינדשאַפט, אַ קער, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין גאַנג פון איצטיקן באַפרייאונגס־קאַמף קעגן דייטשלאַנד און וואָס באַקומט אָבער איצט אַ פאָרמעלע קראַפט אין דעם האַזיקן אָפּמאַך.

די באַציאונגען צווישן אונדזערע לענדער אין משך פון די לעצטע פינף יאָרהונדערטער זיינען געווען, ווי באַוווסט, פול מיט עלעמענטן פון קעגנזייטיקער פרעמדקייט, אומווילן און ניט זעלטן אָפענע באַוואָפנטע קאָנפליקטן. אַזעלכע באַציאונגען האָבן אָפּגעשוואַכט אונדזערע ביידע לענדער און פאַרשטאַרקט דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם.

די באַדייטונג פון אָט דעם אָפּמאַך באַשטייט אין דעם, וואָס ער מאַכט אַ סוף און שלאָגט אַריין דעם לעצטן טשוואָק אין דעם אָרון פון אָט די אַמאָליקע באַציאונגען צווישן אונדזערע לענדער און שאַפט אַ רעאַלן יסוד צו פאַרטרעטן די אַמאָליקע פיינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט באַציאונגען פון אַ בונד און פריינדשאַפט צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פוילן.

אין משך פון די לעצטע 25 — 30 יאָר, ד. ה. אין פעריאָד פון די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות, איז דייטשלאַנד געלונגען אויסצונוצן די פּוילישע ערד ווי אַ קאָרידאָר צו אַן אַגרעסיע אויף מזרח און ווי אַ שפּרונג־ברעט צום אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט געקאָנט געשען דערפאַר, ווייל עס זיינען דעמאָלט נישט געווען צווישן אונדזערע לענדער קיין פריינדשאַפטלעכע באַציאונגען פון פאַרבינדעטע. די אַמאָליקע הערשער פון פּוילן האָבן נישט געוואָלט קיין בונד־באַציאונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן ליבערשט געוואָלט פירן אַ פּאָליטיק פון שפּילן צווישן דייטשלאַנד און דעם ראַטנפאַרבאַנד. און באמת, זיי האָבן זיך דערשפּילט... פּוילן איז געוואָרן אָקופּירט, זיין אומאָפּהענגיקייט ליקווידירט, דערביי האָט אין רעזולטאַט פון אָט דער גאַנצער שעדלעכער פּאָליטיק דאָס דייטשישע מיליטער באַקומען אַ מעגלעכקייט אַריינצודרינגען ביז די טויערן פון מאָסקווע.

די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן אָפּמאַך באַשטייט אין דעם, וואָס ער ליקווידירט די אַמאָליקע, שעדלעכע פּאָליטיק פון שפּילן צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד און פאַרטרעט זי מיט אַ פּאָליטיק פון אַ בונד און פריינדשאַפט צווישן פּוילן און זיין מזרחדיקן שכן.

אַזאַ איז דער היסטאָרישער באַטייט פון דעם נאָך־וואָס־אונטערגעשריבענעם דורך אונדז אָפּמאַך צווישן פּוילן און ראַטנפאַרבאַנד וועגן פריינדשאַפט, קעגנזייטיקער הילף און נאָכמלחמהדיקער צוזאַמענאַרבעט.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס די פעלקער פון אונדזערע לענדער וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך. זיי פילן, אַז דער אָפּמאַך שאַפט די גאַראַנטיע פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון נייעם, דעמאָקראַטישן פּוילן, די גאַראַנטיע פאַר זיין קראַפט, פאַר זיין אויפבלי.

דאָס שעפּט אָבער נישט אויס די זאַך. דער דאָזיקער אָפּמאַך פאַרמאָגט חוץ דעם אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג. כל זמן עס איז נישט געווען קיין בונד צווישן אונדזערע לענדער, האָט דייטשלאַנד געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן דאָס פעלן פון אַן איינהייטלעכן פראָנט צווישן אונדז, געקאָנט אָקעגנשטעלן פּוילן דעם ראַטנפאַרבאַנד און פאַרקערט און אַזוי אַרום שלאָגן יעדן באַזונדער. די זאַך האָט זיך פון גרונט־אויס געענדערט, ווען עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַ בונד צווישן אונדזערע לענדער. איצט קאָנען שוין אונדזערע לענדער נישט ווערן איינער דעם אַנדערן אָקעגנגעשטעלט. איצט עקזיסטירט צווישן אונדזערע לענדער פון דעם באַלטיק ביז די קאַרפּאַטן אַ געאייניקטער פראָנט קעגן דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם. איצט קאָן מען זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז קעגן דער דייטשישער אַגרעסיע אויף מזרח איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ

דאמבע. עס איז אויסער יעדן צווייפל, אַז אויב אַט די דאמבע אויף מזרח וועט דערגענצט ווערן מיט אַ דאמבע אויף מערב, דאָס הייסט — דורך אַ בונד פון אונדזערע לענדער מיט אונדזערע פאַרבינדעטע אויף מערב, וועט מען קאָנען דרייסט זאָגן, אַז די דייטשישע אַגרעסיע איז געוואָרן געצוימט און נישט לייכט וועט איר זיין זיך צו־צעבושעווען.

נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס די פרייהייטליבנדיקע פעלקער, קודם כל די סלאַווישע פעלקער וואַרטן מיט אומגעדולד אויפן שליסן אַזאַ אָפּמאַך, ווייל זיי זעען, אַז דער דאָזיקער אָפּמאַך באַדייט די פאַרשטאַרקונג פונם געאייניקטן פראָנט פון די פאַראייניקטע פעלקער קעגן דעם געמיינזאַמען שונא אין אייראָפּע.

דעריבער צווייפל איך נישט, אַז אונדזערע פאַרבינדעטע אויף מערב וועלן מיט אָנערקענונג באַגריסן אַט דעם אָפּמאַך.

זאָל לעבן און בליען אַ פריי, אומאָפּהענגיק, דעמאָקראַטיש פוילן!
זאָל לעבן און בליען זיין מזרחדיקער שכן — אונדזער ראַטנפאַרבאַנד!
זאָל לעבן דער בונד און די פריינדשאַפט צווישן אונדזערע לענדער;

י. וו. סטאַלין: „וועגן דער גרויסער פאַטערלענדישער מלחמה פון ראַטנפאַרבאַנד".
פאַרלאַג „קשיאַנזשקאַ אי וויעדזאַ", „פראַסאַ וואָ ס־קאָוואַ", וואַרשע, 1951 י. זייט 186 (אויף פויליש).

גענעראַליסימוס יאָסיף סטאַלין
שרייבט אונטער דעם פּויליש-סאָ-
וויעטישן אָפּמאַך פון 21 אַפּריל
1945

„גלאָס לודו"
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ׳ 297, 8 נאָוועמבער 1945 י., 2־טער יאָרגאַנג

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי באַגריסט די פעלקער פון פסס״ר

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פפּר האָט אַרויסגעשיקט די פאָלגנדיקע דעפּעשע:

צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס), צום חבר ס ט אַ ל י ן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 28־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע שיקן מיר אייך איבער אין נאָמען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פּוילן די טיפסטע און האַרציקסטע באַגריסונג.

די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַרבינדן אומצערייסלעך דאָס אויסקאַמפן זייער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט מיט דער גרענעצלאָזער העלדישקייט פון די סאָוועטישע פעלקער ביים צעגראָמירן דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד. זיי זעען די בעסטע גאַראַנטיע פאַר אַ דויערהאַפטיקן שלום און פאַר דעם אויפבוי פון די שעפערישע פאָלקס־כוחות פון באַפרייטן פּוילן אין די נייע גרענעצן — אין דער פעלזנפעסטער פריינדשאַפט מיטן גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

איבערשיקנדיק די פעלקער פון פסס״ר, אינם יאָרטאָג פון גרויסן אָקטאָבער, די בעסטע ווונטשן, פאַרזיכערן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פּוילן, אַז זיי וועלן נישט שוינען זייערע כוחות פאַר באַפעסטיקן די דעמאָקראַטישע אָרדענונג אין פּוילן און פאַר צעשטערן די רעשטלעך פון פאַשיזם אין זייער לאַנד און אויף גאַנץ דער וועלט. צוזאַמען מיטן ראַטנפאַרבאַנד וועלן זיי פאַרטיידיקן אומדערשיטערט די זאַך פון שלום קעגן יעטוועדער אַגרעסיע.

צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

„גלאָס לודו"
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ. 326, 7 דעצעמבער 1945 י., 2־טער יאָרגאַנג

די רעדע פון פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט אויפן 1־טן צוזאַמענפאָר פון פּפּר

דעם 6־טן דעצעמבער 1945 יאָר

איך באַגריס דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין אומאָפּהענגיקן, באַנייטן פּוילן — אַלס צוזאַמענפאָר פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, וועלכע האָט אין שווערסטן פּעריאָד פאַרן פּוילישן פאָלק און אין דער סיטואַציע, וואָס איז געווען די שווערסטע און פאַרוויקלטסטע, אָבער די דעצידירנדיקע וועגן דער צוקונפט פון אונדזער לאַנד און וועגן גורל פון אונדזער פאָטערלאַנד — די ערשטע פון צווישן די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס גענומען אויף זיך מיט צוויי יאָר צוריק די איניציאַטיוו צו שאַפן דעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט, וועלכן איך האָב דעם כבוד דאָ היינט צו רעפּרעזענטירן.

איך באַגריס דעריבער דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וועלכער דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט האָט אין דער ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען זיין אַנטשטייאונג, זיין היינטיקע ראָל און באַדייטונג אין פאָלק און אין דער מלוכה.

די אַנטשטייאונג פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט איז ווי צום ענגסטן פאַרבונדן מיטן לאַנגדויערנדיקן און בלוטיקן קאַמף פון פּוילישן פאָלק פאַר דער באַפרייאונג פון אונטערן יאָך פון דער באַרבאַרישער דייטשישער אָקופּאַציע. אין דאָזיקן קאַמף, וועלכער איז געווען דער שווערסטער און עקשנותדיקסטער אין אונדזער געשיכטע, האָט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי בלי־ספק אָפּגעשפּילט אַ פירנדיקע און פאָרויסגייענדיקע ראָל. דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט — דער אָרגאַניזאַטאָר און וועגווייזער פון דער באַנייטער פּוילישער מלוכה — האָט געקאָנט אַנטשטיין בלויז אַלס פּועל־יוצא פון דאָזיקן קאַמף, אַלס רעזולטאַט פון העלדישן באַוואָפנטן אָנשטרענג, וועלכער איז דערגרייכט געוואָרן מיטן בלוט און לעבן פון די־

דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון צ. ק.
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי פאַר דער פאַראייניקונג

יאַקוב בערמאַן

באָלעסלאַוו ביערוט

פראַנטשישעק יוזשוויאַק
וויטאָלד

הילאַרי מינץ

סטאַניסלאַוו ראַדקיעוויטש

ראָמאַן זאַמבראָווסקי

אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי

עדוואַרד אָכאַב

הילאַרי כעלכאָווסקי

פראַנטשישעק מאַזור

מסירת־נפשדיקסטע זין פונם אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם איינציקן אוןווירקזאַמען פּאַטריאָט פון זיין לאַנד און פאַרן אומדערשראָקענעם פּאַרטיידיקער פונם כבוד פון זיין פאָלק. אין אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן באַוואָפנטן אָנשטרענג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וועמען אונדזער לאַנד האָט צו פאַרדאַנקען זיין אומאָפּהענגיקייט, און דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט זיין היינטיקן אויטאָריטעט, האָבן דעם בכבודדיקסטן אָנטייל גענומען אונדזערע קעמפער — די פּאַרטיזאַנער און זעלנער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, פון דער פאָלקס־אַרמיי און פון פּוילישן מיליטער, וועלכע זייַנען אַריינגעשריבן געוואָרן אויף אייביק אין אונדזער נאַציאָנאַלער געשיכטע מיט זייער מסירת־נפשדיקער קאַמפס־מוט: מיט טויזנטער אויפגעריסענע צוגן, מיט הונדערטער שווערע צוזאַמענשטויסן קעגן איבערוועלטיקן כוח פון שונא, מיט דער אומבויגזאַמער העלדישקייט, און ענדלעך מיטן רומפולן אומפאַרגלייכלעכן זעלנערישן מאַרש צוזאַמען מיט דער זיגרייכער רויטער אַרמיי פון דער ווייסל דורך די סלאַווישע און אונדזערע היים געליבטע פוילישן געביטן — ביז בערלין.

באַגריסנדיק דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, באַגריס איך דערמיט אויך די אָנטיילנעמער — די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון די דאָזיקע רומפולע קאַמפן פאַר דער פרייהייט פון אונדזער פאָלק, וועלכע געפינען זיך א סך דאָ אין זאַל.

די אַנטשטייאונג פון נאַציאָנאַלן לאַנדראַט און זיין טעטיקייט זייַנען די אָפּשפיגלונג פון גרויסן און טיפן היסטאָרישן איבערבראָך, וועלכן מיר מאַכן היינט דורך. מיטן דאָזיקן איבערבראָך האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער אינערלעכער ווידערגעבורט: דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער, דער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער. דער דאָזיקער איבערבראָך האָט אָנגעהויבן אין אונדזער מלוכה־לעבן א נייעם פּעריאָד, וועלכער באַשטייט נישט בלויז דערין, וואָס מיר זייַנען ווידער פריי און אומאָפּהענגיק, נאָר אויך דערין, וואָס מיר זייַנען אַנטשלאָסן און אומבויגזאַם אַרויף אויפן וועג פון דער ווירקלעכער און קאָנסעקווענטער דעמאָקראַטיע.

וואָס פאַרשטייען מיר אונטער דער דאָזיקער באַציִונג און פאַרוואָס שרייבן מיר איר צו א היסטאָרישע איבערבראָך־באַדייטונג?

אונטערן לאָזונג פון דעמאָקראַטיע פאַרשטייען מיר די אַקטיווע און אָנפירנדיקע ראָל פון אַרבעטנדיקן פאָלק, פון די אַרבעטער, פּויערים און גייסטיקע אַרבעטער — אין אָנפירן מיט דער מלוכה, אין אויספירן די פּאָליטישע מאַכט, אין איינשטעלן די פאָרמען און פּרינציפּן פון ווירקן

פונם גאַנצן סיסטעם פון אונדזער ווירטשאַפטלעכן, קולטור און געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל. נאָר אויף אַזאַ און נישט אויף אַן אַנדערן אופן קאָן מען און דאַרף מען פאַרשטיין דעם גרונט־געדאַנק פון דעמאָקראַטישן פּראָגראַם פונם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט וועגן נעמען דורכן אַרבעטנדיקן פאָלק אויף זיינע פּלייצעס די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל און פאַר דער צוקונפט פון פּוילישן פאָלק.

אַזאַ ראָל און פאַראַנטוואָרטלעכקייט נעמט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק אויף זיינע פּלייצעס צום ערשטן מאָל אין אונדזער געשיכטע און מאַקע אין דעם באַשטייט דער כאַראַקטער פונם איבערבּרוך, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פּוילישן פאָלק אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער מלחמה.

די פריערדיקע פּעריאָדן פון די קאַמפן פאַר דעמאָקראַטיע אין פּוילן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָבן זיך באַדייטנדיק אונטערשיידט פון היינטיקן פּעריאָד. זיי האָבן זיך אונטערשיידט נישט בלויז צוליב דער וואַקלדיקייט, נישט אַנטשלאָסנקייט און פעלערן פון די דעמאָלטיקע פירנדיקער פון די דעמאָקראַטישע לאָזונגען און נישט בלויז צוליבן מאַנגל אין דערפאַרונג, וועלכע אונדזער פאָלק האָט געמוזט דורכלעבן אין קאַמף קעגן פאַשיזם און דער עיקר אין קאַמף קעגן זיין ברוטאַלסטער פאָרם — דעם היטלערישן באַרבאַריזם. דער טיפסטער און וועזנטלעכסטער אונטערשייד באַשטייט אין די אַנדערע פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות היינט און דעמאָלט און אין דער גרינטלעכער, אַנדערער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט היינט אין רעזולטאַט פון דער מלחמה. היינט שטייט נישט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק אַזוי ווי דעמאָלט פאַרן פּראָבלעם, ווי אַזוי אַרויסצורייסן די פּאָליטישע מאַכט און דעם רודער פון אָנפירן מיט דער מלוכה פון די הענט פון די קעגנער פון דעמאָקראַטיע, דערפאַר ווייל די דאָזיקע מאַכט האָט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק דערגרייכט אין פייער פון די קאַמפן קעגן היטלערישן אָקופּאַנט. היינט שטייט דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פאַר אַן אומפאַרגלייכלעך לייכטערער אויפגאַבע: נישט לאָזן אַרויסרייסן ביי זיך דעם רודער פון אָנפירן מיט דער מלוכה דורך די, וועלכע וואָלטן דאָס געוואָלט טאָן.

די נייע פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, וועלכע זיינען דער יסוד פון דער היינטיקער דעמאָקראַטיע, באַזירן זיך אויף דער קאָאַליציע פון די אַרבעטער, פּויערים און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. די דאָזיקע קאָאַליציע פאַרמאָגט אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דויערהאַפטיקייט. וואָרים דער יסוד פון דער נייער פאַרהעלטעניש פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות איז די גינסטיקע פאַר דער דעמאָקראַטיע אָרגאַניזאַציאָנעלע

סטרוקטור פון אונדזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט אין רעזולטאַט פון די טיפע ענדערונגען, וואָס זיינען ארויסגערופן געוואָרן דורך דער מלחמה. היינט שטייט נישט פאַר דער פוילישער דעמאָקראַטיע דאָס פּראָבלעם פון נישט גלייכן קאַמף קעגן אַלמעכטיקן דיקטאַט פון די קאַרטעלן, טרעסטן, קאָנצעסיעס פון פרעמדן קאַפּיטאַל, וואָס האָט דערשטיקט אונדזער גאַנץ ווירטשאַפטלעך לעבן — דערפאַר ווייל דער היטלערישער רויבער האָט, באַרויבנדיק פולשטענדיק דאָס גאַנצע פאָלק, אַנטאייגנט אַלץ און אַלעמען, איינפירנדיק אַן אייגענע פאַרכאַפּערישע אָרגאַניזאַציע פון גאַנצן פּראָדוקציע־אַפּאַראַט.

היינט שטייט פאַר דער פוילישער דעמאָקראַטיע דאָס פּראָבלעם צוריק אויפצובויען אָרגאַניזאַציאָנעל פון סאַמע יסוד דעם פּראָדוקציע־אַפּאַראַט אויף אַלע גרונט־געביטן פון אונדזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט.

דעם דאָזיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן ווידעראויפבוי קאָן דורכפירן נאָר די מלוכה און נישט מער קיינער, דערפאַר ווייל דאָס קאָן פאַרקומען נאָר מיטן אָנשטרענג פון גאַנצן פאָלק. פאַר דער פוילישער דעמאָקראַטיע שטייט היינט אַ נייע אויפגאַבע: היטן, אַז דער דאָזיקער אָנשטרענג פון גאַנצן פאָלק זאָל ווידער נישט ווערן דער רויב פון די פּאַראַזיטן, אַז ער זאָל בלייבן דויערהאַפט און אויף שטענדיק די דערגרייכונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק.

אויספירנדיק די דאָזיקע אויפגאַבע, וועט די פוילישע דעמאָקראַטיע דערגרייכן וואָס אַמאָל אַלץ מער אומדערשיטערלעכע יסודות פון איר כוח און גלייכצייטיק די יסודות פון דער אַנטוויקלונג פון וווילשטאַנד און גרויסקייט פון גאַנצן פאָלק און פון דער מלוכה.

איך בין איבערצייגט, אַז דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאָלניש־יידישער פּאַרטיי פון דעמאָקראַטישן לאַגער וועט נישט אויסמיידן קיין איינעם פון די הויפּט־פּראָבלעמען, וואָס ווייזן אָן דעם וועג פון ווייטערדיקן פאַרפעסטיקן די דעמאָקראַטישע מאַכט, אין אָנשפּאַר אויפן ווידעראויפבוי פון אונדזער לאַנד, אויפן גיכערן פאַרהיילן די וווּנדן, וועלכע ס'האָט אונדז פאַרשאַפט די מלחמה, און קודם־כל אין אָנשפּאַר אויף דער וואַקסנדיקער שעפערישער ראָל און אויף דער באַדייטונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק אויף אַלע געביטן פון אונדזער באַנייטן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין דאָזיקן גייסט ווינטש איך אייך די דערפאָלגרייכסטע און פרוכטבאַרסטע באַראַטונגען.

די רעדע פון פרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט
אויפן 1־טן צוזאַמענפאָר פון פפר

די אַרבעט פון פפר און די דערגרייכונגען ביים בויען און באַפעסטיקן דאָס פאָלקס־פּוילן האָבן געווירקט אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן און אויסגעאיבט אַן איינפלוס אויף דער אידעאָלאָגישער געשטאַלטונג פון אַנדערע פאַרטייען פונם דעמאָקראַטישן לאַגער. די אָנפירונג פון דער ווידערגעבוירענער פפס האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון איינהייטלעכן פראָנט און צוזאַמענאַרבעט מיט פפר. דער קאַמף פון פפר פאַר אַ געאייניקטן פראָנט, פאַר דער איינהייט פונם אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן דער ווינקל־שטיין פון דער פאָלקס־מאַכט אין פּוילן און דער יסוד פאַר ענגער מאַכן דעם אַרבעטער־ און פויערים־בונד. אָפּרייסנדיק זיך פון די רעכטע, איז די אָנפירונג פון דער פויערים־פאַרטיי געוואָרן אַ צענטער, אַרום וועלכן עס זאַמלען זיך די ראַדיקאַלע עלעמענטן פון דער פויערים־באַוועגונג. אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַ ברייטער, דעמאָקראַטישער נאַציאָנאַלער פראָנט, וואָס זיין אָנפירנדיקער כוח איז די פפר.

אַדאַנק דער קאָנצענטראַציע פון די דעמאָקראַטישע כוחות איז מעגלעך געווען צו דעמאַסקירן און ענדגילטיק צו צעקלאַפּן סיי פּאָליטיש, סיי אָרגאַניזאַציאָנעל מיקאָלאַיטשיקס פ.ס.ל., וועלכע איז געווען דער לעגאַלער פליגל פון דער רעאַקציע און זיך צונויפגעוואַקסן מיט דער פאַשיסטישער אונטערערד. אַן אַנאַליז פון דעם צוזאַמענשטעל פון די קלאַסן־כוחות אין פּוילן, אַ קלאַסן־אָפּשאַצונג פון פ.ס.ל. און פון מיקאָלאַיטשיקס ראָל, האָט געגעבן דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פפר. ער האָט געגעבן די ריכט־ליניעס ווי צו האַנדלען און האָט אָנגעצייכנט די סטראַטעגיע פון קאַמף קעגן קלאַסן־שונא. דער פאָלקס־רעפערענדום און די וואַלן זיינען געווען אַ זיג פון אָט דער

סטראַטעגיע, וועלכע האָט געבראַכט דאָס צעקלאַפּן די פ.ס.ל. און האָט באַפעסטיקט די פאָלקס-מאַכט. אין אָט דעם קאַמף זיינען אויסגעוואַקסן די כוחות פון דער פּאַרטיי. אין דער וואַל-אַקציע האָבן אַ טעטיקן אָנטייל גענומען 350 טויזנט מיטגלידער פון פּפּר. אין די רייען פון אַרמאַ [1] האָבן געקעמפט קעגן דער פאַשיסטישער אונטערערד העכער 50 טויזנט פּאַרטיי-מיטגלידער.

אין די גרויסע קלאַסן-שלאַכטן האָט זיך פאַרקניפט דער געאייניקטער פראָנט פון פּפּר און פּפּס. פאַר ביידע אַרבעטער-פּאַרטייען זיינען די וואַלן געווען דער הויפּט-עקזאַמען פאַרן כוח פון דער אידיי פון איינהייטלעכן פראָנט. דער קאַמף פון פּפּר פאַרן געאייניקטן פראָנט, דער קאַמף, וואָס האָט דערפירט צום איינהייטפראָנטיקן אָפּמאַך, האָט פאַראַליזירט די דיווערסיע פון ו.ר.נ. און פון די רעכטע עלעמענטן אין פּפּס, וואָס האָבן לאַנסירט די טעאָריעלעך פון „גאָלדענעם מיטן” און האָבן געוואָלט שפּילן די ראָל פון אַ צינגל ביי דער וואָג און זיך באַמיט צו האַמעווען דעם קאַמף קעגן מיקאָלאַיטשיקן.

דאָס זיגרייכע אָנווענדן דעם איינהייטלעכן פראָנט בעת די וואַלן האָט איבערצייגט דעם אַרבעטער-קלאַס אין דער ריכטיקייט פון דער קאָנצעפּציע פון דער אַרבעטער-איינהייט און האָט דערפירט צו דער דערנענטערונג פון פּפּר און פּפּס. די גרויסע פּאָליטישע שלאַכט, וואָס עס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די וואַלן, האָט אַריינגעצויגן אין דעם שטראָם פון פּאָליטישן לעבן מיליאָניקע מאַסן, האָט אַדורכגעאַקערט דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף, וואָס זייער אייגענע דערפאַרונג האָט זיי געעפנט די אויגן אויף דעם פאַרעטערישן פּרצוף פון דער רעאַקציע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער דיווערסיע פון אויסלענדישע אימפּעריאַליסטישע צענטערס.

עס האָבן זיך אויף אַ וויסטן אופן איינגעבראָכן די פּלענער פון דער פּוילישער רעאַקציע, די פּלענער, וואָס האָבן געצילט אָנצושפּאַרן אויפן פּוילישן פּויער דעם קאַמף קעגן דער פּוילישער דעמאָקראַטיע אין דאָרף. מיקאָלאַיטשיקס פּרווון איינצושפּאַנען דעם פּוילישן פּויער צוזאַמען מיט די צעקלאַפּטע קלאַסן פון די גרויס-קאַפּיטאַליסטן און פּריצים און מיט די נייע, אויף שפּעקולאַציע אויסגעוואַקסענע, קאַפּיטאַליסטישע שיכטן, האָבן זיך נישט איינגעגעבן. אינם קאַמף

[1] „אַרמאַ” — פּריוויליקע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער און פּויערים אין קאַמף קעגן רעאַקציע און באַנדיטיזם. (רעד.)

צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און די רעשטלעך פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן וועגן פאַרוואַנדלען די מיטל־קלאַסן אין זייערע פאַרבינדעטע, האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג דער אַרבעטער־קלאַס. די אידייען פונם אַרבעטער־פּויערישן בונד, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן אין דער פּראַקטיק פון טאָג־טעגלעכן לעבן דורך דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעגירונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן נעענטער פאַר די גרונטיקע פּויערישע מאַסן, איידער די קאָמפּראָמיטירטע קאָנצעפּציעס פון כיענאַ־פּיאַסט,[2] די פאַרשטעלטע מיט דער פראַזעאָלאָגיע פון אַגראַריזם.

דער זיג פונם דעמאָקראַטישן בלאָק און די פּאָליטישע סטאַביליזאַציע האָבן מעגלעך געמאַכט דעם ברייטערן פאַרנעם פונם ווירטשאַפטלעכן ווידעראויפבוי. שוין דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פּפּר האָט אַרויסגערוקט די הויפּט־יסודות פון דעם פּראָגראַם פון ווירטשאַפטלעכן ווידעראויפבוי — דעם דריי־יאָריקן פּלאַן. דאָס יאָר 1947 איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון אַ דערפאָלגרייכער רעאַליזירונג פונם דריי־יאָריקן פּלאַן, וועלכער איז געוואָרן אויסגעפירט אויף 103,4 פּראָצענט. די פּפּר איז געווען דער הויפּט־פאַקטאָר ביים מאָביליזירן די אַרבעטער־מאַסן צום קאַמף פאַר הייבן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, זי איז געווען די איניציאַטאָרין פונם אַרבעטס־פאַרמעסט, פון דעם געשטאַלטיקן די נייע, סאָציאַליסטישע באַציאונג צו אַרבעט.

אין פייער פון קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער אונטערערד, קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, איז געקומען צום אויסדרוק די אָנפירנדיקע ראָל פון אַרבעטער־קלאַס. אַ דאַנק דעם געאייניקטן פראָנט, וועלכער איז גובר די שטרויכלונגען און שטערונגען, וואָס ווערן אַרויסגערוקט דורך די רעכטע פון פּפּס, איז געוואַקסן די צאָל מיטגלידער און דער אויטאָריטעט סיי פון פּפּר, סיי פון פּפּס, און עס האָבן זיך פאַרמאַסעוועט און האָבן פאַרשטאַרקט זייער אייניקייט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דער איינהייטלעכער פראָנט פירט צו אַן אַלץ גרעסערער אידעאָלאָגישער דערנענטערונג פון די מיט־

[2] כיענאַ־פּיאַסט — אַ פּאָפּולערער נאָמען פונם בלאָק פון קולאַקישן פּ.ס.ל. — פּיאַסט מיט די קלעריקאַל־רעאַקציאָנערע פּאַרטייען פון ענדעקישן שניט. דער כיענאַ־פּיאַסט־בלאָק איז געווען די הערשנדיקע מאַכט־קליקע, וועלכע האָט אין יאָר 1923 דערדריקט דעם אויפשטאַנד פון די קראָקעווער אַרבעטער און אין יאָר 1925—1926 דערפירט דאָס לאַנד צו רואין (רעד.).

גלידער פון פּפּר און פּפּס. עס האָבן זיך געשאַפן סטאַבילע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבעט אין געשטאַלט פון סיסטעמאַטישע, געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען פון די קרייזן און פון די אַקטיוון פון ביידע פּאַרטייען.

(פון חבר באַלעסלאַוו ביערוטס רע־פּעראַט אויפן קאָנגרעס פון דער פּויִלישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, דעם 15־טן דעצעמבער 1948 י.)

לאַנדבאַראַטונג פֿון יידישע פּפּר־טוער אין 1945

פֿון דער רעזאָלוציע

די ערשטע לאַנד־באַראַטונג פֿון יידישע פּפּר־טוער, אויסהערנדיק דעם רעפֿעראַט פֿונעם פֿאַרשטייער פֿון צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי און די רעפֿעראַטן פֿון דער פּפּר־פֿראַקציע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פֿון פּוילישע יידן און די דיסקוסיע, וואָס איז אַרום זיי געפֿירט געוואָרן, שטעלט פֿעסט:

1. די צווייטע וועלט־מלחמה, אינם קאַמף צווישן דעמאָקראַטיע און פֿאַשיזם, האָט פֿולשטענדיק פֿאַרניכטעט די דייטשישע היטלערישע מלוכה און דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ דער רעאַקציע אין גאַר דער וועלט.

די רומפֿולע רויטע אַרמיי אונטער דער געניאַלער אָנפֿירערשאַפֿט פֿונעם חבר סטאַלין און דאָס העלדישע פּוילישע מיליטער האָבן באַפֿרייט פּוילן פֿון היטלעריסטישן יאָך. פּוילן איז געוואָרן באמת אַ פֿרייע, סווערענע און פֿאַקטיש דעמאָקראַטישע מלוכה.

אינם קאַמף קעגן היטלעריזם פֿאַר באַפֿרייען פּוילן האָבן די יידן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל (אין אויפֿשטאַנדן, פּאַרטיזאַנער־מחנות, מיליטער א. א. וו.) און געגעבן דעם גרעסטן קרבן (דריי מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט).

2. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פֿון פּוילן זיינען די יידן אַ גלייכבאַרעכטיקטער באַשטאַנדטייל פֿון דער פּוילישער מלוכה. זיי זיינען פֿאָרמעל און פֿאַקטיש אויסגעגליכן געוואָרן פּאָליטיש, בירגערלעך און נאַציאָנאַל. אַלע פּרוון פֿון דער רעאַקציע אין אירע אומלעגאַלע און לעגאַלע פֿאָרמען פֿון קאַמף אָנצוּוואַרפֿן קינסטלעך אַ „יידן־פֿראַגע", וועלן אַנטשלאָסן אָפּגעשטויסן פֿונעם אָרגאַניזירטן דעמאָקראַטישן לאַגער, וואָס זיין באַוועגכוח איז די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי.

קיין יידן־פֿראַגע אין פֿאַרמלחמהדיקן זין איז אין פּוילן איצט נישט

פאַראַן. ס'זיינען פאַראַן בלויז יידישע פּראָבלעמען (פּראָדוקטיוויזאַציע, דערציאונגס־פראַגן און אַנד).

3. די יידישע קאָמיטעטן זיינען געוואָרן א וויכטיקער פאַקטאָר אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם קליינעם רעשט איבערגעבליבענע יידן. זיי זיינען אויסגעוואַקסן צו דער ראָל פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע רעפּרעזענטאַנצן פון די פּוילישע יידן, אַרומנעמענדיק אַלע דעמאָקראַטישע ריכטונגען פון דער יידישער סביבה. די יידישע קאָמיטעטן אין דער שפּיץ מיטן צענטראַל־קאָמיטעט רעאַליזירן די נאַציאָנאַלע איינהייט פון יידישן פאָלק. זיי זיינען א באַשטאַנדטייל אינם ווידעראויפבוי פון דער יונגער פּוילישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. די פראַקציעס פון פפר אין די קאָמיטעטן זיינען זייער רוקנביין. זיי דאַרפן אויך ווייטער נאָך מער פאַרשטאַרקן די איינהייט פון די דעמאָקראַטישע גרופּירונגען, באַקעמפנדיק גלייכצייטיק די רעאַקציאָנערע טענדענצן, וואָס מערקן זיך אָן אין דער יידישער סביבה.

4. די באַראַטונג האַלט, אַז די ביז איצטיקע טעטיקייט פון די קאָמיטעטן מוז גרינטלעך איבערגעבויט ווערן.

אויב ביז איצט, אין אָנבליק פון צוריקקער פון צענדליקער טויזנטער יידן פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן און בונקערס, איז די טעטיקייט פון די קאָמיטעטן געלענקט געוואָרן אין דער ריכטונג צו טראָגן די ערשטע גיכע הילף די נויטבאַדערפטיקע, און די פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט פאַרנומען א צווייטראַנגיק אָרט — מוז איצט, אין אָנבליק פון ווידעראויפבוי פונם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד און פון יידישן ישוב אין פּוילן — די פראַגע פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג אַוועקגעשטעלט ווערן אין צענטער פון דער אַרבעט פון די קאָמיטעטן.

די פפר־פראַקציעס פון די יידישע קאָמיטעטן, וואָס האָבן אויך ביז איצט אַרויסגעוויזן די איניציאַטיוו פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג, מוזן ווייטער נאָך מער פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט אין דער דאָזיקער ריכטונג.

די באַראַטונג האַלט, אַז פּאַראַלעל מיטן אויפבויען די איצטיקע ישובים אין די שטעט, דאַרף א ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט געלייגט ווערן אויף נידערשלעזיע, וואָס האָט אויסנאַהמסווייזע מעגלעכקייטן איינצואָרדענען צענדליקער טויזנטער יידן אויף געזונטע עקאָנאָמישע און קולטורעלע יסודות.

די פראָדוקטיוויזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן איז א באַשטאַנדטייל פון דער עקאָנאָמישער אויפריכטונג פונם לאַנד, וואָס דער היטלערישער אָקופּאַנט האָט חרוב געמאכט. זי איז דער יסוד פון דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער ווידעראויפלעבונג פון דעם קליינעם רעשט איבערגעבליבענע יידן, זי איז אויך א מאָסמיטל אינם קאַמף פון דער דעמאָקראַטיע קעגן אנטיסעמיטיזם און רעאַקציע.

די באַראַטונג טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער בהלהשטימונג און פּאַניק, וואָס ס'ברענגען אריין געוויסע ציוניסטישע עלעמענטן אין דער יידישער סביבה, וואָס זייען יאוש און קאַפּיטולאַציע־שטימונגען לגבי דער רעאַקציע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן אימיגראַנטע עמיגראַציע. דאָס זאַמלען יידן אין מיינכען, טריעסט און בוקאַרעשט אָן א פּערספּעקטיוו, אָן רעכטלעכע פּאָזיציעס, איז א געזעלשאַפטלעך פאַרברעכן און אַן אַוואַנטורע, וואָס מוז באַקעמפט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פון דער פוילישער מלוכה און פון די בלוטיקסטע אינטערעסן פון אָט די פאַרפירטע מאַסן.

די באַראַטונג פאַראורטיילט ווי צומשטאַרקסטן די רוצחישע טעטיקייט פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון נ. ס. ז., וואָס קאָנטינוירן די היטלעריסטישע מעשים לגבי דער לעבנגעבליבענער יידישער באַפעלקערונג און וואָס מאָרדן אפילו יידישע פרויען און קינדער.

די באַראַטונג דריקט אויס איר אומבויגזאַמע איבערצייגונג, אַז אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון פוילישן יידנטום, שטיצנדיק זיך אויף דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע פון דער פוילישער דעמאָקראַטיע, אין וועלכער יידן האָבן תמיד גענומען דעם אַקטיווסטן אָנטייל, וועלן איצט, אין מאָמענט פון פאַרפעסטיקן און פאַרשטאַרקן דאָס זיך־בויענדיקע נייע, אמת דעמאָקראַטישע פוילן, נעמען אן אַקטיוון אָנטייל אינם אויפבוי פון דער פוילנשער מלוכה.

די באַראַטונג רופט אַלע פּאַר־פראַקציעס, וואָס זיינען טעטיק אויפן געביט פון די יידישע קאָמיטעטן, צו פאַרוואַנדלען זיי אין קאָנסטרוקטיווע אינסטיטוציעס דורך:

1. ריכטן און איינאָרדענען יידן אין פאַבריקן, וואַרשטאַטן, אין מלוכהשע אינסטיטוציעס און אויף ערד־אַרבעט.

2. שאַפן נייע קאָאָפּעראַטיוון און אַרבעטס־וואַרשטאַטן.

3. באַזעצן יידן, און באַזונדערס רעפּאַטריאַנטן און דעמאָביליזירטע זעלנער אין נידערשלעזיע.

4. שאַפן פאַך־שולן פאַר דער יוגנט און אַרומרינגלען זיי מיט באַ־זונדערער שוץ, אָרגאַניזירנדיק פאַר איר בורסעס, דערגענצונגס־קורסן, ספּאָרט־קלובן, דראַמאַטישע קרייזן אדגל.

5. דערטיילן הילף די אַרבעטנדיקע אין די פאַבריקן, באַזונדערס יונגטלעכע. הילף מצד דעם סאָציאַלן שוץ־אָפּטייל קאָן געגעבן ווערן נאָר אין פאַרשטענדיקונג מיטן פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטייל.

6. אָנהייבן אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע צווישן יידן אויפצוקלערן די שטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי אין אַלע יידישע פּראָבלעמען.

צוטרעטן צו שאַפן אַרבעטער־קלובן, ווו יידישע אַרבעטער זאָלן זיך קאָנען קולטורעל אויסלעבן, פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דעם שפּעקולאַציע־און שאַבער־עלעמענט צווישן יידן.

„פאָלקס-שטימע"
ציימשריפט פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ' 1, 22 פעברואַר 1946.

אונזער וואָרט

מיר קומען צו דער קליינער רעשט יידישע באַפעלקערונג אין פוילן מיט אונדזער וואָרט, מיטן וואָגיקן וואָרט פון אונזער פּאַרטיי, די פּויי לישע אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּר).

מיר, דער פּאַרגעשריטענער טייל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן פאַר דער מלחמה גערופן צו דער אַנטיפאַשיסטישער איינהייט פונם יידישן פאָלק אין קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער סכנה.

מיר זיינען געווען די איינציקע פּאַרטיי אין דער יידישער סביבה, וואָס האָט בעת דער אָקופּאַציע גענומען די איניציאַטיוו צו שמידן דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק קעגן דייטשישן אָקופּאַנט.

אָן אונדזער פּאַרטיי וואָלט נישט מעגלעך געווען דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָס.

מיר זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף ביים פונאַנדערבויען די פּוילישע מלוכהשקייט.

מיר זיינען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געשאַפן די יידישע קאָמיטעטן, כדי צו טראָגן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף די יידישע ניצול געוואָרענע רעשטלעך.

מיר זיינען די, וואָס טראָגן אויס אויף אונדזערע פּלייצעס די גרעסטע לאַסט פון די יידישע קאָמיטעטן.

מיר זיינען די, וואָס האַלטן, אַז אין דער דעמאָקראַטישער איינהייט פונם יידישן פאָלק ליגט זיין צוקונפט, אומעטום, ווו יידישע מאַסן זאָלן נישט וווינען.

מיר זיינען די איינציקע, וואָס רעאַליזירן אויפריכטיק און לאָיאַל די איינהייט אויפן געביט פון די יידישע קאָמיטעטן.

מיר זיינען די, וואָס טרעטן אַרויס קעגן בהלה און פּאָליטישן אוואַנ־טוריזם, וועלכע ברענגען בלויז אומגליק פאַר די יידישע מאַסן.

מיר זיינען די, וואָס האַלטן, אַז דער גורל פונם יידישן פאָלק איז ענג צונויפגעבונדן מיט דער דעמאָקראַטיע, מיט די פאָלקס־מאַסן פון די אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז געקעמפט קעגן אָקופּאַנט.

מיר זיינען די, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן אָנגעוויזן אויפן ראַטנ־פאַרבאַנד, ווי אויפן וויכטיקסטן פּראָגרעסיוון כוח אין דער וועלט. די מלחמה האָט דאָס באַשטעטיקט: די רויטע אַרמיי האָט אונדז נישט בלויז געבראַכט פרייהייט, נאָר געראַטעוועט דאָס לעבן.

מיר רופן די יידישע באַפעלקערונג צו פאַרפעסטיקן דעם ישוב אין פוילן, פּראָדוקטיוויזירן זיך און אָנטיילנעמען אינם אויפבוי־וועדק פון לאַנד.

אָט דאָס איז אונדזער וואָרט, דאָס ערשטע געדרוקטע וואָרט אין יידיש פון אונדזער פּאַרטיי.

דערמיט הייבן מיר אָן אונדזער ערשטן נומער.

„פאָלקס־שטימע"
ציימשריפט פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ. 1, 22 פעברואַר 1946.

אויף דער טאָג־אָרדענונג — רעפּאַטריאַציע

א נייע אַנטשיידנדיקע פּאַזע טרעט אַריין אין דעם קאַמף פאַר דעם ווידעראויפבוי פון חרוב געוואָרענעם יידישן ישוב אין פּוילן.

די גרויסע רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

אומגעהייער גרויס איז די באַדייטונג פון דער רעפּאַטריאַציע פאַר דעם אויפלעבנדיקן יידישן ישוב אין פּוילן.

במשך פון א פּאָר חדשים וועט דער יידישער קיבוץ אין פּוילן מער ווי פאַרדרייפאַכיקט ווערן.

עס וועט קומען אין לאַנד אַריין אַן עלעמענט, וועלכער האָט אין די שווערע יאָרן פון מלחמה אַרעם־ביי־אַרעם מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד אין די פאַבריקן, ביי די וואַרשטאַטן, און די קאָלווירטן געהאָלפן שמידן דעם זיג פון דעמאָקראַטיע.

אין דעם לאַנד, וווּ אַרבעט ווערט פאַרהערלעכט, וווּ פּשוטע מאַשיניסטן, טראַקטאָריסטן און אַנדערע אַרבעטער טראָגן די העכסטע מלוכה־אויסצייכענונגען — האָט זיך דער פּוילישער ייד אויסגעלערנט שעצן אַרבעט, ליבן זיין פאַך און באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צו אַן אומפּראָדוקטיוון לעבן.

טויזנטער געוועזענע סוחרים, קליינהענדלער, מעקלער וועלן צוריקקומען צו אונדז אַלס מעכאַניקער, גיסערס, מאַשיניסטן, קוואַליפיצירטע טעקסטיל־אַרבעטער.

דער גרויסער פּאַטריאָטישער אויפשוווּנג פון די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, די גרויסע קרבנות פונם סאָוועטישן מענטש פאַרן זיג, האָבן פאַרהאַרטעוועט אונדזערע ברידער און שוועסטער.

און ווען מיר גיבן זיך אָפּ א רעכענונג פון דער היסטאָרישער באַדייטונג פאַר דעם ווידעראויפבוי פון אונדזער ישוב — טאָרן מיר נישט

אונטערשאַצן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע פֿאַלט אויף אונדז אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנהייב פֿון דער רעפּאַטריאַציע. די פּאַרטײַען אין די וואָיעוואָדישע און אין די אָרטיקע קאָמיטעטן, וועלכע וועלן זיך שטעלן צו הילף דער רעגירונג ביי דעם אָרגאַניזירטן אויפֿנעם פֿון די רעפּאַטריאַנטן־מאַסן, מוזן אויסקשטעלן אין צענטער פֿון זייערע אויפֿגאַבן צוויי מאָמענטן:

אויפֿנעמען און איינאָרדענען!

אין דעם פּלאַן פֿון אויפֿנעמען די רעפּאַטריאַציע מוזן מיר אונטערשטרייכן די דאָזיקע צוויי פֿאַזן. וויכטיק איז די ערשטע, דעצידירנדיק איז אָבער די צווייטע.

דאָ רוקט זיך אַרויס די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און די ראָל פֿון די פּאַרטיישע טוער. זיי דאַרפֿן אַליין, און סטימולירן אויך אַלע אַנדערע פּאַרטייען צו פֿאַרנעמען זיך מיט דעם דאָזיקן וויכטיקן ענין.

מיר ווילן נישט איבערחזרן וואָס ס'איז שוין אין דער פּרעסע געזאָגט געוואָרן, אָבער מ'מוז אונטערשטרייכן: ביים אויפֿנעמען — וואַרעמקייט. זאָל די וואַרעמע ברידערלעכע באַציאונג כאָטש אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרטרעטן די פֿאַרלוירענע משפּחה און היימען.

דאָס איז וויכטיק — זייער וויכטיק.

אָבער פֿון אַן אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון אונדזער גאַנצן ישוב איז די צווייטע פֿאַזע — דאָס איינאָרדענען די רעפּאַטריאַנטן.

די דאָזיקע אויפֿגאַבע מוז באַקומען די געהעריקע אָפּשאַצונג ביי די פּאַרטיישע טוער אַלס אַ גרויסע אַקציע פֿון קאָלעקטיוון כאַראַקטער. די פּאַרט־חברים מוזן זיך שטעלן אין דער שפּיץ פֿון דער אַרבעט.

ס'מוז אויף דעם אָרט אַקצענטירט ווערן די ספּעציעלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע פֿאַלט אַרויף אויף אונדזערע חברים אין נידער־שלעזיע, וווּ דער גרעסטער טייל פֿון די רעפּאַטריאַנטן וועט מוזן באַקומען אַרבעטס־וואַרשטאַטן און וווינונגען. אין פֿאַרשטענדיקונג מיט אונדזערע רעגירונגס־פֿאַקטאָרן, מיט דעם „פּור" [1] און מיט די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען מוזן צוגעגרייט ווערן אַרבעטס־וואַרשטאַטן און וווינונגען פֿאַר די אָנקומענדיקע.

---

[1] „Państwowy Urząd Repatriacyjny"
מלוכה־אַמט פֿאַר איינאָרדענען די רעפּאַטריאַנטן. (רעד.)

די דייטשן וועלן פארלאזן זייערע וווינונגען און ארבעטס־פלעצער אין נידערשלעזיע און שאפן דערמיט פלאץ פאר די רעפאטריאנטן.

אין די אנדערע צענטערן פון לאנד, וועלכע מוזן זיך אויך רעכע־נען מיט א צופלוס פון רעפאטריאנטן, מוזן געבויט ווערן הייזער פאר ארבעטנדיקע און געשאפן ווערן וווינונגען דורך אברייט־פארצווייגטער אקציע צווישן דער יידישער באפעלקערונג און ביי די קאמונאלע מאכט־ארגאנען.

אין דער אקציע פון אויפנעמען און איינארדענען די רעפאטריאנטן וועלן מיר באליינגן א שווערן עקזאמען.

מיר מוזן ארויס מיט א נצחון!

„גלאָס לודו"
אָרגאַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
פון 5־טן יולי 1946.

וועגן דעם פּאָגראָם אין קעלץ

אין דער לעצטער מינוט האָבן מיר דערהאַלטן דעם קאָמוניקאַט וועגן דעם פּאָגראָם אין קעלץ. מיר שרייבן דייטלעך: פּאָגראָם. מיר שרייבן, אָפּגעבנדיק זיך א דין וחשבון פון דער גאַנצער שווערקייט, פון דער גאַנצער וואָגיקייט פון דאָזיקן וואָרט און פון דער דאָזיקער שאַנד. מיר שרייבן, ווייל עס איז שוין צייט איבערצורייסן די פּלאַנמעסיקע פּאַרברייטערטע אַקציע פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט געפירט דורך די רעאַקציע־באַנדיטן, ווייל עס איז שוין צייט אויף א געזונט מאַכנדיקן שטויס, וועלכער זאָל שטעלן אויסער די ראַמען פון פאָלק אַלע טרעגער פון היטלעריסטישן סם.

די רעאַקציע אין פּוילן האָט געליטן א צעשמעטערנדיקע מפּלה, די רעאַקציע פּרובירט נעמען א רעוואַנזש. דורך אַלטע אויסגעפּרוווטע מעטאָדן.

צי האָט אַדאָלף היטלער נישט אָנגעהויבן מיט קיין פּאָגראָמען אויף יידן און דערנאָך האָט ער פאַרוואַנדלט גאַנץ אייראָפּע אין א גיהנום?

צי האָט מען אין פּוילן קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג נישט געוואָרפן די פּאָגראָם־באַנדעס פון ראָמאַן דמאָווסקי?

34 קרבנות — דערונטער 32 קרבנות בירגער יידן און 2 קרבנות פּאָליאַקן — אַנטיפאַשיסטן. די דאָזיקע 34 קרבנות ליגן א לאַסט אויף אונדז אַלעמען, זיי ליגן א לאַסט אויף דעם פּוילישן פאָלק אין אָנגעזיכט פונם געוויסן פון דער וועלט.

עס זיינען ווייניק ווערטער פון טאַדלונג. עס איז ווייניק האָט אָפּגערעגעצן זיך פון די פאַשיסטישע חיות. עס פאָדערט זיך א געהעריקע

ביישפּיל־אַרטיקע שטראָף פאַר די מערדער, עס פאָדערט זיך, אַז די וועלט זאָל וויסן: פּוילן קעמפט אומברחמנותדיק קעגן די, וועלכע ווילן פאַרזעצן די פאַרשאָלטענע היטלעריסטישע אַרבעט. די ערע פון פּוילן, דער אינטערעס פון פאָלק, פון דער מלוכה, די דעמאָקראַטיע פאָדערט אויסצורייסן מיטן וואָרצל דאָס ווילדגראָז פון אַנטיסעמיטיזם פון דער פּוילישער ערד.

„נאָווע דראָגי"[1]
פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפט
אויסגאַבע פונם צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 2, מערץ 1947 יאָר.

ראָמאַן זאַמבראָווסקי

אויפן נייעם עטאַפּ

נאָכן וואַל־זיג פון דער דעמאָקראַטיע

(פראַגמענטן פון אַן אַרטיקל)

...אין דער דאָזיקער גרעסטער פּאָליטישער שלאַכט פונם פּעריאָד פון באַנייטן פּוילן האָט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי אָפּגעשפּילט אַ פּאָרויס־גייענדיקע ראָל. אירע אָרגאַניזאַציעס האָבן איניציאירט די אַקציע פון זאַמלען אונטערשריפטן אונטער די קאַנדידאַטן־ליסטעס פון בלאָק. אירע מיטגלידער האָבן געגעבן אַ ביישפּיל פון גיין פון הויז צו הויז מיט דער פּאָרוואַל־אַגיטאַציע, אירע אַקטיוויסטן פון די אונטערשטע רינגען האָבן איניציאירט די אַנטשטייאונג פון די בירגער־קאָמיטעטן, אירע שטאָטישע מיטגלידער האָבן באַקרעפטיקט די קאַדרען פון די דאָרפישע אַגיטאַטאָרן, איר יוגנט איז געגאַנגען אויפן דאָרף אין די אָפּטיילונגען פון די אַרמײַ צו קעמפן קעגן די ווילדע באַנדעס.

מיר זיינען געווען די ערשטע מיט דער אַקטיווקייט, מסירת־נפשדיקייט און אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אויפגעדעקט און איזאָלירט אויפן דאָרף און אין שטאָט די אומקאָמפּראָמיסלעכע אָנהענגער פון דער אונטערערדי־שער און פּעעסלישער רעאַקציע. די פּעפּעראָווצעס זיינען נישט מיד געוואָרן אין דער שטרעבונג איבערצוציגן אַלע וואַקלדיקע און נישט־אַנטשלאָסענע, אַלע אָפּגענאַרטע און די וואָס נעמען אָן די פּעעסלישע דעמאָקראַטישע פראַזעאָלאָגיע אָדער די רעאַקציאָנערע געפּליסטערטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַן אמתער מטבע. אין דער דאָזיקער שטרעבונג צו דערגאָבערן פאַר דער נייער ווירקלעכקייט אַלע נישט־אַנטשלאָסענע האָט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי פאַראייניקט זיך אין דער אַקציע מיט די חברים פון פּפּס,

[1] „נייע וועגן" (רעד.)

גובר זייענדיק אין די אייגענע רייען אלע ענגע, סעקטאנטישע טענדענצן צו אויסשליסלעכקייט, צום מאנאפאל פון אקטיוויקייט אדער פון באשלום און בייקומענדיק אינם פראצעס פון דער געמיינזאמער אקציע דעם ווי־דערשטאנד און אומצוטרוי צווישן א טייל פעפעסישע חברים.

אין דער שטרעבונג צו געווינען פאר דער זאך פון דעמאקראטיע אלע וואס וואקלען זיך און אפגענארטע, האבן די פעפעראוועס זיך שטארקער פארבונדן מיטן פוילישן דארף, מיט די ארגאניזאציעס פון דער פויערים־פארטיי און פון דער פויערישער זעלבסט־הילף, דערגרייכט צו אלע שיכטן פון דער פוילישער אינטעליגענץ, זיך צוגעפאסט מיט דער פראבלע־מאטיק פון די ברייטע שיכטן פון שטאטישן קליינבירגערטום — פון די האנטווערקער און סוחרים, און האבן זיך אפילו אויסגעלערנט צו דיסקא־טירן אלע וואקלענישן צווישן די קאטוילישע גלחים און דער קירכע־היעראר־כיע לטובת דעם דעמאקראטישן לאגער.

אין רעזולטאט פון וואל־קאמף און פון דעם זיג פון דער דעמאקראטיע איז אומגעהויער געשטיגן דער מאראליש־פאליטישער אויטאריטעט פון פפר. צווישן די ברייטסטע פאלקס־מאסן.

אין רעזולטאט פון וואל־קאמף און פון דעם זיג פון דער דעמאקראטיע פאר דער נשמה פונם פאלק האט דער וואל־זיג געוואלדיק פארשטארקט די באזע פון דער דעמאקראטיע.

די פארויסגייענדיקע ראל פונם ארבעטער־קלאס אין דאזיקן קאמף האט פארשטארקט זיין ווירקונג אויף די ברייטע מאסן פון קליינבירגערטום. האט פארגרעסערט די צעמענטירטקייט און ווידערשטאנדס־פעאיקייט פונם דעמאקראטישן לאגער.

דער זיג פון 19־טן יאנואר עפנט א נייעם עטאפ אין דער אנטוויקלונג פונם ווידערגעבורט פון פוילן. ס'האט זיך געענדיקט דער פעריאד פון „ציטוויליקייט” און אנגעהויבן זיך דער פעריאד פון דער טיפערער און שטאנדהאפטיקער פאליטישער סטאביליזאציע. די אויסרעכענונגען פון דער רעאקציע איבערצונעמען די מאכט זיינען געווארן צעקלאפט, דאס וויכטיקסטע פראבלעם פאר דער דעמאקראטיע — די פראגע פון מאכט איז פונם שטאנדפונקט פון דער אינערלעכער פארהעלטעניש פון די קלאסן און פאליטישע כוחות געלייזט. די רעגירונג, וועלכע איז געווארן באפרייט פונם באלאסט פון דער פעעסעלישער אפאזיציע אין איר צוזאמענשטעל וועט האבן באדייטנדיק בעסערע פאליטישע באדינגונגען פארן קאנצענ־טרירן זיך אויף די פראבלעמען פונםווירטשאפטלעכן ווידעראויפבוי, וואס איז נאך וויכטיקער דערמיט, וואס דאס יאר 1947 קאן אין דער ווירט־

שאפטלעכער הינזיכט זיין א שווערערס ווי דאס 1946 יאר. אנשפארנדיק זיך אויפן פעסטן זעלבסט-באוווסטזיין פון ארבעטער און פויער, אלס די מיטה באלעבאטים פונם לאנד, וועלן די רעגירונג און די פאליטישע פארטייען קאנען ברייטער נאך ווי ביז איצט מאביליזירן די אקטיוויקייט אויפן געביט פון דער רעאליזאציע פונם דריי-יאר-פלאן, פון פארווירטשאפטלעכן די מערב-געביטן, וואס עס פירט צום הייבן דעם וווילשטאנד פון די ברייטע פאלקס-מאסן.

דאס באדייט אבער נישט, אז די וויכטיקייט פון די פאליטישע פראבלעמען זאל אין וואסער ס'איז מאס קלענער ווערן.

די רעאקציע האט געליטן א מפלה ביי די וואלן, זי איז אבער נאך נישט צעקלאפט און זי וועט לחלוטין נישט אפשטעלן דעם קאמף. זי וועט נאך פרובן מיט דער הילף פון נייע מיטלען און נייע לאזונגען אפצונעמען זיך פאר דער מפלה, באמיען זיך ארויסצורופן שוועריקייטן פארן דעמאקראטישן לאגער, כדי צוריק צו דעראבערן די מאסן, וועלכע האבן זיך אפגעזאגט אונטערצושטיצן זי בעת די וואלן.

די בעסטיאלישע נקמה-אקטן פון די באזונדערע באנדעס איבער די, וועלכע דעקאנספירירן זיך — צוליב דער אמנעסטיע — און איבער זייערע פאמיליעס ווייזן אן דערויף, אז די צוממערסטן צעווילדעוועטע און פאשיזירטע, נ.ס.ז.ישע ריינגען פון דער אונטערערדישער רעאקציע וועלן נישט געקוקט אויף דער אמנעסטיע, וועלכע וועט אן צווייפל טויזנטער דעמאראליזירטע ארויסשלעפן פונם זומפ פון אונטערערד צו קאנסטרוקטיווער ארבעט, קראמפהאפט זיך קלאמערן אין די באוואפנטע פארמען פון קאמף, ביז וואנען זיי וועלן נישט פולשטענדיק ליקווידירט ווערן דורך די באוואפנטע כוחות פון דער דעמאקראטיע.

די פאלן פוןווירטשאפטלעכן סאבאטאזש אין דער אינדוסטריע און קאמוניקאציע ווייזן אן דערויף, אז די רעאקציע זוכט נייע מיטלען פון קאמף קעגן דער דעמאקראטישער מלוכה, וואס עס פאדערט צו פארשטארקן די וואכזאמקייט פון ארבעטער-קלאס און דער אינטעליגענץ.

א ריי פאקטן באווייזן, אז די סאנאציע-עלעמענטן, געטריי זייער טראדיציע, פארשטארקן דאס ארייננדרינגען אין די דעמאקראטישע פארטייען, כדי ארויסצורופן אין זיי וואקלענישן פון אינעווייניק.

די גרונט-ליניע אבער פון דער רעאקציע, אורטיילנדיק לויט די ארויסזאגונגען פון די מיקאלאיטשיק- און זשולאווסקי-קרייזן, וועט גיין אין דער ריכטונג פון ראטעווען איר באזע פארן פרייז פון אפגרענעצן זיך פון די קאמפראמיטירנדיקע רעאקציאנערע קאנצעפציעס, און דורך ווירקן

אויף די וואקלענדיקע עלעמענטן אין די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. מען דאַרף זיך ריכטן, אַז זיי וועלן נאָך מער פאַרשטאַרקן דאָס אָפּעדירן מיט דער דעמאָקראַטישער און פּריוואַטיזם־פּראָוועלאָגיע.

וואָס מער פּאָליטישע וואַכזאַמקייט און אַנטשלאָסנקייט ס'וועט אַרויסווייזן דער דעמאָקראַטישער לאַגער אין דעם אַנקומענדיקן פּעריאָד לגבי די מאַנעוורען און אינטריגעס פון דער אונטערערדישער רעאַקציע, אַלץ גיכער, וועט די רעאַקציע פּאַרלירן יעדן איינפלוס אויף דער געזעל־שאַפט, אַלץ גיכער וועט פאַרפעסטיקט ווערן די אָרדענונג און דעמאָקראַ־טישע געזעצלעכקייט און ס'וועלן רעאַליזירט ווערן אין אַן אַלץ ברייטערן פאַרנעם די דעמאָקראַטישע פרייהייטן.

...אַ באַזונדער פּראָבלעם פאַר אַלע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען איז די פראַגע וועגן אַסימילירן דורך זיי די עלעמענטן, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט פּ.ס.ל. און זיינען אַריינגעטרעטן אין די רייען פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. נישט רעדנדיק שוין דערפון, וואָס אַ געוויסער, אַן צווייפל אַ־בעריקנס אַ קליינער טייל פּעסעלאָווצעס, איז אַריינגעדרונגען אין די דע־מאָקראַטישע פּאַרטייען מיטן ציל פאַרצווזעצן דאָרט זייער רעאַקציאָנערע טעטיקייט, דאַרף מען דאָך נישט דערשאַצן די געפאַרן, וואָס דרינ־גען אַרויס פונם פאַקט פון צופלוס פון די דאָזיקע עלעמענטן, וועלכע טרעטן אַריין מיטן בעסטן ווילן אין די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, אָדער האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם באַלאַסט פון פאַלשע געוווינהייטן אין אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס.

אין ס.ל., ווהין ס'איז אַריינגעטראָטן דער גרעסטער פויערישער טייל פון די געוועזענע פּעסעלאָווצעס, קאָנען זיי פאַרשטאַרקן די טענדענצן פון אָפּזונדערן דאָס דאָרף פון דער שטאָט, די טענדענצן פון אומצוטרוי צום אַרבעטער־קלאַס און ווערן אַ פאַרשפּרייטער פון דעמאַגאָגיע.

אין פּפּס, ווהין ס'טרעטן אַריין דער עיקר די איבערלויפער פון פּ.ס.ל, קאָנען זיי ווערן אַ שטיץ־פּונקט פאַר די פאַרמאַסקירטע וו.ר.נאָווצעס, פון די אַלע וואָס זיינען גענייגט צו זען בלויז דאָס שלעכטע, צו געזעלשאַפטלעכער דעמאַגאָגיע און וואָס ווילן נישט קיין איינהייטלעכן אַרבעטער־פראָנט.

אין פּפּר, ווהין ס'טרעט אויך אַריין, באַזונדערס אויפן דאָרף, אַ טייל נעכטיקע אָנהענגער פון פּ.ס.ל., פון וועלכע די מערהייט איז שוין אָן צווייפל געקומען צום שכל און ערלעך איבערגעריסן מיטן לאַגער פון רעאַקציע. דאַרף די וואַכזאַמקייט פון אונדזערע אָרגאַניזאַציע־דינגען און פון די באַזונדערע חברים אוממעגלעך מאַכן ס'זאָלן אַריינדרינגען אין אונדזער פּאַרטיי די טונקעלע און קאָרומפּירטע עלעמענטן.

דאָס באַדייט לחלוטין נישט, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען דאַרפֿן פֿאַרמאַכן די טיר פֿאַר די פּעסעלאָווצעס, אָדער אַז די אַסימילאַציע פֿון אַ באַדייטנדיקער מערהייט פּעסעלאָווצעס אין די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זאָל זײַן אוממעגלעך, פֿון די דאָזיקע געפֿאַרן דרינגט אַרויס בלויז די נויטווענדיקייט פֿון דער פֿאַרשטאַרקטער פּאָליטישער וואַכזאַמקייט און פֿאַרגרעסערטער אַקצענטירונג פֿון די אידעיִשע פּרינציפּן, און קודם־כּל פֿונעם פּרינציפּ פֿון איינהייטלעכן פֿראָנט אין פֿונעם אַרבעטער־ און פּויערים־בונד אין אַלע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען.

אין דער דאָזיקער פּראָוואַל־סיטואַציע, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען ווערן פֿאַרשטאַרקט, ווען די מערהייט נעכטיקע, נישט־אַנטשלאָסענע, וואַקלענדיקע זיך מיטגלידער, וואָס איז ביז איצט געווען בפֿירוש פֿײַנטלעך געשטימט צו דער איצטיקער ווירקלעכקייט, איז געקומען צום שׂכל און אַריבער אויף דער זייט פֿון דער דעמאָקראַטיע, איז איינע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבן פֿון אונדזער פּאַרטיי און פֿון די אַנדערע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען נישט בלויז אָרגאַניזאַציאָנעל אַרומצונעמען דעם דאָזיקן צופֿלוס, נאָר אויך די פּאָליטיש־דערציִערישע אַרבעט אויף אַ נייעם ניוואָ, מיט נייע מעטאָדן, אין אַ נייעם פֿאַרנעם, אַן אַרבעט מיט אַ ברייטן מאַסן־שוווּנג, אַן אַרבעט, וועלכע זאָל אין אַ מעגלעך קורצער צײַט באַזײַטיקן ראַדיקאַל פֿונעם באַוווּסטזיין פֿון די דאָזיקע מאַסן, וועלכע קומען אָן צו אונדז מיטן בעסטן ווילן, די שפּורן פֿון דער פֿאַרסמטער, פֿײַנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, די רעשטלעך פֿון זייער אַנטי־דעמאָקראַטישן אידעיִשן באַגאַזש — אַן אַרבעט, וועלכע זאָל אַרײַנהויכן אין די דאָזיקע מענטשן גלויבן, צוטרוי און ענטוזיאַזם פֿון שעפֿערישער, קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט. די דאָזיקע אויפֿגאַבע פֿון מאַסנהאַפֿטן איבעראַקערן דעם באַוווּסטזיין איז בלי־ספֿק אַ לאַנגוואַליקע, אָבער גלײַכצײַטיק אַ דרינגענדיקע זאַך און פֿאָדערט גרויסע מסירת־נפֿשדיקע אָנשטרענגונגען אין אַן אויסערגעוויינטלעכן טעמפּ...

„גלאָס לודו"
אָרגאַן פון דער פוילישער ארבעטער פארטיי
נר. 36 (781) פון 8-טן פעברואַר 1947.

באָלעסלאַוו ביערוט — אויסגעוויילט אַלס מלוכה־פּרעזידענט

אויף דער געכטיקער זיצונג פון געזעצגעבערישן סיים זיינען דורכ־געפירט געוואָרן וואַלן פון א מלוכה־פּרעזידענט.

עס איז ארויסגערוקט געוואָרן נאָר איין קינדידאַטור: די קאַנדידאַ־טור פון בירגער באָלעסלאַוו ביערוט, וועלכע איז אָנגעגעבן געוואָרן דורך די דעפּוטאַטן־קלובן פון פפּר, פפּס, ס. ל.[1] און ס. ד.[2], און איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער ארבעטס־פּאַרטיי און „נאָווע וויז־וואָלעניע".

אויפן בירגער באָלעסלאַוו ביערוט זיינען געפאַלן 408 שטימען פון דער אַלגעמיינער צאָל 433 אָפּגעגעבענע שטימען. די דעפּוטאַטן פון פּ. ס. ל.[3] אין צאָל פון 24 האָבן אָפּגעגעבן ווייסע צעטלעך.

דער סיים־מאַרשאַלעק האָט אָפּגענומען ביים פּרעזידענט ביערוט די שבועה. נאָך דעם איז פאָרגעקומען דאָס פייערלעכע איבערגעבן דעם פּרע־זידענט ביערוט די מאַכט דורך דעם סיים־מאַרשאַלעק.

---

1 לינקע פויערים־פּאַרטיי. (רעד.) (Stronnictwo Ludowe)
2 דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. (רעד.) (Stronnictwo Demokratyczne)
3 מיקאָלאַיטשיקס פּאַרטיי. (רעד) (P. S. L.)

רעזאָלוציע פון דער לאַנד־באַראַטונג פון די פּפּר־טוער אין די יידישע קאָמיטעטן אין יאָר 1946

אָפּשאַצנדיק די איצטיקע לאַגע אין לאַנד און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן — שטעלט די דריטע לאַנד־באַראַטונג פעסט:

1. צוזאַמען מיט דעם ווייטהגרעסטן טייל פון פּוילישן פאָלק, וואָס האָט אין רעפערענדום אויסגעדריקט זיין ווילן צו פאַרפעסטיקן און ווייטער אַנטוויקלען די פּאָליטישע, סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג קעגן דעם ווילן פון דער לעגאַלער און אומלעגאַלער רעאַקציע, האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן — פאַרבונדנדיק איר גורל מיטן היסטאָרישן גאַנג פון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע פאַר אויסוואָרצלען ראַסן־האַס און פאָלקס־שנאה — זיך געשטעלט מאַסנווייז צו די וואַלאַורנעס און געשטימט דריי מאָל „יאָ", אַרויסזאָגנדיק זיך מיט דעם פאַרן וווקס און פאַרטיפונג פון די דעמאָקראַטישע דערגרייכונגען אין פּוילן.

די באַראַטונג מערקט אָפּ די וויכטיקע ראָל פון די פּפּר־חברים אין דער יידישער סביבה, וועלכע זיינען געווען די אַקטיווסטע ביים אָרגאַניזירן דעם אָפּשטימזיג אויף דער יידישער גאַס.

2. איינציטיק מערקט אָפּ די באַראַטונג, אַז אַ געוויסע קליינע צאָל יידן האָט געענטפערט אויף אַ טייל פראַגן „ניין" און אַזוי אַרום זיך סאָלידאַריזירט מיט די ערגסטע שונאים פון פּראָגרעס און פון יידישן פאָלק און געשטעלט די עגאָיסטישע קלאַסן־אינטערעסן העכער פון די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. די דאָזיקע עלעמענטן רעקרוטירן זיך הויפּטזעכלעך פון געוועזענע פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים, שפּעקולאַנטן און שאַבראָוניקעס, אַגודיסטישע און ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע עלעמענטן, אַלטע פאַרבינדעטע פון דער סאַנאַציע און

שונאים פון ראטנפארבאנד. א געוויסער טייל פון די יידישע „ניין"־זאגער איז אבער פארפירט געווארן. דעם דאזיקן טייל קאן מען און מען דארף געווינען פאר דער דעמאקראטיע און פאר די פראגרעסיווע אידייען פונם יידישן פאלק.

3. אויפן זיג פון דער פוילישער דעמאקראטיע אינם רעפערענדום האט די פארייניקטע רעאקציע געענטפערט מיטן פאגראם אין קעלץ. הגם צום פיינלעכסטן האט דער שוידערלעכער פאגראם געטראפן די יידן, איז ער אבער געווען פאליטיש געווענדעט ארונטערצורייסן דעם אנזען פון דער פוילישער פאלקס־דעמאקראטיע אין אויסלאנד.

די געדריקטע שטימונג נאכן קעלצער פאגראם האבן אויסגענוצט די יידישע „ניין"־זאגער, די אגודיש־רעוויזיאניסטישע און אנדערע רעאקציאנערע עלעמענטן, וועלכע האבן זיך געשאפן א נעסט אין געוויסע ציוניסטיש־דעמאקראטישע ארגאניזאציעס, האבן אויפגעבלאזן א בהלה־שטימונג אונטערן לאזונג „יציאת פוילן" און געשטויסן א טייל פון דער יידישער באפעלקערונג צו אומבארעכנטע שריט, צו ווארפן די ארבעט און לאזן אלץ אויף הפקר און לויפן אין די אקופאציע־זאנעס פון דייטשלאנד און עסטרייך, ווו די יידיש־נאציאנאלע ווירדע ווערט געטראטן מיט די פיס און ווו עס הערשט אן אויסזיכטלאזיקייט צו עמיגרירן ווייטער.

4. אין אנבליק פון דער דאזיקער לאגע זיינען אונדזערע פארטיי־קרייזן (אין נידערשלעזיע, לאדזש, שטשעטשין א. א.) געווען די עיקר־דיקסטע קראפט, וואס האט זיך קעגנגעשטעלט דער פאניק, דער פאר־לוירנקייט, אליאהמירנדיק וועגן דער שעדלעכקייט פון דער בהלה־עמי־גראציע. א דאנק אונדזער אויפקלערונגס־ארבעט און א דאנק אונדזער פארטיי־צייטונג „פאלקס־שטימע" און דעם ארגאן פון צ. ק. פון פוילישע יידן „דאס נייע לעבן" איז אריינגעטראטן א באדייטנדיקע באַרואיקונג.

די באראטונג האלט אבער פאר ריכטיק פעסטצושטעלן, אז א געוויסער טייל חברים האט זיך צו שוואך קעגנגעשטעלט דער פאניק און איינגעזען אין דער טיילווייזער באַרואיקונג אן איבערברוך אין די לויף־שטימונגען פון די מאסן; אזא פעלערהאפטע אפשאצונג האט נאר געקאנט אנטוואפענען די חברים אין אונדזער קאמף קעגן דער פאניק.

5. אפשאצנדיק העם אומבאשטרייטבארן ווילן פון אונדזער דעמאָ־קראטישער רעגירונג צו דערמעגלעכן און באגינסטיקן אין דער פולער ברייט די יידן, וואס ווילן ארויספארן, שטרייכט די באראטונג אונטער, אז דער דאזיקער גוטער ווילן פון דער רעגירונג ווערט דורך דער יידי־

שער רעאַקציע אין אויסלאַנד און דורך געוויסע יידישע עלעמענטן אין לאַנד אויסגענוצט — ערשטנס, ווי אַן אויסדרוק פֿון שוואַכקייט פֿון דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, וועלכע איז כלומרשט נישט געווען בכוח צו באַשיצן די יידן, און צווייטנס — ווי אַ באַווייז, אַז די פּוילישע דעמאָקראַטיע און אויך די פּפּר זייַנען נישט פֿאַראינטערעסירט, אַז אין פּוילן זאָלן זיין יידן. אָט די אויסטייטשונג העצט אונטער די פּאַניק. די באַראַטונג האַלט, אַז סיי די פּאַניק, סיי די האָזיקע אויסטייטשונג ברענגען שאָדן אי די יידן, אי דער פּוילישער דעמאָקראַטיע. דעריבער איז נייטיק צו פֿאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע קעגן בהלה און צו פֿאַרגרעסערן אונדזער ממשותדיקע פּראָדוקטיוויזיר־אַרבעט, וואָס איז דער בעסטער ענטפֿער אויף דער בהלה.

די באַראַטונג שטעלט פֿעסט, אַז די איניציאַטיוו פֿון אונדזערע חברים אין צענטראַלן און אין די אָרטיקע יידישע קאָמיטעטן ביים אָרגאַניזירן די גרויסע פּראָטעסט־אַקציע קעגן בריטישן טעראָר אין פּאַלעסטינע, האָט אונדז אוועקגעשטעלט ווי אַן אָנפֿירנדיקן און איינהייט־צעמענטירנדיקן כוח אין דער יידישער סביבה, און באַוויזן, אַז אויך אויף ווייטער דאַרפֿן מיר זיין די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פֿון אַקציעס אין אַלע אַלגעמיין־יידישע פּראָבלעמען און ספּעציעל ביים בויען דעם יידישן ישוב אין פּוילן. די באַראַטונג האַלט, אַז די שייד־ליניע אין אונדזער קאַמף אויף דער יידישער גאַס איז פּוילן דאַרף זיין די שטעלונג צום יידישן ישוב אין פּוילן און נישט דאָס פּאַלעסטינע־פּראָבלעם. דער ביי האַרף באַטאָנט ווערן, אַז אין אונדזער אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן ציוניזם דאַרפֿן מיר אונטערשטרייכן אונדזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע און צו זיין קאַמף פֿאַר זיינע רעכט און אונדזער נעגאַטיווע באַציאונג צום פּאָליטישן ציוניזם, צו דעם געדאַנק, אַז אין פּאַלעסטינע קומט די ליזונג פֿון דער יידן־פֿראַגע.

7. די באַראַטונג מערקט אָפּ די אַקטיווע ראָל און איבערגעגעבנקייט פֿון אונדזערע חברים ביים אויפֿנעמען די 150 טויזנט יידישע רעפּאַטריאַנטן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און באַזעצן זיי אין דירות, באַזונדערס ביים באַזאָרגן די קינדער, ספּעציעל די יתומים, ביים איינאָרדענען נייע קינדער־היימען, האַלב־אינטערנאַטן, שולן, זקנים־ און אינוואַלידן־הייזער.

איצט, ווען די רעפּאַטריאַציע איז געענדיקט, האַלט די באַראַטונג — איז נייטיק, אַז אונדזער גאַנצע אַרבעט זאָל אַריבערגיין אויף די רעלסן פֿון באַפֿעסטיקן און ווייטער בויען די געזעלשאַפֿטלעכע, ווירטשאַפֿטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס אין פּוילן — אונטערן לאָזונג:

אַ ייִדישער ישוב אין פּוילן וועט זיין, געשטיצט אויף דער פּוילישער דעמאָקראַטיע, אַ ישוב אַ פּראָדוקטיווער.

8. די באַראַטונג מערקט אָפּ די גרויסע און וואָגיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון פּראָדוקטיוויזירן באַדייטנדיקע טיילן ייִדן, פון אריינציען זיי אין מלוכהשע פאַבריקן, קוילן־גרובן, מלוכהשע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, לאַנדווירטשאַפט און קאָאָפּעראַציע (אין נידערשלעזיע 18.000 באַשעפטיקטע אויפן 1 אויגוסט, אין לאָדזש — 8,000, שטשעטשין — ביז 3,000; 117 פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון). די באַראַטונג האַלט, אַז דאָס ווייטערדיקע אריינציען און פּראָדוקטיוויזירן ייִדן דאַרף בלייבן די עיקר־זאָרג פון אונדזער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט, דערביי מוזן די אָפּטיילונגען פאַר סאָציאַלער הילף ענגער זיין צונויפגעבונדן מיט די אָפּטיילונגען פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע. אונדזערע חברים אין די קאָמיטעטן דאַרפן אויפּפּאַסן, אַז די הילף זאָל קודם־כּל זיין אַ קאָנסטרוקטיווע און אַז די דרינגענדיקע הילף זאָל געגעבן ווערן אין דער ערשטער ריי אַרבעטנדיקע, אינוואַלידן, זקנים, קראַנקע. די געזונטע, וואָס ווילן בייזוויליק נישט אַרבעטן, טאָרן פון קיין הילף נישט געניסן.

9. די באַראַטונג מאַכט אויפמערקזאַם, אַז די שול־פראַגע, פּונקט ווי די קינדער־דערציאונג און קינדער־אַנשטאַלטן בכלל מוז ווערן אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער טעטיקייט פון אונדזערע חברים אין די קאָמיטעטן און פון די פּרישע לערער און אינטעליגענץ. חוץ דער ווײַל־איינאָרדענונג פון די לערן־און דערציאונגס־אַנשטאַלטן דאַרפן אונדזערע חברים אויפּפּאַסן, אַז ס׳זאָל הערשן אין זיי אַן אמתער דעמאָקראַטישער און אַרבעטס־גייסט, די אונטערריכט־שפּראַך דאַרף זיין ייִדיש, דערביי דאַרפן די פּוילישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע געלערנט ווערן אין דער פולער מאָס. עס איז נייטיק אין אַ ברייטער מאָס לערנען די ייִדישע געשיכטע. די באַראַטונג רופט אַלע אונדזערע חברים ענערגיש זיך קעגנצושטעלן, די וועלכע ברעכן דעם אויסגעאַרבעטן דורכן צ. ק. פון פּוילישע ייִדן איינהייטלעכן שול־סיסטעם, שפּאַלטן אונדזער שול־וועזן, שאַפנדיק פּאַרטייאישע אָדער תּרבות־שולן.

10. אָפּשאַצנדיק פּאָזיטיוו די אויפטוען פון אונדזערע יוגנטטוער אין די יוגנט־אָפּטיילונגען (15 יוגנט־היימען, 16 פּאַר־קורסן, 25 יוגנט־קלובן, אַ נעץ פון ביבליאָטעקן, 13 ספּאָרט־קלובן, דער יוגנט־צוזאַמענפאָל אין נידערשלעזיע, דער ייִדישער אָנטייל אין ז. וו. מ.־צוזאַמענפאָלי אין וואַרשע, דער בולעטין און דער עיקר — דאָס באַשעפטיקן ביי פּראָדוקטיווער אַרבעט קנאַפּע 7,000 יוגנטלעכע), שטרייכט אונטער די באַ־

ראַטונג, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע אויף דעם געביט איז הונדערטער פּראָצענטיק באַשעפטיקן די יוגנט, זאָרגן פאַר איר נאָרמאַלע שטודירן, אירע שטיגערישע נייטן און קולטורעלן וווּקס, דערביי מוז געזאָרגט ווערן, אַז די יידישע יוגנט זאָל נישט ווערן אָפּגעריסן פון דער פּוילישער אַרבעטנדיקער יוגנט — דורך געמיינזאַמע צונויפטרעפונגען, קולטורעלער דערנענטערונג, ספּאָרט-שפּילן א. א.

11. צוגעבנדיק אַ באַזונדערע באַדייטונג אונדזער פּאַרטיי-צייטונג אויף דער יידישער שפּראַך „פאָלקס-שטימע" אין איר באַלייכטן די אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען און אין מאָביליזירן די יידישע מאַסן צום קאַמף קעגן רעאַקציע, פאַר דעמאָקראַטיע, קעגן „יציאת פּוילן" און פאַר אַ געזונטן קולטורעלן יידישן ישוב, — רופט די באַראַטונג אונדזערע אַקטיוויסטן, סימפּאַטיקער און אומפּאַרטייאישע דעמאָקראַטן זיך צו באַטייליקן אין אונדזער פּרעסע (יידישע און פּוילישע), ענערגיש זי פאַרשפּרייטן, זאַמלען אויפן פּרעסע-פאָנד. די באַראַטונג באַשליסט צו פאַרגרעסערן און אויסברייטערן די „פאָלקס-שטימע".

די באַראַטונג שטרייכט גלייכצייטיק אונטער די באַדייטונג פון דער אַלגעמיין-קאָמוניסטישער פּרעסע, פון „דאָס נייע לעבן", וועלכער עס דאַרף פאַרזיכערט ווערן אַ מאַטעריעלע באַזע און וועלכע דאַרף פאַרגרעסערט ווערן ביז צו אַ טאָג-צייטונג. אַזאַ אויפטו וועט זיין וויכטיק פאַר אונדזער ישוב.

12. די באַראַטונג מאַכט אויפמערקזאַם אונדזערע חברים אויף דער נויטווענדיקייט אַרומצורינגלען מיט זאָרג און מיט הילף די יידישע טעאַטערס און דראַמקרייזן, העלפנדיק זיי צו אידעיִשער פאַרטיפונג און קינסטלערישער שלימות.

די באַראַטונג דריקט אויס דעם ווּנטש, אַז די יידישע שרייבער זאָלן נעענטער צוזאַמענאַרבעטן מיטן יידישן טעאַטער און העלפן אים מיט רעפּערטואַר, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דעם העלדן-ווּעג פון פּוילישן יידנטום, די גרויסע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פון יידישן פאָלק און זיין דראַנג ווידער אויפצושטעלן זיין לעבן. די באַראַטונג שטעלט פאַר אונדזערע חברים די אויפגאַבע מיטצוהעלפן שאַפן געזעלשאַפט „פריינד פון יידישן טעאַטער".

13. אָפּשאַצנדיק די וויכטיקע אַרבעט פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע, ווי אויך די בלויזן אין איר אַרבעט ווענדעט זיך די באַראַטונג צו אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון אונדזער פּאַרטיי מיטצוהעלפן און צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר די היסטאָרישע

קאָמיסיעס און באַזונדערס — מאַטעריאַלן וועגן דער ראָל פֿון דער פּפּר אין דער ייִדישער און אַלגעמיינער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין פּוילן.

14. די באַראַטונג שטעלט פֿעסט מיט צופֿרידנקייט, אַז אַדאַנק דער באַדייטנדיק אויסגעוואַקסענער אַקטיוויקייט פֿון אונדזערע חברים אין דער ייִדישער סבֿיבֿה (ביי דער רעפּאַטריאַציע, פּראָדוקטיוויזאַציע, אַקציעס פֿון 19 אַפּריל, 1 מאַי, 9 מאַי, רעפֿערענדום, פּאַלעסטינער געשעענישן, יאָר־צייט פֿון אויפֿשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, קאַמף קעגן פּאַניק, קולטור־אימפּרעזעס) קומט פֿאָר אַ בכּדרדיקער וווּקס פֿון אונדזערע פּאַרטיי־רייען אויף דער ייִדישער גאַס (ניִדערשלעזיע — 2,000 מיטגלידער, גרויסער וווּקס אין לאָדזש, שטשעטשין, וואַרשע א. א.). די באַראַטונג האַלט, אַז ס'איז נייטיק אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון אונדזער אידעאָלאָגישער אַרבעט דורך פּאָליטיש־אויפֿקלערערישער טעטיקייט, ווי: באַקענען מיטן פּאַרטיי־סטאַטוט, מיט די באַשלוסן פֿון ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר און פֿון אַ ריי פּלענומס פֿון צ. ק. די פֿפּר־פֿראַקציעס דאַרפֿן שאַפֿן רעפֿערענטן־קרייזן צום באַדינען אונדזערע פּאַרטיי־גרופּן און די ברייטע ייִדישע באַפֿעלקערונג און אויך פֿאָלקס־קלובן, ווו עס דאַרפֿן זיך זאַמלען נישט בלויז פּפּר־חברים, נאָר אַלע דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין ייִדישן לעבן.

15. די באַראַטונג רופֿט אַלע חברים ווייטער צו אַרבעטן אין דער ריכטונג פֿון צעמענטירן די אייניקייט אין די ייִדישע קאָמיטעטן, די אייניקייט פֿאַר בויען אַ ייִדישן פּראָדוקטיוון, קולטורעלן ישובֿ אין פּוילן.

די באַראַטונג וואָרנט אייניצייטיק די חברים קעגן דער געפֿאַר, אַז אונדזער אַרבעט אין דער ייִדישער סבֿיבֿה זאָל אָפּגעריסן און אָפּגעזונדערט ווערן פֿון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־און מלוכה־אַרבעט. די ייִדישע פֿפּר־קרייזן און פֿראַקציעס דאַרפֿן זיך ענגער צונויפֿבינדן מיט די אָרטיקע, פּאָוויאַטאָווע און וואָיעוואָדישע פּפּר־קאָמיטעטן, שטעלן די וויכטיקע ייִדישע פֿראַגן פֿאַר די פּאַרטיי־קאָמיטעטן, אינפֿאָרמירן זיי און קאָנסולטירן זיך מיט זיי.

די באַראַטונג שטרייכט אונטער די ערנסטע אויפֿגאַבן, וואָס ליגן אויף אונדזערע חברים איצט, ווען דאָס לאַנד שטייט ערבֿ דער וויכטיקער וואַל־אַקציע. אַלע כּוחות דאַרפֿן געשטעלט ווערן אין רשות פֿון דער פּאַרטיי פֿאַרן פֿולשטענדיקן נצחון פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע.

באַשלוס פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פפּר אין אָקטאָבער 1947 יאָר

די אַרבעט און אויפגאַבן פון פפּר צווישן דער יידישער באַפעלקערונג (פראַגמענטן)

דער צ. ק. פון פפּר שטעלט פעסט:

די סטאַביליזירונג פון די געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין פּוילן, א דאַנק דעם נצחון פון פּאָלקס־דעמאָקראַטישן בלאָק איבער דער רעאַקציע, און אויך די דערפּאָלגן אויפן געביט פון ווידעראויפבוי פון לאַנד, האָבן דערמעגלעכט צו דערגרייכן א גאַנצע ריי פּאָזיטיווע, ווערטפולע רעזולטאַטן אויפן געביט פון נאָרמאַליזירן דאָס לעבן פון די יידישע פּאָלקס־מאַסן אין פּוילן.

די האָפענונגען פון דער לעגאַלער און אומלעגאַלער רעאַקציע אויסצונוצן דעם אַנטיסעמיטיזם ווי א מיטל אין קאַמף קעגן דער פּאָלקס־מאַכט האָבן געליטן א מפּלה. די פּאָלקס־רעגירונג האָט, אין קאַמף קעגן דער רעאַקציאָנערער אונטערערד, באַוויזן מיט מעשים, אַז זי קאָן ווירקזאַם באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם און די איבערבלייבענישן פון ראַסיזם.

די הויפּט־ראָל פון פפּר ביים פאַרפעסטיקן די פּאָלקס־דעמאָקראַטיע און ביים באַקעמפן די רעאַקציע, די איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט ביים פאָזיטיוון פאָרמולירן און לייזן די פּראָבלעמען אויפן געביט פון יידישן לעבן, האָבן שטאַרק פאַרפעסטיקט די איינפלוסן פון אונדזער פּאַרטיי צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס צוליב דעם, ווייל די פפּר איז געווען דער איינציקער כּוח, וועלכער האָט באַהערשט די פּאַניק אין די קריטישע טעג נאָך די קעלצער געשעענישן.

דער גאַנג פון די געשעענישן אין לאַנד און אין אויסלאַנד, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט, האָט באַוויזן, אַז דאָס יידישע פּאָלק קאָן בלויז רעכענען אויף דער שטיצע פון אַנטי־אימפּעריאַליסטישן דעמאָקראַטישן לאַגער, אַז די לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פּוילן מוז זיך שטיצן

אויף דער געמיינזאמער ארבעט און קאמף פון דער יידישער באפעלקערונג אין לאנד צוזאמען מיטן גאנצן פוילישן פאָלק ביים פארפעסטיקן די אָרדענונג און די מאכט פון דער פאָלקס־דעמאָקראטיע און ביים פארגרעסערן די ווידעראויפבוי־אנשטרענגונגען אין די ראמען פון 3־יאָר פלאן.

פאלש איז די שטעלונג פון פארלייקענען די מעגלעכקייטן און באדערפענישן פון דער נאָרמאלער נאציאָנאלער אנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין פוילן. פאלש זיינען אויך די טענדענצן אָפּהענגיק צו מאכן דאָס יידישע לעבן אין פוילן פון דער לייזונג פון דער פאלעסטינע־פראגע. אזא איינשטעלונג האמעוועט די שעפערישע כוחות פון דער יידישער באפעלקערונג און שאפט א גינסטיקן באָדן פאר דער טעטיקייט פון די פיינטלעכע פאר פאָלקס־פוילן רעאקציאָנערע עלעמענטן אין דער יידישער געזעלשאפט.

הגם נאָך דער גרויסער אָקופּאציע־טראגעדיע איז א זייער קליינע צאָל יידן געבליבן ביים לעבן, שטייען דאָך פאר דער ערנסטע אויפגאבן אין איר ארבעט צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן. א דעציד־ירנדיקער מאָמענט אין דער דאָזיקער אויפגאבע זיינען די שטרעבונגען פון די לעבנגעבליבענע יידן אויפצובויען זייער עקזיסטענץ אין די ראמען פון פאָלקס־פוילן.

א דאנק דעם, וואָס אין פוילן זיינען פאר די יידן געשאפן געוואָרן נאָרמאלע עקזיסטענץ־ און אנטוויקלונגס־באדינגונגען אויף די יסודות פון נאציאָנאלער גלייכבארעכטיקונג, האָט זיך דאָס וואנדערן פון די יידן פון שטאָט צו שטאָט און דאָס פאנישע אנטלויפן פון לאנד אָפּגעשטעלט.

דער ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן אין פוילן איז נאָך איין באווייז פון דער דעמאָקראטיזירונג פון פוילן און שטארקט פוילנס פאָזיציע אין דער וועלט. די פוילישע רעגירונג האָט אין דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער (אונאָ) א סך מאָל ארויסגעוויזן איר פריינדלעכע באציאונג צו די אספיראציעס און באדערפענישן פון יידישן פאָלק ביים לייזן דאָס יידן־פראָבלעם אויף דעמאָקראטישע יסודות.

מיר שטייען אויפן שטאנדפונקט, אז די לאגערן אין דייטשלאנד און אין עסטרייך דארפן פונאנדערגעלאָזט ווערן, און די יידן פון די דאָזיקע לאגערן דארף געגעבן ווערן א מעגלעכקייט צו עמיגרירן אין די לענדער, וועלכע זיי וועלן אויסקלייבן.

דער גורל פון דער יידישער באפעלקערונג איז געבונדן מיטן קאמף און מיט דער אנטוויקלונג פון די אנטיאימפעריאליסטישע דעמאָקראטישע כוחות אין פוילן און אויף דער גאנצער וועלט.

ארויסגייענדיק פון די חאָזיקע הנחות, האָט דער צ. ק. פון ספר נאָכן באַקענען זיך מיט דער גאַנצער אַרבעט פון די ספר־חברים אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, פעסטגעשטעלט: אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון אונדזער פּאַרטיי איז אונדז באַנייטן פוילן דערגרייכט געוואָרן אַ גאַנצע ריי פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער צ. ק. פון ספר רעקאָמענדירט אַלע מיטגלידער פון ספר, וואָס אַרבעטן אין דער יידישער סביבה, זיי זאָלן זיך אין זייער ווייטערדיקער טעטיקייט ריכטן לויט די פאָלגנדיקע אָנווייזונגען:

1. אויפן געביט פון פּאָליטישער אַרבעט:

1. דער מיטלפּונקט פון אָרגאַניזירטן לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין פוילן דאַרפן ווייטער בלייבן די קאָמיטעטן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען ווי אַ פאַראייניקטער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַן אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט. שטרעבנדיק צו פאַרפעסטיקן די איינהייט פון טאַט אין די יידישע קאָמיטעטן, דאַרפן די ספר־חברים זיך באַמיען אויסצוברייטערן זייער געזעלשאַפטלעכע באַזע. די טענדענצן פון דער רעליגיעזער קאָנגרעגאַציע, וועלכע צילן אַרויסצוגיין אויסער די ראַמען פון באַפרידיקן די רעליגיעזע באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג און זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, דאַרפן באַקעמפט ווערן.

2. די רעאַקציאָנערע כוחות אין דער יידישער סביבה דאַרפן באַקעמפט ווערן, און עס דאַרף פאַרטיפט ווערן די מיטאַרבעט מיט אַנדערע דעמאָקראַטישע גרופּירונגען אויף פאָלגנדיקע באַדינגונגען:

א. אין באַצוג צום „בונד" דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן די מיטאַרבעט מיט די עלעמענטן, וועלכע שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן לאַגער אין פוילן און פאַרן אויפבוי פון יידישן לעבן אין פוילן. גלייכצייטיק דאַרף פאַרשאַרפט ווערן דער קאַמף קעגן די עלעמענטן אין „בונד" פון דעם וו. ר. נ.־טיפּ, די אַנטיאייניקייטספּראָנטלער און די אַנטיסאָוויעטישע.

ב. אין באַצוג צו די ציוניסטישע גרופּירונגען דאַרף מען אָנווענדן די טאַקטיק פון אונטערשיידן, נעמענדיק אין באַטראַכט די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין ציוניסטישן לאַגער, און באַזונדערס דעם פּראָצעס, וואָס די אויפריכטיקע לינקע ציוניסטן גייען איבער אויף די אַנטיאימפּעריאַליסטישע, דעמאָקראַטישע און סאָוויעטנפריינדלעכע פּאָזיציעס.

ג. עס דאַרף פאַרשאַרפט ווערן דער קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וועלכע ווירקן אין דער יידישער סביבה הן אין לאַנד, הן

אין אויסלאנד. ביז איצט איז דער דאזיקער קאמף געווען נישט גענוגנדיק. באזונדערס איז דער דאזיקער קאמף נישט געווען גענוגנדיק אין באצוג צו די רעוויזיאניסטן — די יידישע פאשיסטן, וועלכע געפינען אן אנשפאר אין די לעגאלע דעמאקראטישע ציוניסטישע ארגאניזאציעס. ס'דארף פארשטארקט ווערן דער קאמף קעגן דער „אגודה", וועלכע האט מיטגעארבעט מיט דער סאנאציע און האט איצט איר אנשפאר אין דער רעליגיעזער קאנגרעגאציע. ס'דארף אויך באקעמפט ווערן די רעאקציאנערע פאלקיסטישע גרופע אין לאדזש.

ד. אפשאצנדיק די שטעלונג פון די פפר־חברים אין צענטראל־קאמיטעט פון די יידן אין פוילן, וועגן אנטיילנעמען אין יידישן וועלט־קאנגרעס, אין קולטור־קאנגרעס א. א. וו., האלט דער סעקרעטאריאט, אז די דאזיקע קאנגרעסן דארפן אויסגענוצט ווערן אויף צו פאפולאריזירן די דערגרייכונגען פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן, באזונדערס אויף די מערב־געביטן. די קאנגרעסן דארפן אויסגענוצט ווערן אין קאמף קעגן אימפעריאליזם און מלחמה־העצער, פאר דעמאקראטיע און שלום, אין קאמף קעגן די רעוויזיאניסטישע טענדענצן לגבי אונדזערע מערב־געביטן, אין קאמף קעגן די פרוון אויפצושטעלן דעם דייטשישן אימפעריאליזם און פאר פראפאגירן די דערגרייכונגען פון פאלקס־פוילן. די פפרישע דעלעגאטן דארפן אויף די דאזיקע קאנגרעסן באקעמפן די רעאקציאנערע עלעמענטן אין דער יידישער געזעלשאפט און מיטווירקן צו פארוואנדלען דעם יידישן וועלט־קאנגרעס אין אן אנטיאימפעריאליסטישער, דעמאקראטישער מאסן־ארגאניזאציע.[1]

2. אויפן געזעלשאפטלעך־ווירטשאפטלעכן געביט פון ארבעט.

1. דאס פארווירקלעכן די גרונט־אויפגאבן אויפן געביט פון פלאנמעסיקן אויפנעמען די יידישע רעפאטריאנטן פון פססר און דאס איינארדענען זיי ביי פראדוקטיווער ארבעט איז א גרויסער דערפאלג פון אונדזער פארטיי. אין איצטיקן מאמענט איז די הויפט־אויפגאבע דאס פולקאמע איינארדענען די ארבעטספעיקע יידן אין דער גרויסער און מיטלער אינדוסטריע און פאראלעל מיט דעם שאפן פראדוציר־קאאפערא־

[1] דער יידישער וועלט-קאנגרעס איז אונטער דער רעאקציאנערער אנפירונג פארוואנדלט געווארן אין אן ארגאניזאציע פון מלחמה-בלאק, אין א רעאקציאנערער ציוניסטישער פיליע פון דער אמעריקאניזירטער ישראל-רעגירונג, וועלכע שליסט פאקטן מיט די מערדער פון יידישן פאלק — מיט דער נייער היטלערישער אדענאוער-רעגירונג. צוליב דעם זיינען די דעלעגאציעס פון די פאלקס-דעמאקראטישע לענדער ארויסגעטרעטן פון דעם יידישן וועלט-קאנגרעס.

טיון, און אויך די סיסטעמאטישע אונטערשטיצונג צו אנטוויקלען די האנטווערקעריי.

2. א באזונדער אכט דאַרף געלייגט ווערן אויף צו העכערן די קוואַליפיקאציעס פון די יידישע אַרבעטער, זיי אַדויסציען ווי ווייט מעגלעך פון די טראַדיציאָנעלע „יידישע פאכן” און איינאָרדענען זיי אין דער שווער־אינדוסטריע. צו דעם צוועק דאַרף מען מאָביליזירן די נויטיקע געזעלשאַפטלעכע און מלוכהשע מיטלען, פאַרגרעסערן די צאָל פאַך־שולן און פאַך־קורסן, באזונדערס אין די הוטעס, טעקסטיל און מעטאַל־אינדוסטריע. די יידישע אַקאַדעמישע יוגנט דאַרף איינגעאָרדנט ווערן ביי טעכנישער אויסשולונג.

3. עס איז נייטיק, אַז די לייטונג און די מיטגלידער־מאַסע פון די קאָאָפעראַטיוון זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן די שעדלעכע טענדענצן אין דער קאָאָפעראַטיווער באַוועגונג, מען דאַרף די קאָאָפעראַטיוון אַריינציען אין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער שפּעקולאַציע, בכדי עס זאָלן אויף א שנעלן אופן רעאַליזירט ווערן די באַשלוסן פון 1־טן קאָאָפעראַטיוון־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט אָנגעצייכנט די ריכט־ליניע אויפן געביט פון דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוציר־קאָאָפעראַציע.

3. אויפן געביט פון קולטור און בילדונג.

דאָס פאַרווירקלעכן די פולע גלייכבארעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן געפינט זיין אויסדרוק אינם אויפבוי פון קולטור־לעבן, אין דעם באַדייטנדיקן וווּקס פון דער צאָל יידישע שולן, קינדער־הייזער, יוגנט־היימען, האַלב־אינטערנאַטן, ביבליאָטעקן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, טעאַטערס, דראַמאַטישע קרייזן און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס.

ס׳דאַרפן באַזייטיקט ווערן די ערנסטע בלויזן אויפן דאָזיקן געביט און באַזונדערס:

א. נעמענדיק אין אכט, אַז דאָס יידישע שול־וועזן, און אויך אַנדערע קולטור־פלאַצוווקעס האָבן נישט קיין געהעריקע אַנפירונג צוליב דעם, וואָס עס פעלן די אַנטשפּרעכנדיקע, פּראָגרעסיווע און אויסקוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגן, דאַרפן געשאַפן ווערן בילדונגס־קורסן פאַר לערער און קולטור־טוער, ס׳דאַרפן אויך אַריינגעצויגן ווערן אין שול־וועזן אויפריכטיקע דעמאָקראַטן, פאַרטיי־מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

ב. די יידישע שולן דארפן זיין איינהייטלעכע און דארפן געפירט ווערן אין גייסט פון פאלקס־דעמאקראטיע, לויט דעם איינהייטלעכן פראגראם, וואס איז באשטעטיקט דורך די געהעריקע שול־ארגאנען.

ג. די יידישע שולן דארפן ווייטער עקזיסטירן ביי די יידישע קאמיטעטן און דארפן געניסן פון עפנטלעכע רעכט.[1] די יידישע שולן דארפן סובסידירט ווערן פון דער מלוכה און זעלבסט־פארוואלטונגען. ס׳דארף באקעמפט ווערן די שעדלעכע ארבעט פון „בונד" און ציוניסטן, וואס ברעכן דאס איינהייטלעכע סיסטעם פון יידישן שול־וועזן.

ד. גרויס אויפמערקזאמקייט דארף געלייגט ווערן אויף דעם, אז די קינדער אין די יידישע שולן זאלן גרינטלעך באהערשן די פוילישע שפראך, די פוילישע געשיכטע און קולטור.

ה. עס דארפן באקעמפט ווערן די שעדלעכע דערשיינונגען פון איבערטראגן די פארטייאישע שטרייטן אין דער סביבה פון די קינדער. צו דעם צוועק דארף מען שטרעבן, אויפן וועג פון א צווישן־פארטייאישער פארשטענדיקונג, צו שאפן אן איינהייטלעכע קינדער־ארגאניזאציע לויטן מוסטער פון די סקויטישע דערציאונגס־מעטאדן.

ו. באטאנענדיק די ריכטיקע איניציאטיוו פון די פפר־חברים אויפן געביט פון שאפן אין נידערשלעזיע און אין אנדערע געביטן א פארבאנד פון יידישער קולטור און קונסט, דארף געלייגט ווערן גרויס אכט אויף אויסצוברייטערן זיין באזע און אים פארוואנדלען אין א מאסן־ארגאניזאציע פון לאנד־מאסשטאב.[2]

ז. אויפן געביט פון טעאטער, ליטעראטור און בילדונג דארף ספעציעלע אכט געלייגט ווערן אויפן אויסבילדן נייע קאדרען, וועלכע זאלן זיין געבונדן מיט דער ווירקלעכקייט און מיטן לעבן און קאמף פון די יידן אין פאלקס־פוילן.

ח. מען דארף צוטרעטן צו באארבעטן די געשיכטע פון די יידן אין פוילן אין גייסט פון מארקסיזם. דערביי דארפן באזונדערס בולט ארויסגעהויבן ווערן די מאמענטן פון יידישן אנטייל אין באפרייאונגס־קאמף פון פוילישן פאלק און די דעמאקראטישע באפרייאונגס־באוועגונגען פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן.

---

[1] אין יאר 1949/50 זיינען אלע שולן מיט דער יידישער אונטעררריכט־שפראך פארמלוכהשט געווארן. (רעד.)

[2] היינט עקזיסטירט א צענטראליזירטע ארגאניזאציע א. נ. קולטור־געזעלשאפטלעכער פארבאנד פון יידן אין פוילן, וועלכער ציילט איבער 10.000 מיטגלידער. (רעד.)

4. אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט

אַלס ערנסטע דערגרייכונג ווערט פעסטגעשטעלט דער פאַקט, וואָס די חודש־אויסגאַבע „פאָלקס־שטימע" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכן־אויסגאַבע[1] מיט אַ גרויסן טיראַזש און מיט אַ גרויסן געזאַמלטן פרעסע־פאָנד (איבער 2 מיליאָן זלאָטעס). אין דער דאָזיקער וואָכנשריפט דאַרפן, נאָך מער ווי ביז איצט, זיך אָפּשפּיגלען די אַלגעמיינע לאַנד־פּראָבלעמען און די יידישע פּראָבלעמען. צו דער מיטאַרבעט אין דער וואָכנשריפט דאַרפן צוגעצויגן ווערן אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן.

2. אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פון דעם אַפּריל־פּלענום פון צ. ק. דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן די בילדונגס־ און דערציאונגס־אַרבעט אין די פּאַרטיי־רייען אין גייסט פון מאַרקסיזם און ס'דאַרפן באַקעמפט ווערן די אידעאָלאָגיש־פרעמדע טענדענצן. דער וווּקס פון די פּאַרטייאישע איינפלוסן אין דער יידישער סביבה (פון 4 טויזנט פּפּר־מיטגלידער אין יאָר 1946 אויף 7 טויזנט אין י. 1947) פאָדערט, אַז עס זאָל געלייגט ווערן אַ באַזונדער־ע אויפמערקזאַמקייט אויף צו הייבן דעם פּאָליטישן ניוואָ פון אַקטיוו. יעדע סעפּאַראַטיסטישע טענדענץ דאַרף ווירקזאַם באַקעמפט ווערן. די יידישע גרופּן און די פּפּר־פראַקציעס אויף די יידישע אַרבעטס־פעלדער דאַרפן ווערן פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם פּאַרטיי־לעבן און מיט דער פּאַרטיי־אָנפירונג.

3. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די ביז איצטיקע אַרבעט, אין דער ריכטונג פון דערנענטערן די יידישע באַפעלקערונג און דער עיקר דעם יידישן אַרבעטס־מענטש צום פּוילישן אַרבעטער־קלאַס און צום פּוילישן פאָלק, איז נאָך אַלץ נישט באַפרידיקנדיק, דאַרף געשאַפן ווערן אַ נעץ פון קורסן פאַר דערוואַקסענע, וואָס דאַרפן דערמעגלעכן דאָס דערלערנען די פּוילישע שפּראַך און די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

4. מיט אויסדויער און עקשנות דאַרף מען זיך באַמיען צו דערנענטערן צו די מיטגלידער פון „בונד" און פון די לינקע ציוניסטישע גרופּירונגען, בכדי זיי אַריינצוציען אין דער אַלגעמיינער טעטיקייט. מ'דאַרף איינאָרדענען מיט זיי דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען.

5. מען דאַרף אינטענסיווער ווי ביז איצט זיך אַנטקעגנשטעלן און באַקעמפן די סעקטאַנטישע טענדענצן און דאָס נישט דערשאַצן די איינהייטלעכקייט פון די יידישע קאָמיטעטן. מען דאַרף אויך פאַרשטיין, אַז דער צוגאַנג צו באַזונדערע ציוניסטישע גרופּירונגען מוז זיין פאַרשידנאַרטיק.

---

[1] די „פאָלקס-שטימע" דערשיינט איצט 4 מאָל אין דער וואָך. (רעד).

6. מען דארף פארעפנטלעכן דעם פּארטיי־אקטיוו צוצוהעלפן אין דער מאקסימאלער מאָס די ז.וו.מ.־קרייזן ביי די יידישע קאָמיטעטן, אין די בורסעס און אויף די „אָרט“־קורסן אין זייער מאַנטעגלעכער ארבעט ביים פאַרטיפן זייער באַדייטונג און דערגרייכונגען צווישן דער יידישער יוגנט.

7. מ'דארף פונאנדערוויקלען א ברייטע קאמפּס־קאמפּאַניע קעגן ביור־ראקראטישן אפּאראט אין די יידישע קאָמיטעטן און שטרעבן צו פאר־קלענערן די אדמיניסטראציע־הוצאות. מען דארף שטרעבן אפצורייניקן דעם אפּאראט פון נישט־וועלכע עלעמענטן, שפעקוליאנטן, דעפּרווי־דאנטן, ווי אויך צום פארקלענערן דעם אפּאראט אין די יידישע קאָמי־טעטן.

דער צ. ק. פפּר מאכט אויפמערקזאם אויף דער נויטווענדיקייט דורכ־צופירן וואלן צו די יידישע קאָמיטעטן און צום צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן.

* * *

דער סעקרעטאריאט פון צ. ק. פון פפּר פארפליכטעט:

1. די עקזעקוטיוון פון אלע וואָיעוואָדישע פּארטיי־קאָמיטעטן, זיי־נאָלן זיך אויף די נאָענטסטע זיצונגען זייערע פארנעמען מיט דער פראגע פון פירן אן ארבעט אין דער יידישער סביבה. אין אזעלכע זיצונגען דארפן זיך באטייליקן די פאראנטוואָרטלעכע חברים, וואָס פירן די ארבעט אין דער יידישער סביבה. אלס באזע פאר דער ווייטערדיקער ארבעט דארפן דינען די באשטימטע פונקטן אין דער דאָזיקער רעזאָלוציע, וועלכע מען דארף צופאסן צו די קאָנקרעטע באַדינגונגען.

2. די דאָזיקע רעזאָלוציע דארף באהאנדלט ווערן דורך אלע יידישע קרייזן, און אויך דורך אלע פפּר־פראקציעס.

דער סעקרעטאריאט פון צ. ק. פון פפּר

ווארשע, אָקטאָבער 1947 יאָר.

„גלאָס לודו"
ארגאַן פון דער פּוילישער ארבעטער־פּאַרטיי
נומ׳ 37 (852) פון 29־טן מערץ 1947.

דעם 28־טן מערץ 1947
איז געפאַלן פון אַ קויל פון אוקראַיִנישע פאַשיסטן
חבר קאַראָל שווערטשעווסקי,
גענעראַל בראָני.
צווייטער וויצע־מיניסטער פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג
מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער
ארבעטער־פּאַרטיי.
אומדערמידלעכער בויער פון פאָלקס־פּוילן
כבוד זיין אָנדענק!

צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער ארבעטער־פּאַרטיי

„גלאָס לודו"
אָרגאַן פון דער פוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 90 (1835) פון 1־טן אַפּריל 1947.

גען. שווערטשעווסקי באַלוינט נאָכן טויט מיטן גרויסן קרייץ פונם אָרדן „ווירטוטי מיליטאַרי"

דער מלוכה־פּרעזידענט האָט באַלוינט דעם גענעראַל בראָני קאַראָל שווערטשעווסקי מיטן גרויסן קרייץ פונם אָרדן „ווירטוטי מיליטאַרי" אויף אַ באַנד מיט אַ שטערן.

דער באַלוינונגס־אַקט לויטעט פאָלגנדיק:

„דער אומגעקומענער אויפן פּאָסטן בעת דער דינסט־אינספּעקציע גענעראַל בראָני שווערטשעווסקי קאַראָל, וויצע־מיניסטער פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, געוו. קאָמאַנדיר פון דער צווייטער אַרמיי פון פּוילישן מיליטער, זיגער ביי דער לוזשיצער ניסע, ווערט באַלוינט נאָכן טויט מיטן גרויסן קרייץ פונם אָרדן „ווירטוטי מיליטאַרי" אויף אַ באַנד מיט אַ שטערן, אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן ביים פאַרמירן און אָרגאַניזירן דאָס פּוילישע מיליטער און פאַרן זיגרייכן אָנפירן מיטן קאַמף קעגן דייטשישן פאַשיזם".

מלוכה־פּרעזידענט
באָלעסלאַוו ביערוט

„נאָווע דראָגי"
פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפט
אויסגאַבע פונם צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 11 סעפּטעמבער—אָקטאָבער 1948 י. 2 יאָרגאַנג.

באָלעסלאַוו ביערוט

וועגן רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין דער אָנפירערשאַפט פון דער פאַרטיי און די מיטלען אים גובר צו זיין

רעפעראַט אויפן פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי דעם 31 אויגוסט 1948 יאָר

חברים!

שוין דריי חדשים דויערט דער שעדלעכער און געפערלעכער פאַר אונדזער פאַרטיי קריזיס־צושטאַנד אין דער פאַרטיי־אָנפירערשאַפט. פון דריי חדשים אָן האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון דער פאַרטיי געמאַכט אָנשטרענגונגען, כדי דעם דאָזיקן קריזיס גובר צו זיין, כדי אומצוקערן דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער פאַרטיי די אָרגאַניזאַציאָנעלע געשלאָסנקייט און אידעאָלאָגישע איינהייטלעכקייט. דער יולי־פּלענום פון צ. ק. איז אינגאַנצן געווען געווידמעט די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געשאַפן דעם באָדן פונם אידעאָלאָגישן קריזיס אין דער פאַרטיי־אָנפירונג. דער יולי־פּלענום פון צ. ק., נישט פאַרנעמענדיק זיך מיט קיין פּערזאָנען, נישט באַצייכענענדיק ווער פּערסאָנעל ס'איז געווען דער טרעגער פון די פאַלשע אָנשויונגען און אידעאָלאָגישע וואַקלונגען אין דער פאַרטיי, — האָט געגעבן אונדזער פאַרטיי אַ קלאָרן מאַרקסיסטיש־לעניניסטישן אַנאַליז און אָפּשאַצונג פון די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן באָדן פונם קריזיס. דער יולי־פּלענום פון צ. ק. האָט זיך נישט פאַרנומען מיט דער אינערלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער זייט פונם קריזיס, ער האָט נישט געשטעלט — איך וועל זיך אַזוי אויסדריקן — דעם דיאַגנאָז פון קריזיס גופא, כאָטש שוין דעמלט איז פאַרן גרעסטן טייל אָנטיילנעמער פונם פּלענום

קלאָר געווען, אַז ביי אַ טייל פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג זיינען פאַראַן ערנסטע אידעאָלאָגישע וואַקלונגען, וועלכע זיינען כּולל די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון דער פּוילישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, דער אָפּשאַצונג פון די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דער דאָזיקער באַוועגונג און די אויספירן, וועלכע דרינגען אַרויס פאַר דער ווייטערדיקער ריכטלייניע פון אונדזער פּאַרטיי, פאַר די אַקטועלע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר אונדזער פּאַרטיי אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם יסודותדיקן פּראָבלעם פון פאַראייניקן די אַרבעטער־פּאַרטייען. די סיבה, פאַרוואָס דער יולי־פּלענום פון צ. ק. האָט זיך נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט דער אינערלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלער זייט פונם קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג, איז אין דער ערשטער ריי געווען דער פאַקט, וואָס אין די פאַרהאַנדלונגען פונם יולי־פּלענום פון צ. ק. האָט נישט אָנטיילגענומען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי גאָמולקאַ, וועמענס פאַלשע אַנטימאַרקסיסטישע שטעלונג איז טאַקע געווען די סיבה פונם קריזיס אין דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט. גאָמולקאַס אָפּוועזנקייט אויפן יולי־פּלענום האָט פאַרטיפט און פאַרצויגן דעם קריזיס אין דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט, ווייל דער פּלענום האָט צוליב דער אָפּוועזנהייט פון גאָמולקאַן נישט געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט אַלע עלעמענטן פונם קריזיס, האָט אפילו נישט געקאָנט אין דער גאַנצער ברייט פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז אַזאַ קריזיס האָט זיך געשאַפן, האָט נישט געקאָנט אָננעמען אַלע נייטיקע באַשלוסן אין דער ריכטונג פון שנעלן ליזן דעם קריזיס אין זיין אָנהייב־סטאַדיע, האָט זיך געמוזט בלויז באַגרענעצן צו אַ מערטאָרישן פּאָזיטיוון אַנאַליז פון די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן באָדן פונם קריזיס. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז טראָץ גאָמולקאַס נישט־אָנוועזנקייט אויפן יולי־פּלענום, וועט דער טיפער און פּרינציפּיעלער אַנאַליז פון די פּראָבלעמען, וואָס האָבן געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן באָדן פונם קריזיס אין דער פּאַרטיי, דער גרונטיקער און אַלזייטיקער אַנאַליז, געשטיצט אויף די אויסגעפּרוּווטע מאַרקסיסטיש־לענינישע יסודות, אויך גאָמולקאַן העלפן צו באַקעמפן זיינע אידעאָלאָגישע וואַקלענישן. האָבן דאָך נישט בלויז די אָנטיילנעמער פון דעם דאָזיקן פּלענום, נאָר דער גאַנצער פּאַרטיי־אַקטיוו און דורך זיין פאַרמיטלונג די גאַנצע פּאַרטיי אָפּגעשאַצט די אויסנעמלעכע באַדייטונג פון די אידעאָלאָגישע אָנווייזונגען פונם יולי־פּלענום פון צ. ק. האָבן דאָך נישט בלויז די אָנטיילנעמער פונם פּלענום, נאָר אויך די גאַנצע פּאַרטיי־

מיט טיפער דערלייכטערונג און מאקסימאלער פארשטענדעניש אנערקענט די פארהאנדלונגען און ריכט־ליניעס פונם יולי־פלענום פון צ. ק. אלס ריכטיקן אידעאלאגישן יסוד פאר דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון דער פארטיי, אלס ווערטפולע אידעאלאגישע דערגרייכונג, וועלכע פארטיפט די וואכזאמקייט פון דער פארטיי לגבי דעם קלאסן־שונא, באוואפנט די פארטיי צו קאנען אפשטויסן אלע וואקלונגען, אלס ווערטפולן צושטייער אין דער אידעאלאגישער דערציאונג פון אונדזער פארטיי, אין דער אידעאלאגישער דערציאונג פון די ארבעטער־מאסן. ס'איז נישט אפצולייקענען דעם פאקט, אז די ריכט־ליניעס פון יולי־פלענום האבן אקטיוויזירט אונדזער פארטיי, געהאלפן אויפהייבן דעם ניוואָ פון איר טעטיקייט. פונדעסטוועגן איז א פאקט, אז די באשלוסן און ריכט־ליניעס פון יולי־פלענום פון צ. ק. זיינען נישט דערגאנגען צום באוווסטזיין פון גאמולקאן און זיינען אויך נישט דערגאנגען — לכל הפחות אין דער פולער מאס — צום באוווסטזיין פון א געוויסער גרופקע חברים, וועמען די פאלשע קאנצעפציעס און טיילווייז דער פערזענלעכער סענטימענט צו גאמולקאן האבן באשווערט צו פארשטיין די באדייטונג פונם אידעאלאגישן אינהאלט פון די פארהאנדלונגען פונם יולי־פלענום און פולשטענדיק פארשטעלט פאר זיי די אויפגאבן פון אידעאלאגישן שלאגפערטיק מאכן די פארטיי אין קאמף קעגן די וואקלונגען, קעגן די פאלשע אנשויונגען, קעגן די איינפלוסן פון דער פרעמדער קליינבירגערלעך־נאציאנאליסטישער אידעאלאגיע, וועלכע באמיט זיך צו הערגיין און אריינדרינגען אויך אין די רייען פון אונדזער פארטיי.

אט פארוואס ס'איז היינט אויף דער טאגעסארדענונג פון אונדזער פלענום געשטאנען אלס הויפט־פראבלעם — די פראגע פון קאמף קעגן דעם רעכטן און נאציאנאליסטישן אפנויג אין דער אנפירערשאפט פון דער פארטיי, די פראגע פון אנאליז פון זיינע ווארצלען און מקורים, די פראגע פון די מיטלען אים גובר צו זיין. ווייל אזוי געשעט אפט אין א רעוואלוציאנערער פארטיי, אז די באצייטנס נישט איבערגעווינדענע, פארדעקטע פאר דער פארטיי, אדער עקשנותדיקע פארטיידיקטע, אידעאלאגישע וואקלונגען און פעלערן וואקסן אומפארמיידלעך איבער אין אן אפנויג פון דער פרינציפיעלער פארטיי־ליניע, וואקסן איבער אין אן ערנסטער געפאר פאר דער פארטיי און פארן ארבעטער־קלאס, ווערן איבערגעכאפט דורכן קלאסן־שונא, כדי זיי צו פארוואנדלען אין א געווער קעגן דער פארטיי, אפצושוואכן די פארטיי, און — אויב ס'וועט זיך איינגעבן — אראפשטויסן זי פון וועג, אויף וועלכן זי איז געגאנגען. דעריבער

מאַכע האָט דאָס פּאָליטישע־ביוראָ געהאַלטן, פאַר נייטיק צו שטעלן פאַר דער פּאַרטיי אין דער גאַנצער ברייט אָן שום נישמדערזאָגענישן די פראַגע פון קריזיס אין דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער פּאַרטיי, כדי צו דער־מעגלעכן דעם פּלענום פון צ. ק. צו לייזן דעם קריזיס אינגאַנצן און ביזן סוף.

קודם־כל האָט דאָס פּאָליטישע־ביוראָ אָנערקענט פאַר וויכטיק פאַרצו־שטעלן די חברים צוזאַמענגענומען די געשיכטע פון דעם אויפוווקס פון די קריזיס־עלעמענטן אין דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט, איבערגעבנדיק די ענינים לויטן כראָנאָלאָגישן סדר.

שוין מיט אַ יאָר צוריק, בעת דער ערשטער באַראַטונג פון די דעל־עגאַטן פון די 9 קאָמוניסטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע האָט געשאַפן די אינפאָרם־ביוראָ פון די 9 פּאַרטייען, זיינען ביי גאָמולקאַן געקומען צום אויסדרוק וואַקלונגען, וועלכע דרינגען אַרויס פונם נישט דערשאַצן די דעמאָלטיקע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע. גאָמולקאַ האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער דאָזיקער פּאָזיציע נאָר אונטערן דרוק פון די חברים פון פּאָליטישן־ביוראָ, אונטערהאַלטנדיק זיינע ספקות און באַוואָ־רענישן.

אַפּשאַצנדיק זעלבסטקריטיש זיין שטעלונג לגבי די דעמאָלטיקע ווידער־אַנדן, האָט דאָס פּאָליטישע־ביוראָ פּאַסטגעשטעלט, אַז זי האָט דעמאָלט לגבי די וואַקלונגען נישט אָנגענומען קיין גענוגנדיק קלאָרע און אַנטשלאָסענע שטעלונג, אַז די דאָזיקע ווידעראַנאַדן זיינען דעמאָלט געוואָרן פאַרשמירט און נישט באַזייגט ביזן סוף. דאָס פּאָליטישע־ביוראָ ציט דערפון אַרויס פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי אַ לערע, אַז פאַרווישטע און נישט איבערגעוויגנדעטע ביזן סוף וואַקלונגען און ווידעראַנאַנדן אַנטוויקלען זיך ווידער, און קאָנען מיט נאָך אַ גרעסערע קראַפט ווידערגעבוירן ווערן שפּעטער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. די אידעאָלאָגישע וואַקלונגען ביי גאָמולקאַן זיינען אַרויסגעטרעטן מיט נאָך אַ גרעסערן כוח אינם מאָמענט פון שווערן קריזיס אינערהאַלב דער יוגאָסלאַווישער פּאַרטיי, וועלכער האָט געשטויסן די דאָזיקע פּאַרטיי אויף אומוועגן.

די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין יוגאָסלאַוויע, זיינען אָן שום ספק געווען דער שטויס־קראַפט צו גאָמולקאָס אַרויסטרעטונג אויפן יוני־פּלענום פון אונדזער פּאַרטיי, הגם די דעמאָלט שוין קלאָרע, אָבער נאָך נישט דערפירטע צו דער פולער לייזונג סיטואַציע אין יוגאָ־סלאַוויע האָט ערשט אין דריי וואָכן אַרום באַקומען דעם געהעריקן ענטפער און אָפּשאַצונג אויף די באַראַטונגען פון די פאַרשטייער פון אַכט

פּאַרטייען, וועלכע בילדן דעם צוזאַמענשטעל פון דער איספּאַרט־ביוראָ. ווייל שוין פאַרן יוני־פּלענום האָבן זיך וואָס אַמאָל מער פאַרטיפט די אונטערשידן פון דער באַציאונג צו דעם ענין צווישן גאָמולקאָן און דער רעשט מיטגלידער פון דעם פּאָליטישן־ביוראָ.

בלויז לפּנים בינדט זיך כלומרשט נישט די טעמע פון גאָמולקאָס רעפעראַט וועגן די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן יוני־פּלענום פון אונדזער צ. ק. מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און מיט די לויפנדיקע אויפגאַבן פון די אַרבעטער־פּאַרטייען. אינדערעמתן איז צווישן די דאָזיקע פראַגן פאַראַן אַן אינערלעכע פאַרבינדונג און דאָס פון אַן אויסגעשפּראָכן פּרינציפּיעלן זין.

די געשיכטע פון אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג — וואָס איר אַנטי־מאַרקסיסטישע פאַלשע אָפּשאַצונג אין גאָמולקאָס רעפעראַט אויפן יוני־פּלענום האָט אַמדערוואַרט געטראָפן און דערלאַנגט ווי מיט אַן אייזן אין קאָפּ די גאַנצע אָנפירערשאַפט פון אונדזער פּאַרטיי — האָט זיך אַנטוויקלט אין נאָענטער און דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך לענינען. לענין האָט מיט דער אים אייגנטימלעכער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געמאַכט פון די דערפאַרונגען פון אונדזער באַוועגונג — סיי פון אירע דערגרייכונגען און סיי פון אירע פעלערן — לערעס און אויספירן, וועלכע ער האָט אויסשעפלעך באַהאַנדלט און פאַראַלגעמיינערט אין זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן. ער האָט געגעבן אומפאַרגלייכלעכע, אין זייער דורכדרינגלעכן מאַרקסיסטישן אַנאַליז, קריטישע אָפּשאַצונגען פון די באַזונדערע שטרעמונגען, וועלכע זיינען מעטיק געווען אין דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אָנגעוויזן אויף די אידעאָלאָגישע מקורים פון ראָזע לוקסעמבורגס סעקטאַנטישע טעאָריעס, וועלכע האָבן פאַרקריפּלט די טעטיקייט פון דער דעמלט רעוואָלוציאָנערער און מאַרקסיסטישער — הגם נישט קאָנסעקווענט־מאַרקסיסטישער — פּאַרטיי, ווו ס'איז געווען די סדקפּל, ער האָט אומברחמנותדיק דעמאַסקירט דעם סאָציאַל־שאָוויניסטישן און בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן פּרצוף פון די „פּראַקעס", [1] דעם דעמלטיקן רעכטן פליגל פון פּפּס, אַלס בורזשואַזע אַגענטור אינם אַרבעטער־קלאַס. זיין שום טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף דער וועלט איז אָגב נישט געוואָרן אַזוי אויס־

[1] „פּראַקעס" „פּראַקציאַ רעוואָלוציינאַ" (רעוואָלוציאָנערע פּראַקציע) — רעכטער פּילסודסקישער טייל פון פּפּס. (רעד.)

שעפֿלעך אין אַלזייטיק באַהאַנדלט אין די פּובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרבעטן פֿון לענינען, ווי די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. און ס'איז גאָר קיין וווּנדער נישט — לענין האָט געקענט די אָנפֿירער פֿון אונדזער באַוועגונג, פֿיל מאָל צוזאַמענגעטראָפֿן זיך מיט זיי אויף פּאַרטייִשע צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן, געהערט זייערע אַרויסזאָגונגען, נאָכגעפֿאָלגט זייערע אַרויסטרעטונגען אין משך פֿון איבער אַ צענדליק יאָר. דעריבער מאַקע איז ביז איצט נישט פֿאַראַן קיין טיפֿערע, אויפֿן היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן מעטאָד געשטיצטע, אָפּשאַצונג פֿון אונדזער באַוועגונג און אירע טראַדיציעס, ווי עס איז פֿאַראַן אין לענינס אַרבעטן.

דער יוני־רעפֿעראַט פֿון גאָמולקאַן איז אָן ספֿק געווען אַ צילבאַוווּסטזיניקע רעוויזיע פֿון דער לענינישער אָפּשאַצונג פֿון דער געשיכטע פֿון אונדזער באַוועגונג. דאָס דרינגט אַרויס גענוג בולט פֿונעם פֿאַרלויף פֿון דער דיסקוסיע אַרום גאָמולקאָס שטעלונג בעת פֿילמאָליקע זיצונגען פֿון פּאָליטישן־ביוראָ געווידמעט דער דאָזיקער פֿראַגע. די רעזאָלוציע פֿון פּאָליטישן־ביוראָ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן גלייך נאָכן יוני־פּלענום האָט אַנטהאַלטן אין זיך די גרונט־קריטיק פֿון די פֿעלערן און אָפּווייכונגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין גאָמולקאָס רעפֿעראַט אויפֿן פּלענום פֿון צ. ק. דעם 3־טן יוני. פֿונדעסטוועגן האָט די רעזאָלוציע אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז גאָמולקאַ „וועט דורך אַן ערלעכער און קאָנסעקווענטער פּאַרטייִשער זעלבסטקריטיק באַקעמפֿן זיינע פֿעלערהאַפֿטע אָפּווייכונגען" און „צוזאַמען מיטן גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט וועט ער מיטווירקן צו באַפֿעסטיקן די אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט פֿון דער פּאַרטיי". אָבער מען מוז פֿעסטשטעלן, אַז די האָפֿענונגען פֿון פּאָליטישן־ביוראָ האָבן זיך נישט פֿאַרווירקלעכט. אַלס ענטפֿער אויפֿן פּראָיעקט פֿון דער רעזאָלוציע פֿון פּאָליטישן־ביוראָ וועגן רעפֿעראַט פֿון 3־טן יוני האָט גאָמולקאַ אָפּגעענטפֿערט מיט אַ נאָכמער פֿונאַנדערגעוויקלטן אויספֿיר. דער אויספֿיר זיינער טאָפּטשעט אַ סך טיפֿער נאָך אינעם זומפּ פֿון נישט קלאָרע און פֿאַלשע אָפּווייכונגען אין פֿאַרגלייך מיטן יוני־רעפֿעראַט. די קריטיק פֿון גאָמולקאָס נייעם אויספֿיר האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ אַדורכגעפֿירט מינדלעך. דאָס איז געווען אַ קריטיק אין איר אינהאַלט, כאָטש נישט אין דער פֿאָרם, אָן אומבאַדינגט שאַרפֿע. אַלס ענטפֿער אויף די אַרגומענטן פֿון אַלע אָן אויסנאַם מיטגלידער פֿונעם פּאָליטישן ביוראָ האָט גאָמולקאַ געמאָלדן זיין רעזיגנאַציע פֿונעם פּאָסטן פֿון גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי, נישט אויפֿנעמענדיק דערמיט קיין מעריטאָרישע דיסקוסיע. דאָס האָט געהאַט אָן אָרט, נאָך לאַנג־

דויערנדיקע פּרוכטלאָזע באַמיאונגען פון פּאָליטישן־ביוראָ, וועלכע האָבן זיך פאַרצויגן אַרום 2 וואָכן, בכדי צו באַווירקן גאָמולקאָן צו ענדערן זיין פאַלשע שטעלונג. די געוואַלדיקע רעאַקציע פון פּאָליטישן ביוראָ האָט לפנים ווי אויסגעניכטערט גאָמולקאָן. ער האָט פאַרלאַנגט אָפּצולייגן דעם ענין אויף איין טאָג, בכדי אָנצונעמען אַ באַשלוס און ווירקלעך דעם אַנדערן טאָג האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין באַוואָרעניש צו דער רעזאָלוציע פון ביוראָ מכוח דער אָפּשאַצונג פון זיין רעפעראַט פון 3-טן יוני און ציט צוריק זיין שריפטלעכן אויספיר, וועלכער האָט אַרומגענומען זיין ערשטיקן ענטפער אויפן פּראָיעקט פון דער רעזאָלוציע פונם פּאָליטישן ביוראָ. אַזוי אַרום איז אָנערקענט געוואָרן דער פּראָיעקט פאַר אָנגענומען איינשטימיק און צו דער דערקלערונג פון גאָמולקאָן, אַז ער פילט זיך שלעכט און ס'איז אים נייטיק תיכף אָפּרו, האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ מסכים געווען, אַז דער יולי־פּלענום פון צ. ק. זאָל גערופן און אַדורכגעפירט ווערן אָן דעם אָנטייל פון גאָמולקאָן.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס גאָמולקאָ האָט געענדערט זיין שטאַנדפּונקט בנוגע דער רעזאָלוציע פון ביוראָ, אָפּוואַרפנדיק זיין פאַלשע אַנטילענינישע שטעלונג, האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ באַשלאָסן אויפן יולי־פּלענום פון צ. ק. צו באַגרענעצן זיך אויסשליסלעך צו אַ פּרינציפּיעלן, מעריטאָרישן אַנאַליז און אָפּשאַצונג פון די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דער יוני־דיסקוסיע אויף די זיצונגען פון ביוראָ, נישט דערמאָנענדיק וועגן די עקזיסטירנדיקע אונטערשידן וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן בעת דער דיסקוסיע, אויסמיידנדיק וועלכע נישט איז פּאָלעמישע אַקצענטן. אַזוי אַרום האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ געמאַכט באַמיאונגען נישט צו ברענגען קיין ווייטערדיקן שאָדן גאָמולקאָס אויטאָריטעט, וועלכער האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די דערגרייכונג פון אונדזער פּאַרטיי, און האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אומבאַדינגט צוליב זיין אייגענער שולד מחמת זיין אָראָפּגליטשן זיך פון דער פּרינציפּיעלער פּאַרטיי־ליניע און נישט דערלאָזבאַרן אויסמיידן דאָס פּאָליטישע ביוראָ פאַרן יוני־פּלענום פון צ. ק., וואָס האָט אָנגערירט אויף אַן אופן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פּרעצעדענס אין דער ביז־איצטיקער פּראַקטיק, די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון אַ מאַרקסיסטישער פּאַרטיי.

דאָס פּאָליטישע ביוראָ האָט צווישן געטאָן דעם פּלענום פון צ. ק. וועגן גאָמולקאָס קראַנקהייט, נעגעבן אַ פאָרשלאַג אַרויסצושיקן צו אים אַ דעפּעשע און געגלויבט, אַז גאָמולקאָ וועט אויך פון זיין זייט מאָן אַלץ,

כדי צוצוהעלפֿן גובֿר צו זײַן דעם אַנטשטאַנענעם — ווי ס'האָט זיך דעמלט אויסגעדרוקט — דורכגייענדיקן קריזיס אין דער פּאַרטיי־אָנפֿירערשאַפֿט. דאָס פּאָליטישע ביוראָ האָט געהאַט אַ האָפֿענונג, אַז טוענדיק אַלץ אין דער ריכטונג פֿון ליקווידירן דעם אַנטשטאַנענעם קריזיס, וועט זי פֿאַרהיטן די פּאַרטיי פֿון מגלה זײַן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט די עקזיסטירנדיקע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן, זי האָט געגלויבט, אַז גאָמולקאַ וועט צוהעלפֿן גובֿר צו זײַן די אונטערשיידן אין די ראַמען פֿון ביוראָ, דאָס הייסט אויף אַן אופֿן, וואָס איז צום מינדסטן נוצלעך פֿאַר דער פּאַרטיי, רעכענענדיק אויף אַ שטופֿנווײַזער באַקעמפֿונג פֿון די קוואַלן פֿון דעם קריזיס. לײַדער האָט גאָמולקאַ מיט זײַן אויפֿפֿירונג לגמרי נישט געהאָלפֿן דער פּאַרטיי־אָנפֿירערשאַפֿט צו אַזאַ אינערלעכן באַקעמפֿן פֿונעם קריזיס. דערקלערנדיק אין אַ בריוו צום יולי־פּלענום פֿון צ. ק. זײַן הסכם מיט דער שטעלונג פֿון פּאָליטישן ביוראָ און זײַן סאָלידאַריטעט מיט די באַשלוסן פֿון פּלענום, האָט זיך גאָמולקאַ נישט געוואַקלט אין דער זעלבער צײַט פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן אויף אורלויב, און אין צײַט פֿון אורלויב צו פֿירן געשפּרעכן מיט חברים פֿון פּאָליטישן ביוראָ און אויסער דער ביוראָ, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען בולט קעגנזעצלעכע מיט זײַן דערקלערונג. ער האָט קוועסטיאָנירט די ריכטיקייט פֿון דער רעזאָלוציע פֿון אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ וועגן דעם סאָציאַליסטישן מעטאָד פֿון איר־בערבייען דאָס דאָרף, ער האָט אַפֿילו פֿאָרגעוואָרפֿן אונדזערע חברים פֿון דער דעלעגאַציע אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון אינפֿאָרם־ביוראָ, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו שטימען פֿאַר דער רעזאָלוציע פֿון אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ אין דעם טייל, ווו ס'האַנדלט זיך וועגן דעם ענין. די גאַנצע היימישע און אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן לויב־געזאַנגען וועגן נײַעם דורכברוך אינם דעמאָקראַטיש־אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פֿראָנט, באַמיענדיק זיך צו שטעלן גאָמולקאַן נעבן טיטאָן אויפֿן העלדן־פּיעדעסטאַל פֿון „נאַציאָנאַלן קאָמוניזם”. אָבער דער גאַנצער דוישיקער אַליאַרם, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורכן אימ־פּעריאַליסטישן לאַגער, איז ווי נישט דערגאַנגען צו די אויערן און דעם געוויסן פֿון גאָמולקאַן. ער איז נישט געווען אימשטאַנד צו פֿאַרשטיין דעם בולטן פֿאַר אַלעמען שאָדן, וואָס זײַן שווײַגנדיקע שטעלונג אויף דער העצע פֿון דער רעאַקציע האָט געבראַכט פֿאַר די אינטערעסן פֿון פּוילן, אָפּשוואַכנדיק איר פּאָליטישע פּאָזיציע. ער איז אויך נישט אימ־שטאַנד דאָס צו פֿאַרשטיין אַפֿילו ביזן הײַנטיקן טאָג.

נישט געבנדיק צו ווּיסן דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט וועגן זיין באַשלוס, האָט גאָמולקאַ דעם 16־טן אויגוסט באַשלאָסן אומקערן זיך פון אָרלאָוויב און צוטריטן צו דער אַרבעט אויך אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. דאָס פּאָליטישע ביוראָ האָט דאָס געהאַלטן פאַר נישט דערלאָזבאַר, אַז וועגן דעם זאָל דעצידירן גאָמולקאַ אַליין אָן דער פאַרשטענדיקונג מיט דעם פּאָליטישן ביוראָ, אין דער קריזיס־סיטואַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין דער פּאַרטיי אין צוזאַמענהאַנג מיט גאָמולקאָס שטעלונג. און וועגן וועלכער מ'רעדט שוין נישט בלויז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. צוליב דעם וואָס גאָמולקאַ האָט קלאָר נישט געפילט קיין נויטווענדיקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער ביוראָ, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן נאָך איין שריט, כדי צו באַווירקן גאָמולקאַן צו אַ פּאַקטישער און נישט בלויז פאָרמעלער ענדערונג פון זיין שטעלונג דורך אַ געהעריקער זעלבסטקריטיק פון זיינע פעלערן, דורך אַ רעוויזיע פון זיין ביז איצטיקער שטעלונג לגבי דער פּאַרטיי, דורך ברענגען אין דער צוקונפט צו אַ הסכם זיינע כוונות און דעציזיעס מיט דער ביוראָ, דורך געפינען צוזאַמען מיט דעם פּאָליטישן ביוראָ אַ מעגלעכקייט צו געבן דעם געהעריקן ענטפער דער רעאַקציאָנערער ספּעקולאַציע אַרום גאָמולקאָס פּערזאָן, דורכן אויפקלערן די סיטואַציע סיי אינערהאַלב דער פּאַרטיי, סיי אויסערלעך, אינעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

גאָמולקאַ האָט בפירוש נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער געשאַפענער סיטואַציע און באַמיט זיך אַרויסצודרייען פון אַ זעלבסטקריטיק, צום סוף אָבער האָט ער מסכים געווען, אַז ער וועט אַרויסטרעטן זעלבסטקריטיש אויפן פּלענום פון צ. ק. און די פאָרם פון דער זעלבסקריטיק וועט ער פאַרשטעלן פאַר דעם פּאָליטישן ביוראָ.

אין רעזולטאַט פון די געשפּרעכן האָט דאָס ביוראָ אָנערקענט איזע באַמיאונגען אין דער ריכטונג פון ענדערן גאָמולקאָס שטעלונג פאַר פּרוכטלאָז. דאָס ביוראָ האָט אָבער באַשלאָסן נאָך אויסצוהערן די זעלבסטקריטישע דערקלערונג, וואָס גאָמולקאַ האָט אָנגעזאָגט.

דערנאָך זיינען לויט דער ריי פאָרגעקומען זיצונגען פון ביוראָ אין די טעג פון 18־טן און 19־טן אויגוסט מיטן אָנטייל פון גאָמולקאַן. גאָמולקאָס שטעלונג אויף די זיצונגען פון פּאָליטישן ביוראָ איז געווען, אויב מ'וויל עס ריכטיק באַצייכענען — נישט קיין זעלבסטקריטישע, נאָר אַן אַנגרייפערישע. גאָמולקאַ האָט דערקלערט, אַז ער איז געקומען צום אויספיר, אַז אין דער סיטואַציע, וועלכע האָט זיך געשאַפן, וועט פאַר דער

פּאַרטיי זיך בעסער, ווען ער וועט אויף ווײַטער פֿאַרבלײַבן דער פֿירער פֿון דער פּאַרטיי.

אויב עס גייט וועגן גאָמולקאָס שטעלונג, וועגן זײַנע אָפּשוואַנקונגען און אידעאָלאָגישע וואַקלונגען, האָט ער אויך דאָס מאָל גאָרנישט מער געקונט צו זאָגן חוץ פֿאָרמעלע פֿאַראַלגעמיינערונגען. ערשט נאָך א שאַרפֿער און אײַנשטימיקער קריטיק פֿון זײַן שטעלונג מצד אַלע מיטגלידער פֿון ביוראָ האָט גאָמולקאָ אַרויסבאַקומען פֿון זיך נישט דרײַסטע און נישט דעצידירטע זעלבסטקריטישע אַקצענטן און האָט פֿאַראורטיילט דאָס ברעכן דורך אים די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות אויפֿן יוני־פּלענום. דאָס פּאָליטישע ביוראָ האָט אָפּגעשאַצט די זעלבסטקריטיק אַלס א צופֿיל וואַקלדיקע און נישט גענוגנדיקע. דעם אַנדערן טאָג איז גאָמולקאָ איבערגעגעבן געוואָרן א רעזאָלוציע־פּראָיעקט פֿון דעם פּאָליטישן ביוראָ „וועגן דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער פּאַרטיי, זײַנע קוועלן און מיטלען אים גובר צו זײַן". גאָמולקאָ האָט דערקלערט, אַז אין גרונט איז ער גרייט זיך צו פֿאַראייניקן מיט דער רעזאָלוציע, אַז ער איז נאָך נישט איבערצײַגט בנוגע דער ריכטיקייט פֿון די פֿאָרווערפֿן אינעם פּונקט 5 פֿון דער רעזאָלוציע, וואָס האָבן א שײַכות צו דער קריטיק און פֿעלערן אין דער פּאַרטיי־אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער אָקופּאַציע־תּקופֿה, אָבער נאָכן קלאָר מאַכן זיך געוויסע פֿאַקטן, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטעלונג פֿון די רעשט מיטגלידער פֿון ביוראָ, איז ער גרייט מסכים צו זײַן אויך מיט דעם פּונקט פֿון דער רעזאָלוציע. דערנאָך האָט גאָמולקאָ זיך פֿאַרפּליכטעט צו באַלייגן פֿאַרן פּלענום פֿון צ. ק. א גרונטיקע זעלבסטקריטיק, דערבײַ האָט ער צוגעזאָגט, אַז דעם טעקסט וועט ער פֿריִער צושטעלן צום אַקצעפּטירן דער ביוראָ; ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז אויפֿן פּלענום וועט ער אַרײַנטראָגן זײַן רעזיגנאַציע אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי. די דערקלערונג האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ גענומען צו קענטעניש.

צוליב דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צום פּלענום פֿון צ. ק. אויף דער זיצונג פֿון דער פּאָליטישער ביוראָ דעם 21־טן אויגוסט האָט זיך גאָמולקאָ ווידער צוריקגעצויגן און פֿאַרגלײַך מיט זײַן פֿאַרנומענער שטעלונג דעם 19־טן אויגוסט, מעלדנדיק א גרונט־קעגנערשאַפֿט צום פּונקט 5 פֿון דער רעזאָלוציע. די שטעלונג האָט ער אונטערגעהאַלטן טראָץ דעם, וואָס חברים האָבן געבראַכט צאָלרײַכע פֿאַקטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט, איבעריקנס גענוג פֿאָרזיכטיק, די אָפּשאַצונג פֿון די פֿעלערן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דעם פּונקט. ער האָט אויך אָפּגע־

זאָגט בייצולייגן דעם פּאָליטישן ביוראָ זיין זעלבסטקריטיק פאַרן פּלענום פון צ. ק., צו וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען דעם 19־טן אויגוסט. ער האָט געשטימט פאַר דער רעזאָלוציע מיטן אויסנאַם פונם פּונקט 5, וואָס זיין פאָרמולירונג ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. די זעלבע שטעלונג האָט ער אויך פאַרנומען אויף דער בעראַטונג דעם 28־טן אויגוסט טראָץ דעם, וואָס עס זיינען אים פאָרגעשטעלט געוואָרן נייע דאָקומענטן, וועלכע האָבן אומבאַדינגט פעסטגעשטעלט די ריכטיקייט פון די פאָרווורפן. אין אַזאַ לאַגע שטעלט דאָס פּאָליטישע ביוראָ פאַרן צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי צו באַהאַנדלען דעם ענין.

איך וועל זיך דערלויבן נאָך איבערצוגיין צום פּאָליטישן אַנאַליז און אָפּשאַצן דעם כאַראַקטער פון די פעלערן, וועלכע דאָס פּאָליטישע ביוראָ האָט באַצייכנט אַלס אַ רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג. אָט די גרונטיקע כאַראַקטעריסטיק קאָן נישט אַרונטערפאַלן — לויט מיין מיינונג — אונטער קיין שום ספק, דערפאַר וויל מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט מיט קיין אָפּגעריסענע און צופעליקע וואַקלונגען, מיט אויסגליטשונגען אָדער פאַלשע פאָרמולירונגען, נאָר מיט אַ געדאַנקען־סיסטעם, וואָס איז קעגנזעצלעך צו דער יסודותדיקער פּאַרטיי־ליניע, און מיט אַ קלאָר אָנגעצייכנטער שטעלונג, וואָס לאָזט זיך אין קיין שום פאַל נישט ברענגען אין הסכם מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי, וועלכע שטיצט זיך אויף די אָרגאַניזאַציאָנעלע יסודות און אידעאָלאָגישער באַזע פון מאַרקסיזם־לעניניזם.

אַזאַ כאַראַקטער פון אַ באַוווסטזיניקער רעוויזיע פון מאַרקסיזם־לעניניזם אַנטהאַלט די אָפּשאַצונג פון דער געשיכטע און טראַדיציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, אין גאָמולקאַס רעפעראַט אויפן יוני־פּלענום. וואָס שלאָגט און וואָס רוקט זיך אַרויס אויפן אויבנאָן אין די אַרויסזאָגונגען פון גאָמולקאָן? עס טוט אַ שלאָג קודם־כל דאָס אָפּרייסן זיך פון דער באַזע פון קלאַסן־קאַמף, פון די עיקרדיקע רעוואָלוציאָנערע צילן פונם דאָזיקן קאַמף. אין די באַטראַכטונגען פון גאָמולקאָן איז די גאַנצע אָפּשאַצונג פון דער טראַדיציע און געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איינזייטיק און פאַלש אוועקגעשטעלט. ער שטעלט אוועק דאָס עיקרדיקע פּראָבלעם פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן אָן דער פאַרבינדונג פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם מיטן קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אַלס גאַנצן. אָבער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן האָט, קעמפנדיק פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, געשטעלט פאַר זיך ווייטגייענדיקע אויפגאַבן, געצילט אַראָפּצוואַרפן די בורזשואַזע מאַכט

און די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, געצילט צו דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט און אין די דאָזיקע שטרעבונגען אָנגעטראָפן נישט בלויז אויף א פאַרביסענעם ווידערשטאַנד מצד דער בורזשואַזיע, נאָר אויך אויף א נישט ווייניקער פאַרביסענעם ווידערשטאַנד מצד די בורזשואַזע אַגענטורן, וואָס זיינען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צווישן וועלכע דער רעכטער פליגל פון פּפּס האָט פאַרנומען אַן אָנפירנדיק אָרט. דער לאָזונג פון אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דורך פּפּס, איז געווען עפּעס אַנדעריש פאַר די פירער פונעם רעכטן פליגל פון פּפּס, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן אויפן ענגסטן אופן מיט די פּילסודטשיזנע, און איז גאָר אַנדעריש אויסגעפּאַסט געוואָרן דורך די אַרבעטער אין די רייען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי און דורך איר לינקן שטראָם. פאַר דער רעכטער אָנפירערשאַפט איז ער געווען דאָס וויכטיקסטע געווער צו צעקלאַפּן און פּאַראַליזירן די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן־צילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, כדי איינצושפּאַנען די דאָזיקע באַוועגונג אינעם רייטוואָגן פון די פּאָליטישע צילן פון דער בורזשואַזיע.

פאַר דער פּוילישער בורזשואַזיע האָט די דעראָבערונג פון דער אייגענער מלוכהשקייט, אַפילו אַן אַרומגעשניטענע און אָפּהענגיקע פון די אָקופּאַנטן, געהאַט א באַדייטונג הויפּטזעכלעך פונעם שטאַנדפּונקט פון דער דויערהאַפטער פאַרזיכערונג פון איר פּאָליטישער מאַכט. די רעכטע פּפּס האָט אין הסכם מיט די דאָזיקע גרונט־צילן פון דער בורזשואַזיע געוואָלט באַגרענעצן די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בלויז צום עטאַפּ פונעם דעראָבערן די אומאָפּהענגיקייט אלס באַזע פון דער בורזשואַזער מלוכה־אָרדענונג. אזא איז געווען דער פּרינציפּיעלער גרונטאונטערשייד צווישן די צילן און אויפגאַבן, וועלכע זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דורך די צוויי פּרינציפּיעל־קעגנזעצלעכע שטרעמונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

גאָמולקאַ האָט צווישן אַנדערן דערקלערט: „אין דער פראַגע פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט פּפּס אַרויסגעוויזן א סך פּאָליטישן רעאַליזם, זי האָט אָפּגעפילט א סך בעסער די פּאָליטישע ווירקלעכקייט ווי די סדקפּ״ל”. אָבער פאַר מאַרקסיסטן באַזיצט דער פּאָליטישער רעאַליזם א באַדייטונג נישט אין אָפּגעריסנקייט פון די גרונט־צילן פונעם קלאַסן־קאַמף, נאָר אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. „די פראַגע פון פעלקער־רעכט — זאָגט סטאַלין — איז נישט קיין זעלבסטשטענדיקע און אָפּגעזונדערטע פראַגע, נאָר א טייל פונעם אַלגעמיינעם פּראָבלעם פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס איז

אונטערגעאָרדנט דער גאַנציקייט און וואָס נויטיקט זיך צו ווערן באַ־טראַכט פון שטאַנדפּונקט פון דער גאַנציקייט".

גאָמולקאַ איז גרייט געווען „צו ליגן ביי די אידעאָלאָגישע יסודות פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי" נישט די לענינישע נאָר די פּפּסישע קאָנצעפּציע פון קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז אָבער אַ בולטע אָפּווייכונג פון די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, דאָס איז אַ רעוויזיע פון לעניניזם פון שטאַנדפּונקט פון אַן אָפּאָרטוניסטיש־נאַציאָנאַ־ליסטישער אידעאָלאָגיע, דאָס איז אַ פּאַקטישע אידעאָלאָגישע קאַפּיטו־לאַציע לגבי די נאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס פון פּפּס.

דאָס פעלן פון אַ רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאָמפּאַס אין גאָמולקאַס באַטראַכטונגען איבער דער פראַגע פון אומאָפּהענגיקייט און זיין עקשנות אין דער פאַרטיידיקונג פון זיינע בולט פאַלשע קאָנצעפּציעס, דערפירט אים צו אַ בולטן פאַרקלענערן דעם איינפלוס פון דעם זיג פון דער רע־וואָלוציע אין רוסלאַנד אין 1917 יאָר אויפן צוריקגעווינען די אומאָפּ־הענגיקייט דורך פּוילן. „איך בין נישט מסכים — האָט אלס ענטפער אויפן רעזאָלוציע־פּראָיעקט פון דעם פּאָליטישן ביוראָ געזאָגט גאָמולקאַ — מיט דער טעזיס, אַז די אומאָפּהענגיקייטס־קאָנצעפּציע פון פּפּס האָט באַנקראָטירט, ווייל עס שטעלט זיך דאָך די פראַגע, וועמענס קאָנצעפּציע האָט געזיגט".

און אָט ווי אַזוי גאָמולקאַ ענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע:

„די אומאָפּהענגיקייטס־קאָנצעפּציע פון פּפּס איז געווען אַ בורזשואַזע, אַ נאַציאָנאַליסטישע קאָנצעפּציע און אלס אַזעלכע האָט זי נישט באַנקראָ־טירט, נאָר געזיגט אין יאָר 1918. דאָס ענדערט לגמרי נישט דעם פאַקט, וואָס פּוילן האָט צוריקבאַקומען די אומאָפּהענגיקייט אין רעזולטאַט פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין אייראָפּע".

וואָס הייסט דאָס? ווי אַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין? ווי אַזוי באַצייכנט מען אַזאַ מעטאָד פון טראַכטן?

עס קאָנען נישט זיין קיין צוויי מיינונגען, אַז דאָס איז נישט דער מעטאָד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וועלכער פאַרפליכטעט די מאַרק־סיסטן. אָבער מיט אַזאַ מטושטשדיקער סכאָלאַסטיק איז דורכגעזאַפּט דער גאַנצער אופן פון גאָמולקאַס טראַכטן, און דאָס דערווייזט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גאָר געפערלעכער און לגמרי פרעמדער פאַר אַ מאַרקסיסט פלאַך פון געזעלשאַפטלעכע באַטראַכטונגען.

גאמולקא קוועסטיאנירט די ריכטיקייט פון די לאזונגען פון קפפ אין צווישן־מלחמהדיקן פעריאד. אויב נישט פארבינדן פאר יענעם פע־ריאד די פראגע פון דער מאכט און די פראגע פון אומאפהענגיקייט סיי מיט דער רעוואלוציע, סיי מיט דעם לאזונג פון דער דיקטאטור פון פראלעטאריאט, דארף מען זאגן קלאר, אז עס גייט וועגן א בורזשואזער מאכט און וועגן מלוכהשער אומאפהענגיקייט אין די ראמען פון בור־זשואזער הערשאפט. אזוי טאקע האט געשטעלט די פראגע סיי פון אן ארבעטער־פויערישער רעגירונג און סיי פון דער מלוכהשער אומאפהענ־גיקייט די רעכטע פפס. די דאזיקע פראגן האט זי געשטעלט גראד אזוי דערפאר, ווייל זי איז געווען אן אגענטור פון דער בורזשואזיע אין דער ארבעטער־באוועגונג. אבער די קפפ איז געווען א רעוואלוציאנערע און מארקסיסטישע פארטיי און מאכן איר א פארוואורף צוליב דעם, וואס זי האט דעמלט די פראגע פון אומאפהענגיקייט און פון מאכט געבונדן מיט דער פראלעטארישער רעוואלוציע, און מיט דער דיקטאטור פון פראלע־טאריאט, וואלט ביי א מארקסיסט שווער געווען צו פארשטיין. פאר־שטענדלעך, אז אינם פעריאד פון צוגרייטן דורכן היטלעריזם די אינ־וואזיע אויף אייראפע, דורך וועלכער ס'איז באדראט געווען אויך פוילן, האט די קפפ געדארפט ארויסרוקן אויבנאן דעם לאזונג פון דער פאר־טיידיקונג פון דער אומאפהענגיקייט פון פוילן, וואס זי האט טאקע געטאן. דעמלט האט זיך אויך געענדערט פרינציפיעל דער תוך פונם קלאסן־קאמף. ס'שאפט זיך אן אלגעמיין־נאציאנאלער פראנט אין קאמף קעגן אימפעריאליסטישן רויבער, וועלכער וויל אונטערארדענען אונטער זיך ווילן די שוואכערע פעלקער. דעמלט ווערט די מלחמה א נאציאנאלע, א גערעכטע מלחמה קעגן דעם געפערלעכסטן אין דער געגעבענער סיטואציע אימפעריאליסטישן רויבער. אזא פאזיציע האט טאקע פפר פארנומען זינט דעם מאמענט פון איר אנטשטייאונג.

ארויסרוקנדיק זיך אין שפיץ פון נאציאנאל־באפרייערישן קאמף, האט פפר געבונדן דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון פוילן מיטן קאמף פארן דעראבערן די מאכט פאר די פאלקס־מאסן מיטן ארבעטער־קלאס בראש. אן אויסדרוק פון דעם איז געווען דאס שאפן דעם ק. ר. נ. אלס רעפ־רעזענטאנץ פון פאלק.

אינם פעריאד פון קאמף פאר דער פאליטישער מאכט אונטער דער אייגנארטיקער פארם פון ק. ר. נ. און פון די ארטיקע נאציאנאל־ראטן האבן מיר געהאט א באזונדערס גינסטיקע צוזאמענארבעט פון די אינערלעכע כוחות פון פוילישן ארבעטנדיקן פאלק פון שטאט און

דאָרף, מיט די רעוואָלוציאָנערע כוחות פון דער ראַטן־מלוכה, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַ באַוואָפנטן מעכטיקן כוח אויף דער באַזע פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, ד. ה. פון דער אָרדענונג, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דווקא אַ דאַנק דער דאָזיקער צוזאַמענאַרבעט פון די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות האָט געקאָנט אַרויסוואַקסן די דאָזיקע באַזונדערע פאָרם פון פּאָליטישער מאַכט, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן נאָמען פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. דער קלאַסן־כאַראַקטער פון די דאָזיקע כוחות און דער קלאַסן־כאַראַקטער פון דער פּאָליטישער מאַכט אין די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אַ מאַכט, וואָס באַזירט זיך אויף דער העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס, וועלכער גייט אין שפּיץ פונם ברייטן פראָנט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, דאָס הייסט — קודם כל פון אָרעמע און מיטל־ערדיקן פּויערטום, אונטערליגן נישט קיין ספק. אינם פּעריאָד פון אַנטשטיין פון ק. ר. נ. האָבן געוויסע חברים אין אונדזער פּאַרטיי נישט דערשאַצט די ווירקלעכע קלאַסן־כוחות־פאַרהעלטענישן און די באַזונדערע וואָג פון דער צוזאַמענאַרבעט פון די דאָזיקע כוחות, אין קאַמף פאַר דער פּאָליטישער מאַכט, מיט דער באַוואָפנטער קראַפט פון פּסכ״ר, אַלס אַ רעוואָלוציאָנערן און באַפרייאונגס־כוח, אַלס אַ קלאַסן־כוח און נישט בלויז אַלס אַ כוח פון אַ קריגס־אַליאַנט.

פון דעם נישט געהעריקן אָפּשאַצן די אייגנאַרטיקע פאַרהעלטענישן פון די קלאַסן־כוחות זיינען אַרויסגעדרונגען די דאָזיקע וואַקלונגען, ווען מען אָפּשפּיגלונג ס׳זיינען געווען די באַמיאונגען צו פאַרקריפּלען די קאָנצעפּציע פון ק. ר. נ., ווען וואָס עס האָט געמאָנט דער פּונקט 5 פון דער רעזאָלוציע פון דעם פּאָליטישן ביוראָ, וועלכער ווערט קוועסטיאָנירט דורך גאָמולקאָ. דער אויספירלעכער מאַטעריאַל פון יענעם צייט־אָפּשניט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן די חברים, דערלויבט צו אָריענטירן זיך אינם כאַראַקטער פון די דערמאָנטע וואַקלונגען. צומבעסטן שפּיגלען זיי זיך אָפּ אינם אַרטיקל פון ח׳ ביענקאָווסקי, געדרוקט אינם הויפּטאָרגאַן פון אונדזער פּאַרטיי „טריבונאַ וואָלנאָשטשי“, פון 1 יולי 1944. דאָס איז אַ דריי וואָכן פאַרן איבערנעמען די מאַכט דורך דעם פּ. ק. וו. נ. אַלס אויספיר־אָרגאַן פון ק. ר. נ. דער אַרטיקל א. נ. „אונדזער שטעלונג“ האָט נישט געקאָנט דערשייטען אָן הסכם פון גאָמולקאָ, ווען די אָנפירערשאַפט פון דער פּאַרטיי האָט איבערגעגעבן די אויפזיכט איבער דער רעדאַקציע פון די פּאַרטיי־אויסגאַבן.

אין דעם ארטיקל, וועלכער פאָרמולירט די שטעלונג פון דער פּאַרטיי צום וויכטיקסטן פּראָבלעם פון דער פּאָליטישער מאַכט, ממש ערבֿ דער באַפרייאונג פון פּוילן, איז בכלל נישט פאַראַן די קאָנצעפּציע פון ק. ר. נ. זי איז פאַרשטופּט געוואָרן אויסער די ראַמען פון יענע פּאָליטישע באַטראַכטונגען. מען קאָן דאָס נישט אַנדערש באַצייכענען ווי אַן אָפּאָרטוניסטישן אָפּזאָגן זיך פון די קאַמפּס־לאָזונגען פאַר דער מאַכט פון אַרבעטנדיקן פאָלק אונטער דער העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס, ווי אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן אינם דעצידירנדיקן מאָמענט פון קאַמפּס־פראָנט וועלכן ס׳האָט מאָביליזירט און מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט אונדזער פּאַרטיי אַלס אינציאַטאָרין און אָנפירערין פון דער פאָלקס־אַרמיי, אַלס פאָרויסגייענדיקע אָרגאַניזאַציע אינם ק. ר. נ.

לאָמיר איבערלייענען, ווי אַזוי דער מחבר פון אַרטיקל שאַצט אָפּ די פּאָליטישע כּוחות־פאַרהעלטענישן:

„עס דאַכט זיך אָבער אויס, אַז אין אינעװעלעכן לעבן פון פּוילן הייבט אָן עפּעס צו טאָגן. דאָס כּישוף־ראָד, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך דער רעאַקציע און אין וועלכן ס׳זיינען פאַרגעקומען געשעענישן, איז איבערגעשפּריזט געוואָרן, דער צייבער האָט געפּלאַצט. דער פונדאַמענטאַל פון ר. י. נ. (ראַט פון נאַציאָנאַלער איינהייט) און דער אָנהייב פון אַ בולטער עוואָלוציע אין דער שטעלונג פון דער פּויערים־פּאַרטיי, דאָס פאַמעלעכע באַפרייען זיך פון די גרופּירונגען, וועלכע זיינען צונויפגעזאַמלט אין דעם צ. ק. ל. (צענטראַלער פאָלקס־קאָמיטעט) פון אונטער דעם מאָראַלישן דרוק פון דער רעאַקציע, זאָגן אָן, אַז מיר גייען אַריין אין אַ פאַזע, אין וועלכער די קאָנסאָלידאַציע פון די דעמאָקראַטישע כּוחות וועט אַ רעאַלער פּאָסטולאַט".

ערבֿ דער באַפרייאונג פון פּוילן אין דעצידירנדיקן מאָמענט פונם קאַמף פאַר דער מלוכה־מאַכט זעען מיר ביים מחבר פון דאָזיקן אַרטיקל אַ דייטלעך אויסשטעלן אויף די פּאָליטישע גרופּעס, וועלכע זיינען געווען דער פּאָליטישער אָנשפּאַר פונם רעאַקציאָנערן לאַגער, דאָס שטעלן אויפן רעכטן פליגל פון דער פּויערים־פּאַרטיי, אויף יענעם פליגל, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט מיקאָלאַיטשיק, און אויפן צ. ק. ל., וועלכער איז געווען אַ דיווערסיע־באַשעפעניש פון דער לאָנדאָנער רעגירונג, גערופן צום לעבן מיטן ציל צו צעקלאַפּן דעם ק. ר. נ.

„די ר. י. נ. מיט דער הילף פון אַן איינהייטס־פיקציע האָט געהאַמעוועט און צונישט געמאַכט די פּרוּוון פון דער פאַקטישער פאַראייניקונג פון די פאָלקס־כּוחות. די שעדלעכקייט פון ר. י. נ. איז באַשטאַנען אין דעם,

וואָס ער איז געוואָרן א פּאַראַוואַן פאַרן רעאַקציאָנערן אַפּאַראַט פון דער דעלעגאַטור. האָבנדיק אָבער אין זיין באַשטאַנד צוויי דעמאָקראַטישע גרופּירונגען (ס. ל. און וו. ר. נ.), האָט ער צוגעגעבן, דער פּאָליטיק פונם אונטערערדישן אַפּאַראַט, וועלכע איז געווען שעדלעך און פיינטלעך לגבי די שטרעבונגען פון פאָלק, די שיין פון א ברייטן געזעלשאַפטלעכן אָנשפּאַר...

אויב היינט איז די פויערים-פּאַרטיי — ווי ס'הדינגט ארויס פון דער שאַרפער אָפּשאַצונג פונם דעלעגאַטור-אַפּאַראַט, פאַרעפנטלעכט אין איינעם פון זיינע אָרגאַנען — מסכים מיט אונדז אינם באַצייכענען דעם כאַראַקטער און די ראָל פון אַפּאַראַט, מוז זי האָבן די דרייסטקייט ארויסצוציען וויטערדיקע אויספירן...

מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער הויפּט-לאָזונג פון טאָג אין פאַריייניקונג, קאָנסאָלאַדירן אַלע כוחות פון דעמאָקראַטישן לאַגער, נישט דערפאַר, אַז מיר זאָלן וועלן עלימינירן וועלכע ס'איז גרופּירונגען. מיר האַלטן, אַז אין די באַדינגונגען אין וועלכע ס'געפינט זיך איצט פוילן דאַרף אנטשטיין א ברייטער נאַציאָנאַלער פראָנט, וועלכער זאָל אַרומנעמען אַלץ, וואָס שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פוילן, אָבער מיר ווילן אַנטקעגנווירקן אַלערליי פּרוון פון שטויסן דעם קאַמף, וואָס קומט שוין פאַר, אויף שליאַכן פון איינערלייקע חשבונות און בירגער-קריג".

ס'איז געווען געווען אין אַנדייטונג אין א ציטונגל פון די רעאַקציאָנערע אָנפירער פון דער פויערים-פּאַרטיי, פון איבעריקנס כלומרשטער נישט צופרידנקייט, אַז די רעכטע, אַפּאָרטוניסטישע עלעמענטן אין אונדזער פּאַרטיי זאָלן אויפהויבן א פריידיק געשריי אַז ס. ל. „איז מסכים מיט אונדז" און פון אָט דער אילוזאָנערישער און אויסגעפּאַטאַזירטער שטעלונג האָבן זיי גענומען וועבן א נייע קאָנצעפּציע פון „א קאָנכאָרדאַציע פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות", באַוואָרענענדיק זיך אָבער גלייך, אַז ס'קאָן ביי דעם נישט זיין קיין רייד, אַז „מיר זאָלן ווען עמעצן פון די ריכטונגען עלימינירן". וואָס איז דאָס, אויב נישט קיין אָפּערטע אריינצוגיין אין דעם „ר. י. נ.", וו ס'געפינען זיך טאַקע אַלע רעאַקציאָנערע גרופּירונגען מיט דער ענדעציע און סאַנאַציע בראש? אין מאָמענט פון קאַמף פאַר דער מלוכה-מאַכט אונטער דער העגעמאָניע פון אַרבעטער-קלאַס, אין מאָמענט ווען אין לאַנד דאַרף אַריינטרעטן די ערשטע פוילישע אַרמיי, וועלכע קעמפט ביי דער זייט פון דער ראָטן-אַרמיי, רוקט מען ארויס א קאָנצעפּציע פון „א ברייטן נאַציאָנאַלן פראָנט וואָס זאָל אַרומנעמען אַלץ" ד. ה. די גאַנצע רעאַקציע, און מ'זאָגט איר צו, דער ציטערנדיקער

פאר שרעק רעאקציע, אז מיר פּראָווצעס, אויף וועלכע זי האט אנגעגרייט די געסטאפא, וועלכע זי האט באשפּיגן מיט גיפט פון גרעניעצלאזער שנאה, „וועלן אנטקעגנווירקן אלערליי פּרווון צו שטויסן דעם קאַמף, וואס קומט פאר, אויף שליאכן פון אינערלעכע חשבונות און בירגערקריג". אויב אינם פריערדיקן אפשניט איז די אויפגאבע פון דער פּארטיי געווען אנצווייזן דעם פאלק, אז דער איינציקער שונא פון פאלק איז דער היטלעריסטישער אקופּאנט, אז מען דארף שטעמפּלען די פּרוּוון פון א בירגערקריג, וואס ווערט אונטערגעצונדן דורך דער רעאקציע, ווייל אביעקטיוו העלפט דאס צו דעם אקופּאנט, האט זיך הארט פאר הער באפרייאונג, אין דעצידירנדיקן מאמענט פונם אקופּאנטס מפּלה, ארויסגערוקט אין פאדערגרונט די פראגע פון קאַמף פאר דער מלוכה־מאכט. אין מאמענט ווען דאס ארבעטנדיקע פאלק האט זיך געגרייט אויפצושטעלן די נייע רעוואלוציאנערע רעכטן אינם אנשפּאר אויף דער מלוכה־מאכט אונטער הער העגעמאניע פון ארבעטער־קלאס, האט דער מחבר פון ארטיקל זיך בלויז באגרענעצט צו איבערצייגן די רעאקציע וועגן דער נויטווענדיקייט פון קאנסטיטוציאנעלע רעפארמען, וועלכע וואלטן פארזיכערט מיקאלאיטשיקן די העגעמאניע. וואס פארא אויסוועגן האבן דעמלט געזען די אפּארטוניסטן אין אונדזער פּארטיי?

מיר לייענען:

„דער דרוק פון דער דאזיקער קראפט דארף גיין אין דער ריכטונג פון תיכפדיקן באזייטיקן פון די אומגעזעצלעך אוזורפּירטע אנפירנדיקע אמטן (למשל פון פרעזידענט, הויפּטאנפירער פון דער ארמיי) די מענטשן, וועלכע האבן נישט קיין אנשפּאר אין פאלק, וועלכע פירן א פּאליטיק, וואס איז אין סתירה צו די עלעמענטארע אינטערעסן פון פּוילן. פארשטענדלעך, אויב די פארשטייער פון דער רעאקציע, וועלכע זיצן אויף די הויכסטע אמטן, וועלן זיך באמיען צו זיין קעגן דעם ווילן פון פאלק, וועלן זיך באמיען צו האלטן אויף די דעראבערטע פּאזיציעס, איז די איינציקע קאנסעקווענץ דעמלט, אראפּנעמען זיי פון די פארנומענע אמטן מיט דער פאקטיש־דעצידירנדיקער אויסער־קאנסטיטוציאנעלער קראפט — הער ווילן פון דער פאלקס־מערהייט, אדורכפירן די רעקאנסטרוקציע פון דער רעגירונג מיטן הסכם פון די פּאסטולאטן פון דער פּוילישער דעמאקראטיע".

הייסט עס, א רעקאנסטרוקציע פון דער רעאקציאנערער לאנדאנער רעגירונג, דורך ענדערונגען אויפן אמט פון פרעזידענט און פון הויפּט־אנפירער פון דער ארמיי, כדי צו פארזיכערן די פּאזיציע פון מיקאלאיטשיקן, קוואפּינסקין און פון די אנדערע פירער פון ס. ל. און ו. ר. נ., וועלכע

זיינען איבערגעגעבן מיט ליִב און לעבן דער רעאקציע. — אָט דאָס איז דער גאַנצער אָפּאָרטוניסטישער פּראָגראַם, אויף וועלכן ס'האָט זיך דעצידירט אינם מאָמענט פון קאַמף פאַר דער מלוכהמאַכט די רעכטע גרופּע אין אונדזער פּאַרטיי, די גרופּע, וועלכער עס האָט — טראָץ די הכחשות — פּאַטראָנירט גאָמולקאַ.

„דער וועג, וואָס איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן, — לייענען מיר ווייטער — איז דער וועג וועלכן אונדזער פּאַרטיי פּריידיקט און מיט וועלכן מיר שפּאַנען שוין פון לאַנג, אויב מיר דערמאָנען עס היינט, האָבן מיר קודם־כל אין זינען די אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר דער פּויערים־פּאַרטיי און וו. ר. נ. אויף זיי, וועלכע טראָגן די אומבאַדינגטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער לאָנדאָנער רעגירונג, לאַסטעט די פליכט פון צורריקציִען זיך פון דער סיטואַציע, אין וועלכער זיי זיינען פאַרקראָכן. דאָס צוריקציִען זיך וועט נישט בלויז נישט אָפּשוואַכן זייערע איינציקע קלענער־ווערנדיקע איינפלוסן, נאָר וועט זיי אומבאַדינגט פאַרשטאַרקן צוזאַמען מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די איינפלוסן פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע. קיין אַנדערן וועג אויסער דעם אויבן־אָנגעצייכנטן איז נישטאָ".

כ'מוז דאָ פעסטשטעלן מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, אַז די ווערטער אַנטשפּרעכן נישט דעם אמת, אַז די אַזוי גערופענע „אונדזער שטעלונג" איז נישט געווען די שטעלונג פון דער פּאַרטיי — נאָר די שטעלונג פון דער רעכטער גרופּע אין דער פּאַרטיי. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט די פּאַרטיי געשאַפן אינם גאַנצן לאַנד אָרטיקע נאַציאָנאַל־ראַטן, פאַרמירט נייע אָפּטיילונגען פון דער פאָלקס־אַרמיי, ענגער געמאַכט די פעדים פונם אַרבעטער־פּויערישן בונד נישט דורך קאָמבינאַציעס פון אויבן, נאָר דורך מאַסן־קאַמף און אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון אונטן. אונדזער פּאַרטיי האָט מיט גלויבן און איבערצייגונג זיך געגרייט צום קאַמף פאַר דער מלוכה־מאַכט. ס'זיינען נישט געווען קיין שום סיגנאַלן, אַז אין די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער זאָל ווער צווייפלען אינם זיג. פאַרוואָס האָט אין דעם זיג נישט געגלייבט די אָפּאָרטוניסטישע גרופּע אין דער דעמאָלטיקער אָנפירערשאַפט פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכער ס'האָט פּאַטראָנירט גאָמולקאַ? איך מיין, אַז מ'קאָן איין קורצן אָנווייזן אויף צוויי סיבות פון דאָזיקן אומגלייבן:

ערשטנס — הדינגט עס אַרויס פונם נישט דערשאַצן דעם כוח פון דעם בונד פון די אַרבעטער און פּויערים, וועלכער איז געוואָקסן און

געשטאַרקט זיך אין פייער פון קאַמף קעגן אָקופּאַנט אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער פּאַרטיי.

צווייטנס — פליסט עס אַרויס פונם נישט פאַרשטיין דעם מהות פון די סאָציאַל־באַפרייערישע שטרעבונגען פון פססר, וועלכע דרינגען אַרויס פון די אידעאָלאָגישע פּרינציפּן פון דער אַלקפּ(ב) און פון איר ראָל אינם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמפס־פראָנט פון אַלע פּאָלקס־דעמאָקראַטישע כוחות קעגן אימפּעריאַליזם.

גאָמולקאַ באַמיט זיך היינט מיט דער פאַרביסנסטער איינגעשפּאַרטקייט צו פאַרלייקענען די פאָרווורפן, וואָס געפינען זיך אינם פּונקט 5 פון דער רעזאָלוציע פון דער פּאָליטישער ביוראָ און וועלכע זיינען פאָרמולירט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער מילדקייט. צום אָנהייב האָט ער די פאָרווורפן, וועלכע זיינען נוגע יענעם פּעריאָד אָנגערופן שטותעריען און אויסטראַכטענישן. דערנאָך האָט ער זיך פאַרטיידיקט מיט דעם, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם זכרון, אָנערקענענדיק בלויז, אַז דורך דער גאַנצער צייט פונם מאָמענט זינט דעם אַנטשטיין פון ק. ר. נ. איז ער בלויז געווען אַן אָנהענגער פון פאַראייניקן זיך מיטן צ. ק. ל. דאָס ענדערט אָבער נישט אינם תוך זיין פּאָליטישע שטעלונג. דער צ. ק. ל. האָט נישט רעפּרעזענטירט קיין ווירקלעכן פּאָליטישן כוח, דאָס איז געווען אַ פּראָדוקט אַ דייטלעך קינסטלעכער און אַ דיווערסאַנטישער. מען האָט געקאָנט האָבן געוויסע אילוזיעס צו דעם געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן פּראָדוקט אינם ערשטן פּעריאָד פון זיין אַנטשטיין, און פאַקטיש האָט זיך אונטער די אילוזיעס געפונען די אָנפירערשאַפט פון דער פּאַרטיי אויף אַ קורצער צייט, אָבער די אילוזיעס זיינען גיך אַריבער. ביי גאָמולקאַן זיינען זיי נישט פאַרשוווּנדן, נישט דערפאַר, ווייל ער זאָל זיך נישט האָבן אָריענטירט, — נאָך די קאָנפערענצן, וואָס ער האָט אַליין געפירט, — אין דער שטעלונג און אין דעם דיווערסיע־כאַראַקטער פון דער גרופּע, נאָר דערפאַר, וואָס די אילוזיעס האָבן צוגעדעקט גאָמולקאַס אַראָפּגליטשן זיך פון די קלאַסן־פּאָזיציעס, דאָס אַראָפּגליטשן זיך, וואָס זיין קוואַל איז געווען דאָס נישט דערשאַצן די כוחות פונם פאָלקס־לאַגער, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום אונדזער פּאַרטיי אין פייער פון נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף מיטן אָקופּאַנט.

דאָס נישט פאַרשטיין ביז די טיפענישן די אידעאָלאָגישע הנחות פונם מאַרקסיזם־לעניניזם, לויט וועלכע ס'האָט זיך שטענדיק געריכטעט די אַלקפּ(ב) און וועלכע באַשטימען דאָך אויך היינט איר אָנפירנדיקע ראָל אינם אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט פון קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם,

שאַצן מיר אָפּ אַלס איינעם פון די הויפּטקוואַלן פון גאָמולקאָס אידעאָלאָגישע וואַקלונגען און דערפאַר ברענגען מיר זיי אַרויף אויף דער פלאַך פון אָפענער קריטיק און זעלבסטקריטיק, כדי אויסצוהאַרצלען אויך פון דער פּאַרטיי יעטוועדע עלעמענטן פון אומצוטרוי און אומגלויבן אינם גרויסן כוח פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון אַרבעטנדיקן פאָלק, וועלכע עס פרעדיקט די אידעאָלאָגיע פון מאַרקסיזם־לעניניזם. דער דאָזיקער גיפט פון אומצוטרוי, באַזונדערס אין באַצוג צו פּסר, איז געוואָרן און ווערט אומאויפהערלעך איינגעפלאַנצט דעם פאָלק דורך די פאַרביסנסטע שונאים פונם אַרבעטנדיקן פאָלק. ער האָט שטענדיק געברענגט און ברענגט ביז איצט אומפאַריכטלעכע שאָדנס פאַר די בלוטיקסטע אינטערעסן פון אונדזער לאַנד, אָפּשוואַכנדיק אונדזער אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע.

מען קאָן נישט אויסמיידן אינם דאָזיקן קריטישן אַנאַליז די פאַלשע פּאָזיציעס, וועלכע זיינען אָנגעוואַקסן און האָבן בהדרגהדיק דערפירט גאָמולקאָן צום רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג פון דער פּרינציפּיעלער ליניע פון אונדזער פּאַרטיי, צו זיין שטעלונג צום געשטאַלטיקן זיך פון די קלאַסן־כוחות אויפן דאָרף, צום פאַרווישן די פּערספּעקטיוו פון דעם בהדרגהדיקן איבערבוי פון דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער ריכטונג פון די נייע ווירטשאַפטלעכע פאָרמען, וועלכע פאַרלייכטערן און איילן צו די בויאונג פון די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע איז דער עיקר־ציל פונם פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי.

וואָס פאַרא כאַראַקטער האָבן געטראָגן, למשל, די טענדענצן, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אינם גלייכן טראַקטירן דעם אָרעמען און רייכן פּויער ביים געניסן פון די מאַשין־צענטערן, וואָס האָט פאַקטיש אָפט איבערגעגעבן די דאָזיקע צענטערן אין פאַכט צו די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן פון דאָרף און באַשווערט דאָס אויסנוצן זיי דורך דער פּויערישער אָרעמקייט?

וואָס באַהאַלט זיך אויס הינטער גאָמולקאָס וואַקלונגען, אין זיינע ווידערשטאַנדן קעגן יענעם טייל פון דער רעזאָלוציע פון אינפאָרם־ביוראָ, וועלכער רעדט אַרום די אידעאָלאָגישע און פּראָגראַמאַטישע ריכטליניעס פון אַ מאַרקסיסטישער פּאַרטיי אין שייכות מיט דער פראַגע פון דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס באַזירט זיך אויף קליינע אינדיווידועלע פּויערישע ווירטשאַפטן?

אין דער דאָזיקער שטעלונג איז אָן ספק פאַראַן אַן אָפּאָרטוניסטישע טענדענץ פון צודיקציען זיך פון קלאַסן־קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע

עלעמענטן אויפן דאָרף, פון קאַמף, און וועלכן ס'קאָן נישט זיין דער ווייטערדיקער זיגרייכער מאַרש צום סאָציאַליזם.

די זעלבע אָפּאָרטוניסטישע טענדענץ טרעט אַרויס אין אַ בולטן אופן אין גאָמולקאָס אַרויסזאָגונגען פונם לעצטן פּעריאָד אויף פּאַרטיי־קונגרעס־טעמעס, אין די פראַגן פון מעטאָד ביים צונויפגיסן ביידע אַרבעטער־פּאַרטייען. אין די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען שלאָגט זיך דורך די פאַלשע קאָנצעפּציע צו פאַראייניקן פּאַרטייען און אַ פּאַקטיש עלימינירן די אידעאָלאָגיש־פרעמדע רעכטע עלעמענטן, וועלכע זיינען פאַראַן צווישן די אַלטע פּפּסישע קאַדרען, וואָס זיינען אין דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט פאַרבונדן געווען מיט דער וו. ר. נ., און אַ שאַרפן קאַמף קעגן פרעמדע אידעאָלאָגישע איינפלוסן. דאָס איז אַ געפערלעכע קאָנצעפּציע, וואָס קאָן ערנסט באַשווערן די אידעאָלאָגישע דערציאונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי, אַריינפירן אין איר שעדלעכע שטימונגען פון אַ פשרהדיקער טאָלעראַנטער באַציאונג צו די אידעאָלאָגיש־פרעמדע ריכטונגען און אָנשויאונגען, לויז מאַכן אויף אַזאַ אופן די אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציאָנעלע געשלאָסנקייט פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי, האַמעווען איר באַפעסטיקן זיך אויפן אויסגעפּרווטן באָדן פונם מאַרקסיזם־לעניניזם.

מען קאָן נישט זען אין דער באַציאונג אַ געפאַר פון אַ רעצידיוו פון נישט ביזן סוף באַזיגטע און כסדר ווידערגעבוירנווערנדיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָנצעפּציעס, מיט וועלכע אונדזער פּאַרטיי האָט געפירט און מוז אָן איבעררייס ווייטער פירן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף.

* * *

מיר האָבן כאַראַקטעריזירט די פעלערן פון גאָמולקאָן, וועלכע זיינען ווי ס'שטעלט פעסט דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט, וואָס ווערט פאָרגעלייגט דורך דעם פּאָליטישן ביוראָ, נישט קיין אָפּגעזונדערטע און קיין צופעליקע, נאָר בילדן, נישט געקוקט אויף די אינערלעכע ווידערשפּרוכן, אַ באַשטימטן סיסטעם פון אָנשויאונגען פון אַ רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער.

יעדער פון אונדז מוז זיך שטעלן די פראַגע, וועלכע זיינען עס די קוואַלן פון די דאָזיקע פעלערן? פון וואָס פאַרא וואָרצלען וואַקסן זיי אַרויס? פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער בולטקייט גראָד אין די לעצטע חדשים?

אַלע זיינען מיר אָנהענגער פון אַ שעפערישן און נישט דאָגמאַטישן מאַרקסיזם, אַלע זיינען מיר אָנהענגער פון אַ מאַקסימאַלער טאַקטישער

בייגעוודיקייט, נאָר מיר אַלע דאַרפֿן און ווילן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט באַקעמפֿן אָפּווייכונגען פֿון די פּרינציפּיעלע הנחות פֿון מאַרקסיזם און דאָס פֿאַרקריפּלען זיי.

אַנאַליזירנדיק אין זייער צייט די סיבות פֿון באַנקראָט פֿון אַזעלכע אָנגעזעענע פֿירער פֿון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל ווי קאַוטסקי און אָטאָ באַוער, האָט לענין אָנגעוויזן, אַז זייער גורל איז אויסערגעוויינלעך באַלערנדיק. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון פֿון דער נייטווענדיקייט פֿון אָנווענדן אַ בייגעוודיקע טאַקטיק, אַליין האָבן זיי זיך געלערנט און אַנדערע געלערנט מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק און אַ סך פֿון דעם — גוט צו לערנען — וואָס זיי האָבן געטאָן אויף דעם געביט, וועט פֿאַרבלייבן אַ ווערטפֿולע דעראָבערונג אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, אָבער אין דער אָנווענדונג פֿון דער דיאַלעקטיק זײַנען זיי באַגאַנגען אַזעלכע פֿעלערן, אָדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַזעלכע נישט דיאַלעקטיקער, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר מענטשן, וואָס קאָנען אַזוי ווייט נישט באַריקזיכטיקן די גיכע פֿאָרם־ענדערונג און די שנעלע אויספֿילונג פֿון אַלטע פֿאָרמען מיט נייעם אינהאַלט, און אַז זייער גורל איז נישט קיין בעסערער, ווי דער גורל פֿון אַ סך אָפּאָרטוניסטן.

„די גרונט־סיבה פֿון זייער באַנקראָט — שרייבט לענין אינעם יאָר 1920 — איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך „פֿאַרקוקט" אויף איין באַשטימטער פֿאָרם פֿונם וווּקס פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פֿון סאָציאַליזם, זיי האָבן פֿאַרגעסן וועגן איר איינזייטיקייט, זיי האָבן מורא געהאַט צו דערזען דעם ראַדיקאַלן איבערברוך, וועלכער איז געוואָרן אומפֿאַרמיידלעך צוליב אָביעקטיווע באַדינגונגען, און האָבן ווייטער געפּרידיקט אויסגעחזרטע, פּשוטע, אויפֿן ערשטן אויגנבליק אָנהפֿקדיקע אמתן, אַז דריי איז מער פֿון צוויי. אָבער די פּאָליטיק איז מער ענלעך צו אַלגעברע ווי צו אַריטמעטיק, און נאָך מער צו העכערער מאַטעמאַטיק ווי צו נידעריקער. אין דער אמתן זײַנען אַלע אַלטע פֿאָרמען פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געוואָרן אויסגעפֿילט מיט אַ נייעם אינהאַלט, און דערפֿאַר האָט זיך פֿאַר די ציפֿערן באַוויזן אַ נייער צייכן: „מינוס", און אונדזערע חכמים האָבן מיט עקשנות ווייטער פֿאַרזיכערט (און פֿאַרזיכערן) זיך און אַנדערע, אַז „מינוס" דריי איז מער ווי „מינוס" צוויי".

אײַנהאַלטנדיק די געהעריקע פּראָפּאָרציעס, קאָן מען ריזיקירן די באַהויפּטונג, אַז גאָמולקאַס פֿעלערן האָבן דעם זעלבן מקור פֿונם נישט

דיאַלעקטישן, מעכאַנישן באַגריפֿן דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פֿונם קלאַסן־קאַמף.

חוץ דעם לאַסטעט אויף גאָמולקאַס דעוויאַציאָניסטן א נישט־איבער־געווינדערטע נאַציאָנאַלע ד׳אַמותדיקייט, א נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט, וועלכע פֿאַרשמועלערט דעם פּאָליטישן האָריזאָנט, דערלויבט נישט צו דערזען די ענגע פֿאַרבינדונג אין דער איצטיקער עפּאָכע צווישן די נאַ־ציאָנאַלע שטרעבונגען און אינטערנאַציאָנאַליזם און פֿירט צו פֿאַלשע און זייער שעדלעכע אין דער פּראַקטיק פּאָליטישע אויספֿירן.

פֿונדאַנען נעמט זיך דאָס אָפּרייסן אין דער אָפּשאַצונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג די פֿראַגע פֿון אומאָפּהענגיקייט פֿונם קלאַסן־קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט, פֿונדאַנען דאָס נישט ריכטיקע פֿאַרשטיין דעם מהות פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע, פֿון די פֿאַרקומענדיקע אין איר ענדערונגען און דאָס אָראָפּפֿירן אין איר אינטערפּרעטאַציע אויף די פּאָזיציעס פֿון עפּעס א דורכהאַפֿטן בלאָק פֿון די פֿאָלקס־כוחות מיט די „פֿאָלקס־ליבעראַלע” — כוחות, ווי עפּעס אַן אייגנאַרטיקן „גאָלדענעם מיטן” צווישן דער ליבעראַל־בורזשואַזער דע־מאָקראַטיע און דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע.

פֿונדאַנען — ווי ס׳ווייזט אָן דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט — די נייגונג אויסצומיידן אָדער נישט בולט צו מאַכן דעם אמת, אַז דער פּויל־ישער וועג צום סאָציאַליזם איז טראָץ געוויסע אייגנאַרטיקע אייגנשאַפֿטן, איבערהויפּטדיק נישט עפּעס אַנדערש, נאָר א שאַטירונג פֿונם אַלגעמיינעם וועג פֿון דער אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם, א שאַטירונג, וועלכע איז אַנט־שטאַנען גראָד א דאַנק דעם פֿריערדיקן זיג פֿון סאָציאַליזם אין פֿסס״ר, א שאַטירונג, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף די דערפֿאַרונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין פֿסס״ר מיט דער באַריקזיכטיקונג פֿון די מעגלעכקייטן פֿונם נייעם היסטאָרישן פּעריאָד און פֿון די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון פּוילן.

פֿונדאַנען, דאָס נישט פֿאַרשטיין דעם מהות פֿון די באַדינגונגען, וועלכע בינדן די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער מיטן לאַנד פֿון זיגרייכן סאָציאַליזם און די טיפֿסטע סאָלידאַריטעט פֿון זייערע אינטערעסן, די באַדינגונגען, וועלכע זיינען לגמרי אַנדערש פֿון די, וואָס בינדן די לענ־דער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

פֿונדאַנען, דאָס נישט פֿאַרשטיין דעם מהות פֿון קאַמף פֿאַר דער סוּווערעניטעט, וועלכע איז באַדראָט דורך דער עקספּאַנסיע פֿון אַמע־ריקאַנער אימפּעריאַליזם און זיין דייטשישער עקספּאַזיטור.

די דאָזיקע פֿעלערן דרינגען אַרויס פֿון דער אין גרונט פֿאַלשער אַנטילעניניסטישער שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, פֿון דער אין גרונט פֿאַלשער אָפּאָרטוניסטישער שטעלונג אין דער פּויערים־פֿראַגע. די דאָזיקע פֿעלערן ווייזן אַרויס אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו אַנאַלאָגישע דערשיינונגען אין יוגאָסלאַוויע, וועלכע זיינען צוליב זייער אומגעצוימטקייט שוין אינגאַנצן מאַקע דעגענערירט.

די קרובהשאַפֿט פֿון די דאָזיקע דערשיינונגען איז נישט קיין צופֿעליקע, מחמת דעם, וואָס זיי וואַקסן אַרויס פֿון אַן ענלעכן באָדן.

מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס די דאָזיקע פֿעלערן זיינען אַרויס אויף דער אויבערפֿלאַך ערשט אין לעצטן פּעריאָד?

ווי לאַנג דער גאַנצער קאַמפּס־אימפּעט פֿון אונדזער פּאַרטיי איז געווענדט געווען קעגן די רעאַקציאָנער־פֿאַשיסטישע כּוחות, וועלכע האָבן אָפּגעצילט צום אומקערן די פֿריצ'יש־קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפֿט, האָט דער סיסטעם פֿון גאָמולקאַס אָנשויאונגען נישט אַנטפּלעקט די שוואַכקייט פֿון זיינע פֿאַרבינד־מיטלען און נישט דעם פֿאַרבאַהאַלטנדיקן זיך אין אים אידעאָלאָגישן אָפּאָרטוניזם. גאָמולקאַ האָט מאָנטירט, באַנוצנדיק זיך מיט זיין טערמינאָלאָגיע, דעם פֿראָנט פֿון צוזאַמענאַרבעט פֿון די קאָנסעקווענט־דעמאָקראַטישע פֿאָלקס־כּוחות מיט די „פֿאָלקס־ליבעראַלע" און ליבעראַל־בורזשואַזע כּוחות קעגן די רעאַקציאָנער פֿאַשיסטישע כּוח. אָבער מיטן מאָמענט ווען די עיקרדיקע רעאַקציאָנער־פֿאַשיסטישע כּוחות ביי אונדז זיינען צעקלאַפּט געוואָרן, און די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע פֿון פּוילן איז אַריין אין דער ווייטערדיקער פֿאַזע פֿון איר אַנטוויקלונג, מיטן מאָמענט ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצורוקן ווי אַ גרונט־קעגנזאַץ דער אָנוואַקסנדיקער קאַמף פֿון די קאָנסעקווענט דעמאָקראַטישע, פֿאָלקס־כּוחות מיט די ליבעראַל־בורזשואַזע און „פֿאָלקס־ליבעראַלע" (ד. ה. מיטן דאָרפֿישן באַלעגוף) ווען, מיט אַנדערע ווערטער, אויף דער טאָג־אָרדענונג האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע פֿונם זיך פֿאַרשאַרפֿנדיקן קלאַסן־קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן באַזונדערס אויפֿן דאָרף, האָבן זיך דעמאָלט אין גאָמולקאַס שטעלונג אָנגעהויבן באַווייזן ראַנצן, האָט זיך אַנטבלויזט זיין אידעאָלאָגישע שוואַכקייט. ס'איז טערליגט אָבער נישט קיין שום ספֿק, אַז נישט בלויז ביי אונדז, נאָר אויך אין די אַנדערע לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע (וועגן וועלכער ס'זאָגט אויסדריקלעך עדות דער אַלאַרמירנדיקער יוגאָסלאַווישער סיגנאַל) רוקט זיך וואָס אַמאָל מער אַרויס אויבנאָן, ווי ס'ווייזט אָן דער פּראָיעקט פֿון דער רעזאָלוציע, דער קעגנזאַץ צווישן די קאַפּיטאַליסטישע

און אַנטיקאַפּיטאַליסטישע כּוחות, וועלכע געפינען זיך אינם סיסטעם פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

די קאַפּיטאַליסטישע כּוחות ווילן די „פאַרפרירונג" פון דער איצטיקער כּוחות־פאַרהעלטעניש (אין דערוואַרטונג אויף אַ גינסטיקערער פאַר זיך סיטואַציע), ווילן אַ „סטאַביליזאַציע" אויפן יסוד פון איינהייטן אינם סיסטעם פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, זאָל זיין כאָטש אין דעם איצטיקן פאַרנעם, די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, אויסרעכענענדיק אויף זייער עלאַסטישקייט, אויפן זעלבסטגעבורט פונם קאַפּיטאַליזם, פון דער קליין־פּראָדוצירערישער ווירטשאַפט און אויך אויף אַן עווענטועלער אונטערשטיצונג פון דרויסן.

פון דער אַנדערער זייט, ווידער, באַגערט דער אַרבעטער־קלאַס דאָס ווייטערדיקע אויסוואַקסן פון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אויפן חשבון פון אַרויסשטויסן און ליקווידירן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן. דאָס אָרעמע און מיטלערדיקע פּויערטום ווידער וויל זיך באַפרייען פון דער עקספּלואַטאַציע און באַשווערנדיקן איבערוואָג פונם רייכן פּויער אויפן דאָרף, און דאָס איז גורם דאָס פאַרפעסטיקן דעם אַרבעטער־פּויערים בונד אויף אַ טיפערן יסוד.

אין אַזאַ סיטואַציע גייט אַרויס אויפן אויבערפלאַך דער באַהאַלטענער יאָדער פון דער אָפּאָרטוניסטישער רעכטער גרופּע אין אונדזער פּאַרטיי, ס'אַנטפּלעקט זיך די טענדענץ צו פאַרטעמפּן די שאַרף פונם קלאַסן־קאַמף, צו שאַפן אַ גינסטיקן קלימאַט פאַר דעם דאָרפישן גביר און זיינע נאַטירלעכע שטרעבונגען צו ווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע, און וואָס ס'מוז גיין נאָך דעם — אויך צו פּאָליטישער עקספּאַנסיע.

ווי ס'לערנט אונדז די לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דער אָפּאָרטוניזם געוויינלעך געפּאָרט מיטן נאַציאָנאַליזם, הויפּטזעכלעך אין געשטאַלט פון „סאָציאַל־נאַציאָנאַליזם". נישט אַנדערש איז אויך ביי אונדז. גיכער מער ווי ערגעץ אַנדערש פלעכט זיך ביי אונדז דער אָפּאָרטוניזם מיטן נאַציאָנאַליזם, געניסנדיק פונם נישט דורכגעאַקערטן נאָך רייכן אונטערבאָדן פון נאַציאָנאַליסטישע פאָראורטיילן פון דעם זאָרגפעליק אויפגעבלאָזענעם דורך די קלאַסן־שונאים אַנטי־רוסישן און אַנטיסאָוויעטישן קאָמפּלעקס.

אין אַנבליק פון דער פאָרויסגייענדיקער פּאָלאַריזירונג פון די כּוחות אין דער וועלט צווישן דעם אימפּעריאַליסטישן און אַנטיאימפּעריאַליסטישן לאַגער ווערט היינט מער ווי ווען נישט איז די באַציאונג צו סססר דער פּרוּוו־

שטיין פֿון אויפֿריכטיקן אינטערנאַציאָנאַליזם, דער פֿרוושטיין פֿון טריוהייט צו דער זאַך פֿון סאָציאַליזם.

דאָס נישט פֿאַרשטיין די ראָל פֿון פּסס״ר, וואָס דערפֿירט צו פֿאַרקריפּלען דעם אידעאָלאָגישן מהות פֿון די באַציאונגען צווישן די לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע און פּסס״ר, איז קודם־כּל דער אויסדרוק פֿון אַ דרוק פֿון אידעאָלאָגיש־פֿרעמדע און קלאַסן־פֿיינטלעכע כּוחות, איז דער אויסדרוק פֿון אַ דרוק פֿון קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, וועלכעווירקן אויף אונדזער פּאָליטישן לעבן און זוכן וועגן כּדי אַריינצובאַקומען זיך אויך אין אונדזער פּאַרטיי.

דער קלאַסן־אינהאַלט פֿון אָפּאָרטוניזם ווי פֿון נאַציאָנאַליזם איז אַזאַ צי אַנדערע פֿאָרם פֿון פּשרה אָדער דערנענטערונג מיט דער בורזשואַזיע.

אַ סך ליכט אויף דעם זין פֿון דעם דאָזיקן כאַראַקטעריסטישן געפֿלעכט פֿון אָפּאָרטוניזם און „סאָציאַלנאַציאָנאַליזם" וואַרפֿט די פּאָלעמיק, וועלכע לענין האָט געפֿירט אין יאָר 1915 מיט דעם באַקאַנטן מענשעוויק פּאָטרעסאָוו. אין דער אָפּהאַנדלונג „אונטער אַ פֿרעמדער פֿאָן" שרייבט לענין צווישן אַנדערן:

„די אידעיש־פּאָליטישע קרובהשאַפֿט, דער בונד, און אַפֿילו די אידענטישקייט צווישן אָפּאָרטוניזם און סאָציאַלנאַציאָנאַליזם אונטערליגט נישט קיין שום ספֿק...

דער סאָציאַלנאַציאָנאַליזם איז אַרויסגעוואַקסן פֿון אָפּאָרטוניזם און דער לעצטער האָט אים פּראַקטיש דעם כּוח געגעבן....

מען זאָגט אונדז: די טיילונג „לויט אָפּאָרטוניזם" איז פֿאַרעלטערט; אַ זין האָט בלויז די טיילונג אויף אָנהענגער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם און אָנהענגער פֿון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט. דאָס איז פֿון גרונט אויס נישט קיין ריכטיקער צוגאַנג... דער באַגריף „אָנהענגער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם" איז אויסגעהוילט פֿון יעדן אינהאַלט און פֿון יעדן זין, אויב מען זעט אים קאָנקרעט נישט אַנטוויקלען, און אַזאַ קאָנקרעטע אַנטוויקלונג וועט באַשטיין אין דעם אויסרעכענען ממש נאָך טראָט די סימנים פֿון פֿיינטלעכקייט לגבי דעם אָפּאָרטוניזם. אין דער פּראַקטיק וועט דאָס נאָך זיין ריכטיקער. אַן אָנהענגער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, וועלכער איז נישט דער סאַמע קאָנסעקווענטסטער און דעצידירטסטער קעגנער פֿון אָפּאָרטוניזם — דאָס איז אַ מיראַזש און נישט מער. מעגלעך, אַז באַזונדערע פּערזאָנען פֿון דעם שניט קענען זיך אויפֿריכטיק האַלטן פֿאַר „אינטערנאַציאָנאַליסטן", אָבער וועגן מענטשן אורטיילט מען נישט לויט דעם, ווי זיי טראַכטן וועגן זיך, נאָר לויט דעם, ווי זיי האַנדלען אין דער פּאָליטיק, די פּאָליטישע טעטיקייט אָבער פֿון אַזעלכע „אינטערנאַציאָנאַליסטן", וועלכע זיינען נישט קיין קאָנסעקווענטע

און דעצידירטע קעגנער פון אפּאָרטוניזם, וועט שטענדיק זיין א הילף און אונטערשטיצונג פאַר דער נאַציאָנאַליסטישער שטרעמונג."

וויפל געניאַלע דורכדריגלעכקייט, וויפל אַקטועלע שאַרפזיניקייט איז פאַראַן אין די דאָזיקע ווערטער!

צי רופט דאָס נישט אַרויס אַ רעפלעקס וועגן אָנווענדן דעם דאָזיקן לעניניסטישן אַנאַליז צו טיטאָס באַרימטערישער, פוסטער און פאַלשער „אינטערנאַציאָנאַליסטישער" פּראָוואָקאַציע?

צי דאַרף נישט דאָס פאַרשטיין דעם מהות פונם דאָזיקן פּראָבלעם ווערן אַן אַלייאַרטיסגנאַל פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי?

צי דאַרף עס נישט מאָביליזירן אַלע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וועלכע זיינען טריי די שיינע טראַדיציעס פון אונדזער באַוועגונג צו אַן אומשלאָסענעם קאַמף קעגן דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין אונדזער פּאַרטיי?

ס'אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אַז אונדזער גאַנצע פּאַרטיי, וועלכע האָט געגעבן אַזוי פיל באַווייזן פון איר טרייקייט צום אַרבעטער־קלאַס, צו זיינע אינטערעסן און אידעאַלן, וועט דווקא אַזוי און נישט אַנדערש רעאַגירן אויף דער דאָזיקער געפאַר.

חברים! אין קעגנזאַץ צו די אָפּאָרטוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע וואַקלונגען מצד גאָמולקאַן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס געשטאַרקט נאָך דער יוגאָסלאַווער טעסיע פון אינפאָרמבוראָ, האָבן דער צענטראַל־קאָמיטעט און דאָס פּאָליטישע ביוראָ אַנטוויקלט די ריכטיקע פּאָליטישע ליניע, געשטאַנען אויף דער וואַך פון די אידעאָלאָגישע מאַרקסיסטישע פּרינציפּן פון פּפּר און געפעסטיקט די פאַרבינדונג פון דער פּאַרטיי מיטן אַרבעטער־קלאַס.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער ריכטיקער ליניע פון אונדזער פּאַרטיי איז געווען דער באַדייטנדיקער וווּקס פון איר אויטאָריטעט ביי די פאָלקסמאַסן, קודם־כל ביים אַרבעטער־קלאַס, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן אַלע וואַל־אַקציעס אין די פּראָפּאַראַציעס, די וואַלן צו די אונטערנעמונגסראַטן, און אויך ביי די פּויערים־מאַסן, אַן אויסדרוק פון וואָס עס זיינען געווען די וואַלן אין דער קאָאָפּעראַציע.

אַן אויסדרוק פון דעם וווּקס פונעם צוטרוי פון די פאָלקס־מאַסן צו אונדזער פּאַרטיי איז אויך דער שנעלער וווּקס פון אירע רייען.

וועגן דער טריישאַפט פון דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט צו די פּרינציפּן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם און פאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי־טראַדיציעס, זאָגט עדות דער פאַקט פון דעם אומשלאָסענעם ווידער־

שטאַנד מצד דער פּאָליטישער ביוראָ לגבי דעם יוני־רעפֿעראַט פֿון גאָמולקאַן און לגבי די נישט איינמאָליקע פֿריערדיקע און שפּעטערדיקע פֿעלערן זייַנע.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער פֿעלער און אַן אָפּווייכונג פֿון די פּרינציפּן פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם ווען מיר וואָלטן, באַהאַנדלענדיק דאָ די פֿראַגע פֿון רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין דער אָנפֿירונג פֿון דער פּאַרטיי, נישט באַלויכטן מיטן רעפֿלעקטאָר פֿון זעלבסטקריטיק די ערנסטע בלויזן און פֿעלערן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט באַמערקן אין אַלע אָנפֿירנדיקע ריינגען פֿון אונדזער פּאַרטיי, אָנהייבנדיק פֿון פּאָליטישן ביוראָ. נישט אומבאַרעכטיקט איז טאַקע די פּאָזיציע פֿון יענע חברים, וועלכע האָבן אין אַנבליק פֿון דער ביישפּיללאָזער סיי לויט דער פֿאָרם, סיי לויטן אינהאַלט אַרויסטרעטונג פֿון גאָמולקאַן אויפֿן יוני־פּלענום געשטעלט די פֿראַגע, ווי אַזוי האָט דאָס פּאָליטישע ביוראָ געקאָנט דערלאָזן צו אַזאַ סיטואַציע, אַז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי האָט געקאָנט אָן דעם וויסן פֿון פּאָליטישן ביוראָ אַרויסטרעטן פֿאַר אַן אויסגעברייטערטן פּלענום פֿון צ. ק. מיט אַזאַ פֿונאַנדערגעוויקלטער אָפּאָרטוניסטישער און נאַציאָנאַליסטישער ליניע.

ס'איז איצטער פֿאַר אונדז אַלעמען קלאָר, אַז גאָמולקאַס יוני־פֿעלערן און זייַן שפּעטערדיקע פֿאַלשע קאָנצעפּציע זייַנען נישט עפּעס צופֿעליקס און אָפּגעריסנס.

די פֿעלערן האָבן זיך אָנגעוויזן אויך פֿריִער. און כאָטש, זיי זייַנען אַרויסגעטרעטן גיכער פֿראַגמענטאַריש, און אויף אַן אַנדערן אַנטוויקלונגס־עטאַפּ, האָבן זיי דאָך געבראַכט שאָדן אונדזער פּאַרטיי.

און דאָ דאַרף מען פֿעסטשטעלן, אַז גאָמולקאַס אָפּאָרטוניסטישע און רעכטע וואַקלונגען, אײדער זיי זייַנען איבערגעוואַקסן אין אַן אָפּנייג, האָבן נישט תמיד אָנגעטראָפֿן אויף אַ גענוג ענערגישן ווידערשטאַנד מצד דעם פּאָליטישן ביוראָ.

דער פֿאַקט באַשטעטיקט נאָך מער ווי שטאַרק עס איז נאָך דער דרוק פֿון די קלייַנבירגערלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און נאַציאָנאַליסטישע קאָנצעפּציעס אין אונדזער פּאַרטיי און ווי ערנסט עס איז די געפֿאַר פֿון אַ רעכטן און אַ נאַציאָנאַליסטישן אָפּנייג אין אונדזער פּאַרטיי אין די באַדינגונגען פֿון אַ פֿאַרשאַרפֿנדיקער זיך אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, אין די באַדינגונגען פֿונעם מאַרש פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד.

די דערפֿאַרונג פֿון אונדזער פּאַרטיי באַשטעטיקט פֿולשטענדיק די

קיכטיקייט פון דער מעזשע, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער דעקלאַראַציע פון אינפאָרמבוראָ מיט 10 חדשים צוריק, אַז:

„די הויפּט־געפאַר פאַרן אַרבעטער־קלאַס אינעם איצטיקן מאָמענט באַשטייט אינעם נישט דערשאַצן די אייגענע כוחות, און אין איבערשאַצן די כוחות פונעם אימפּעריאַליסטישן לאַגער”.

מען דאַרף דאָ פעסטשטעלן, אַז די פעלערן און בלייזן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אָרט אין דער אָנפירערשאַפט פון אונדזער פּאַרטיי אין דעם פעריאָד, סיי אין דער אָפּשאַצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, סיי אין דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע אין לאַנד, האָבן פאַקטיש אַרויסגעדרונגען פון דעם נישט דערשאַצן די כוחות פונם אַרבעטער־קלאַס און פונם איבערשאַצן די כוחות פון דער רעאַקציע.

מיטן נישט דערשאַצן די כוחות פונם אַרבעטער־קלאַס, און איבערשאַצן די כוחות פון דער רעאַקציע בינדט זיך אויך די שטעלונג פון צופּאַסן זיך צו דער מענטאַליטעט און פאַראורטיילן פון קלייןבירגערטום, אַנשטאָט דעם אַקטיוון איבערגעשטאַלטיקן און באַקעמפן זיי.

פון דער דאָזיקער שטעלונג דרינגט אַרויס קודם כל די גרויסע צוריקגעשטאַנענקייט פון דער פּאַרטיי אויפן קולטור־פראָנט, אין דער אַרבעט צווישן דער אינטעליגענץ.

דאָס נישט דערשאַצן אין דער פּאַרטיי די כוחות פונם אַרבעטער־קלאַס און איבערשאַצן די כוחות פון דער רעאַקציע האָט אויך געמוזט ווירקן אויף דער נישט גענוגנדיקער קלאָרקייט פון דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי וועגן דעם טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם. אויך אין דער פראַגע האָט אויף דער אַרבעט פון פּאָליטישן ביוראָ אין אַ געוויסער מאָס געלאַסטעט גאָמולקאָס שטעלונג. די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוו גופא איז דורך דער פּאַרטיי אַרויסגערוקט געוואָרן זייער שפּעט און ביזן יולי־פּלענום איז זי טראַקטירט געוואָרן אַבסאָלוט דעקלאַראַטיוו.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט נישט אַנאַליזירט די כוחות־פאַרהעלטענישן פון די סאָציאַליסטישע, קליינפּראָדוצירערישע און קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין דער עקאָנאָמיק פון דאָרף, וואָס עס האָט אויך געמוזט ווירקן אויפן מאַנגל פון קלאָרקייט בנוגע דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם. נישט קיין גענוגנדיקן ווידערשטאַנד האָט געשטעלט דער צ. ק. קעגן די אָפּאָרטוניסטישע קאָנצעפּציעס וועגן דעם האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן און אַנטוויקלונג פון די „דריי סעקטאָרן” אין אונדזער עקאָ־

נאָמיק. די דאָזיקע קאָנצעפּציעס זײַנען דאָ און דאָרטן געקומען צום אויסדרוק אין פֿאַרשידענע פֿאַרטיידיקונגען. אָבער באַזונדערס געפֿערלעך איז געווען די טאָלעראַנטע באַציִונג פֿון דער פּאַרטיי־אָנפֿירערשאַפֿט צו די באַזונדערע דערשײַנונגען בײַ גאָמולקאַ פֿון רעכטן גרינגשעצן דעם זיך פֿאַרשאַרפֿנדיקן קלאַסן־קאַמף אויפֿן דאָרף און צום פֿאַקט פֿונעם אָנוואַקסן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אויפֿן דאָרף, וואָס עס האָט אין רע־זולטאַט געמוזט פֿירן צום פֿאַרווישן דורך די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס די רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוו, צום אָפּשוואַכן איר קלאַסן שלאַכטפֿער־טיקייט און אין געוויסע רינגען צום אַנטשטיין פֿון טעאָריעלעך וועגן דעם, אַז דער קלאַסן־קאַמף ווערט אַליין פֿאַרווישט.

אַ בולטער אויסדרוק פֿונעם אונטערגעבן זיך די דאָזיקע רעכטע און אָפּאָרטוניסטישע טענדענצן פֿון גאָמולקאַ צו פֿאַרווישן די קלאַסן־אונ־טערשיידן אויפֿן דאָרף איז געווען דאָס נישט קעגנשטעלן זיך פֿון דער פּאָליטישער ביוראָ דעם באַשטימען איין פּרייז פֿאַר אַלע פּויערים פֿאַרן גענוסן פֿון די מאַשינען־צענטערס, וואָס האָט געמוזט דערפֿירן צו דער פֿאַרקריפּלונג פֿון דער עצם־אידיי פֿון די מאַשין־צענטערס, אַלס געצייג צו פֿאַרטיידיקן דעם ווייניקערדיקן פּויער, וועלכער האָט נישט קיין אײַנווענ־טאַר, קעגן דער עקספּלואַטאַציע פֿונעם דאָרפֿישן גביר.

אַן ענלעכער מאַנגל פֿון קלאַסן־דיפֿערענצירונג האָט זיך באַמערקט אויך אין דער פֿראַגע פֿון רופֿן די פּויערים צו קעגנזײַטיקער שכני־שער הילף.

די פּאַרטיי־אָנפֿירערשאַפֿט האָט, לסוף, נישט אַרויסגעוויזן גענוג קריטיציזם לגבי דעם אופֿן פֿון רעאַליזירן די פּאָליטיק פֿון באַזעצן די דערפֿער אויף די צוריקדערגאַבערטע געביטן, וואָס עס האָט דערפֿירט צום פּריווילעגירן די רײַכע פּויערים אין דער דאָזיקער אַקציע.

מ'דאַרף אויך פֿעסטשטעלן, אַז די פּאַרטיי־אָנפֿירערשאַפֿט איז נישט תמיד געשטאַנען אויף דער הייך פֿון איר אויפֿגאַבע אין באַציִונג צו גאָמולקאַס נאַציאָנאַליסטישע אָפּנייגן. אין די אַרויסטריטן פֿון גאָ־מולקאַ איז גאַנץ אָפֿט געקומען צום אויסדרוק די פֿאַלשע אָפּשאַציונג פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער קפּפּ און פּפּס.

מיר געדענקען דעם פֿאַרטיידיקונגסטאָן אין גאָמולקאַס רעפֿעראַט אויפֿן אָקטאָבער־פּלענום פֿון צ. ק. אין פֿאַרגאַנגענעם יאָר, ווען גאָמולקאַ האָט אין אָנבליק פֿונעם שאַפֿן די אינפֿאָרם־ביוראָ פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען מיטן אָנטייל פֿון פּפּר זיך באַזונדערס באַמיט צו באַגרינדן דעם אונטערשייד צווישן פּעפּעאָווצעס און קאָמוניסטן און דערמיט אַזוי

באַוויירקט דעם חבר ביענקאָווסקי, אַז יענער האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער אויפֿן מיטינג, געווידמעט דעם אָנדענק פֿון די 50 קפּאַוצעס, וואָס זיינען אומגעקומען געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, דערקלערט, אַז דאָס זיינען נישט געווען קיין קאָמוניסטן, נאָר מיטגלידער פֿון פּפּר.

די פּאַרטיי־אָנפֿירונג האָט זיך טיילמאָל נישט סאָלידאַריזירט מיט די האַזיקע אָנשויאונגען, טיילמאָל קריטיקירט זיי, פֿונדעסטוועגן האָט זי זיי ביז דעם יוני־פּלענום נישט געשטעלט קיין גענוג אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד.

די טאָלעראַנטע באַציונג פֿון דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג צו די באַזונדערע רעכטע און נאַציאָנאַליסטישע פֿעלערן ביי גאָמולקאַן און קודם כל צו דער אַרויסטרעטנדיקער ביי אים טענדענץ פֿון נישט פֿאַרשטיין די ראָל פֿון פּפּר, וואָס האָט דערפֿירט צו פֿאַרקריפּלען דעם אידעאָלאָגישן מהות און די צווישן־באַציאונגען צווישן די לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע און פּפּר, און צום, מיט דעם פֿאַרבונדענעם, אָפּאָרטוניסטישן פֿאַרטושן די שאַרפֿקייט פֿונם קלאַסן־קאַמף אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע — האָבן אויך געמוזט נעגאַטיוו אָפּרופֿן זיך אויף דער פּראַקטישער טעטיקייט פֿון אונדזער פּאַרטיי, און אויף דער הערציאונג פֿון די מיטגלידער.

צו שוואַך און נישט גענוגנדיק איז געווען די אַרבעט אויפֿן געביט פֿון באַקעמפֿן די פּאַרטיי מיט די הערפּאַרונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין פּפּר. מיר האָבן באַזונדערס גאָר נישט אויסגענוצט אין משך פֿון גאַנצן פּעריאָד פֿונם פֿאָלקס־פּוילן, כדי צו באַקענען די פּאַרטיי מיטן לעבן פֿונם סאָציאַליסטישן סאָוועטישן דאָרף, צו מאַכן צוטריטלעך פֿאַר איר דעם אמת וועגן דער בויאונג פֿון די קאָלווירטן, צו מאַכן זי ווידערשטאַנדפֿעיִק קעגן דעם ליגנערישן, פֿאַלשן פֿאַרשטעלן דורך דער רעאַקציע די לאַגע אויפֿן סאָוועטישן דאָרף. צו ווייניק האָבן מיר באַקאַנט די פּאַרטיי מיט די דערגרייכונגען פֿון מאַרקסיסטיש־לענינסטישן געדאַנק, צו שוואַך איז אויף דעם געביט געווען אונדזער פֿאַרלעגערישע טעטיקייט. באַזונדערס זיינען מיר אָבער הינטערשטעליק אויפֿן געביט פֿון באַקענען די פּאַרטיי מיט דער געשיכטע פֿון דער אַלקפּ(ב) מיט איר פֿאַרגעשרימענער ראָל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

ס'האָט אויך נישט אָנגעטראָפֿן אויף אַ געהעריקן ווידערשטאַנד גאָמולקאָס קאָנצעפּציע, וועלכע האָט די אידעאָלאָגישע אַרבעט אין דער פּאַרטיי טראַקטירט אַבסטראַקט, אָפּגעריסן פֿון די קאָנקרעטע געזעלשאַפֿט־

לעבנס ענדערונגען אין לאַנד, און פון דער פּערספּעקטיוו פון דער אַנט־וויקלונג פון די דאָזיקע ענדערונגען צום סאָציאַליזם.

די שוואַכקייט פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין דער פּאַרטיי איז געגאַנגען באַנאַנד מיטן טאָלערירן דעם אידעאָלאָגישן כאַאָס צווישן דער פּאַרטיי־אינטעליגענץ, מיטן פאַרנאַכלעסיקן די מאַרקסיסטישע באַלויכטונג פון די פּראָבלעמען פון ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט, וואָס האָט צווישן אַנדערן אָפּגערופן זיך אויף דער פּאָזיציע פון דער „קוזשניצאַ”.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך באַזונדערס בולט אָפּגערופן אויפן פאַרהאַמעווען די קולטור־אָפּענסיווע פון אונדזער פּאַרטיי, און רופט זיך אָפּ אויף דער אַרבעט פון אונדזערע הייד־שולן, וואָס אין זייער אַרבעט דאָמינירן נאָך אַלץ נישטמאַרקסיסטישע פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע אידעאָלאָגישע הנחות, באַזונדערס אויפן געביט פון די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן.

אויפן געביט פון דער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע און קולטור־אַרבעט גיבן זיך אונדזערע חברים שוין צו אָפט אונטער דער אָפּאָרטוניסטישער טענדענץ פון צופּאַסן זיך צו דער קליינבירגערלעכער מענטאַליטעט און פאַראורטיילן, אַנשטאָט זיי אַקטיוו צו באַקעמפן און גובר זיין.

אַן אָפּשפּיגלונג פון דער לאַגע געפינט מען סיי אין די מאַסן־צייטשריפטן, סיי אין די ראַדיאָ־פּראָגראַמען.

די טאָלעראַנטע באַציאונג צו די אָפּאָרטוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע פעלערן פון גאָמולקאָן און די פאַרנאַכלעסיקונג אויפן געביט פון צוזייענען דער פּאַרטיי די היסטאָרישע דערפאַרונג פון אַלקפּ(ב), האָט אויך געפירט צו אָפּווייכונגען פון די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין דער פראַגע פון דער ראָל פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט נישט גענוג ענערגיש באַקעמפט די טענדענץ צו אַ ברייטער און אומקריטישער ווערבירונג אין דער פּאַרטיי, ובכן, צום גרינגשעצן דעם עיקרדיקן פּרינציפּ פון לעניניזם, אַז די פּאַרטיי איז די קאָנצענטרירונג פון די בעסטע עלעמענטן פון אַרבעטער־קלאַס, אַז זי איז דער אַוואַנגאַרד־אָפּטייל פונם אַרבעטער־קלאַס און די העכסטע פאָרם פון אַ קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט.

דאָס פאַרגעסן אין די פּרינציפּן און דאָס פעלן פון וואַכזאַמקייט בײַם צונעמען מיטגלידער אין דער פּאַרטיי האָט דערפירט צום באַשווערן זי מיט אַ באַלאַסט פון סאָציאַל־פרעמדע עלעמענטן, און אויך מיט

קאַריעריסטישע יחידים, וועלכע האַלטן די פּאַרטיי־לעגיטימאַציע בלויז פאַר אַ געצייג צו דערגרייכן אַן אַוואַנס אָדער אַנדערע נוצן.

דאָס האָט אומבאַדינגט געבראַכט שאָדן דער פּאַרטיי.

נישט גענוגנדיק איז אויך געווען די אָנפירונג און השגחה אין באַצוג צו די פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע אַרבעטן אין מלוכה־אַפּאַראַט.

אַזאַ צושטאַנד האָט, נאַטירלעך, געפירט צום אָפּרייסן די פּאַרטיי־אינסטאַנצן פון דער טאָג־טעגלעכער מלוכהשער אַרבעט און צום באַגרע־נעצן זייער איינפלוס אויף דער דאָזיקער אַרבעט, און פון דער אַנדערער זייט — צו דער ביוראָקראַטיזירונג און אָפּרייסן זיך פון דער פּאַרטיי מצד שוואַכערע און מאָראַליש־פּאָליטישן זין פּאַרטיי־מיטגלידער אינעם מלוכה־אַפּאַראַט.

אָבער אין יסוד פון די דאָזיקע אַלע בלויזן ליגט דאָס נישט דער־שאַצן אין דער פולער מאָס די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פּאַרטיי, פון אַלע אירע ריכטן ביי דער רעאַליזירונג פון די פּאָליטישע,ווירטשאַפט־לעכע און קולטורעלע ענדערונגען אין פּוילן.

דאָס דאָזיקע נישט דערשאַצן איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּראַקטישער שטעלונג פון גאָמולקאָן אין באַצוג צו דער פּאַרטיי, און קודם־כל צום פּאַרטיי־אַפּאַראַט. און דאָ מוז מען ווייטער פעסט־שטעלן, אַז די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט זיך נישט גענוג ענערגיש אַנטקעגנ־געשטעלט די טענדענצן אַראָפּצוזעצן די ראָל פון דער פּאַרטיי.

דאָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער פּאָליטיק פון פונאַנדער־טיילן די פּאַרטיי־קאַדרען, און געמלעך אין דער טענדענץ אָפּצושוואַכן דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין טאָלערירן די נישט געהעריקע טענדענץ צו פאַרשמעלערן דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט, אינעם מאַנגל פון גענוגנדיקער זאָרג צו שאַפן פאַר אים נאָרמאַלע אַרבעטס־באַדינגונגען.

אַן ערנסטן פעלער אין דער פּאַרטיי איז געווען דער שלעכטער סטיל פון אַרבעט אין דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט, איר אָפּרייסן זיך נישט בלויז פונם צענטראַלן אַקטיוו נאָר אויך פון די מיטגלידער פון צ. ק., און אויך דאָס פעלן פון קאָלעגיאַלישקייט אין דער אַרבעט פון פאַר־שידענע פּאַרטיי־רינגען.

דאָס נישט דערשאַצן אין דער פולער מאָס די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פּאַרטיי, די פאַרנאַכלעסיקונג פון דער קאָלעקטיווקייט אין דער אַר־בעט און די נישט־גענוגנדיקע פאַרשטענדעניש פאַר די אויפגאַבן און

ראָל פונעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט, האָבן געמוזט ברענגען אַ רײ נעגאַטיווע רעזולטאַטן.

אויב אונדזער גאָר גרויסע זאַך איז נאָך אַלץ דער פילבאַרער מאַנגל אין קאַדרען, געפינט זיך דער מקור פונעם דאָזיקן מאַנגל מאַקע אין די דערמאָנטע נעגאַטיווע דערשיינונגען פונעם פּאַרטיי־לעבן. ווייל ס'איז אַ גרונט־אמת פון לעניניזם, אַז די פּאַרטיי, אַלס קאָנצענטרירונג פון די בעסטע מענטשן פון צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, איז די בעסטע שול פאַר דער דערציאונג פון אָנפירער פונעם אַרבעטער־קלאַס, פעיִקע אָנצופירן מיט אַלע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פון זייער קלאַס" (סטאַלין). און אויב מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז די פּראַקטיקע באַוועגונג אַרויסצורוקן מענטשן פונעם אַרבעטער־קלאַס אויף אָנפירנדיקע מלוכהשע און ווירטשאַפטלעכע פּאָסטנס איז אין די לעצטע יאָרן פאַרהאַמעוועט געוואָרן, איז דאָס נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון דער פעלערהאַפטער אַרבעט פון אונדזערע פּערסאָנעלע אָפּטיילן, פון די אויסשולונגס־צענטערן, איינשליסלעך די הויך־שולן, נאָר דאָס איז קודם־כל אַ רעזולטאַט פונעם נישט דערשאַצן אין דער פולער מאָס די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פּאַרטיי, פון אַלע אירע רינגען, אין דער רעאַליזירונג פון די פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע ענדערונגען אין פוילן און אַ רעזולטאַט פונעם נישט דערשאַצן די פּרינציפּן פון קאָלעגיאַלישקייט אין אַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, — ווייל די פּאַרטיי איז „די בעסטע שול פאַר דער דערציאונג פון אָנפירער פונעם אַרבעטער־קלאַס".

עס איז אונדזער כסדרדיקע זאָרג די נישט גענוגנדיקע ראָל אינעם לעבן און קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס — פון דער עיקרדיקער טראַנסמיסיע פון דער פּאַרטיי צו די אַרבעטער־מאַסן, פון די פּראָפּאַריינען. מיר שטעלן אָפּט פעסט די נישט גענוגנדיקע טעטיקייט פון די פּראָפּאַריינען ביים וועקן די אַקטיוויטעט פון די אַרבעטער־מאַסן אין דער פּראָדוקציע, זייער נאָך אַלץ נישט גענוגנדיקע ראָל אינעם אַרבעטס־פאַרמעסט, אינעם אָרגאַניזירן די באַוועגונג פון ראַציאָנאַליזאַטאָרן און נאָוואַטאָרן, אין דער פּראָדוקציע, אין שולן די אַרבעטער און אַרויסרוקן זיי אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס, און די נישט גענוגנדיקע זאָרג פאַרן הייבן דעם ניוואָ פון די אַלגעמיינע מאַטעריעלע און קולטורעלע לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער־מאַסן.

אַן אומצווייפלהאַפטער בלויז אין דער אַרבעט פון די פּראָפּאַריינען איז דער שוואַכער טעמפּ פון דער אַרבעט פון די אונטערשטע פּאַרטיי־רינגען און די אָפּטע אָפּגעריסנקייט פון די פּאַרטיי־טוער פון די אַרבע־

טער־מאַסן. פֿון דער צווייטער זייט זעען מיר באַאומרואיקנדיקע דערשיי־נונגען פֿון נישט דערשאַצן, אַראָפּשטויסן און גרינגשעצן די פּראָפּאַרייִנגען דורך געוויסע ביוראָקראַטיזירטע און טיילמאָל פֿרעמדע רינגען פֿונעם ווירטשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט.

די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען האָבן אָן ספֿק זייער מקור אין דער נישט גענוגנדיקער אָנפֿירערישער ראָל פֿון דער פּאַרטיי, ווייל ס'איז דער גרונט־פּרינציפּ פֿון לעניניזם, אַז „די פּאַרטיי, אַלס די בעסטע שול פֿון אָנפֿירער פֿון אַרבעטער־קלאַס, אַדאַנק איר דערפֿאַרונג און אויטאָריטעט, איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַוויזט צו צענטראַליזירן די אָנפֿירונג מיטן קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט און צו פֿאַרוואַנדלען אויף אַזאַ אופֿן אַלע מינים אומפּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַרבעטער־קלאַס אין געהילפֿס־אָרגאַנען און טראַנסמיסיעס, וועלכע פֿאַרבינדן זיי מיט דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי איז די העכסטע פֿאָרם פֿון קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פֿונעם פּראָלעטאַריאַט” (סטאַלין).

דער רעזאָלוציע־פּראָיעקט, וואָס איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן דעם צענט־ראַל־קאָמיטעט דורך דער פּאָליטישער ביוראָ, ווייזט אָן אַ וועג פֿון גובר זיין דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין אונדזער פּאַרטיי.

ס'דוכט זיך מיר אויס, אַז ס'איז אַ נויטווענדיקע זאַך צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די חברים אויף דעם פּראָבלעם פֿון די מעטאָדן פֿון קאַמף קעגן די פֿעלערן און אָפּנויגן פֿון דער פּרינציפּיעלער ליניע פֿון דער פּאַרטיי. פֿעלערן פֿאַר זיך אַליין זיינען נישט קיין געפֿאַר, אויב מ'דערזעט זיי און מ'בעסערט זיי אויס, ס'טרעפֿט, אַז מ'באַמערקט אַליין נישט די אידעאָלאָגישע פֿעלערן, אָבער די קריטיק פֿון די חברים העלפֿט צו פֿאַרשטיין זיי. דאָס פֿאַרשטיין די פֿעלערן פֿאָדערט אַ זעלבסט־קריטישן אַנאַליז פֿון די סיבות, וועלכע האָבן זיי געבוירן. דאָס איז נאָך מער נויטווענדיק, אויף וויפֿל פֿאַראַנטוואָרטלעכער עס איז די געזעל־שאַפֿטלעכע און פּאַרטייִשע פּאָזיציע פֿונעם חבר, וועלכער פּריידיקט די פֿאַלשע אָנשויאונגען, ווייל אין די האָזיקע באַדינגונגען טראָגן זיך די פֿאַלשע אָנשויאונגען איבער אויף אַ ברייטערן קאָלעקטיוו אַ דאַנק דער אויטאָריטעט פֿון דער פּערזאָן, וועלכע פֿאַרנעמט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. אונדזער פּאַרטיי האָט דערגרייכט אַן אידעאָלאָגישן כּוח און געשלאָסנקייט, וועלכע קיין שום אַנדערע פֿאַרבינדעטע פּאַרטיי האָט נישט געהאַט און וועט נישט קאָנען האָבן, ווייל אונדזער פּאַרטיי ריכט זיך אין אירע האַנדלונגען מיט דעם — אויסגעפּרוּווטן אינם פֿייער פֿון די פֿיליערדיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפֿן, אין די היסטאָרישע דערפֿאַרונגען פֿון

דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג — מעטאד און טעאריע פון מארקסיזם־לעניניזם. מיר באגערן, אז אזא שטארקע און אידעאלאגיש געשלאסענע זאל זיין די נייע פאריניקטע פארטיי. מיר קאנען דאס דער־גרייכן דורך דעם מאקסימאלן פארשארפן די אידעאלאגישע וואכזאמ־קייט פון יעדן פארטיי־רינג. די אידעאלאגישע וואכזאמקייט פון דער פארטיי שאפט זיך דורך קריטיק און זעלבסטקריטיק פון די פעלערן אין די ראמען פון די אנטשפרעכנדיקע ארגאניזאציאנעלע קאלעקטיוון, אויב די פעלערן גייען נישט ארויס אויסער די ראמען פון די דאזיקע קאלעקט־טיוון, און דורך קריטיק פון דער גאנצער פארטיי, אויב די פעלערן הייבן אן האבן א ברייטערע ווירקונג, אויב זיי נעמען אן דעם כאראקטער פון אן אפנויג פון דער עיקרדיקער ריכט־ליניע פון דער פארטיי. א דרייסטע קריטיק און זעלבסטקריטיק ברענגט נישט קיין אומכבוד דער פארטיי. נאר פונקט פארקערט, זיי פעסטיקן זי אידעאלאגיש; דאס באהאלטן אדער פארטושן פעלערן קאן זי פאקטיש ערנסט אפשוואכן. דאקעגן דאס עקר שנותדיקע האלטן זיך אויף פאלשע פאזיציעס שאפט א גרויסע געפאר, וועלכע קאן — אויב מ׳קעמפט נישט קעגן דעם — הערפירן צום שווערסטן קריזיס, צום ברענגען ריזיקע און אומפאריכטלעכע שאדנס נישט בלויז פאר דער פארטיי, נאר אויך פארן לאנד. א ביישפיל פון אזא שווערן קריזיס, וועלכער ברענגט אוממפאריכטלעכע שאדנס פאר די פעלקער פון יוגאסלאוויע, רייסט איבער די ארגאניזאציאנעלע און אידעאלאגישע פארבינדונגען מיט פססר און די פאלקס־דעמאקראטישע לענ־דער און פארשטארקט די אגרעסיווקייט פון די אימפעריאליסטן, איז די אנטימארקסיסטישע פאזיציע פון די אנפירער פון דער יוגאסלאווישער פארטיי. די אנפירער פון דער יוגאסלאווישער פארטיי האבן אפגעזאגט די רעכט צו קריטיקירן זייערע פעלערן דורך די פארטייען, וועלכע גייען מיט זיי צוזאמען אריין אינם באשטאנד פון אינפארם־ביורא, ארויס־ברעכנדיק זיך אויף אזא אופן פון אונטער דער אידעאלאגישער קאנט־ראל פון דער אינטערנאציאנאלער ארגאניזאציע. שטעלנדיק זיך מחוץ די ראמען פון דער דאזיקער ארגאניזאציע, דער יולי־פלענום פון צ. ק. פון אונדזער פארטיי האט באהאנדלט די סיטואציע אין דער יוגאסלא־ווישער פארטיי, באצייכנט דעם כאראקטער פון אירע פעלערן און פאר־אורטיילט די אנפירער, וועלכע האבן זיך נישט געוואקלט צו צעברעכן דעם איינהייטלעכן פראנט פון רעוואלוציאנערן קאמף קעגן אימפעריאליזם אין א סיטואציע פון אלץ וואקסנדיקע אגרעסיווע אנגריפן פונם אימפעריא־ליזם. פון יענעם מאמענט אן האבן די יוגאסלאווישע אנפירער צונויפ־

גערופן אַ קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי, אויף וועלכן די פאַרהאַנדלונגען זיינען איינגאַנצן געווען געווידמעט די אָנגריפן אויף פּסטר און די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. די יוגאָסלאַווישע טויער, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער אַזוי געפּעדלעכער פּאָליטיק פון די פּאַרטיי־אָנפירער, ווערן דורך טעראָר, רעפּרעסיעס און מאָרדן געצוואונגען צו שווייגן. וואָס איז פאַרבליבן קאָמוניסטיש און דעמאָקראַטיש פון דער פּאַרטיי, וועמענס אָנפירער עס האָבן אין זייער גרויסקייט־איינרעדעניש געפּרידיקט, אַז זי איז די בעסטע און רעוואָלוציאָנערסטע, אַז זי וועט אויפבויען דעם סאָציאַליזם שנעלער און בעסער ווי די אַנדערע לענדער, אַז זי האָט נישט און האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פעלערן, אַז זי וועט נישט פאַרטראָגן קיינעמס קריטיק? ס'איז גאָר נישט פאַרבליבן. ס'איז פאַרבליבן די פיינטלעכע באַציִונג צו די פּאַרטייען, וועלכע גייען אַריין אין באַשטאַנד פון אינפאָרם־ביוראָ — אַנשטאָט דער סאָלידאַריטעט און אידעאָלאָגישער פאַרבינדונג. אַזעלכע רעזולטאַטן ברענגט דאָס אָפּוואַרפן דעם לענינישן מעטאָד פון קריטיק און זעלבסטקריטיק אין די ראַמען פון אַן אידעאָלאָגישער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע.

גאָמולקאַ, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אין דער יוגאָסלאַווישער פראַגע וואַקלונגען, וועלכע זיינען שוין דורך מיר כאַראַקטעריזירט געוואָרן אינעם ערשטן טייל פון רעפעראַט, האָט נישט געקאָנט ביז־איצט ביי זיך פועלן אויף אַ קלאָרער, אָפענער זעלבסטקריטיק פון אַלע זיינע פעלערן, טראָץ די כסדרדיקע באַמיאונגען פון דעם גאַנצן פּאָליטישן ביוראָ פון דער פּאַרטיי, כדי אים אין דעם צוצוהעלפן, כדי אים צו פאַרלייכטערן זיין זעלבסטקריטיק.

מיר שטייען פאַר דער וויכטיקער אויפגאַבע פון גובר זיין דעם אידעאָלאָגישן אָפּנויג, און פאַר דער דערגרייכונג פונעם דאָזיקן ציל ווילן מיר מאָביליזירן די גאַנצע פּאַרטיי. מיר ווילן אויך נישט דערלאָזן דערצו, אַז דער קאַמף קעגן רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג, וועלכער האָט געדראָט מיט פאַרמאַכלייעוועון אונדזערע דערגרייכונגען, זאָל באַגלייט ווערן דורך דעם ווידערגעבורט פון די שלעכטע סעקטאַנטישע און לינקאַטשישע געוווינהייטן.

אַלע ווילן מיר היטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג דעם ווערטפולן אידעאָלאָגישן פאַרמעג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי, איר שיינע און רומרייכע טראַדיציעס פונעם פעריאָד פון קאַמף קעגן אָקופּאַנט, פון איר שעפערישער אַרבעט אינעם פעריאָד פון בויען די פונדאַמענטן פונעם פאָלקס־פּוילן, אויף וועלכן עס האָבן בייגעשטייערט דאָס אָפּפּערוויליס

פארגאסן בלוט און די מיזאמע ארבעט פון צענדליקער און הונדערטער טויזנטער מיטגלידער פון אונדזער פארטיי.

אונדזער פארטיי שעצט אירע אנפירער, זייער צושטייער צו דער ארבעט און דעם קאמף פון דער גאנצער פארטיי, און שענקט זיי צוטרוי, אבער זי זעט אין זיי אויסשליסלעך די רעאליזאטארן פון דער אידיי וועלכע ליגט צו דער פארטיי און דעם ארבעטער־קלאס. העכער פון יעדן סענטימענט צו יחידים שטעלט די פארטיי די טרייקייט צו דער רעוואלו־ציאנערער אידיי, די אומבויגזאמקייט ביים רעאליזירן זי און די וואכ־זאמקייט לגבי יעטוועדע פרווון פון אריינדרינגען פון פרעמדע איינפלוסן.

אין דעם ליגט דער כח פון אונדזער פארטיי, וועלכע וואַרפט אפ די פירער־פרינציפּ, נאר רוקט ארויס אויבן אן דעם קאלעקטיוון אנשטרענג פון איניפירערשאפט פונם אקטיוו און פון דער גאנצער פארטיי־מאסע.

דעם קאמף קעגן רעכטן און נאציאנאליסטישן אפנייג פירן מיר דורך אין די נישט לייכטע באדינגונגען פונם הדרוק פון דעם קלייןבירגערטום און פון דער ווילדער העצע פונם קלאסן־שונא, וועלכער שעפט אין זיין אקציע פונם ארסענאל פון די סאמע דעמאגאגישסטע און פארסמטע שאוויניסטישע און אנטיסעמיטישע ארגומענטן.

נישט געקוקט אויף די דאזיקע שוועריקייטן, זיינען מיר טיף איבער־צייגט, אז די פארטיי וועט ארויס פונם דאזיקן קאמף א געשטארקטע, א מער געשלאסענע ווי זי איז, א בעסער באוואפנטע אידעאלא־גיש, א מער פארהארטעוועטע און ווידערשטאנדספעיקערע קעגן אפּאר־טוניסטישע איינפלוסן, א מער רייפע פאליטיש צום רעאליזירן די גרויסע אויפגאבן — די באפרייונג פון ארבעטער־קלאס, דאס שאפן איין ארבע־טער־פארטיי.

ווי שוין נישט איין מאל אין דער פארגאנגענהייט וועט אונדזער פארטיי אויך דאס מאל דערווייזן, אז זי וועט קאנען קרייצן די פלענער פונם שונא, אז זי וועט באווייזן צו געבן א ווידערשטאנד דעם דרוק פון דער פרעמדער אידעאלאגיע, אז זי וועט בלייבן טריי די אידייען פון סאציאליזם, די אידייען פון מארקסיזם־לעניניזם, אז זי וועט נישט אנ־טוישן דעם צוטרוי פון ארבעטער־קלאס, אז זי וועט נישט פאראטן די אידעאלן און שטרעבונגען, פאר וועלכע עס האבן געקעמפט און גע־שטארבן אין משך פון עטלעכע דורות די בעסטע זין פון ארבעטער־קלאס און פון פאלק.

„נאָווע דראָגי"
פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע צייטשריפט
אויסגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נר. 11, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1948 יאָר. 2 יאָרגאַנג

רעזאָלוציע פונם פּלענום פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי וועגן דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, זיינע מקורים און די מיטלען אים איבערצוּווינדן

1. דער יוני־פּלענום האָט אין דער פולער מאָס אויפגעדעקט די עקזיסטענץ פון א רעכטן אידעאָלאָגישן אָפּנויג, דורך וועלכן עס איז באַהערשט א טייל פון דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט. דער דאָזיקער אָפּנויג האָט געפונען אן אויסדרוק אינם רעפעראַט פון גאָמולקא, וועלכער האָט אנטהאַלטן א פאַלשע, אַנטי־לעניניסטישע אָפּשאַצונג פון דער פאַרגאַנגענהייט פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין קעגנזאַץ צום פריערדיקן קאַמף פון פּפּר קעגן דעם אָפּאָרטוניזם, שאָוויניזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם פון פּפּס, איז דער רעפעראַט פון גאָמולקא, וועלכן ער האָט געהאַלטן, אָן א פאַרשטענדיקונג מיטן פּאָליטישן ביוראָ, א פאַקטישע אידעאָלאָגישע קאַפּיטולאַציע לגבי די נאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס פון פּפּס.

האַלטנדיק זיך עקשנותדיק ביי זיינע פאַלשע אָנשויאונגען קעגן דער איינשטימיקער שטעלונג פון אַלע איבעריקע מיטגלידער פונם פּאָליטישן ביוראָ, האָט גאָמולקא און נאָך אים די סאָלידאַריזירנדיקע זיך מיט אים ח'ח קלישקאָ, ביענקאָווסקי און אַנדערע ערשט אונטערן דרוק פון פאַרלויף פון דעם פּלענום פון צ. ק. פאָרמעל מסכים געווען מיט דער קריטישער אָפּשאַצונג פונם רעפעראַט פון גאָמולקאָ. קיינער פון זיי האָט אָבער העמלט נישט דורכגעפירט קיין אויפריכטיקע און קאָנסעקווענטע זעלבסטקריטיק, באַגרענעצנדיק זיך מיט נישט דערזאָגטע און פאַרפּלאָנטערטע פאָרמולירונגען.

נישט געקוקט אויף די פּרוּוון פאָרצושטעלן די אַרויסטרעטונג פון גאָמולקאָ אויפן יוני־פּלענום פון צ. ק. ווי א צופעליק אויסגליטשן זיך, האָט דער ווייטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן באַוויזן, אַז דאָס איז

געווען נישט קיין אָפּגעריסענער און נישט קיין אָפּגעזונדערטער פֿאַקט. בנוגע דעם יוגאָסלאַווישן קריזיס ד. ה. אין אַפּריל און מאַי ד. י. האָט גאָמולקאַ אַרויסגעוויזן אַ רודף־שלום־מדיקע באַציִונג צו דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון ק. פּ. יו.

נאָכן פֿאַרעפֿנטלעכן די רעזאָלוציע פֿון דער אינפֿאָרם־ביוראָ האָט גאָמולקאַ נישט פֿאַרבאַהאַלטן זײַן נעגאַטיווע באַציִונג צו דעם טייל פֿון דער רעזאָלוציע, וועלכע באַהאַנדלט די פּראָגראַמאַטישע פּראָבלעמען פֿונם סאָציאַליסטישן איבערבוי פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און די פֿראַגע פֿון קאַמף קעגן דער עקספּלואַטאַציע פֿון די אַרבעטנדיקע פּויערים־מאַסן דורך די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אויפֿן דאָרף.

2. אין קעגנזאַץ צו דער דערקלערונג פֿון גאָמולקאַ, וועלכע ער האָט געגעבן פֿאַר די פֿאַרשטייער פֿונם פּאָליטישן ביוראָ דעם 12 אויגוסט ה. י., אַז די חילוקי־הדעות צווישן אים און דעם איבעריקן טייל פֿון פּאָליטישן ביוראָ טראָגן נאָר און בלויז אַ טאַקטישן כאַראַקטער, דאַרף מען פֿעסטשטעלן, אַז די האַזיקע חילוקי־דעות טראָגן אַ פּרינציפּיעלן און אידעאָלאָגישן כאַראַקטער און דרינגען אַרויס פֿון 4 הויפּט־מקורים: פֿונם נישט פֿאַרשטיין דעם וועזנטלעכן אידעאָלאָגישן אינהאַלט פֿון די באַציִונגען צווישן די לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע און פֿססר און די אָנפֿירנדיקע ראָל פֿון אַלקפּ(ב), אינם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמפֿס־פֿראָנט קעגן אימפּעריאַליזם, פֿון די גרויסע נאַציאָנאַליסטישע אָנוווּקסן, פֿון די נישט איבערגעוויינדעטע און די כסדר ווידערגעבוירענע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאָנצעפּציעס, און, ענדלעך, פֿון דער שטרעבונג צו פֿאַררוקן דעם קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע לויערן אויף דער עקספּלואַטאַציע פֿונם אָרעמען און מיטלען פּויער, וואָס האָט פֿאַקטיש געפֿירט צו אַ פּשרה מיט זיי.

אַזאַ מין שטעלונג איז אַן אומבאַשטרײַטבאַרע אָפּווײַכונג פֿונם מאַרקסיזם־לעניניזם, איז אין סתירה מיט די הנחות פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע פֿון פּפּר און איז אַן אויסדרוק פֿונם דרוק פֿון אַ פֿרעמדער, קלײנבירגערלעכער אידעאָלאָגיע.

גאָמולקאַ האָט פּונקט אַזוי ווי נאָכן יולי־פּלענום אויסגעדריקט די גרייטקייט פֿאָרמעל אונטערצואָרדענען זיך צו דער רעזאָלוציע פֿון אינפֿאָרם־ביוראָ און דער שטעלונג פֿון פּאָליטישן ביוראָ, נישט דורכפֿירנדיק קיין מעריטאָרישע רעוויזיע פֿון זײַן אין גרונט פֿאַלשער אײַנשטעלונג.

3. צוליבן פֿעסטשטעלן אין דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון פּפּר אַ רעכטן אָפּנויג, וועלכן עס רעפּרעזענטירט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּאַר־

טיי, ווערט נויטווענדיק דורכצואַנאַליזירן אינעם דאָזיקן ליכט די באַזונדערע עטאַפּן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון פּפּר, כּדי אויפֿן וועג פֿון קריטישן אַנאַליז אָפּטיילן דעם שעפֿערישן, פֿרוכטבאַרן און רעוואָלוציאָנערן אידעאָלאָגישן פֿאַרמעג פֿון פּפּר, און איר ווערטפֿולן, פּראַקטישן און טעאָרעטישן צושטייער צו דער געשיכטע פֿון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג און דער געשיכטע פֿונעם פּוילישן פֿאָלק — פֿון די אָפּאָרטוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אָנוווּקסן.

4) פּפּר איז אַנטשטאַנען און איז אויסגעוואַקסן אינעם פֿײַער פֿון קאַמף קעגן דער פֿאַשיסטישער אינוואַזיע, קעגן דער היימישער רעאַקציע, קעגן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, קעגן אינטערנאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם.

פּפּר האָט זיך געקרעפֿטיקט און איז אויסגעוואַקסן אין קאַמף פֿאַר דער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג, וועלכע איז אומצערײַסלעך געבונדן געווען מיט דער סאָציאַלער באַפֿרײַונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, מיטן זיג פֿון די רעוואָלוציאָנערע כּוחות אין פֿאָלק, מיטן זיג פֿון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, ומיטן זיג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט מיט די כּוחות פֿון סאָציאַליזם און פּראָגרעס, וועמענס פֿאַרקערפּערונג ס'איז געווען דער ראַטנפֿאַרבאַנד און די באַפֿרײַערישע רויטע אַרמיי און מיטן קאַמף פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער.

אינעם פֿײַער פֿון דעם דאָזיקן קאַמף זײַנען אַנטשטאַנען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿונדאַמענטן פֿון פּפּר, אין אָנשפּאַר אויף די צומייסטן קעמפֿערישע, רעוואָלוציאָנערע און אויפֿריכטיק אומאָפּהענגיקייטס־עלעמענטן, קודם כּל אָבער אין אָנשפּאַר אויף די רעוואָלוציאָנערע קאַדרען פֿון קפּפּ, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט גרענעצלאָזן מסירת־נפֿש פֿאַר דער זאַך פֿון באַפֿרײַען דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס פֿאָלק, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון טיפֿן אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָלידאַריטעט מיטן לאַנד פֿון זיגרייכן סאָציאַליזם — פּססר און מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע כּוחות אויף דער וועלט.

אינעם פֿײַער פֿון קאַמף קעגן אָקופּאַנט און דער היימישער רעאַקציע האָט זיך געשטאַלטיקט און געפֿעסטיקט די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע פֿון פּפּר, וועלכע די פּאַרטיי האָט צו פֿאַרדאַנקען אירע אַלע גרויסע נצחונות און דערגרייכונגען סײַ אין די יאָרן פֿון דער אָקופּאַציע, סײַ נאָך דער באַפֿרײַונג, אין די יאָרן פֿון בויען די פֿונדאַמענטן פֿונעם פֿאָלקס־פּוילן.

ס'וואָלט אָבער געווען אַ פֿעלער צו מיינען, אַז אין דעם דאָזיקן גאַנצן פּעריאָד איז פּפּר געווען פֿרײַ פֿון דער פּענעטראַציע פֿון פֿרעמדער,

נאַציאָנאַליסטישער און אָפּאָרטוניסטישער אידעאָלאָגיע, באַזונדערס אין די פּעריאָדן פון פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף.

די פּאַרטיי האָט געהאַט נצחונות אויף איר וועג דווקא אין קאַמף קעגן די דאָזיקע פאַלשע אָנשויאונגען, דווקא גובר זייענדיק די פאַלשע אָנשויאונגען און הסכם מיט אירע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פאָדערן אַן אַנאַליז די באַזונדערע פּעריאָדן אין דער אַנטוויקלונג פון פּפּר, באַזונדערס פון נאָוועמבער 1943.

5. אינם פּעריאָד פון נאָוועמבער 1943 ביז אויגוסט 1944 איז דער קאַמף קעגן היטלעריזם אַריין אין אַן אַנטשיידנדיקער פאַזע. ס'איז געוואַקסן דער אויטאָריטעט פון פּפּר, אַלס אָנפירנדיקן וואָרטזאָגער אין דער רעאַליזירונג פונם רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַל־באַפרייעריש פּראָגראַם אין בונד מיט פּססר. דער נאַציאָנאַלער לאַנד ראַט (ק.ר.נ.) האָט גרופּירט אַרום זיך די רעפּרעזענטאַנטן פון די פּאָרגעשריטנסטע כוחות פונם פאָלק.

די גאַנצע פּאַרטייאישע רעאַקציע, אָפּגעבנדיק זיך א חשבון, אַז ס'פירט זיך א דעצידירנדיקער קאַמף וועגן כאַראַקטער פון דער צו־קונפטיקער מאַכט אין באַפרייטן פּוילן און וועגן איר קלאַסן־אינהאַלט, האָט אין יענעם פּעריאָד ביי דער אונטערשטיצונג פונם דייטשישן אָקופּאַנט פונאַנדערגעבלאָזן קעגן פּפּר א ווילדע העצע, וועלכע האָט געצילט צו דער פולשטענדיקער איזאָלאַציע און צעברעכונג פון דער פּאַרטיי.

אינם דאָזיקן נישט לייכטן פּעריאָד האָבן זיך ביי א טייל פון דער אָנפירערשאַפט פון פּפּר אַרויסגעוויזן וואַקלונגען, שפּעטער ווידער פאַלשע טענדענצן, וועלכע האָבן פאַקטיש געצילט צו פאַרקריפּלען די קאָנצעפּציע פון ק. ר. נ., צו בלאָקירן זיך מיטן צ. ק. ל. (צענטראַלער פאָלקס־קאָמיטעט)[1] און אין קאָנסעקווענץ צו־ריקציען זיך פון דער פּאָזיציע פון דער אָנפירנדיקער ראָל פון אַרבעטער־קלאַס און קאַמף פאַר דער מלוכה־מאַכט.

די דאָזיקע פאַלשע קאַפּיטולאַנטישע טענדענצן זיינען אָנהייב לאַנסירט געוואָרן דורכן ח' בייענקאָווסקי, און שפּעטער אין דער אָנפירערשאַפט פון דער פּאַרטיי דורך די ח'ח קאָוואַלסקי און לאַגאַ־סאָווינסקי, דערביי זיינען זיי אין דער לעצטער פאַזע אונטערגעשטיצט געוואָרן דורכן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי גאָמולקאַ.

---

[1] אַ צענטראַלער אָרגאַן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די רעכטע פּפּס־עלעמענטן מיטן ציל פון אַ דיווערסיע קעגן ק.ר.נ. און דער רויטער אַרמיי (רעד.)

די אַנטוויקלונג פון די היסטאָרישע געשעענישן, די טעטיקייט פון פּ. ק. וו. נ. און פון דער ציטוויליקער רעגירונג האָבן פולשטענדיק באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון דער קאָנצעפּציע פון ק. ר. נ. און דאָקומענטירט דעם באַנקראָט פון אַלע קאַפּיטולאַנטישע טענדענצן אין דער פּאַרטיי. די דאָזיקע טענדענצן זײַנען געווען אַן אויסדרוק פון אומגלויבן אין די כוחות פון אַרבעטער־קלאַס, פון אונטערגעבן זיך דעם ווילדן דרוק פון דער רעאַקציע און קלײנבירגערטום, אַנשטאָט אָנצופירן מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן.

6. נאָך דער באַפרײַונג זײַנען די ווידערשפּרוכן, וועלכע זײַנען אַנטשטאַנען אין דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט, פאַרווישט געוואָרן. אינם פּעריאָד 1945—1947 זײַנען די פײַנטלעכע קלאַסן־כוחות אַרויסגעטרעטן אין פּוילן אינם סאַמע ציניש׳סטן און אָפּשטויסנדיקן געשטאַלט פון טעראָריסטישע באַנדעס, פון אַגענטן פונם פרעמדן פראַ־דײַטשישן און אַנגלאָ־זאַקסישן אימפּעריאַליזם, פון רעסטאַווראַטאָרן פון דער פריציש־קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט פון פאַר סעפּטעמבער. אַן אויסדריקער פון די דאָזיקע כוחות זײַנען אויך געווען מיקאָלאַיטשיק און די פירער פון וו. ר. נ. דער דאָזיקער קאַמף האָט פאַרשאַרפט די וואַכזאַמקייט און אַקטיווקייט פונם אַרבעטער־קלאַס און קאָנסאָלידירט די פּאַרטיי.

אין אַנבליק פונם שונא, וועלכער האָט געצילט צוריקצושטעלן די מאַכט פון די פריצים און די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, האָט די אָנפירערשאַפט פון פּפּר דערגאַנצט דורך די געקומענע פון עמיגראַציע צוזאַמען מיט דער 1־טער אַרמיי אַרבעטער־טוער, צוריקבאַקומען איר געשלאָסנקייט און פּאָליטישע שלאָג־פערטיקייט.

אויפן דאָזיקן פּעריאָד, וועלכער ווערט באַגלייט מיט אַ געוואַלדיקן צאָלוווּקס פון דער פּאַרטיי אין אַנטוויקלונג פון איר פּאָליטישער רײַפקייט, פאַלט אויס די רעאַליזירונג פון די יסודותדיקע אויפגאַבן פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אויפן געביט פון די סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע רעפאָרמען, ווי די אַגראַר־רעפאָרם און די נאַציאָנאַליזירונג פון דער אינדוסטריע, דער איבערבוי פון חעם מלוכה־אַפּאַראַט און דאָס צעקלאַפּן די טעראָריסטישע אונטערערד און די מיקאָלאַיטשיק־רעאַקציע.

אינם דאָזיקן פּעריאָד, באַזונדערס אויפן 1־טן צוזאַמענפאָר, איז פאָרגעקומען די ווײַטערדיקע קריסטאַליזירונג פון דעם פּנים פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אין די מאַסן. ס׳איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער שריט אינם קאַמף קעגן לינקיזם און סעקטאַנטישקייט, וועלכע זײַנען געבליבן בירושה פון קפּפּ.

איניציאטיק האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעצייכנט געוויסע נעגאַטיווע און געפערלעכע טענדענצן, וועלכע האָבן זיך בולטער אַרויסגעוויזן ערשט אין ווייטערדיקן פּעריאָד, און נעמלעך, טענדענצן פון אַזאַ באַלויכטונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אַ נייגונג אויסצומיידן אָדער נישט בולט צו מאַכן דעם אמת, אַז דער פּוילישער וועג צום סאָציאַליזם איז נאָר אַ שאַטירונג פונם אַלגעמיינעם וועג צום סאָציאַליזם, אַ שאַטירונג, וועלכע באַרוט אויף די דערפאַרונגען פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין ססר מיט דער באַריקזיכטיקונג פון די נייע היסטאָרישע מעגלעכקייטן און די ספּעציפישע באַדינגונגען פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון פּוילן.

די אַקצענטן פון דעם מין זייַנען אַרויסגעדרונגען פון די זעלבע קוואַלן, פון וועלכע ס'איז אַרויסגעדרונגען דער נישט איבערגעווינדעטער ביזן סוף רעכט־נאַציאָנאַליסטישער אָפּנייג אינעם פּעריאָד פעברואַר—יולי 1944, זיי זייַנען אַרויסגעוואַקסן פון נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, פונם דרוק פון די נאָך פאַראַנענע נאַציאָנאַליסטישע פאָראורטיילן, פון אייַנפלוסן, וועלכע האָבן אין דער פּראַקטיק אָפּגעשוואַכט די אינטערנאַציאָ־נאַליסטישע פּאָזיציע און זייַנען געגאַנגען אין פּאָר מיטן שעמעוודיקן אָפּגרענעצן זיך פון די רעוואָלוציאָנערע, קלאַסן־און אינטערנאַציאָנאַליס־טישע טראַדיציעס פון קפּפּ.

7. דעם פאָלגנדיקן פּעריאָד, וועמענס אָנהויב ס'בינדט זיך אין דער אינערן־פּאָליטיק מיטן צעקלאַפּן דעם לאַגער פון דער רעאַקציע און מיטן אַנטלויפן פון מיקאָלאַיטשיקן, און אין דער אויסערן־פּאָליטיק מיטן שאַפן דאָס אינפאָרמאַציע־ביוראָ, אַלס נויטווענדיקע פאָרם פון דער קאָאָרדי־נירונג פון אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות אין דער אָרגאַניזירונג פון דער קאָנטראָפּענסיווע קעגן דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, כאַראַקטעריזירט די רעאַקטיוויזירונג פונם רעכטן אָפּנייג אין דער פּאַרטיי, און באַזונ־דערס דאָס פאַרשטאַרקן זיך פון די רעכטע טענדענצן אין דער שטעלונג פון גאָמולקאַן. דאָס אילוסטרירן צווישן אַנדערן די פאָלגנדיקע פאַקטן:

אַ) די אומגינסטיקע באַציאונג פון גאָמולקאַן צום שאַפן דאָס אינ־פאָרמאַציע־ביוראָ,

ב) דאָס אָריענטירן זיך אויף אויטאָמאַטיזם פון דער אַנטוויק־לונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אָן פאַרשאַרפן דעם קלאַסן־קאַמף, באַזונדערס אויפן דאָרף, וואָס ס'האָט פאַקטיש באַגינסטיקט דאָס פאַר־

שטאַרקן זיך פון די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן (צווישן אַנדערן דאָס צו־טריטלעך־מאַכן די מאַשין־סטאַציעס פאַר די דאָרפישע באַלעגופים אויף גלייכע באַדינגונגען מיט דער אָרעמקייט);

ג) די פאַרשטאַרקונג פון דער טענדענץ צו רעאַליזירן די אָרגאַנישע איינהייט „מיט דער גאַנצער פּפּס" אָן דעם עלימינירן דעם רעכטן פליגל, דאָס אַריינפּויזען אין אידעאָלאָגישער פשרהדיקייט אין דער פאַראייניקונגס־אַקציע מיט פּפּס, דאָס פאַרמאַכן די אויגן אויף די געפאַרן פון נאַ־ציאָנאַליסטישע און אָפּאָרטוניסטישע אָפּנויגן אין דער צוקונפטיקער פאַראייניקטער פאַרטיי;

ד) דאָס פאַטראָנירן דער געפירטער דורכן ח' ביענקאָווסקי אָפּאָר־טוניסטישער עקלעקטישער קולטור־פּאָליטיק;

ה) די נישט געהעריקע, סתירהדיקע באַציאונג פון גאָמולקאָן, צו די לעניניסטישע פּרינציפּן וועגן בוי פון דער פּאַרטיי, צו די פּרינציפּן פון קאָלעגיאַלישקייט פון איר אָנפירונג, די צעדרייצטע און נישט פּאַרטייאישע באַציאונג צו קריטיק, דער מאַנגל פון יעטוועדער זעלבסטקריטיק.

דער שאַרפער רעצידיוו פונם רעכטן אָפּנויג אין דער פּאַרטיי איז געקומען גראָד אינם דאָזיקן פּעריאָד פון פאַרשאַרפן זיך פונם קלאַסן־קאַמף און זיין אַריינטרעטן אין אַ נייער פאַזע.

אין דער מאָס פונם רעאַליזירן די יסודותדיקע געזעלשאַפטלעך־פּאָ־ליטישע רעפאָרמען, וועלכע גייען אַריין אין די ראַמען פון פאָלקס־דע־מאָקראַטיע, גייען איבער די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע צו אויפגאַבן, וואָס צילן צו דער רעאַליזירונג פונם סאָציאַליזם, וועלכע פאָר־דערן די וויטערדיקע פאַרטיפונג און פאַרשאַרפונג פונם קלאַסן־קאַמף.

איינצייטיק ווערט אָבער קלאָר, אַז די רעאַליזירונג פונם סאָציאַליזם אין די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע קאָן דערגרייכט ווערן נאָר אויפן וועג פון וואָס אַמאָל ענגערער צוזאַמענאַרבעט מיט פּססר, און די פאַרטיידיקונג פון דער סוּווערעניטעט פון די דאָזיקע לענדער קעגן די אַפּעטיטן פון דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם פאָדערן אויך, אויפן פאָן פון דער זיך פאַרשאַרפנדיקער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, אַ וואָס אַמאָל ענגערע צוזאַמענאַרבעט מיט פּססר און מיט די אַנדערע לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען וואַקסט שנעל אָן אַ נייער יסודותדי־קער קעגנזאַץ צווישן די קאַפּיטאַליסטישע כוחות פון איין זייט, וועלכע ווילן די „פאַרגליווערונג" פון דער איצטיקער פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן־כוחות (אין דערוואַרטונג אויף אַ גינסטיקער פאַר זיך קאָנסטעלאַציע),

וועלכע ווילן א „סטאַביליזאַציע” אויפֿן יסוד פֿון אייניקייט די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אינם סיסטעם פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע, אויסרעכענענדיק אויף זייער עלאַסטישקייט און אויפֿן אַלייניבערט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער קליין־פּראָדוצירערישער ווירטשאַפֿט, און יענע קלאַסן־כוחות פֿון דער צווייטער זייט, וועלכע באַגערן דעם ווייטערדיקן אָנוווּקס פֿון די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אויפֿן חשבון פֿון אַרויסשטויסן און ליקווידירן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן (דער אַרבעטער־קלאַס אין בונד מיטן אָרעמען און מיטלען פּויערטום).

גראָד אין די האַזיקע באַדינגונגען פֿון זיך פֿאַרשאַרפֿנדיקן אויף א ברייטער פּלאַטפֿאָרם קלאַסן־קאַמף, אונטערן דרוק פֿון די קליינבירגערלעכע עלעמענטן, איז געקומען דער רעציִדיוו פֿונם רעכטן אָפּנויג אין דער פּאַרטיי.

8. די יוגאָסלאַווישע געשעענישן זיינען אויך געוואָרן אַ סטימול פֿאַר דעם יוני־אַרויסטריט פֿון גאָמולקאָן.

אויב מ׳זאָל פֿאַרבינדן די געשעענישן פֿון די לעצטע דריי חדשים (די שטעלונג אין דער יוגאָסלאַווישער פֿראַגע, די אַרויסטרעטונג אויפֿן יוני־פּלענום, די נישט־פּאַרטייִשע באַציִונג צו דער קריטיק פֿונם פּאָליטישן ביוראָ, די אַרויסזאָגונגען פֿון גאָמולקאָן און געשפּרעכן קעגן דער רעזאָלוציע פֿונם אינפֿאָרם־ביוראָ), מיט די פֿאַקטן, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין די פֿריִערדיקע פּעריאָדן, ווערט אומבאַשטרייטלעך, אַז דאָס זיינען נישט קיין אָפּגעזונדערטע און צופֿעליקע דערשיינונגען. נישט געקוקט אויף די אינערלעכע ווידערשפּרוכן און וואַקלונגען, בילדן זיי אַ סיסטעם פֿון רעכטע און נאַציאָנאַליסטישע אָנשויאונגען, וועלכער טרעט אַרויס אין משך פֿון קרוב 5 יאָר אין לעבן פֿון דער פּאַרטיי איין מאָל נאָכן אַנדערן, ווי אַן אָפּנויג, וועלכער טרעפֿט אין די יסודותדיקע פּרינציפּן פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם און אין די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס נישט פֿאַרשטיין דעם וועזנטלעכן אידעאָלאָגישן תּוך פֿון די באַציִונגען צווישן די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער און ס.ס.ס.ר., וואָס האָט געפֿונען אַן אויסדרוק אין דער האַנדלונגס־ליניע פֿון גאָמולקאָן, ברענגט אַן ערנסטן שאָדן די אינטערעסן פֿון פּוילן, אָפּשוואַכנדיק איר פּאָליטישע פּאָזיציע.

אַן דעם פֿולשטענדיקן צעקלאַפּן דעם האַזיקן אַנטי־מאַרקסיסטישן סיסטעם פֿון אָנשויאונגען, אָן דער פֿולער ליקווידאַציע פֿונם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג, וועלכער וואָלט געקאָנט אין דער קאָנסעקווענץ

שטויסן די פארטיי אויף די אומוועגן פון אוואנטוריזם, פון אידעאישער קאפיטולאציע און נאציאנאלער קאטאסטראפע, וועט פאר נישט זיין אומשטאנד צו רעאליזירן די איינהייט פונם ארבעטער־קלאס אויף ריכטיקע מארקסיסטיש־לעניניסטישע יסודות, וועט נישט זיין אימשטאנד צו לייזן די פאר איר שטייענדיקע היסטארישע אויפגאבן צו בויען א סאציאליסטיש פוילן און ארויסרוקן פוילן אויף איינעם פון די אנפירנדיקע ערטער אינם אינטערנאציאנאלן פראנט פונם קאמף פאר פרייהייט און פראגרעס.

דעריבער דארף די גאנצע פארטיי דערקלערן א דעצידירטן און קאמפראמיסלאזן קאמף דעם דאזיקן רעכטן און נאציאנאליסטישן אפנויג ווי אויך דער רודף־שלומדיקער באציאונג צו אים.

9. א באדינג פאר דעם אומקערן דער פארטיי איר פולע געשלאסנקייט און שטארקן איר כוח און פאליטישע שלאגפערטיקייט איז נישט בלויז דאס איבערוויינדן דעם רעכטן אפנויג, נאר אויך אדורכצופירן א הארבע און קאנסעקווענטע זעלבסטקריטיק אין אלע רינגען פון דער פארטיי, איינגעשלאסן די אנפירערשאפט.

דער קערן פון דער פארטיי אונטער דער אנפירונג פונם צענטראל־קאמיטעט מיטן פאליטישן ביורא בראש איז געשטאנען אויף מארקסיסטיש־לעניניסטישע פאזיציעס, האט פארהיט די אומצעררייסלעכע פארבינדונג מיטן ארבעטער־קלאס און זיינע בעסטע טראדיציעס און געשטעלט א ווידערשטאנד דעם רעכטן אפנויג סיי אויפן יוני־פלענום, סיי אין דער טאגטעגלעכער ארבעט.

פונדעסטוועגן האבן זיך אין דער ארבעט פון דער פארטיי־אנפירערשאפט אין אלע רינגען, אנהייבנדיק פונם פאליטישן ביורא, ארויסגעוויזן פעלערן און בלויזן, וועלכע דארפן אויפן וועג פון קאנסעקווענטער זעלבסטקריטיק ווערן ווי צומשנעלסטן איבערגעווינדעט און ליקווידירט, און נעמלעך:

א) דאס נישט דערשאצן אין דער פולער מאס די רעוואלוציאנערע כוחות אין פוילן און אויף דער גאנצער וועלט, דאס איבערשאצן די כוחות פון דער רעאקציע און צופאסן זיך צו דער מענטאליטעט און פאראורטיילן פונם קלייןבירגערטום אנשטאט דעם אקטיוון איבערגעשטאלטיקן זיי און באקעמפן;

ב) די אומדערלאזבארע טאלעראנטע באציאונג צו די באזונדערע דערשיינונגען פונם רעכטן און נאציאנאליסטישן אפנויג, ספעציעל צו די ארויסטרעטונגען פון גאמולקא, די נישט גענוגנדיקע וואכזאמקייט

לגבי די פראגן פון פאראוישן דעם קלאסן־קאמף, באזונדערס אויפן דארף, און דאס נישט פארשטיין די אנפירנדיקע ראל פון דער אלקפ(ב), אינם אינטערנאציאנאלן קאמפס־פראנט קעגן אימפעריאליזם;

ג) די נישט גענוגנדיקע קלארקייט וואס שייך דעם טעמפ פון דער אנטוויקלונג פון דער פאלקס־דעמאקראטיע צום סאציאליזם;

ד) דאס נישט גענוגנדיקע באקענען די פארטיי מיט די דערפארונגען פון דער סאציאליסטישער בויאונג אין פססר, מיט דער געשיכטע פון אלקפ(ב), און איר פארגעשריטענער ראל אויף דער וועלט, מיטן גאנצן פארמעג פונם מארקסיסטיש־לעניניסטישן געדאנק;

ה) די זארגלאזע און אפט ליבעראלע באציאונג צו די נישט פינקטלעכע, און אפילו פעלערהאפטע טעארעטישע פארמולירונגען, דאס מאלערירן די אבסטראקטע באציאונג צו דער אידעאלאגישער ארבעט און דעם פארבינדן זי מיטן קאנקרעטן קאמף פאר סאציאלע ענדערונגען אין פוילן;

ו) די לאנגדויערנדיקע טאלערירונג פונם אידעאלאגישן כאאס צווישן דער פארטיי־אינטעליגענץ און דאס נישט אויסארבעטן די געהעריקע מעטאדן פון ארבעט צווישן דער אינטעליגענץ, די פארנאכלעסיקונג פון דער מארקסיסטישער באלויכטונג פון די פראבלעמען פון ליטעראטור, קונסט און וויסנשאפט;

ז) דאס טאלערירן דעם שלעכטן סטיל פון דער ארבעט פון דער אנפירערשאפט און די נישט גענוגנדיקע קאלעגיאלקייט, דאס נישט דערשאצן די ראל פונם פלענום פון צ. ק. און די נויטווענדיקייט צו אקטיוויזירן אלע מיטגלידער פון צ. ק., דאס נישט דערשאצן אין דער פולער מאס די פארגעשריטענע ראל פון דער פארטיי, פון אלע אירע ריינגען, אינם רעאליזירן די פאליטישע,ווירטשאפטלעכע און קולטורעלע ענדערונגען אין פוילן;

ח) די נישט גענוגנדיקע וואכזאמקייט ביים דורכפירן די ווערבירקאמפאניעס, וואס האט דערמעגלעכט דאס אריינדרינגען פון קלאסן־פרעמדע און קאריעריסטישע עלעמענטן אין דער פארטיי;

ט) די נישט גענוגנדיקע פארטייאישע אנפירונג און אויפזיכט איבער די פארטיי־מיטגלידער, וועלכע ארבעטן אין מלוכה־אפאראט.

10. אלע ריינגען פון דער פארטיי־אנפירערשאפט פון אויבן ביז אראפ דארפן אין דער נאענטסטער צייט אויפן וועג פון גרינטלעכן אנאליז און שטרענגער זעלבסטקריטיק גובר זיין זייערע פעלערן און שוואכקייטן און באזונדערס דארפן זיי:

אין דער פולער מאָס פאַרשטיין דעם מהות פונם זיך פאַרשאַרפנדיקן קלאַסן־קאַמף אין פּוילן, זײַנע קאָנקרעטע פאָרמען אויף יעדן אָפּשניט און די אומצערײַסלעכע פאַרבינדונג פונם קאַמף פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס מיטן קאַמף פון דער אַלקפּ(ב), און די אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען;

אין דער פולער מאָס פאַרשטיין די פּערספּעקטיוון פון די ווײַטערדיקע ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פּאָליטישע איבערגעשטאַלטיקונגען, וועלכע צילן צו דער רעאַליזירונג פונם סאָציאַליזם אין פּוילן, און די נויטווענדיקייט פון אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט אַלע כוחות, וועלכע שטעלן זיך קעגן די דאָזיקע ענדערונגען;

אין דער פולער מאָס פאַרשטיין און רעאַליזירן אין דער פּראַקטיק די נויטווענדיקייט פונם אויפהויבן די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע בילדונג פונם גאַנצן פּאַרטיי־אַקטיוו אויפן וועג פון עקשנותדיקער און סיסטעמאַטישער אַרבעט, די נויטווענדיקייט צו באַקעמפן די פרעמדע און פײַנטלעכע אידעאָלאָגישע אײַנפלוסן, צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן די נאַציאָנאַליסטישע פאָראורטיילן און די איבערבלײַבעכצן פון אָפּאָרטוניזם אין דער פּאַרטיי, פון ווײַטערדיקן אָפּרייניקן די פּאַרטיי פון פרעמדע עלעמענטן און ווירקן אין דער האָזיקער ריכטונג אויף פּאַס;

אין דער פולער מאָס פאַרשטיין די באַדײַטונג פון דער צעמענטירטקייט פון דער פּאַרטיי, פון דער פעסטיקונג פון דער באַוווסטזיניקער פּאַרטייאישער דיסציפּלין, פון דער נויטווענדיקייט צו באַקעמפן אַלע דערשײַנונגען פון קרײַזלדיקייט, פראַקציאָנעלקייט און פון דער צעלייגונגס־אַרבעט אין דער פּאַרטיי;

אין דער פולער מאָס פאַרשטיין און רעאַליזירן אין דער פּראַקטיק די פּרינציפּן פון דער אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע, פון קאָלעגיאַלישקייט אין דער אַרבעט פון אַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן, פון אײַנפלאַנצן די פּרינציפּן פון קריטיק און זעלבסטקריטיק אַלס אַ מעכטיק געווער אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי און מאַכן זי ווידערשטאַנדפעיק קעגן די פרעמדע אידעאָלאָגישע אײַנפלוסן, פון באַקעמפן דעם ביוראָקראַטיזם אינם פּאַרטיי־אַפּאַראַט און נאָך ענגער פאַרטיפן די פאַרבינדונג פון דער פּאַרטיי מיטן אַרבעטער־קלאַס, מיטן אָרעמען און מיטלערדיקן פּויערטום און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ.

די איבערווינדונג פון די אויפגעדעקטע אויפן וועג פון זעלבסטקריטיק פעלערן און שוואַכקייטן וועט פילפאַכיק פאַרשטאַרקן די אַקטיוויטעט פון דער פּאַרטיי, פאַרטיפערן איר פּאָליטישן באַוווסטזיין און בעסער זי באַוואָפענען צום קאַמף פאַרן זיג פון סאָציאַליזם אין פּוילן.

„נאָווע דראָגי"
פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע צײַטשריפט
אויסגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ׳ 12, נאָוועמבער — דעצעמבער 1948 יאָר.

רעזאָלוציע פון דער לאַנד־באַראַטונג פון די פּפּר־טוער צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג

(פראַגמענטן)

די לאַנד באַראַטונג פון די פּפּר־טוער צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג באַגריסט די באַשלוסן פונם אויגוסט־פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּר. און סאָלידאַריזירט זיך מיט זיי פולשטענדיק.

די היסטאָרישע באַשלוסן פונם פּלענום האָבן באַרייכערט אידעאָלאָגיש אונדזער פּאַרטיי, האָבן אויסגעשמידט מיט דער הילף פון קריטיק און זעלבסטקריטיק דאָס געווער פון ריקזיכטלאָזן קאַמף קעגן דעם רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג און אָנגעצייכנט דעם וועג צום סאָציאַליזם אין פּוילן.

די אויגוסט־באַשלוסן שטעלן פאַר די פּפּרישע טוער צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג די אויפגאַבע אָפּצושאַצן קריטיש די ביזאַיצטיקע טעטיקייט און אָנצוצייכענען ריכט־ליניעס פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט.

די באַראַטונג שטעלט פעסט:

1. רעאַליזירנדיק די ריכטיקע באַשלוסן פון סעקרעטאַריאַט פונם צ. ק. פון פּפּר, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אין נאָוועמבער 1947, וועגן דער טעטיקייט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט מען דערגרייכט וואָגיקע רעזולטאַטן אויפן פּאָליטישן,ווירטשאַפטלעכן און קולטור־געביט. פּפּר איז געוואָרן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן. מען דאַרף אָבער מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט אונטערשטרייכן, אַז אין אונדזער אַרבעט זײַנען געמאַכט געוואָרן ערנסטע פעלערן פון אידעאָלאָגיש־פּאָליטישן כאַראַקטער.

2. די פאַלשע טענדענץ און די פעלערהאַפטע איינשטעלונגען פון די רעכטע עלעמענטן אין דער אָנפירונג פון אונדזער פּאַרטיי, וועלכע דריקן

זיך אויס אין אָפּשאַצן די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע ווי אַ פֿאַרשלאָסענעם אין זיך סאָציאַל־פּאָליטישן און עקאָנאָמישן סיסטעם, אָן דער פּערספּעקטיוו פֿון ווייטערדיקער אַנטוויקלונג דורך אַ פֿאַרשאַרפֿטן קלאַסן־קאַמף צום סאָציאַליזם, האָבן געפֿונען זייער אויסדרוק אין דער פּאַרטיי־אַרבעט אויך צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג, און נעמלעך — אינעם אָפּשוואַכן דעם קאַמף קעגן די ניט־אַנטשטאַנענע שפּעקולאַנטיש־קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן.

3. דער פֿאַקט, וואָס דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט האָט אויסגעמאָרדעט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג, נישט שוין רעדנדיק אויך די ייִדישע באַזיצנדיקע קלאַסן, האָט געשאַפֿן ביי אַ טייל פֿון אונדזערע חברים די אילוזיע, אַז עס זיינען לגמרי פֿאַרשוווּנדן די קלאַסן־פֿיינטלעכע עלעמענטן. מען האָט פֿון איין זייט נישט דערשאַצט די אַנטשטייאונג פֿון אַ נייעם הגם קליינעם און ווירקונגסלאָזן אין לאַנדמאַסשטאַב קאַפּיטאַליסטישן שיכט; פֿון דער צווייטער זייט האָט מען אויך נישט דערשאַצט די קליינבירגערלעכע אַנשויאונגען און געוווינהייטן, וועלכע שטעקן נאָך אין דעם באַוווסטזיין פֿון אַ טייל אַרבעטנדיקע ייִדן, וואָס באַשווערט זיי זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער אָרדענונג פֿון פֿאָלקס־פּוילן, וועלכע שפּאַנט צום סאָציאַליזם. געוויסע חברים אונדזערע האָבן נישט דערשאַצט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג דעם קלאַסן־שונא און נישט אונטערגענומען קעגן אים קיין קאַמף.

הגם אונדזער פּאַרטיי האָט אָנגענומען אַ ריכטיקע שטעלונג אין דער אָפּשאַצונג פֿונם כאַראַקטער און ראָל פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם — ציוניזם און בונדיזם, — האָבן מיר פֿונדעסטוועגן נישט גענוג ענערגיש זיך קעגנגעשטעלט דער פֿרעמדער פֿאַר אונדז נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז געווען און איז געבליבן אין סתירה צו דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער לערע וועגן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און צו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן אין גאָר דער וועלט. דאָס אונטערגעבן זיך דעם דרוק פֿון ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם האָט דערפֿירט ביי אַ ריי חברים צו אַ ספּעציפֿיש ייִדישער אויפֿלאַגע פֿונם רעכטנאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג. דער דאָזיקער אָפּנויג האָט געפֿונען אַ באַזונדערס בולטן אויסדרוק:

א) אינעם אידענטיפֿיצירן דעם נאַציאָנאַל־באַפֿרייערישן קאַמף פֿון די פֿאָלקס־מאַסן פֿון ישראל מיט דער אידעאָלאָגיע פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג;

ב) אין דער אַפּשאַצונג פון קליינבירגערלעך־אוטאָפּישן חלוציזם ווי איינעם פון די פאַקטאָרן פונם אנטשטיין פון דער מלוכה ישראל, וואָס האָט געמוזט ווירקן אויפן נישט־געוונטשנדיקן אַרויסברענגען די ראָל פונם דעציידירנדיקן פאַקטאָר — דעם ראַטנפאַרבאַנד און די לענדער פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע;

די דאָזיקע טענדענץ איז פאַלש אויך דערפאַר, ווייל זי שאַפט אילוזיעס, בכן, די נאַציאָנאַלע פראַגע קאָן ווערן געלייזט אויפן וועג פון פסעוודאָ־קאָנסטרוקטיוון חלוציזם, און נישט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג אויפן יסוד פון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער לערע פון קלאַסן־קאַמף;

ג) אין דער פאַלשער קאָנצעפּציע, אַז די יידישע ישובים אין די לענדער פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם בילדן דאָס הינטערלאַנד פאַר דער מלוכה ישראל;

ד) אין דער עקלעקטישער באַלויכטונג פונם פּראָבלעם פון די טרייבקרעפטן אין דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן היטלעריזם, אין דעם נישט דערשאַצן די אָנפירנדיקע ראָל פון פפּר ווי דעם איניציאַטאָר און הויפּט־כוח אין די באַוואָפנטע אויפשטאַנדן אין די געטאָס (פון וואַרשע און אַנדערע);

ה) אין דעם נישט גענוגנדיקן באַקעמפן די נאַציאָנאַליסטישע שטעלונג, אַז דאָס פאַרמלוכהשן די יידישע שולן אין פוילן באַדייט זייער ליקווידאַציע, אינם אנטקעגנשטעלן די יידישע שולן דעם אַלגעמיינעם פוילישן דעמאָקראַטישן שול־וועזן, ווי אויך די שולן פון ר. ט. פּ. ד.,[1] אין דעם נישט גענוגנדיקן קאַמף קעגן דער צעברעכערישער טעטיקייט פון די ציוניסטישע פאַרטייען אויפן געביט פון יידישן שול־וועזן, אין דער נישט גענוגנדיקער דערציערישער אַרבעט אין די שולן, קינדער־היימען, אינטערנאַטן א. א. וו. אין גייסט פון צובינדן צום פאָלקס־דעמאָקראַטישן פאָטערלאַנד, אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און ליבשאַפט צום גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

4. דער עקלעקטיזם אויפן קולטור־פראָנט, אויף וועלכן עס האָט אָנגעוויזן דער אויגוסט־פּלענום פונם צ. ק. פון אונדזער פאַרטיי, איז געקומען צום אויסדרוק צווישן דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אויפן געביט פון דער יידישער קולטור, פון דער ליטעראַרישער שאַפונג, פון דער

[1] Robotnicze Towarzystwo Przyjaciół Dzieci.

געזעלשאַפט פון וועלטלעכן שול-וועזן. (רעד.)

טעאַטראַלער און פּלאַסטישער קונסט, פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט — האָט געהאַט אַן אָרט אין דער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק פון צופּאַסן זיך צו דער קלײנבירגערלעכער, נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע. אײנזײטיק לאָזט זיך באַמערקן אַ נישט גענוגנדיקע אָנווענדונג פון דעם אײנציק־שעפערישן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, דעם מעטאָד פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. נישט גענוגנדיק האָט מען זיך אַקעגנגעשטעלט אויפן געביט פון דער יידישער קולטור דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאַליזירונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיט ווייניק ענערגיע האָט מען באַקעמפט די פּרוּוון פון ווירקן אויף אונדזער קולטור־לעבן מצד די דעפעטיסטישע פיינטלעכע קרייזן. מען האָט נישט אַרויסגעבראַכט אויף אַ בולטן אופן די דינאַמיק פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער ווירקלעכקייט פון הײַנטיקן פּוילן, אין דער וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער שאַפונג האָט מען נישט געוועקט דעם ענטוזיאַזם פאַרן סאָציאַליסטישן מאָרגן.

5. ערנסטע פעלערן האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער פּאַרטיי־פּרעסע, און אויך אין די פּובליציסטישע אַרבעטן פון אונדזערע חברים אין דער נישט־פּאַרטייאישער פּרעסע.

די „פאָלקס־שטימע" האָט אידעאָלאָגיש ווייניק באַקעמפט דעם ציוניזם, די רעאַקציאָנערע קאָנצעפּציע פון „עקזאָדוס" פון פּוילן און כלערליי דערשײַנונגען פון נאַציאָנאַליזם. די יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג איז נישט געוואָרן אין אַ גענוגנדיקער מאָס מאָביליזירט צום קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטיש־שפּעקולאַנטישע עלעמענטן.

מען האָט נישט גענוג באַלויכטן די דערגרייכונגען פון נייעם פּוילן, די פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַליזם און די דערציאונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּאַטריאָטישן גייסט.

אונדזערע חברים אין די רעדאַקציעס פון „דאָס נייע לעבן", „יידישע שריפטן", „יידישע פּרעסע־אַגענטור", „ניעדערשלעזיע" און ראַדיאָ־סעקציע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גענוגנדיקע אידעאָלאָגישע וואַכזאַמקייט. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם צו שוואַכן באַלייכטן סיי דאָס אַלגעמיינע לעבן אין לאַנד, סיי דאָס לעבן פון די יידן אין פּוילן, אין דעם נישט גענוגנדיקן קאַמף קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם, אין די פאַלשע טעאָריעס פון חלוציזם און „הינטערלאַנד", אין מאַנגל פון קאַמף קעגן די שפּעקולאַנטישע עלעמענטן, אין נישט גענוגנדיקער דערציערישער אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אינם גייסט פון צוגעבונדנקייט צום פאָלקס־פּוילן.

6. אין רעזולטאַט פון נישט ריכטיק פאַרשטיין די קאָנצעפּציע פון

נאציאָנאַלער אייניקייט האָבן אונדזערע חברים, די דעלעגאַטן אויף דער צווייטער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, געמאַכט אַ סך וויכטיקע פעלערן, וועלכע זיינען געוואָרן קריטיקירט דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פּאַרטיי און זיינען זעלבסטקריטיש אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך אונדזערע דעלעגאַטן.

7. מיר האָבן אויף אַ נישט גענוגנדיקן אופן זיך אַקעגנגעשטעלט דער פאַלשער בונדיש־ציוניסטישער אויפפאַסונג פון דער ראָל און כאַראַקטער פון די יידישע קאָמיטעטן ווי אָרגאַנען פון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

8. די מיטגלידער פון אונדזער פּאַרטיי האָבן אין אַ נישט גענוגנדי־קער מאָס באַקעמפט דעם ביוראָקראַטיזם אין די יידישע קאָמיטעטן, אין דער ווירטשאַפט־צענטראַלע, אין „טאָז", אין „אָרט", אין דער קולטור־געזעלשאַפט, און האַנטווערקער־פאַריין א. א.

9. אין אויסדרוק פון דער אָפּשוואַכונג פון אונדזער וואַכזאַמקייט איז דער מאַנגל אין קעגנשטעלן זיך די פּרוּוון צו פירן אַ פּאָליטישע טע־טיקייט מצד דעם יידישן קלער, וועלכער דאַרף זיך באַגרענעצן נאָר צו רעליגיעזע פונקציעס.

10. די טענדענץ פון די פּריוואַטע פּראַקטיצירן און געוויסע יידישע קאָ־מיטעטן צו פּאַרטייאישקייט און טוען די פּאַרטייאיינסטאַנצן האָבן דערפירט און דער פּראַקטיק צו אַ סעפּעראַטיזם, צום אָפּרייסן זיך פון אַלגעמיין־פּאַרטייאישן לעבן און צו סעקטאַנטישקייט.

אין הסכם מיט די באַשלוסן פונם אויגוסט־פּלענום פון צ. ק. באַ־שליסט די לאַנד־באַראַטונג פון די פּאַרטייער צווישן דער יידישער אַרבעטנ־דיקער באַפעלקערונג אַט וואָס:

1. פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן די יידישע קאַפּיטאַליסטישע עלע־מענטן, וועלכע עקספּלואַטירן לוין־קראַפט, באַשווינדלען דעם מלוכה־אוצר און רייסן זיך אויך אַריין מיט אַנטי־געזעלשאַפטלעכע כוונות אין די פּראָ־דוציר־קאָאָפּעראַטיון.

דער קאַמף מיט די קלאַסן פרעמדע עלעמענטן אין דער יידישער סביבה דאַרף זיין געווענדט באַזונדערס קעגן דער פיינטלעכער פּראָפּאַגאַנ־דע, וועלכע באַצוועקט אַרונטערצורייסן דעם צוטרוי און גלויבן צום פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן און צו דער מעגלעכקייט פון דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב.

2. אַנערקענענדיק פאַר ריכטיק די באַשלוסן פונם סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון פּפּר, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין נאָוועמבער 1947,

וועגן דער צוזאמענארבעט, וועלכע שטרעבט צו אָרגאַנישער איינהייט אויף די יסודות פון מארקסיזם־לעניניזם מיט די לינקע עלעמענטן פון „בונד", און אויך וועגן צוזאמענארבעט מיט די דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע ציוניסטישע עלעמענטן, שטעלן מיר איינצייטיק פעסט די נויטווענדיקייט זיך אקעגנצושטעלן דעם נאַציאָנאַליסטישן דרוק אויף געוויסע שיכטן פון דער ארבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג. מיר מוזן אויפקלערן סיי דער יידישער, סיי דער פוילישער געזעלשאפט, אז נישט די בונדישע קאָנצעפּציע פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, נישט דער ציוניזם און די אנטשטייאונג פון דער מלוכה ישראל וועלן נישט לייזן די יידישע פראגע דאָרטן, ווו זי עקזיסטירט. בלויז דער קאמף פון די יידישע ארבעטנדיקע מאסן אונטער דער אָנפירונג פון ארבעטער־קלאס און זיין אינטערנאציאָנאַליסטישער מארקסיסטיש־לעניניסטישער פארטיי איז די איינציקע גאראנטיע פאר דער פולער געזעלשאפטלעך־נאַציאָנאַלער אנטוויקלונג פון די יידן אין די לענדער, ווו דער ארבעטער־קלאס געפינט זיך ביי דער מאכט, איז א גאראנטיע פאר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג דאָרטן, ווו דער ארבעטער־קלאס פירט דעם קאמף פאר מאכט.

3. פארשטארקן די אידעאָלאָגישע ארבעט צווישן די פּפּר־מיטגלידער, וועלכע ווירקן אין דער יידישער ארבעטנדיקער געזעלשאפט, דערנענטערן די יידישע ארבעטער צו די פוילישע, באַקעמפן דעם סעפּעראַטיזם, פארשטארקן די צוגעבונדנקייט צום פאָלקס־פוילן, ענערגיש באַקעמפן די רעאַקציאָנערע קאָנצעפּציעס פון פארלאָזן פוילן.

4. די באראטונג שטעלט פעסט, אז איינע פון די הויפּטריכטליניעס אין אונדזער פארטיי־ארבעט איז דאָס אָנבינדן צו די פרעכטיקע זיבעציקיעריקע טראדיציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג אין פוילן, צו די טראדיציעס פון סדקפּל און קפּפּ, וואָס זייער דירעקטער קאָנטינואַטאָר איז די פּפּר. מען דארף אָנבינדן צו דעם קאָנסעקווענטן קאמף פון סדקפּל און קפּפּ צווישן דער יידישער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג פארן פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאַליזם, קעגן נאַציאָנאַליזם און רעפאָרמיזם פון די קלייןבירגערלעכע סאָציאַליסטישע פארטייען, פאר איין אינטערנאציאָנאַליסטישער פארטיי פון ארבעטער־קלאס אין פוילן. אין איר ארבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג בינדט אָן פּפּר צו די רעוואָלוציאָנערע טראדיציעס פון דער איינציק־מארקסיסטישער פארטיי פון ארבעטער־קלאס — קפּפּ, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די ארבעטער־מאסן צום קאמף פאר דעראָבערן די פּאָליטישע מאכט אין פוילן, וועלכע האָט זיך אָריענטירט אויף דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע,

וועלכע האָט מאָביליזירט די יידישע אַרבעטער און די יידישן פאָלקס־מאַסן צום קאַמף פאַר פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד און האָט גענאָסן פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג פון דער אַלקפּ(ב). אין איר אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג ביינדט אָן פּפּר צו די רומפולע טראַדיציעס פון די אונטערערדישע פּפּרישע אָרגאַניזאַציעס אין די געטאָס און לאַגערן און צו זייער קאַמף פאַר באַפרייען פוילן און ראַטעווען די יידישע מאַסן.

5. אין די אַרבעטן פון די היסטאָריקער, פּפּר־מיטגלידער, דאַרף מען די הויפּטאויפמערקזאַמקייט ווענדן אויף באַהערשן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם ווי דעם איינציקן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד און אָנווענדן אים לגבי דער פאָרשונג פון דעם אָנטייל פון יידן אין די באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון דער פוילישער דעמאָקראַטיע און אַרבעטער־קלאַס, לגבי דעם אָנטייל פון די יידן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן היטלעריזם און דער אָנפירנדיקער ראָל פון פּפּר אין דער פּאַרטיזאַנישער און געטאָ־אויפשטאַנד־באַוועגונג.

6. אויפן געביט פון דער קולטור־טעטיקייט, פון ליטעראַרישע און קינסטלערישע שאַפונגען, איז נייטיק צו באַקעמפן די ביז איצטיקע נאַציאָנאַליסטישע אידעאַליזאַציע פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין פוילן, אַרויסברענגענדיק די ראָל פון די פּראָגרעסיווע בוחות און די קאַמף־מאָמענטן פון די יידישע מאַסן אין די פאַרגאַנגענע צייטן, די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון פוילישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס און פון די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטנדיקע מאַסן.

די יידישע קולטור־געזעלשאַפט דאַרף ווערן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַר אַ ציל צו פאַרשפּרייטן קולטור און קונסט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און זי צו דערציען אין סאָציאַליסטישן גייסט. מען דאַרף זאָרגן וועגן שאַפן אַן אידעאישן יידישן טעאַטער ווי אַן אינסטרומענט פון דערציאונג אין גייסט פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

7. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָנסאָלידאַציע פון דער פוילישער יוגנט איז אונדזער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די גאַנצע יידישע יוגנט אין די רייען פון ז. מ. פּ.,[2] כדי זי זאָל נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון פוילן, אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין לאַנד.

דער באַדייטנדיקער וווּקס פון דער אַלגעמיינער סקויטן־אָרגאַניזאַציע שאַפט מעגלעכקייטן אַריינצוציען אין אירע רייען אַלע אָן אויסנאַם יידישע

---

[2] Związek Młodzieży Polskiej

פאַרבאַנד פון דער פוילישער יוגנט (רעד.)

קינדער. די יידישע סקויטן דארפן זיך ענגער פארבינדן מיטן פארבאנד פון די פוילישע הארצערזשן, מען דארף שטרעבן צו פארטיפן די פריינדשאפט צווישן די יידישע און די פוילישע קינדער. אונדזער פארטיי־אקטיוו דארף ווידמען א שטארקע אויפמערקזאמקייט דעם יידישן שול־וועזן, וואס דארף דערציען טרייע בירגער פון פאלקס־דעמאקראטישן פוילן, טרייע זין פון יידישן פאלק. מיר דארפן דערקלערן דעם שארפסטן קאמף די כלערליי פרוון פון פארוואנדלען דאס יידישע שול־וועזן אין א צענטער פון נאציאנאליזם.

8. פעסטשטעלנדיק, אז סיי די סטרוקטור, סיי דער פאליטישער צוזאמענשטעל פון די יידישע קאמיטעטן, אנטשפרעכן נישט דער געענדערטער געזעלשאפטלעך־ווירטשאפטלעכער לאגע פון די יידן אין פוילן, האלט די בארעטונג פאר נייטיק איבערצובויען די יידישע קאמיטעטן אין דער ריכטונג, זיי זאלן ווערן פארוואנדלט אין א רעפרעזענטאנץ, וועלכע קאארדינירט די געזעלשאפטלעכע ארבעט פון דער יידישער באפעלקערונג, פון אירע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס. אין צוזאמענהאנג דערמיט דארפן זיך געפינען אין די קאמיטעטן, צוגלייך מיט די פארשטייער פון די פארטייאישע גרופירונגען אויך פארשטייער פון אלע יידישע ווירטשאפטלעכע, קולטורעלע און אנדערע מאסן־ארגאניזאציעס, וואס נעמען א טעטיקן אנטייל אין דעם ווידעראויפבוי פון יידישן ישוב אין פוילן (קאאפעראטיוון, „טאז", „ארט", קולטור־ און קונסט־געזעלשאפט, פארשטייער פון יידן קעמפער קעגן פאשיזם א.א.). אין צענטראל־קאמיטעט דארפן זיין רעפרעזענטירט די וויכטיקסטע ארטיקע יידישע קאמיטעטן. אזא סטרוקטור וואלט געגעבן די גאראנטיע פאר אויסברייטערן די געזעלשאפטלעכע באזע פון די קאמיטעטן.

9. די בארעטונג רופט צו פארשטארקן די ארבעט פאר דער פראדוקטיוויזאציע פון די ביז איצט נאך נישט פראדוקטיווע עלעמענטן אין דער יידישער געזעלשאפט. עס איז נייטיק ענערגיש צו באקעמפן אין די קאאפעראטיוון פון דער ווירטשאפט־צענטראלע „סאלידארנאשטש" די אסאציאלע עלעמענטן און די קרעמערישע טענדענצן, און אויך דעם ביוראקראטיזם, פארשטארקן די פראדוקטיוויטעט און די ארבעט־דיסציפלין, פונאנדערוויקלען דעם פארמעסט און די ראציאנאליזאציע פון דער פראדוקציע.

10. מען דארף מער ווי ביז איצט ווידמען אויפמערקזאמקייט דער פארטיי־פרעסע („פאלקס־שטימע"), דעם הייבן איר אידעאלאגישן ניווא און דער אויסברייטערונג פונם קרייז פון אירע ארבעטער־קארעספאנדענטן

און לייענער. מען דאַרף אויך פאַרשטאַרקן די אידעאָלאָגישע וואַכזאַמקייט פון אונדזערע חברים, וועלכע אַרבעטן אין די רעדאַקציעס „דאָס נייע לעבן", „יידישע שריפטן", „נידערשלעזיע", און דער „יידישער פּרעסע־אַגענטור", „אויפגאַנג", ראַדיאָ־סעקציע א. א.

11. פאַרשטאַרקנדיק די וואַכזאַמקייט לגבי די קלאַסן־פיינטלעכע עלעמענטן, דאַרף מען באַזונדערס היטן די ריינקייט פון די פּאַרטיי־רייען, העלפנדיק די אַנטשפּרעכיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען אויסצורייניקן אונדזערע קרייזן פון פרעמדע עלעמענטן. מען דאַרף דרייסט אַרויסרוקן איבערגעגעבענע חברים אויף פאַראַנטוואָרטלעכע ערטער, פאַרשטאַרקנדיק דעם סיסטעם פון קאָלעגיאַלער אַרבעט.

12. די באַראַטונג האַלט פאַר נייטיק צונויפצורופן אין דער נאָענטסטער צייט א ריי באַראַטונגען פון די פּפּר־חברים, וועלכע אַרבעטן אין די יידישע קולטור־ און בילדונג־אינסטיטוציעס, שרייבער, אַרטיסטן, אַקטיוויסטן פון דער סקויטן־באַוועגונג, מיטן ציל צו קאָנקרעטיזירן די אָנגעצייכנטע אויפגאַבן און די מעטאָדן פון זייער רעאַליזירונג.

13. די באַראַטונג דריקט אויס די זיכערקייט, אַז די היסטאָרישע באַשלוסן פונעם אויגוסט־פּלענום וועלן ווירקן אויף הייבן דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן ניוואָ פון אונדזער אַקטיוו, וועלן באַוואָפנען טעאָרעטיש אַלע פּפּרישע טוער צווישן דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג, כדי זיי זאָלן קאָנען פּראַקטיש צואיילן דאָס איינשליסן די יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אין די רייען פון די בויער פון סאָציאַליזם אין פּוילן.

באַגריסונג פון צ. ק. פּפּר פאַר דער „פאָלקס־שטימע"

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון הונדערטסטן נומער „פאָלקס־שטימע", דער צייטשריפט פון פּפּר אין דער יידישער שפּראַך — שיקט איבער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פּפּר דער רעדאַקציע־קאָלעגיע אַ האַרציקע באַגריסונג.

דערשאַצנדיק די דערגרייכונגען פון דער אַרבעט פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע „פאָלקס־שטימע" אויפן געביט פון פּאָליטישע דערציאונג פון די יידישע מאַסן און פון פּאָפּולאַריזירן די אידיי פון פּראָדוקטיוויזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווינטשט איר דער צענטראַל־קאָמיטעט ווייטערדיקע דערפאָלגן אין דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר דער געמיינזאַמער מיטן פּוילישן פאָלק אַרבעט און קאַמף פאַרן בויען פון סאָציאַליזם אין פּוילן.

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער
פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי

29 אָקטאָבער 1948 יאָר.

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

פאָלקס־שטימע

ארגאַן פון צ.ק. פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי

די אידייען־דעקלאַראַציע פון דער פּוילישער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי

די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך פאַרייניקט נאָך העכער פופציק יאָר צעשפּאָלטנקייט.

זי האָט זיך פאַרייניקט נאָך דריי יאָרצענדליקער פון דער נייער היס־טאָרישער עפּאָכע, וועלכע ס'האָט אָנגעהויבן די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

זי האָט זיך פאַרייניקט אין אַ פּעריאָד, ווען אין רעזולטאַט פון דער מפּלה פון היטלערישן פאַשיזם האָבן די פעלקער פון מזרח און דרום־אייראָפּע, וועלכע זיינען באַפרייט געוואָרן פון דייטשישן יאָך דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, אַראָפּגעוואָרפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל און מאַר־שירן זיגרייך אויפן וועג פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם.

זי האָט זיך פאַרייניקט אין אַ פּעריאָד, ווען ביי דער מאַכט אין פּוילן, נאָכן אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם, שטייען שוין העכער פיר יאָר די אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער אָנפירונג פון אַרבעטער־קלאַס.

זי האָט זיך פאַרייניקט אין אַ פּעריאָד, ווען די גאַנצע וועלט איז צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: פון איין זייט דער מעכטיקער, צעמענטירטער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער לאַגער מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראָש, וועלכער נעמט אַרום די סאָוויעטישע פעלקער, די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און די רעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונגען אין די קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער, פון דער צווייטער זייט דער פולער מיט איינערלעכע קעגנזאַצן אימפּעריאַליסטישער לאַגער, דער לאַגער פון אַגרעסיע און רעאַקציע, פון אונטערדריקונג און פינצטערקייט, דער לאַגער, וואָס אין זיין שפּיץ שטייט דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל.

זי האָט זיך פאַרייניקט אויפן יסוד פון די געמיינזאַם געפירטע קאַמפן, פון דער געמיינזאַמער אָפּשאַצונג פון די דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער געמיינזאַמער שטעלונג אין אַלע פּראָבלעמען פון דער קעגנוואַרט, אויפן יסוד פון דער געמיינזאַמער אידעאָלאָגיע און געמיינזאַמען ציל — די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם.

די דערפאַרונגען פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג

דער קאַפּיטאַליזם אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז געווען אַ מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל, וואָס איז באַלאַסטעט געווען מיט זייער באַדייטנדיקע איבערבלייבענישן פון די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן און האָט זיך געפונען אונטער איבערוועגנדיקן איינפלוס פונעם אויסלענדישן פינאַנס־קאַפּיטאַל. דער דאָזיקער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל האָט געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־כוחות פונעם לאַנד, גורם געווען די צוריקגעשטאַנענקייט פון דער פּוילישער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

די הערשאַפט פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל האָט געפירט צום כסדרדיקן וווּקס פון דער נויט פון די אַרבעטער־מאַסן, צו דער רויִן פונעם קליינבירגערטום, האָט גורם געווען די פאַרטיפערונג פונעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קריזיס, וועלכער האָט קודם־כל געטראָפן די אָרעמע און מיטלערדיקע פּויערים. דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל, וועלכער איז צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיטן פּריצנטום, איז געווען דער דיספּאָזיציע־צענטער פון אַלע פאַשיסטישע שטרעמונגען אין פּוילן, און באַזונדערס פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור פון דער סאַנאַציע, וועלכע האָט באַרויבט די פאָלקס־מאַסן פון די רעשטלעך פון זייערע פּאָליטישע רעכט. די פּאָליטיק פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל און פון אידע פּריצישע פאַרבינדעטע, וועלכע איז געפירט געוואָרן אונטער נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען, האָט געצילט אין בונד מיטן היטלערישן דריטן רייך — צו אַן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט דערפירט צו דער סעפּטעמבער־קאַטאַסטראָפע און איבערגעגעבן פּוילן אונטער יאָך פון די היטלעריסטישע אַריינדרינגער.

די הערשאַפט פונעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל האָט אַזוי אַרום באַדייט דאָס פאַרהאַמעווען און אפילו שלעפּן אויף צוריק די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, נויט און פּאָליטישע פאַרקנעכטונג פון די פאָלקס־מאַסן, און ענדלעך אַ טויט־געפאַר פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד.

דאָס דעמאַסקירן די אמתע ראָל פונעם פּוילישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז געווען און איז אַ געצייג פון די עקספּלאָאַטאַטאָרישע קלאַסן און וועמענס פּאָליטיק צילט צום אונטערגראָבן די נאַציאָנאַלע סווערעניטעט,

האָט איבערצייגט די ברייטסטע אַרבעטנדיקע מאַסן, אַז דער אמתער און אויפֿריכטיקער פּאַטריאָטיזם איז אומאָפּטיילבאַר פֿון דער סאָלידאַריטעט מיט די אינטערנאַציאָנאַלע כּוחות פֿון פּראָגרעס — אומאָפּטיילבאַר פֿונעם אינטערנאַציאָנאַליזם.

פֿאַרזיכערן די אמתע אומאָפּהענגיקייט און אַ ברייטע ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿונעם לאַנד, שאַפֿן באַדינגונגען פֿאַרן כּסדרדיקן וווּקס פֿונעם וווילשטאַנד פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, מאַכן די פֿאָלקס־מאַסן פֿאַר פֿול־בארעכטיקטע באַלעבאַטים פֿונעם פֿאָטערלאַנד, האָט געקאָנט נאָר דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער האָט בראש פֿון די פֿאָלקס־מאַסן אַראָפּגעוואָרפֿן די הערשאַפֿט פֿונעם גרויס־קאַפּיטאַל און פּריצנטום און גענומען די מאַכט אין זיינע הענט אַריין, ווי דער פֿאָרגעשריטענער כּוח פֿונעם פּוילישן פֿאָלק.

צו דער האַזיקער ראָל איז דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס רייף געוואָרן אינעם קאַמף, וואָס האָט געדויערט אַ סך יאָרצענדליקער, אין קאַמף קעגן יעטוועדע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אין קאַמף קעגן די היימישע און אויסלענדישע אויסנוצער, אין קאַמף קעגן אַלע שטרעמונגען, וועלכע האָבן אינערהאַלב דער אַרבעטער־באַוועגונג רעפּרעזענטירט די אידעאָלאָגישע איינפֿלוסן פֿון דער בורזשואַזיע.

דער „ערשטער פּראָלעטאַריאַט", הגם ער האָט נישט אויסגעמיטן קיין פֿעלערן, איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע, אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָט געקעמפֿט קעגן צאַריזם און די קאַפּיטאַליסטן אין ענגן בונד מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער העלדישער קאַמף פֿונעם „ערשטן פּראָלעטאַריאַט", די העראָישע געשטאַלט פֿון לודוויק וואַרינסקי, פֿונעם ערשטן גרויסן פֿירער פֿון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, ליגן אין יסוד פֿון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוועגונג אין פּוילן און לייכטן ווי אַ מוסטער פֿאַר די בעסטע אַרבעטער־קעמפֿער פֿון די שפּעטערדיקע דורות.

די איינהייט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויפֿן יסוד פֿונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף איז צעבראָכן געוואָרן דורך דער שטרעמונג פֿון פּשרה מיט דער בורזשואַזיע, דורך דער אַנטימאַרקסיסטישער און נאַציאָנאַליסטישער שטרעמונג, וועלכע איז רעפּרעזענטירט געווען דורך דער פּפּס. די פּפּס איז אַנטשטאַנען ווי אַ פּאַרטיי, וואָס האָט רעווידירט אין רעפֿאָרמיסטישן און פּשרהדיקן גייסט די דערגרייכונגען פֿונעם „ערשטן פּראָלעטאַריאַט", ווי אַ פּאַרטיי, וועלכע איז געפֿירט געוואָרן דורך די ענג־פּאַר־

בונדעגע צווישן זיך רעכטסאָציאַלדעמאָקראַטישע און פּילסודסקיש־נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן.

די רעכטע פּפּס האָט געבראַכן אין 1905 יאָר דעם געמיינזאַמען רע־וואָלוציאָנערן קאַמף פונם פּוילישן און רוסישן פּראָלעטאַריאַט, און איז נאָכן 1905 יאָר אַריבער אין דינסט פונם עסטרייכיש־דייטשישן אימפּער־יאַליזם; זי האָט אונטערגעשטיצט דעם דאָזיקן אימפּעריאַליזם אין דער רויבערישער מלחמה פון 1914—1918 יאָר, אָנטיילנעמענדיק אין פּיל־סודסקיס לעגיאָנען; זי האָט אָפּגעראַטעוועט די הערשאַפט פון דער בורזשו־אַזיע אין פּוילן, שפּאַלטנדיק די אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרטיידיקנדיק די מאַכט פונם קאַפּיטאַל אין 1918 יאָר; זי האָט אונטערגעשטיצט דעם פאַרברעכערישן קריגס־צוג קעגן די סאָוויעטישע רעפּובליקן אין די יאָרן 1919—1920, געשטיצט אויך ווייטער נאָכן יאָר 1920 די בורזשואַזע רעגירונגען אין פּוילן און האָט אין אָנהייב אָפן, און שפּעטער אונטערן מאַנטל פון אָפּאָזיציע פאַקטיש אונטערגעהאַלטן די סאַנאַטאָרישע דיקטאַ־טור; ביזן לעצטן מאָמענט ערב סעפּטעמבער 1939 האָט זי פּאַראַליזירט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן דער סאַנאַ־ציע, קעגן דער הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריציס, קעגן זייער פּראָהיטלערישער פּאָליטיק, וועלכע האָט געדראָט פּוילן מיט אַ טויט־גע־פאַר. די געשאַפענע דורך דער רעכטער פּפּס בעת דער אָקופּאַציע וו.ר.נ. איז געווען אַ קאַמפס־כוח פונם אַנטידעמאָקראַטישן לאַגער, און נאָך דער באַפרייאונג האָט זי זיך אַראָפּגעקייקלט צו דער ראָל פון אַן אַגענטור פון פרעמדן אימפּעריאַליזם אין קאַמף קעגן דעם פאָלקס־פּוילן.

די קלאַסן־רעוואָלוציאָנערע שטרעמונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קרוין־פּוילן און ליטע.

די סדקפּל איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע האָט מאָביליזירט דעם אַרבעטער־קלאַס צום קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן, פעסט געשטאַנען אויפן באָדן פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אויפן באָדן פון געמיינזאַמען קאַמף בײנאַנד מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קרוין־פּוילן און ליטע האָט גרופּירט אונטער אירע פענער די באַוווסטזיניקסטע און איבערגעגעבנסטע דער זאַך פון סאָציאַליזם אַרבעטער, דערציענדיק זיי אין גייסט פון אומקאָמפּראָמיס־לעכן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע און קאַפּיטאַליזם, אין גייסט פון קאַמף קעגן יעטוועדע פאָרמען פון בורזשואַזן איינפלוס אויף די אַרבעטנדיקע

מאַסן. די פּאָלעמיקע געשטאַלט פֿון פֿעליקס דזשערזשינסקי, איינעם פֿון די הויפּט־אָנפֿירער פֿון סדקפּל, און שפּעטער — איינעם פֿון די אָנפֿירנדיקע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון אָקטאָבער, דעם מיטקעמפֿער פֿון לענינען און סטאַלינען, איז די בעסטע פֿאַרקערפּערונג פֿון דער טראַדיציע, וועלכע ס׳האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה די סדקפּל.

שטייענדיק אויפֿן יסוד פֿון די פּרינציפּן פֿון מאַרקסיזם, איז די סדקפּל אָבער נישט געווען קיין קאָנסעקווענט מאַרקסיסטישע פּאַרטיי — אַ לענינישע פּאַרטיי. אירע פֿעלערן זיינען — די פֿאַלשע אָפּשאַצונג פֿונם אימפּעריאַליזם, די פֿאַלשע שטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און אין דער פּויערים־פֿראַגע, דאָס נישט פֿאַרשטיין די ראָל פֿון דער פּאַרטיי, דאָס נישט פֿאַרשטיין די ראָל פֿונם פּראָלעטאַריאַט אַלס העגעמאָן פֿון דער פֿאָלקס־רעוואָלוציע. די לעניניש־סטאַלינישע קריטיק פֿון די דאָזיקע פֿעלערן איז פֿולשטענדיק באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער געשיכטע. די ריכטיקייט פֿון דער דאָזיקער קריטיק איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן.

די קפּפּ, די קאָנטינואַטאָרין פֿון די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פֿונם „ערשטן פּראָלעטאַריאַט” און סדקפּל, האָט געקעמפּט אין יאָר 1919—1920 קעגן דעם איבערפֿאַל אויף די סאָוויעטישע רעפּובליקן, מאָביליזירט דעם אַרבעטער־קלאַס און די פֿאָלקס־מאַסן צום קאַמף פֿאַר מאַכט, צום קאַמף פֿאַר אַראָפּוואַרפֿן דעם קאַפּיטאַליזם. די קפּפּ האָט זיך געשטעלט אויפֿן באָדן פֿון די פּרינציפּן פֿון מאַרקסיזם־לעניניזם; זי האָט אָבער נישט באַוויזן ביזן סוף גובר צו זיין די סעקטאַנטישע טענדענצן פֿונם לוקסעמבורגיזם.

די קפּפּ האָט געפֿירט אַ קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן דער פֿאַטאַלער פּאָליטיק פֿונם פּוילישן פֿאַשיזם, און אין די יאָרן ערב דער סעפּטעמבער־קאַטאַסטראָפֿע אָנגעוויזן דעם איינציק־ריכטיקן וועג צו פֿאַרטיידיקן די אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן — דעם איינהייטלעכן אַרבעטער־פֿראָנט, דעם פֿאָלקס־פֿראָנט, דאָס אַראָפּוואַרפֿן די דיקטאַטור פֿון דער סאַנאַציע און דעם בונד מיט פּסס״ר.

די קפּפּ האָט אָנגעפֿירט מיט די גרויסע מאַסן־קאַמפֿן פֿונם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, געשטאַנען אין זיין שפּיץ אין דער פֿאַרטיידיקונג קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע, באַוויזן צוצוקומען צו באַדייטנדיקע טיילן פֿון די אַרבעטנדיקע פּויערים. די קפּפּ האָט דערצויגן צאָלרייכע און פֿאַרהאַרטעוועטע קאַדרען פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן, מסירת־נפֿשדיקע און איבערגעגעבענע קעמפֿער פֿאַר דער זאַך פֿון סאָציאַליזם.

די פּפּר האָט באַהעפט אין איין אומצערייסלעכער גאַנצקייט דעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, דעם קאַמף קעגן דייטשישן אָקופּאַנט און דעם קאַמף פאַר דער מאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער אָנפירונג פונם אַרבעטער־קלאַס, זי איז געווען די איינציקע פּאַרטיי, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט און קאָנסעקווענט רעאַליזירט די אידיי פונם בונד פון פּוילן מיטן ראַטנפאַרבאַנד. די פּאָליטיק פון פּפּר האָט דערלויבט אויסצונוצן דעם היסטאָרישן שאַנס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַ דאַנק דעם באַפרייען דאָס לאַנד דורך דער רויטער אַרמיי, אויסצונוצן דעם דאָזיקן שאַנס פאַרן דעראָבערן די מאַכט אין פּוילן דורכן אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטייט בראָש פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

דער וווּקס פונעם קלאַסן־באַוווּסטזיין פון די פּפּסישע אַרבעטער, די פּאַרטיציפּירונג פון דער סאָלידאַריטעט מיט די קאָמוניסטן אין רעזולטאַט פון אָנטייל אין די געמיינזאַמע קאַמפן און די אומבארחמנותדיקע קריטיק פונעם רעפאָרמיזם מצד דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־שטראָמונג, האָבן געבילדעט די עיקרדיקע קוואַלן פון דער אַנטוויקלונג פון דער לינקער, רעוואָלוציאָנערער, אויפריכטיק סאָציאַליסטישער, איינהייטס־פּראַקטיקער ריכטונג אין די רייען פון פּפּס. דער איינהייטס־פּראַקטיקער טייל אין פּפּס האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער רעכט־נאַציאָנאַליסטישער אָנפירונג. אַרויסגעשוויסן פון דער פּאַרטיי, פאַרפאָלגט דורך איר רעכטן פליגל, איז ער אויפסניי ווידערגעבוירן געוואָרן, אין אַנשפּאַר אויף נייע קאַדרען. צו די וויכטיקסטע דערשיינונגען פון דער דאָזיקער באַוועגונג געהערן: די פּפּס־לעוויצא, וועלכע האָט נאָכן 1906 יאָר באַזייטיקט די פּילסודסקיזנע פון די רייען פון דער פּאַרטיי און האָט, נישט געקוקט אויף אירע אָפּאָרטוניסטישע פעלערן, דערפירט אין 1918 יאָר די מאַסן פון אירע מיטגלידער צו דער פאַרייניקונג מיט דער ס"דקפּל; די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן אין פּפּס אין די יאָרן 1918—1921, און די אָפּאָזיציאָנעלע איינהייטס־פּראַקטיקע גרופּן אין די יאָרן 1934—1939. די דאָזיקע שטראָמונג האָט געשאַפן בעת דער אָקופּאַציע אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, די רפּפּס, אָנגעצייכנט די אַנטוויקלונגס־ליניע פון דער באַנייטער פּפּס און איז נאָכן דורכפירן אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן די רעכטע און פּטור־וועגנדיק פון די צענטריסטישע וואַקלונגען אַריבער אויף די וועגן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, מיטווירקנדיק צו דער רעאַליזירונג פון דער אָרגאַנישער איינהייט פונעם אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פֿון צעטראָמירן דעם דייטשישן פֿאַשיזם דורכן ראַטנפֿאַרבאַנד און אין רעזולטאַט פֿונעם קאַמף פֿון די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן איז אַנטשטאַנען ווי די רעוואָלוציאָנערע מאַכט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן בראָש מיטן אַרבעטער־קלאַס.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן אַנטוויקלט זיך אין אָנשפּאַר אויף דער הילף פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, שעפּנדיק פֿון די היסטאָרישע דערפֿאַרונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין ססס״ר.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן רעאַליזירט די צוזאַמענאַרבעט פֿון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־באַוועגונג.

די גרונט־שטריכן פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פּוילן זײַנען:

1. דאָס אַרויסשטויסן דעם גרויס־קאַפּיטאַל און דאָס פּריצנטום פֿון אַלע פּאָליטישע און ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס; די ליקווידאַציע פֿון די פּריצישע גיטער, די נאַציאָנאַליזירונג פֿון דער אינדוסטריע; דאָס אָפּרייניקן די פּויערים־באַוועגונג פֿון די קאַפּיטאַליסטישע איינפֿלוסן; דאָס ליקווידירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַגענטור אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

2. דאָס שאַפֿן אויף די חורבות פֿונעם אַלטן מלוכהשן אַפּאַראַט, וועלכער איז געווען אַן אַפּאַראַט פֿון קאַפּיטאַליסטישן געוואַלד לגבי די פֿאָלקס־מאַסן, אַ נײַעם מלוכהשן אַפּאַראַט, וואָס באַשטייט אין זײַנע עיקרדיקע רייען פֿון נײַע, פֿאָלקישע קאַדרען, דעם אַפּאַראַט, וועלכער איז געוואָרן דאָס געווער אינעם קאַמף קעגן יעטווידן פּרוּוו צוריקצושטעלן די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע און די הייב־שטאַנג פֿון די יסודותדיקע סטרוקטורעלע איבערגעשטאַלטיקונגען אין דער ריכטונג פֿון סאָציאַליזם; די ענגע פֿאַרבינדונג פֿונעם מיליטער מיטן אַרבעטנדיקן פֿאָלק און די דעמאָקראַטיזירונג פֿונעם אָפֿיצערן־קאָרפּוס; דער וואָס אַמאָל ברייטערער און אַקטיווערער אָנטייל פֿון די מאַסן אינעם פֿאַרוואַלטן מיט דער מלוכה.

3. דער אַרבעטער־און פּויערים־בונד — דאָס הייסט דער בונד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס מיט די ווייניקערדיקע און מיטלערדיקע פּויערים בײַ דער אָנפֿירנדיקער ראָל פֿונעם אַרבעטער־קלאַס.

4. די פֿאַרטיידיקונג פֿון דער סוּווערעניטעט און זיכערקייט פֿון פּוילן קעגן דער געפֿאַר פֿון אַן אַגרעסיע מצד די אימפּעריאַליסטישע כּור־

חות, און אויך דאָס פאַרזיכערן די אַנטוויקלונג פון פוילן צום סאָציאַליזם אין אַנשפּאַר אויפן ברידערלעכן בונד און פריינדשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער שטייט בראָש פונם גרויסן דעמאָקראַטישן, אַנטיאימפּעריאַליסטישן לאַגער.

אַלע טענדענצן, וואָס צילן לוויזער צו מאַכן די צוזאַמענאַרבעט מיטן ראַטנפאַרבאַנד, זיינען געווענדט קעגן די יסודות פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פוילן, און גלייכצייטיק קעגן דער אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער לאַנד.

5. דאָס באַגרענעצן, אַרויסשטויסן און בהדרגהדיקע באַזייטיקן פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן אין שטאָט און אויפן דאָרף דורך אַן אומפּשרותדיקן קלאַסן־קאַמף ביי אַ גלייכצייטיקער פּריוווילִיקער איבערגעשטאַלטיקונג פון דער קליינסחורהדיקער ווירטשאַפט אין אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט. אויף אַזאַ אופן באַזייטיקט די פאָלקס־דעמאָקראַטיע די עקאָנאָמישע וואָרצלען פונם קאַפּיטאַליזם און, איבערשטרייכנדיק דערמיט יעדע מעגלעכקייט פון ווידעראויפלעבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פּלאַסטערט זי דעם וועג פאַרן סאָציאַליזם.

6. די שנעלע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות אין לאַנד אויפן יסוד פון דער פּלאַן־ווירטשאַפט, וואָס איר עיקרדיקע הייב־שטאַנג עס איז די נאַציאָנאַליזירטע אינדוסטריע, וועלכע שאַפט די דויערהאַפטע פונדאַמענטן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט אין שטאָט און אויפן דאָרף.

אינם האָזיקן פּראָצעס וועט וואַקסן די וואָג און די ראָל פונם אַרבעטער־קלאַס און דער מלוכה.

די בויאונג פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין פוילן באַשטעטיקט פולשטענדיק די לענין־סטאַלינישע לערע וועגן דער מלוכה. די פאָלקס־דעמאָקראַטיע איז אַ קעגנשטעלונג פון דער בורזשואַזער פּסעוודאָ־דעמאָקראַטיע, וועלכע איז אַ דעקמאַנטל פאַר דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע.

די פאָלקס־דעמאָקראַטיע — דאָס איז דער וועג צום סאָציאַליזם, דאָס איז אַ נייע פאָרם פון דער מאַכט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן מיטן אַרבעטער־קלאַס בראָש, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער נייער היסטאָרישער סיטואַציע און אַ דאַנק דעם אַנשפּאַר אויף ססר.

מאַרקס און ענגעלס האָבן געזען אַ מעגלעכקייט צו רעאַליזירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע פירט צום סאָציאַליזם, דורך אַ

פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אין וועלכער דער ארבעטער־קלאס האָט די איבערוועגנדיקע מערהייט.

אין רעזולטאַט פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלינען איז אַנטשטאַנען די ראַטן־רעפּובליק — די סאָוועטישע פאָרם פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז דעמאָלט געווען דער איינציק־מעגלעכער וועג צום סאָציאַליזם, וועלכער האָט דערפירט צום אויפבויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט און צום ליקווידירן די פונאַנדערטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, וואָס עס האָט דערמעגלעכט דעם היסטאָרישן זיג פון פאַסער איבערן פאַשיזם.

אין רעזולטאַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און געוואַלדיקן פאַרשאַרפן זיך פונם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם, אין רעזולטאַט פון צעשמעטערן דורך פאַסער דאָס פאַשיסטישע אימפּעריאַליסטישע דייטשלאַנד און פון דער אָפּשוואַכונג פונם אַלגעמיינעם פראָנט פון אימפּעריאַליזם, אין די באַדינגונגען פונם ריזיקן וווּקס פון דער מעכטיקייט פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז אין אַ ריי לענדער אַנטשטאַנען די מעגלעכקייט איבערצוגיין צום סאָציאַליזם נישט דורכן סאָוועטישן מאַכט־סיסטעם, נאָר דורכן סיסטעם פון דער מאַכט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אונטערן באַדינג פון ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט פאַסער און דעם כסדרדיקן פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען די מאַכט פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין אָנשפּאַר אויף דער הילף פון פאַסער און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

פאַרווירקלעכנדיק די מאַכט פון פאָלק אונטער דער אָנפירונג פונם ארבעטער־קלאס, קאָן און דאַרף דער סיסטעם פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער מאַכט אין דער היזיקער היסטאָרישער סיטואַציע, ווי ס'האָט שוין דאָס באַוויזן די דערפאַרונג, ווירקזאַם רעאַליזירן די עיקרדיקע פונקציעס פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכע רעדוצירן זיך צום ליקווידירן די קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און צום אָרגאַניזירן די סאָציאַליסטישעווירטשאַפט.

אַדאַנק דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע האָט פּוילן דערגרייכט:

1. אַ דויערהאַפטע פאַרזיכערונג פון דער אומאָפּהענגיקייט און די גרענעצן פון דער רעפּובליק,

2. דעם שנעלן ווידעראויפבוי פונם לאַנד נאָך די מלחמה־חורבות און די שנעלע אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד, אַ וווּקס פונם ספּע־

ציפישן געוויכט פון דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט,

3. דאָס צוריקגעווינען און פאַרווירטשאַפטן די מערב־געביטן,

4. די רעאַליזירונג פון דער פּלאַן־ווירטשאַפט און די ליקווידאַציע פון די קריזיסן,

5. די ליקווידירונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט, אַ סטאַבילע פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטער, ברייטע מעגלעכקייטן פון געזעלשאַפטלעכן אויפשטייג, דעם וואַקסנדיקן אַנטייל פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אינעם פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה,

6. אַ באַדייטנדיקע מילדערונג פונעם הונגער נאָך ערד ביי די פּויערים־מאַסן און אַ פאַרבעסערונג פון זייער עקזיסטענץ,

7. די אַנטוויקלונג פונעם שול־וועזן אויף אַלע שטאַפּלען, דאָס צוטריטלעך מאַכן פאַר די ברייטע מאַסן בילדונג און קולטור,

8. אַ פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע פרויען.

9. ברייטע מעגלעכקייטן אויף אַרבעט און בילדונג פאַר דער אַרבעטער און פּויערישער יוגנט.

אַזוי אַרום האָבן דער אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסן באַוויזן, אַז זייער מאַכט איז פעיק ביי צו קומען די אַלע שטערונגען, וועלכע די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים האָט געשטעלט אויפן וועג פון דער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, אויפן וועג פון הייבן דעם וווילשטאַנד פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און פאַרזיכערן די אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד.

אין די באַדינגונגען פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע בויט דער אַרבעטער־קלאַס די פונדאַמענטן פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין פּוילן. בויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם קאָן מען נאָר אין קלאַסן־קאַמף — אין קאַמף קעגן אַלע קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און זייערע אויסלענדישע פּראָטעקטאָרן.

אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע זיינען נאָך פאַראַן קאַפּיטאַליסטישע שיכטן. צו זיי געהערן די קאַפּיטאַליסטן אין דער אינדוסטריע און אין האַנדל, און אויך דער צאָלרייכסטער קאַפּיטאַליסטישער שיכט: די דאָרפישע קאַפּיטאַליסטן.

די דאָזיקע שיכטן, נישט קוקנדיק איצט צוריקשטעלן די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, שטרעבן אָפּצוהאַלטן דעם מאַרש צום סאָציאַליזם, האָפנדיק, אַז ס'וועט נאָך אויפקומען אַ גינסטיקע סיטואַציע צוריקצושטעלן דעם קאַפּיטאַליזם. אין אָפּשפּיגלונג פונעם

דרוק און שטרעבונגען פון די דאָזיקע קלאַסן זיינען די פּאַלשע און אַנטימאַרקסיסטישע טעאָריעס וועגן דער „סטאַביליזאַציע פון דער דריי־סעקטאָרדיקער ווירטשאַפט" און וועגן „אָפּשטאַרבן פונם קלאַסן־קאַמף".

דער וועג צום סאָציאַליזם פירט דורכן וויטערדיקן קלאַסן־קאַמף, דורך באַגרענעצן, אַרויסשטויסן, און, ענדלעך, ליקווידירן די עקספּלאָאַטאַטאָרישע קלאַסן.

אין אונדזער קאַמף פאַר אויפבויען דעם סאָציאַליזם אין פּוילן מוזן מיר בייקומען א ריי שוועריקייטן, וועלכע זיינען א ירושה נאָך דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, און באַזונדערס:

1. די עקזיסטענץ פון די עקספּלאָאַטאַטאָרישע קלאַסן און זייער פיינטלעכע טעטיקייט, וואָס איז געריכטעט קעגן דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, קעגן די פאָלקס־מאַסן און דער פאָלקס־מלוכה;

2. די ווירטשאַפטלעכע הינטערשטעליקייט פונם לאַנד און די פאַרניכטונגען, וועלכע ס'האָט גורם געווען די מלחמה און די היטלעריסטישע אָקופּאַציע: די דערפון אַרויסדרינגענדיקע נידעריקע אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט און דער נאָך אַלץ נישט באַפרידיקנדיקער לעבנס־ניוואָ פון די פאָלקס־מאַסן;

3. די קולטורעלע צוריקגעשטאַנענקייט פון א באַדייטנדיקן טייל פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס איז געבליבן בירושה נאָך די רעגירונגען פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים;

4. די עלעמענטן פון ביוראָקראַטיזם, וועלכע זיינען פאַראַן אין אונדזער מלוכהשן אַפּאַראַט;

5. דער נאָך אַלץ שלעכטער געזונטהייטס־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד.

די דאָזיקע אַלע שוועריקייטן קאָן מען און מ'דאַרף בייקומען דורך דער וויטערדיקער אָנגעשטרענגטער אַרבעט איבערן פונאַנדערבוי פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, קודם־כל אין קאַמף מיט די אויסנוצערישע שיכטן און זייערע נאָך פאַראַנענע איינפלוסן אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן. דעם סאָציאַליזם אין פּוילן וועלן אויפבויען די אַרבעטנדיקע מאַסן מיטן אַרבעטער־קלאַס בראש, ברעכנדיק דעם ווידערשטאַנד פון די יעניקע, וועלכע באַמיען זיך קעגנצושטעלן זיין אַנטוויקלונג.

די וועגן, וואָס פירן פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע צום סאָציאַליזם

דער קאַמף פאַר אויפבויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם אין פּוילן — איז א קאַמף פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון

לאַנד, אַ קאַמף קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרישע קלאַסן און דעם אומצע־רייסלעך מיט דעם פאַרבונדענעם קאַמף פאַרן הייבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די פאָלקס־מאַסן. די מאָביליזאַציע פונם אַרבעטער־קלאַס און די ברייטסטע מאַסן פון פאָלק צום דאָזיקן קאַמף — איז די עיקרדיקע אויפגאַבע פון פּפּר.

דאָס איז דער קאַמף פאַר רעאַליזירן דעם זעקסיאָר־פּלאַן — פאַר כמעט פאַרטאָפּלען אין משך פון זעקס יאָר די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון פּוילן, פאַר אַ וווּקס פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון לאַנד כמעט אויף אַ העלפט, פאַר דורכפירן גרויסע אינוועסטיציעס, וועלכע וועלן איבערגעשטאַלטיקן אונדזער לאַנד אין אַן אינדוסטריעל־אַגראַר לאַנד, פאַר פאַרקלענערן דעם אונטערשיד צווישן דעם ניוואָ פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון טייל געגנטן פון לאַנד, אויפהייבנדיק ווירטשאַפטלעך די היינט הינטערשטעליקע געביטן.

דאָס איז דער קאַמף פאַר קאָנטראָלירן און שטופנווייזן אַרויס־שטויסן פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט די קאַפּיטאַליסטישע עלע־מענטן, פאַר אַרומנעמען אַלע ווירטשאַפטלעכע געביטן דורך פאַרגעזעל־שאַפטלעכטן סעקטאָר, פאַר אַרומנעמען מיט דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַציע, וואָס באַקומען הילף און ווערט אָנגעפירט דורך דער פאָלקס־מלוכה, אַלע געביטן פון דער קליינסחורהדיקער ווירטשאַפט.

די פּאַרטיי וועט קעמפן:

1. פאַר דער כסדרדיקער פאַרשטאַרקונג פון דער פאָלקס־מאַכט, פאַר פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע פונם אַרבעטער־קלאַס, פאַרן וווּקס פונם די־רעקטן אָנטייל פון די פאָלקס־מאַסן אין פאַרוואַלטן מיט דער מלוכה, פאַר פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן ביוראָקראַטיזם, פאַר דעמאָקראַטיזירן אַלע ריינגען פונם מלוכהשן אַפּאַראַט;

2. פאַר דער ווייטערדיקער פאַרבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן דורכן וווּקס פון די רעאַלע פאַרדינסטן, דורכן פאַרבעסערן די וווינונגס־באַדינגונגען און אויסבעסערן אַלע מינים סאָציאַלע הילף;

3. פאַר פאַרשטאַרקן אינם מלוכהשן און ווירטשאַפטלעכן לעבן די ראָל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניקן — די שול פון רעגירן און פון סאָציאַליסטישער דערציאונג;

4. פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג פון אַרבעטס־פאַר־מעסט, ווי דעם יסודותדיקן סאָציאַליסטישן מעטאָד פון הייבן די אַר־בעטס־פּראָדוקטיווקייט;

5. פאַר אויסראָטן אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַליזם, וועלכער פירט צו דער דעגענעראַציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער קאָנסעקווענץ באַדראָט ער די לעבנס־וויכטיקסטע אינטערעסן פונם פאָלק. ס'באַשטעטיקט דאָס די דערפאַרונג פונם פוילישן און אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, און לעצטנס די קאַטאַסטראָפאַלע פּאָליטיק פון דער נאַציאָנאַליסטישער טיטאָ־גרופּע אין יוגאָסלאַוויע;

6. פאַר אויסוואָרצלען פונם באַוווּסטזיין פון די פאָלקס־מאַסן די איבערבלייבעכצן פון דעם אַלטן שטייגער, עגאָאיזם, דעמאָראַליזאַציע, פינצטערקייט, אַלע מינים פאָראורטיילן און איינגעדענישן, פאַר איינפלאַנצן און פאַרפעסטיקן אין די מאַסן די סאָציאַליסטישע מאָראַל;

7. פאַר דערציען די אַרבעטנדיקע מאַסן אינעם גייסט פון מסירת־נפשדיקייט פאַרן פאָטערלאַנד, אין גייסט פון אמתן פּאַטריאָטיזם, וועלכער איז אומאָפּטיילבאַר פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

אינעם קאַמף פאַר אויפבויען די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם אין פוילן איז אומבאַדינגט נייטיק האָס וויטערדיקע פאַרשטאַרקן און אונטערוויקלען אין די נייע באַדינגונגען דעם אַרבעטער־ און פויערים־בונד.

די פאָלקס־דעמאָקראַטיע האָט — דורך דער אַגראַר־רעפאָרם אויף די אַלטע געביטן און דורך באַזעצן די צוריקגעוואונענע געגנטן — געגעבן די פויערים־מאַסן מיליאָנען העקטאַר ערד. די פאָלקס־דעמאָקראַטיע האָט אָפּגעשאַפט דאָס עקספּלאָאַטירן די פויערים־מאַסן דורך די פּריצים און קאַפּיטאַליסטישע קאַרטעלן, זי באַגרענעצט וואָס אַמאָל מער די עקספּלאָאַטאַציע פון פויער דורך די שפּעקולאַנטן און דעם קאַפּיטאַליסטישן האַנדל. א דאַנק דעם האָט די פאָלקס־דעמאָקראַטיע באַדייטנדיק פאַרבעסערט די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע פויערים און האַמעוועט די פאָפּערי־זאַציע פון די אָרעמע און מיטלערדיקע פויערים. מ'קאָן אָבער נישט איינהאַלטן דעם דאָזיקן פּראָצעס אויף שטענדיק און אין די באַדינגונגען פון דער קליינסחורהדיקער ווירטשאַפט.

אין די באַדינגונגען פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע דויערט און פאַרשאַרפט זיך אויפן דאָרף דער קאַמף צווישן די דאָרפישע קאַפּיטאַליסטן און די וויניק־און מיטלערדיקע פויערים. דעם דאָזיקן קאַמף פירט דער קאַפּיטאַליזם דורך נעמען וווכערישע פּראָצענטער פאַר הלוואות, דורכן ווּכערישן צווינגען אָפּצואַרבעטן פאַרן אויסבאָרגן לעבעדיקן אָדער טויטן אינווענטאַר, דורך איבערכאַפּן די קרעדיטן און אינדוסטריעלע סחורות, וואָס זיינען באַשטימט פאַר די אַרבעטנדיקע פויערים, דורך אַריינדרינ־

גען אין די אונטערשטע ריינגען פון דער פּויערים־קאָאָפּעראַציע, אין דער מלוכהשער און קאָמונאַלער אדמיניסטראַציע און אַנדערע מעטאָדן.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע מוז צעברעכן די עקספּלאָאַטאַציע אויפן דאָרף, מאָביליזירנדיק די אָרעמע און מיטלערדיקע פּויערים צום קאַמף קעגן די אויסנוצערס.

אין דעם דאָזיקן קאַמף מוז דער אַרבעטער־קלאַס און די מלוכה אונטערשטיצן די אַרבעטנדיקע פּויערים דורך:

איבערגעבן צו זייער דיספּאָזיציע, דורך די מאַשינען־צענטערן, מאָדערנע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינען און פֿאַרזיכערן זיי די פֿאָרהאַנט און פּריווילעגיעס ביים געניסן פֿון די דאָזיקע מאַשינען;

פֿונאַנדערבויען די פּויערים־קאָאָפּעראַציע און באַפֿרייען זי פֿון אונטערן איינפֿלוס פֿון די דאָרפֿישע גבירים;

געבן זיי קרעדיטן דורכן פֿאַרבאַנד פֿון דער פּויערישער זעלבסטהילף און דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע;

אָפּרייניקן די מלוכהשע און קאָמונאַלע אַדמיניסטראַציע אויפֿן דאָרף פֿון די דאָרפֿישע קאַפּיטאַליסטן און זייערע צוהעלפֿער און איבערוואַרפֿן די הויפּט־לאַסט פֿון די שטייערן אויף די דאָרפֿישע קאַפּיטאַליסטן.

די סטאַבילע פֿאַרזיכערונג פֿונעם וווילשטאַנד פֿון די אַרבעטנדיקע פּויערים און אַ באַדייטנדיק אויפֿהייבן די פּראָדוקציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, דאָס אײַנשפּאָרן די לאַנדווירטשאַפֿט אויף די נייעסטע דערגרייכונגען פֿון דער טעכניק און וויסנשאַפֿט, איז אָבער מעגלעך נאָר דורך דער קאָלעקטיווער ווירטשאַפֿט אויפֿן דאָרף, וואָס ווערט געפֿירט אין דער פֿאָרם פֿון פּראָדוצירער־קאָאָפּעראַציע. ווען דעם זאָגט צום בעסטן עדות דער ביישפּיל פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. די קאָנקרעטע פֿאָרמען פֿון דער דאָזיקער קאָאָפּעראַציע, צוגעפּאַסטע צו אונדזערע באַדינגונגען, וועלן שאַפֿן און אַנטוויקלען די פּוילישע פּויערים אַליין, איבערצייגנדיק זיך אין דער פּראַקטיק וועגן דער העכערקייט פֿון דער קאָלעקטיווער לאַנדווירטשאַפֿט. די פֿאָלקס־מלוכה און דער אַרבעטער־קלאַס ווייזן אַרויס די פּויערים יעטווידע הילף ביים איבערבויען די לאַנדווירטשאַפֿט.

די פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין דער ריכטונג פֿון סאָציאַליזם, מוז אויך דורכפֿירן פּרינציפּיעלע איבערגעשטאַלטיקונגען אויפֿן קולטור־געביט. זי מוז איבערנעמען דעם גרויסן פֿאַרמעג פֿון די פּראָגרעסיווע שעפֿער אויף אַלע געביטן פֿון דער פּוילישער קולטור, זי מוז אָנבינדן צו די פּראָגרעסיווע, הומאַניסטישע און דעמאָקראַטישע

טראַדיציעס, וועלכע זיינען פאַראַן אין אונדזער קולטור, אָנבינדן צו די פריאָדן פון דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, וועלכע זיינען אומצערייסלעך פאַרבונדן מיטן קאַמף פון די פּראָגרעסיווע כוחות פונם פוילישן פאָלק קעגן דער ריאַקציע.

כדי צו רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבן מוז די פאָלקס־דעמאָקראַטיע באַקעמפן אין דער נאַציאָנאַלער קולטור אַלע איינפלוסן פון די ריאַקציאָנערע עלעמענטן, זי מוז אַנטוויקלען די קולטור, וויסנשאַפט און קונסט, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די שטרעבונגען פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע שפּיגלען אָפּ זייערע באַגערן, וואָס דערציִען דאָס פאָלק אינעם גייסט פון הומאַניזם, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

אַזוי אַרום וועלן אין פוילן געשאַפן ווערן די פאָרהנחות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער קולטור.

די גרונט־באַדינגונגען פאַרן שאַפן אַזאַ קולטור זיינען: די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פונעם אַנאַלפאַבעטיזם אין לאַנד, די ווייטערדיקע פונאַנדערבויאונג פונעם שול־וועזן אויף אַלע שטאַפּלען, באַזונדערס פונעם פאַכשול־וועזן, דאָס דערציִען נייע לערער־קאַדרען און אַ באַדייטנדיקע פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די לערער, דאָס הייבן דעם אידעאָלאָגישן ניוואָ פון אונדזער שול־וועזן און דורכדרינגען דאָס דאָזיקע שול־וועזן מיט די אידייען פון מאַרקסיזם־לעניניזם, דאָס פאַרבונדן די טוער פון דער וויסנשאַפט און קונסט מיט די פאָלקס־מאַסן און זייער קאַמף, די ברייטע פונאַנדערבויאונג פון די קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאָט און אויפן דאָרף, דאָס צוטריטלעך מאַכן פאַר די פאָלקס־מאַסן אַלע דערגרייכונגען פון דער קולטור און דער אַקטיווער אָנטייל פון די מאַסן אינעם בויען די נייע קולטור.

דאָס וועט פאַרזיכערן אַן אומגעזעענעם ביז איצט פונאַנדערבלי פונעם וויסנשאַפטלעכן און קינסטלערישן שאַפן.

די פּאַרטיי שטייט אויפן יסוד פון פרייהייט פון געוויסן און רעליגיעזע גלויבנס, זי רעספּעקטירט די רעליגיעזע געפילן פון די גלויביקע מענטשן, זי מישט זיך נישט אריין אין די אינערלעכע ענינים פון דער קירך. די פּאַרטיי פאָדערט אָבער פונעם קלער פון אַלע גלויבנס, ער זאָל לאָיאַל אויספירן זיינע פליכטן לגבי דער פאָלקס־מלוכה. די פּאַרטיי וועט אויף אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן אופן באַקעמפן יעטוועדע ריאַקציאָנערע טענדענצן, וועלכע באַהאַלטן זיך צביעותדיק אונטערן מאַנטל פון כלומרשטן פאַרטיידיקן די רעליגיע, יעטוועדע טענדענצן, וואָס צילן אויסצונוצן די רעליגיעזע געפילן פון גלויביקע מענטשן, כדי צו זייען כאַאָס,

יעטוועדן פרווו צו פירן א רעאקציאנערע פאליטיק, אלע קלעריקאלע שטרעבונגען, וואס צילן אונטערצואורדענען דעם קלער דאס פאליטישע און געזעלשאפטלעכע לעבן פונם לאנד, די פארטיי שטייט אויפן יסוד פון אפטיילן די קירך פון דער מלוכה, אויפן יסוד פון דער וועלטלעכקייט פונם שול־וועזן און פון אלע עפנטלעכע אינסטיטוציעס.

דער זאך פון דער בויאונג פון סאציאליזם אין לאנד און דער פארזיכערונג פון זיין אומאפהענגיקייט דינט די אויסערן־פאליטיק פון פאלקס־פוילן. איר עיקרדיקע אנווייזונג איז דער ענגער בונד און די פריינדשאפט מיטן ראטנפארבאנד, מיט דער מלוכה פון דער גרויסער סאציאליסטישער אקטאבער־רעוואלוציע, מיט דער סאוויעטישער מלוכה, וועלכע האט בעת דער מלחמה קעגן היטלעריסטישן פאשיזם אפגעראטעוועט דאס פוילישע פאלק פון פיזישן אומקום און באפרייט פוילן פון דער היטלעריסטישער קנעכטשאפט. די דאזיקע פאליטיק איז אין הסכם מיט די טראדיציעס פון דער אומאפהענגיקייטס־דעמאקראטיע פונם פעריאד פון די נאציאנאלע אויפשטאנדן, פונם „ערשטן פראלעטאריאט” און סדקפל, מיט די טראדיציעס פון די קאמוניסטן און קאנסעקווענטע לינקע פוילישע סאציאליסטן, וועלכע האבן שטענדיק געקעמפט פאר דער פריינדשאפט פונם פוילישן פאלק מיט די פראגרעסיוו־רעוואלוציאנערע כוחות פון רוסלאנד, פאר דער פריינדשאפט פון פוילן מיטן ראטנפארבאנד.

די פוילישע אויסערן־פאליטיק שטעלט זיך קעגן דעם לאגער פון אימפעריאליזם, קודם כל פונם אמעריקאנער און ענגלישן אימפעריאליזם, וועלכער טרעט מיט די פיס די סוווערעניטעט פון די פעלקער, העצט אויף דעם אנטי־פוילישן דייטשישן שאוויניזם און באמיט זיך צוריקאויפצובויען דעם דייטשישן אימפעריאליזם — דעם טויט־שונא פון דער אומאפהענגיקייט פון פוילן. דער אמעריקאנער און ענגלישער אימפעריאליזם שטיצט אונטער און פינאנסירט די רעאקציאנערע כוחות אין פוילן, וועלכע האבן זיך אראפגעקייקלט ביז אפענעם נאציאנאלן פאראט. פוילן נעמט אקטיוו אנטייל אינם אנטי־אימפעריאליסטישן לאגער, בראש פון וועלכן עס שטייט דער ראטנפארבאנד. די בונדן, וואס זיינען פאראן צווישן דעם פאלקס־פוילן מיטן סאציאליסטישן ראטנפארבאנד און מיט די פאלקס־דעמאקראטישע לענדער — זיינען בונדן פון נייע טיפ, זיינען אן אויסדרוק פון דער סאלידאריטעט פון אונדזערע לענדער אין זייער שטרעבונג צום סאציאליזם און צו א קלאסנלאזער געזעלשאפט. דער בונד און די פריינדשאפט מיטן ראטנפארבאנד און די פאלקס־דעמאקראטישע לענדער גיט אונדז די מעגלעכקייט פון א שנעלערער ווירטשאפט־

לעבער אנטוויקלונג, פארזיכערט אונדז די מעגלעכקייט אויפצובויען דעם סאָציאַליזם אין פוילן. דער דאָזיקער בונד איז אַן אויסדרוק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס פאַר־בינדט פוילן מיטן אַרבעטער־קלאַס און די פאָלקס־כּוחות, מיטן לאַגער פון פּראָגרעס אויף דער גאַנצער וועלט.

די פּאַרטיי — דער אַוואַנגאַרד, אָרגאַניזאַטאָר און פירער פונעם אַרבעטער־קלאַס און פונעם פוילישן פאָלק

איינס מאַרש צום סאָציאַליזם גייט די פוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי בראָש פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון פוילישן פאָלק. די מאַרקסיסטישע שטרעמונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפירט דעם אַרבעטער־קלאַס און די פאָלקס־מאַסן צום קאַמף איינס פעריאָד פון דער פרעמדער הערשאַפט, בעת דער צווייטער אומאָפּהענגיקייט, אין די באַדינגונגען פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און אין פעריאָד פונעם קאַמף פאַר אויפבויען און פאַרפעסטיקן די פאָלקס־מאַכט אין פוילן.

דער „ערשטער פּראָלעטאַריאַט" איז געווען דער ערשטער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון די פוילישע אַרבעטער איינס קאַמף קעגן צאַריזם און קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קרוין־פוילן און ליטע האָט אָנגעפירט מיטן אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף קעגן די היימישע און פרעמדע אויסנוצער.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פוילן האָט בײנאַנד מיטן לינקן, איינ־הייטספראָנטיקן פליגל פון פּפּס געפירט די אַרבעטער און פויערים צום קאַמף קעגן דער מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פונעם דאָזיקן קאַמף.

די פּפּר און די פאַרבונדענע מיט איר רפּפּס זיינען געוואָרן דער פירער און אָרגאַניזאַטאָר שוין נישט בלויז פונעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר פון די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן איינס קאַמף קעגן דעם דייטשישן אָקופּאַנט.

די פוילישע פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי איז די יורשטע און קאָנ־טינואַטאָרין פון די דאָזיקע אַלע רומפולע טראַדיציעס. די פוילישע פאַ־ראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי וועט פירן דעם אַרבעטער־קלאַס, די פאָלקס־מאַסן און דאָס פוילישע פאָלק צום סאָציאַליזם, זי איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער בויאונג פון די פונדאַמענטן פון סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד.

דעריבער מוזן זיך אין די רייען פון פּזפּר געפינען די באַוווסטזי־ניקסטע, די מסירת־נפשדיקסטע, דיסציפּלינירטסטע זין און טעכטער פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די פאָלקס־מאַסן.

דעריבער מוז די פזפר זיך שטיצן אויף די פרינציפן פון אקטיוויטעט, פונם אקטיוון אנטייל פון אלע אירע מיטגלידער אין דער ארבעט פון דער פארטיי, זי מוז געטרוי אפהיטן איר אידעאלאגישע אייגהייטלעכקייט אויפן יסוד פון מארקסיזם־לעניניזם און די ארגאניזאציאנעלע דיסציפלין אין דער טעטיקייט.

דער אויסדרוק פון די דאזיקע פרינציפן איז דער דעמאקראטישער צענטראליזם, וואס זיינע ריכטליניעס ליגן אין יסוד פונם פארטיי־סטאטוט. א באשלוס, וועלכער איז איינמאל אנגענומען געווארן, דארף אויסגעפירט ווערן געשלאסן און אייגהייטלעך דורך אלע מיטגלידער פון דער פארטיי. ס'זיינען נישטא און ס'קאנען נישט זיין אין דער פארטיי קיין שום פראקציעס אדער גרופעס, וועלכע קאנען און מוזן ווערן אין אונדזערע באדינגונגען די דורכפירער פון פרעמדע איינפלוסן אויף דער פארטיי און דעם ארבעטער־קלאס. ס'קאן אין דער פארטיי נישט זיין קיין ארט פאר אנשויאונגען, וועלכע זיינען אין סתירה צום מארקסיזם־לעניניזם. די פאליטיק פון דער פארטיי מוז רעאליזירט ווערן דורך די מיטגלידער פון דער פארטיי, וועלכע זיינען טעטיק אין די גרויסע מאסן־ארגאניזאציעס, וואס בילדן די טראנסמיסיע פון דער פארטיי צו די ברייטסטע פאלקס־מאסן.

יעדע פארטיי־ארגאניזאציע מוז אומבויגזאם קעמפן פאר דער ריינקייט פון די רייען און פאר דער אידעאישער שטעלונג פון אירע מיטגלידער. געהערן צו דער פארטיי — איז דער גרעסטער כבוד, און יעדער פארטיי־מיטגליד מוז ארויסווייזן, אז ער איז ראוי דערצו דורך אויספירן מוסטערהאפט זיינע פליכטן. קריטיק און זעלבסטקריטיק — זיינען א מעכטיק געווער פאר דערציען די מיטגלידער־מאסן, דאס געווער פון קאמף פאר דער ריכטיקער ליניע פון דער פארטיי. די פארטיי איז דער פארשטאנד, ערע און געוויסן פונם ארבעטער־קלאס.

מיר וועלן אויפבויען דעם סאציאליזם אין פוילן

אונדזער דור וועט פארווירקלעכן אין לעבן די טרוימען פון פיל דורות פוילישע רעוואלוציאנערן, ער וועט אויפבויען א סאציאליסטיש פוילן. מיר פאריניקן זיך, כדי אויסצופירן די דאזיקע היסטארישע אויפגאבן.

אונדזער פאראייניקונג שטיצט זיך:

אויף דער דערפארונג פונם קאמף פון דער פוילישער ארבעטער־באוועגונג קעגן די היימישע און פרעמדע אויסנוצער;

אויף דער דערפאַרונג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אויף דער דערפאַרונג פון דער פּאַרטיי פון לענין און סטאַלין;

אויפן פאַרשטיין די היסטאָרישע ראָל פון פּסמר;

אויף דער דערפאַרונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג;

אויף דער טראַדיציע פון די גרויסע פּראָגרעסיווע שטרעמונגען אינם פּוילישן פאָלק און אויף דער גאַנצער וועלט;

אויף דער טראַדיציע פונם געמיינזאַמען קאַמף פון די קאַפּעפּאָוצעס ביינאַנד מיט די איינהייטס־פראָנטיקע פּעפּעסאָוצעס אינם פאַר־סעפּטעמבער־פּעריאָד, אויף דער טראַדיציע פון דער צוזאַמענאַרבעט פון די פּע־פּעראָוצעס בעת דער אָקופּאַציע און נאָך דער באַפרייאונג פון לאַנד מיט די איינהייטס־פראָנטיקע כוחות אין דער רפּפּס און אין דער באַנייטער פּפּס;

אויף די שטרעבונגען און ווילן פון די ברייטסטע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן.

מיר פאַרייניקן זיך, ווי דער אַוואַנגאַרד פונם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, ווי דער פאָרגעשריטענער כוח פונם פּוילישן פאָלק אין זיין מאַרש צום סאָציאַליזם, ווי דער פּוילישער אָפּטייל פונם אינטערנאַציאָנאַלן פראָנט פון פרייהייט און פּראָגרעס, פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. מיר פאַרייניקן זיך, כדי צו פירן פּוילן פאָרויס, צו פולער סאָציאַלער גערעכטיקייט, צום אָפּשאַפן יעטוועדע עקספּלאָאַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, צום סאָציאַליזם.

„פאָלקס־שטימע"
אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ' 42 (151), אָקטאָבער 1949 יאָר.

„איר זייט מיטבאַלעבאַטים אויף דער דאָזיקער ערד"

באַגריסונגס־רעדע פון מיניסטער הענריק יאַבלאָנסקי אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט [1]

באַגריסנדיק אין נאָמען פון דער רעגירונג פון דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק דעם ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין פוילן, וואָלט איך געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז אַלע רע־גירונגס־פאַקטאָרן, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער בילדונג און קולטור ביי אונדז אין לאַנד, זעען אין אייער צו־זאַמענפאָר — אַ באַווייז פון דער וויטאַליטעט פון די באמת פּראָגרעסיווע כוחות אין דער יידישער געזעלשאַפט, און גלייכצייטיק אַ באַווייז פון דער ריכטיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון אונדזער פאָלקס־מלוכה.

פאַר אונדזער רעגירונג איז קלאָר, אַז נאָר אַזאַ קולטור־פּאָליטיק, וואָס שטיצט זיך אויף אויפריכטיקן אינטערנאַציאָנאַליסטישן פּאַטריאָטיזם, קאָן פאַרזיכערן אַ געהעריקע אַנטוויקלונג פון דער פוילישער פאָלקס־קולטור, נאָר דורך אַזאַ צוזאַמענאַרבעט, וואָס איז געשטיצט אויף דעם ברודערלעכן צוטרוי פון אַלע באמת פרייע פעלקער, וועלכע האָבן אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די לאַסט פון קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג, איז מעגלעך אַ וואָס אַמאָל גרעסערער צושטייער פון אונדזער פאָלק צום אַל־געמיינעם קולטור־אוצר פון דער וועלט.

זייענדיק אַדורכגעדרונגען מיט דער טיפסטער ליבע צו אונדזער פאָטערלאַנד, ווייסן מיר אָבער, אַז זיין גרעסטער שונא, די גרעסטע גע־פאַר, וואָס דראָט מיט דער אָפּווייכונג פון דעם געהעריקן וועג פון דעם אַלץ־שטייגנדיקן וווּקס פון אונדזער פאָלקס־קולטור, וואָלט געווען דאָס אַראָפּקייקלען זיך אויף נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס.

---

[1] דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין יאָר 1949, אין ווראָצלאַוו (רעד.).

מיר ווייסן אויסגעצייכנט, אז דאָס פּוילישע פאָלק, וואָס וואָלט אונטערגעדריקט אַנדערע פעלקער, וואָלט אליין נישט געקאָנט זיין באמת פריי, ווייל עס וואָלט געמוזט זיין אַן אונטערדריקונגס־אָביעקט סיי פאַר פרעמדע, סיי פאַר אייגענע אויסנוצער.

מיר ווייסן, אז דאָס אָפּווייכן פונעם וועג פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָלט אויסגעליפערט אונדזער לאַנד אין די הענט פונעם וועלט־קאַפּיטאַליזם און וואָלט גלייכצייטיק דערפירט צו דער רעסטאַוראַציע פונעם קאַפּיטאַליזם ביי אונדז אין לאַנד.

פירנדיק אונדזער אַרבעט מיט דער דאָזיקער איבערצייגונג, מוזן מיר פעסטשטעלן, אז אלס איינע פון די וויכטיקסטע פליכטן פון אונדזערע מלוכהשע אָרגאַנען, מוזן מיר אָנערקענען די זאָרג פאַר דער פולער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון אלע פעלקער, וואָס באַוווינען אונדזער לאַנד.

די זאָרג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ווייסרוסישער, טשעכישער, סלאָוואַקישער אָדער יידישער קולטור און בילדונג ביי אונדז אין לאַנד — איז אַ געהעריק פאַרשטאַנענע זאָרג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער קולטור. אָן דער באַוווסטזיניקער אונטערשטיצונג פון די קולטורן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן אַ ווירקלעך פרייער קולטור פון פּוילישן פאָלק.

דורות לאַנג באַוווינט איר יידן שוין די דאָזיקע ערד, די בעסטע פאַרשטייער פון אייער פאָלק האָבן מיטן אייגענעם בלוט באַוויזן, אַז איר זייט אירע זין. פון דער דאָזיקער ערד זייט איר מיטבאַלעבאַטים. איך רעד נאַטירלעך וועגן די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אין סאַנאַציע־פּוילן האָבן די פּוילישע און יידישע פאָלקס־מאַסן צוזאַמען געקעמפט. די באמת־פּראָגרעסיווע עלעמענטן, פּוילישע ווי יידישע, ווייסן גוט, וואָס דאָס הייסט צוזאַמענאַרבעט, זיי ווייסן גוט, וואָס דאָס הייסט איינִיקייט אין דינסט פון אונדזער פאָלקס־מלוכה, זיי ווייסן מיט וואָס פאַר אַ וועג זיי דאַרפן גיין, בכדי צו פאַרפעסטיקן דעם שלום אויף דער וועלט און די מעגלעכקייטן פון פרייער אַנטוויקלונג פון יעטווערן פאָלק.

די פּוילישע און יידישע אַרבעטער אין פּוילן פאַרשטייען גוט דעם טיפן אינהאַלט פון די ווערטער פון דעם גרויסן כינעזישן פרייהייטס־קעמפער טשו־ען־ליי, ווען ער האָט געזאָגט:

„קיין שום אונטערדריקט פאָלק קאָן נישט דעראָבערן קיין פאַקטישע פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט אין רעזולטאַט פון דער א. ג. הילף פון

אימפּעריאַליסטישע מלוכות. פון קיין שום אימפּעריאַליסטישער מלוכה קאָן מען נישט דערוואַרטן קיין שום הילף אין קאַמף פאַר אמתער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט".

די האָזיקע ווערטער זיינען פּונקט אַזוי ריכטיק אויפן ווייטן מזרח, ווי ביי אונדז אין אייראָפּע.

אַן אמתער פּאַטריאָט, וועלכער שטרעבט אויפריכטיק צו דער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור, קאָן געפינען פאַר זיך נאָר אַן אָרט אינעם לאַגער פון שלום, אינעם לאַגער פון ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער. קיין קאָמפּראָמיס, קיין שום לאַווירונג קאָן דאָ נישט זיין.

„בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם און פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם האָט זיינען צוויי קעגנזעצלעכע לאָזונגען, פון צוויי באַזונדערע קלאַסן־לאַגערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וועלכע דריקן אויס צוויי באַזונדערע פּאָליטישע איינשטעלונגען — נאָך מערער, צוויי וועלט־אָנשויאונגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע" — האָט געזאָגט לענין.

און עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען אויף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען באַצווייפלען דעם טיפן אמת פון די דאָזיקע ווערטער.

די וועלט איז היינט פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי קעגנזעצלעכע אַנטאַגאָניסטישע לאַגערן; איינער פון די לאַגערן — דאָס איז שלום, סאָציאַלע גערעכטיקייט, פרייע אַנטוויקלונג פון פעלקער; דער צווייטער לאַגער — איז מלחמה, קאַפּיטאַליסטישע אונטערדריקונג, פאַרשקלאַפונג פון פעלקער דורך דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

וווּ איז איז וועלכע באַדינגונגען דאָס אָרט פון יידישן פּאַטריאָט, וואָס שטרעבט אויפריכטיק צו דער אַנטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלער קולטור?

מען דאַרף אפילו נישט פרעגן.

דער ענטפער איז אַן אומצווייפלהאַפט־קלאָרער — זיין אָרט איז מיט אונדז — אינעם לאַגער, וואָס אין זיין שפּיץ שטייט דאָס גרויסע לאַנד פון סאָציאַליזם, אינעם לאַגער, אין וועלכן עס געפינט זיך דער פירער פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאָרער וועלט — יאָסיף סטאַלין.

דער אמת־יידישער פּאַטריאָט קאָן נאָר אין אונדזער לאַנד זען די גאַראַנטיע פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין קולטור. אונדזער פליכט איז פּונקט ווי ביז איצט: באַשיצן און אַרומרינגלען מיט דער געהעריקער זאָרג די אַרבעט פון די אויפריכטיקע יידישע פּאַטריאָטן, ווייל יעדער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פּאַטריאָט — ייד איז אַ ברודער פון יעדן אמתן פּוילישן פּאַטריאָט, ער איז דער נאָענטסטער פאַרבינדעטער אין דער אַרבעט אויף אונדזער געמיינזאַמען וועג פון אויפבויען אונדזער פּוילישע פאָלקס־רעפּובליק.

אין דער טיפסטער איבערציינגונג וועגן דער געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן וווּנטש איך אייך דעם בעסטן דערפאָלג אין אייער אַרבעט.

„פאָלקס־שטימע"
אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ' 42 (151), אָקטאָבער 1949 יאָר.

„אייער צוזאַמענפאָר דאַרף אידעאָלאָגיש באַוואָפענען די אַרבעטנדיקע מאַסן צום געמיינזאַמען קאַמף פאַר אַ פאָלקס־פּוילן"

באַגריסונגס־רעדע פון פאָרשטייער פון צ. ק. פּ.פ.אַ.פּ. ח' קאַזשימיעזש וויטאַשעווסקי אויפן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט

ס'איז מיר אויסגעפאַלן דער כבוד צו באַגריסן אייער צוזאַמענפאָר אין נאָמען פון צ. ק. פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי און איבערגעבן אייך און דורך אייער פאַרמיטלונג אַלע אַרבעטנדיקע יידן אונדזער ברידערלעכן און פּראָלעטאַרישן גרוס. מיר ווינטשן, אַז די רעזולטאַטן פון אייער צוזאַמענפאָר זאָלן נאָך מער שטאַרקן די אַרבעטנדיקע יידישע געזעלשאַפט אין איר באַוווסטזיין פון דעם געמיינזאַמען קאַמף צוזאַמען מיטן אַרבעטער־קלאַס פון פוילן פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, שלום, פעלקער־פריינדשאַפט, פאַר סאָציאַליזם!

נאָר אויפן וועג פון געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער רעאַקציע, אויפן וועג פון קלאַסן־קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע און פּאַראַזיטישע עלעמענטן, איז מעגלעך די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון וווילשטאַנד און קולטור פון די אַרבעטנדיקע יידישע און פוילישע מאַסן.

אונדזער פאָלקס־מאַכט, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דעם זיגרייכן קאַמף פון דער העלדישער רויטער אַרמיי און פוילישן מיליטער קעגן דעם מערדערישן היטלעריסטישן פאַשיזם, פאַרזיכערט גלייכע רעכט און פליכטן אַלע אויפריכטיקע און אַרבעטנדיקע בירגער פון אונדזער לאַנד.

אייער איצט פאָרקומענדיקער צוזאַמענפאָר פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין וראָצלאַוו איז דער בעסטער באַווייז פון דער ריכטיקייט פון אונדזער אַנטוויקלונגס־וועג, איז אַ לעבעדיקער ביישפּיל

פון זיג פון די פּראָגרעסיווע כוחות קעגן פאשיזם, איז א באַווייז פון פון דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע בירגער, וועמענס רעכט עס קען גאַראַנטירן נאָר די פאָלקס־מאַכט.

אונדזער רעגירונג רעאַליזירט אין דער פּראַקטיק אַט די רעכט. נישט מאַכנדיק קיין שום נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, גיט זי די מעגלעכקייטן יעטוועדן בירגער צו פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע אין לעבן אָפּהענגיק פון זיינע פעיקייטן, גיט א מעגלעכקייט פאַר אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

מיר אונטערשטרייכן, אַז יעדער יידישער אַרבעטער און אַרבעטנדיקער אינטעליגענט, וועלכער נעמט אָנטייל אין אויפבוי פון אונדזער לאַנד, האָט אַלע רעכטן און מעגלעכקייטן פון ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, יעטוועדע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן פאַרן אַרויספאָרן פון אונדזער לאַנד איז א שעדלעכע און ליגט נישט אין די אינטערעסן פון דער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג.

בכדי צו פאַרשטאַרקן אונדזער מאַכט און אויסברייטערן אירע דערגרייכונגען, בכדי צו אַנטוויקלען אונדזער ווירטשאַפט און דעם כוח פון אונדזער פאָלקס־מלוכה און בכדי עס זאָלן אין אַלץ בעסערע און קולטורעלערע באַדינגונגען קאָנען אַרבעטן און לעבן אַרבעטס־מענטשן, איז נייטיק פעסטער צו שליסן די רייען פון אַלע אויפריכטיקע און אַרבעטנדיקע מענטשן אין פּוילן צום קאַמף קעגן דער רעאַקציע און אונטערערד, צום קאַמף קעגן די אימפּעריאַליסטישע מלחמה־אונטערצינדער, פאַרשטאַרקן דעם כסדר וואַקסנדיקן קאַמפּס־פראָנט פאַר שלום, בראש פון וועלכן עס שטייט דער היטער פון שלום, דער פאַרטיידיקער פון די אונטערדריקטע פעלקער — דער ראַטנפאַרבאַנד.

צום לאַגער פון די פאַרטיידיקער פון שלום האָט זיך פאַראייניקט דאָס גרויסע כינעזישע פאָלק, וואָס שלאָגט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אומברחמנותדיק די אייגענע און אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן.

אין אונדזער לאַגער שליסט זיך אָן די דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, וועלכע שטעלט קלאָר און אומצווייַדייטיק די פראַגע פון אונדזער גרענעץ אויף דער אָדרע און ניסע אַלס די גרענעץ פון שלום, די פראַגע פון גוטער שכנותדיקער צוזאַמענאַרבעט צווישן אונדזערע פעלקער און זאָגט אָן א דעצידירטן קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם.

אינם לאגער פונם קאמף פאר שלום האט זיך אויך איינגעפלאכטן דער אַרבעטער־קלאס פון די קאפיטאליסטישע לענדער, בראש פון וועלכן עס שטייען די קאמוניסטישע און ארבעטער־פארטייען.

צו אונדזער לאגער האבן זיך אנגעשלאסן די קאלאניאלע און אפ־הענגיקע פעלקער, וועלכע שטרעבן צו אן אייגענער נאציאנאלער און מלוכהשער עקזיסטענץ.

עס וועלן נישט העלפן די אימפעריאליסטן קיין שום שאנטאזש און אטאם־באמבע, ווייל די געהיימניש פון דער אטאם־באמבע האט אויפ־געהערט צו עקזיסטירן. ס'פארמאגט זי אויך דער ראטנפארבאנד, וועל־כער האט אויפן פארום פון די פאראייניקטע נאציעס, פארטיידיקנדיק דעם שלום, ארויסגערוקט קאנקרעטע פארשלאגן פון פארבאטן די פראדוקציע פון דער אטאם־באמבע און שליסן אן אפמאך צווישן די גרויס־מאכטן.

אומזיסט זיינען די באמיאונגען פון אלערליי משרתים אין געשטאלט פון א טיטא אדער ראיק, סאראגאט אדער מאק, קאסמאפאליטן און טראצקיסטן. דער אַרבעטער־קלאס אין אלע לענדער וועט דעצידירט קעמפן מיט די רענעגאטן און סאציאל־פאשיסטן.

דער מארקסיזם־לעניניזם איז די טעאריע פון אונדזער קאמף. די רעוואלוציאנערע פראקטיק פון דער אלקפ(ב), איז דער וועגווייזער פאר דעם ארבעטער־קלאס אין דער גאנצער וועלט אין קאמף קעגן אימפע־ריאליזם, פאר שלום און סאציאליזם.

אונדזער פארטיי, די פוילישע פאראייניקטע ארבעטער־פארטיי, איז איבערצייגט, אז אין דער ארבעט פאר אנטוויקלען אונדזערווירטשאפטלעך, קולטורעל און געזעלשאפטלעך לעבן, אז אין קאמף קעגן דער רעאקציע און אונטערערד, קעגן סאבאטאזש און דיווערסיע, אז אין קאמף קעגן אימ־פעריאליזם, פאר שלום און סאציאליזם, וועט זיך געפינען יעדער אויפריכ־טיקער און ארבעטנדיקער ייד לעבן דעם ארבעטנדיקן פאליאק, כדי צו ארבעטן געמיינזאם און קעמפן געמיינזאם פאר שלום און סאציאליזם.

ענדיקנדיק, שטרעב איך נאכאמאל אונטערצושטרייכן די באדייטונג פון אייער צוזאמענפאר, וועלכער דארף פארפעסטיקן און באוואפענען אידעאלאגיש די ארבעטנדיקע מאסן צום געמיינזאמען קאמף פאר א פאלקס־פוילן.

זאל לעבן די אינטערנאציאנאלע סאלידאריטעט פון ארבעטער־קלאס.

זאל לעבן די פוילישע פאראייניקטע ארבעטער־פארטיי און איר פאר־זיצער חבר ביערוט!

„פאָלקס־שטימע"
אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער פוילישער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי
נומ׳ 44 (205), נאָוועמבער 1950 יאָר

רעדע פון פאָרשטייער פון צ. ק. פּזפּר חבר דוואָראַקאָווסקי אויף דער פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פוילן[1]

טייערע חברים און בירגער!

אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פוילישער פאַרייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי באַגריס איך האַרציק די פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ פון די דעלעגאַטן פון די ייִדישע קאָמיטעטן און ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט.

אונדזער פּאַרטיי, חברים, האַלט אייער קאָנפערענץ און אייער אַרבעט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ פאַר זייער וויכטיק.

אייער קאָנפערענץ קומט פאָר אין באַדינגונגען פון אַן אָנגעשטרענגטער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, אין באַדינגונגען פון שאַרפן קאַמף פאַר שלום, פרייהייט און פּראָגרעס, וועלכן עס פירט דער מעכטיקער וועלט־פראָנט פון שלום־פאַרטיידיקער אונטער דער אָנפירונג פון גרויסן ראַטנ־פאַרבאַנד — קעגן די פאַרברעכערישע כוחות פון מלחמה אונטער דער אָנפירונג פון גאַנגסטערישן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וואָס איז דער אויסדרוק פון די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן פינאַנס־קאַפּיטאַל, פון די מאָנאָפּאָלן און טרעסטן, איז אַריבער פון אַגרעסיע־צוגרייטונגען צו אָפענער, ברוטאַלער און צינישער אַגרעסיע. די אַנגלאָ־זאַקסישע אימפּעריאַליסטישע

---

[1] דעם 29 אָקטאָבער 1950 י. איז פאָרגעקומען די פאַרייניקונגס־קאָנפערענץ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן מיט דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין איין אָרגאַניזאַציע א. נ. קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פוילן. (רעד.)

וועלט־אונטערצינדער האָבן, אין זייער האַס צו די פֿאָלקס־מאַסן, צו דער מענטשהייט, צו דער קולטור, אויסגעקליבן דעם אויסגעטראַכטענעם און אויסגעפּרוווטן וועג פֿון די פֿאַשיסטישע מענטשן־מערדער פֿון אונטערן צייכן פֿון האַקנקרייץ. אונדז אַלעמען איז אָבער גוט באַקאַנט דער סוף פֿון דער פֿאַרברעכערישער היטלערישער קליקע.

די כּוחות פֿון אונדזער שלום־פֿראָנט זייַנען פֿיל גרעסער און מעכטיקער פֿון די כּוחות פֿון דער רעאַקציע, אימפּעריאַליזם און מלחמה. אונדזערע כּוחות וואַקסן כּסדר. דער שלום־לאַגער ווערט שטאַרקער יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט. דער ווירטשאַפֿטלעכער פּאָטענציאַל און פֿאַרטיידיקונגס־כּוח פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות און פֿון אומבאַזיגבאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד — דעם באַסטיאָן פֿון שלום אויף דער וועלט און זיכערקייט פֿון די פֿעלקער — וואַקסט און שטאַרקט זיך.

עס וואַקסן כּסדר און שטאַרקן זיך די רעוואָלוציאָנערע כּוחות פֿון אַרבעטער־קלאַס און פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די אין קאַמף פֿאַרהאַרטעוועטע קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע, קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער.

די מלחמה איז נישט אומפֿאַרמיידלעך. דער שלום־לאַגער אויף דער וועלט, מיט וועלכן עס פֿירט אָן דער מעכטיקער ראַטנפֿאַרבאַנד און אונדזער גענויאַלער פֿירער דער חבֿר סטאַלין, איז גענוג שטאַרק, כּדי צו קריצן די נידערטרעכטיקע פּלענער פֿון די אַנגלאָ־אַמעריקאַנישע אימפּעריאַליסטישע מלחמה־אונטערצינדער.

אין וועלט־פֿראָנט פֿון שלום פֿאַרנעמט אונדזער פֿאָלקס־פּוילן אַן אָנגעזעען אָרט. אונדזער פֿאַרשנעלערטער מאַרש צום סאָציאַליזם, אויפֿן וועג פֿון פֿאַרשאַרפֿטן קלאַסן־קאַמף אין שטאָט און אויפֿן דאָרף, שטאַרקט און דערהויבט אונדזער לאַנד און דערמיט שטאַרקט עס און דערהויבט דעם שלום־פֿראָנט. עס איז קלאָר און גענוי צייכנט געוואָרן דאָס אָרט פֿון יעדן פֿון אונדז אויף יעדן אַרבעטס־פּלאַץ אינעם זעקסיאָר־פּלאַן — אינעם פּלאַן פֿון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. יעדער, אונדז אָנפֿאַרטרויטער, אַרבעטס־אָפּשניט איז אַ קאַמפֿס־אָפּשניט פֿאַר סאָציאַליזם און שלום.

די ייִדישע אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעאַליזירונג פֿון זעקסיאָר־פּלאַן, אינעם קאַמף פֿאַר שלום. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון אונדזער פּאַרטיי, די רעגירונג און דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס דערשאַצן אין דער פֿולער מאָס די אָנשטרענגונג

פון די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, וועלכע קעמפן צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן פאַרן אויספירן און איבערשטייגן די פּראָדוקציע־פּלענער, פאַר העכערן די נאָרמעס, די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט און פאַר העכערן די פּראָדוקציע־קוואַליטעט אין די ראַמען פון דער גיגאַנטישער סאָציאַליסטישער בויאונג. מיר ווייסן, אַז צווישן די פאָרויסגייענדיקע מענטשן פון אונדזער לאַנד, צווישן די אַרבעטס־שלאָגלער, ראַציאָנאַליזאַטאָרן און נאָוואַטאָרן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, געפינען זיך אַ סך פּרעכטיקע בויער — יידישע אַרבעטער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג פון דער באַדייטונג פונם פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף אין דער יידישער סביבה קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם און רעאַקציע.

מיר קענען מיט צופרידנהייט פעסטשטעלן, אַז אַ באַדייטנדיקע מערהייט פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אין פאָלקס־פּוילן האָט ענדגילטיק פאַרבונדן איר גורל מיטן גורל פון אונדזער לאַנד, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם. גוט האָבן געטאָן די יידישע אַרבעטנדיקע, וואָס האָבן נישט פאַרביטן אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד אויפן מאַרשאַליזירטן קאַפּיטאַליסטישן ישראל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן און די יידישע קאָמיטעטן אין לאַנד האָבן אויסגעפירט אַ וויכטיקע און ווערטפולע אַרבעט לטובת דער יידישער געזעלשאַפט און אין אינטערעס פון פאָלקס־פּוילן. די דורכפירונג פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע, דאָס שאַפן אַ נעץ פון אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, דאָס פאַרלייגן שולן, פאַרשולן, די פּרעסע, טעאַטער, אַ ביכער־פאַרלאַג און דעם היסטאָרישן אינסטיטוט, האָט דערמעגלעכט דאָס איינשליסן די יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אינם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד און האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דערציען דעם נייעם מענטש, דעם אַרבעטער און אינטעליגענט פאַר אַ פולבאַרעכטיקטן מיטבויער פון פאָלקס־פּוילן, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט צוגעגרייט דעם באָדן אויף איבערצונעמען דורך דער רעגירונג די אויבנאויסגערעכנטע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען און ביי דער געענדערטער סיטואַציע זיינען פאַרשוווּנדן די סיבות, וועלכע האָבן אין פריערדיקן פעריאָד באַ־

רעכטיקט די עקזיסטענץ פון צוויי פאראלעלע אָרגאניזאציעס: פון די יידישע קאָמיטעטן און יידישער קולטור־געזעלשאפט.

אין שייכות דערמיט איז אנטשטאנען די נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן די אָנשטרענגונגען פון דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג אין די ראמען פון איין קולטור־געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע, וואָס וועט פעאיק זיין אויסצופירן אלע אויפגאבן, וועלכע שטייען פאר אונדזער לאנד: בויען דעם סאָציאליזם און דעם קאמף פאר שלום.

אין דער פולער מאָס שאצט אונדזער פארטיי אָפּ די נויטווענדיקייט צו פירן אן אלזייטיקע פאָליטיש־דערציערישע, קולטורעל־אויפקלערערישע טעטיקייט צווישן דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג אין גייסט פון סאָציאליזם. אונדזער פארטיי שאצט אָפּ אין דער פולער מאָס די נויטווענדיקייט צו פארזיכערן פולשטענדיק די קולטורעלע נויטן פון דער יידישער באפעלקערונג, די אנטוויקלונג פון דער קולטור, קונסט, טעאטער און שול — נאציאָנאל לויט דער פאָרם און סאָציאליסטיש אין אינהאלט.

אַן אויסדרוק דערפון איז דער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונדזער פארטיי צו פארוואנדלען די וואָכנשריפט „פאָלקס־שטימע" אין א צייטונג פון דער פארטיי, וואָס וועט דערשיינען 4 מאָל אין וואָך

אין רעזולטאט פון פארשארפטן קלאסנקאמף קעגן יידישן נאציאָנאַליזם, האָט די אַרבעטנדיקע יידישע באַפעלקערונג זיך באַפרייט פון די ציוניסטישע עלעמענטן און האָט אָפּגערייניקט די אטמאָספער און דעם וועג פארן אנטשטיין פון איין געזעלשאפטלעכער מאסן־אָרגאניזאציע.

דעריבער איז ריכטיק און צוועקמעסיק די פאראייניקונג פון די יידישע קאָמיטעטן מיט דער יידישער קולטור־געזעלשאפט אין איין אָרגאניזאציע.

די אויפגאבן פון אָט דער נייער יידישער קולטור־געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע זיינען גרויסע און פאראנטווארטלעכע: זי דארף פולשטענדיק אָנשליסן די יידישע ארבעטנדיקע באפעלקערונג אינם אלגעמיינעם קאמף פונם פוילישן פאָלק פאר שלום און פאר אויספירן דעם זעקסיאָר־פלאן פון בויען דעם סאָציאליזם אין פוילן. מען דארף ארומרינגלען מיט זאָרג און פלעגן די יידישע קולטור, ווי אויך אנטוויקלען אַן

אלזייטיקע אויפקלערונגס־און דערציאונגס־ארבעט אין גייסט פון דער אידעאלאגיע פון דער פוילישער פאראייניקטער ארבעטער־פארטיי. מען דארף פארטיפן דעם פוילישן פאלקס־פאטריאטיזם, וואס שטיצט זיך אויף די יסודות פון פראלעטארישן אינטערנאציאנאליזם. מען דארף מיטארבעטן מיט די געהעריקע מלוכה־רעסארטן, כדי צו פארזיכערן די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון אלע עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס און אנשטאלטן.

איך ווינטש אייך, טייערע חברים דעלעגאטן, פרוכטבארע ארבעט פארן וווּל פון דער יידישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג, פארן וווּל פון פאלקס־פוילן, פאר שלום און סאציאליזם.

אינהאַלט:

זייט

באַשלוס פון פּאָליטישן ביוראָ פון צ. ק. פּפּר וועגן צענטן יאָרטאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי . . 5

פון דער רעדאַקציע 13

ערשטער טייל

פּפּר אין שפּיץ פונם פאָלק בעת דער היטלער-אָקופּאַציע (פראַגמענטן פונם רעפעראַט פון חבר באָלעסלאַוו ביערוט — אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער פאַרייניקטער אַרבעטער-פּאַרטיי—דעם 15-טן דעצעמבער 1948 י.) 23

צו די אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ, צו אַלע פּוילישע פּאַט-ריאָטן — ערשטער אויפרוף פון דער פּוילישער אַרבעטער-פּאַרטיי — יאַנואַר 1942 יאָר 26

דערקלערונג פון דער גרופּע „מאָרגן-פרייהייט" אין וואַרשעווער געטאָ — „מאָרגן-פרייהייט" פון 10-טן מערץ 1942 יאָר 31

באַפעל פון דער הויפּט-אָנפירונג פון דער פאָלקס-גוואַרדיע — „גוואַרדזשיסטאָ" פון 10-טן יוני 1942 יאָר 33

קאָמוניקאַט פונם הויפּט-שטאַב פון דער פאָלקס-גוואַרדיע — „גוואַרדזשיסטאָ" פון 1-טן יולי 1942 יאָר 35

אויפרוף פון צ. ק. פּפּר צו דער פּוילישער אינטעליגענץ — יולי 1942 יאָר 37

די ערשטע פּרוּוון פון ווידערשטאַנד אין געטאָ — דאָקומענט פונם אַרכיוו פון צ. ק. פּפּר 39

רוף פון פּפּר צו זעלבשוץ אין געטאָ — ראַדיאָ-ביולעטין נר' 34 . 40

אויפרוף פונם קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלן פאָנד — אויגוסט 1942 יאָר . 43

450 טויזנט מענטשן אין וואַרשע דערוואַרט דער טויט ! — „טריבונאַ בלאָפּסקאַ" אויגוסט 1942 יאָר 45

פון לאַנד — „גוואַרדזשיסטאָ" פון 15-טן אויגוסט 1942 יאָר . . 47

דער צווייטער פראָנט באַלד—„טריבונאַ בלאָפּסקאַ" פון 14 אויגוסט 1942 י. 48

אויפרוף פון צ. ק. פּפּר צו אַלע פּוילישע פּויערים און לאַנד-אַרבעטער — סעפּטעמבער 1942 יאָר 49

אויפרוף פון לאָדזשער קאָמיטעט פון פּפּר צו די יידן אין לאָדזשער געטאָ — סעפּטעמבער 1942 יאָר 52

תליות איבער פוילן — „טריבונאַ וואָלנאָשטשי“ פֿון 1-טן נאָוועמבער 1942 יאָר 56

פֿון שלאַכט-פֿעלד — „גלאָס וואַרשאַווי“ פֿון 20-טן נאָוועמבער 1942 יאָר 59

אויפֿרוף פֿון צ.ק. פּפּר צו די אַרבעטער, פּויערים און פּוילישע אינטעליגענץ, צו אַלע פּוילישע פּאַטריאָטן פֿון 1-טן דעצעמבער 1942 יאָר . . 61

וואָס טאָן? — „טריבונאַ וואָלנאָשטשי“ פֿון 15-טן יאַנואַר 1943 יאָר 66

וואַרשעווער כראָניק (די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון וואַרשע פּאַרטיזאַנט זיך) — „גלאָס וואַרשאַווי“ פֿון 29-טן יאַנואַר 1943 יאָר . . 72

פֿון לאַנד (די קאַמפֿן אין וואַרשעווער געטאָ) — „גוואַרדזשיסטאַ“ פֿון 5-טן פֿעברואַר 1943 יאָר 73

הבר מאַריאַן („סטאַרי“) — „טריבונאַ וואָלנאָשטשי“ פֿון 1-טן פֿעברואַר 1943 יאָר 75

די דערגרייכונגען פֿון א יאָר אַרבעט — באַשלוס פֿון צ. ק. פּפּר פֿון פֿעברואַר 1943 יאָר 79

פֿאַר וואָס קעמפֿן מיר? — דעקלאַראַציע פֿון צ. ק. פֿון פּפּר פֿון 1-טן מערץ 1943 יאָר 87

בריוו פֿון דער יידישער יוגנט צו די חברים פֿון יענער זייט מויער — „וואַלקאַ מלאָדיך“ פֿון 5-טן אַפּריל 91

העלדישער קאַמף פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג — „גלאָס וואַרשאַווי“ פֿון 23-טן אַפּריל 1943 יאָר 92

די פֿאָלקס-גוואַרדיע צו הילף די געטאָ-אויפֿשטענדלער — (ראַפּאָרט) . 94

די קאַמפֿן אין פּוילן (די פֿאַרטיידיקונג פֿון וואַרשעווער געטאָ) — „טריבונאַ וואָלנאָשטשי“ פֿון 15-טן מאַי 1943 יאָר 96

די קאַמפֿן אין ביאַליסטאָקער געטאָ — „פּשעגלאָנד טיגאָדני“ פֿון מערץ 1943 יאָר 99

באַריכט פֿון שטאַב פֿון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער 100

קאָמוניקאַט וועגן שאַפֿן די פּוילישע דיוויזיע א. נ. פֿון טאַדעוש קאָשטשיושקאָ — „נאָווע ווידנאָקרענגי“ פֿון 20-טן מאַי 1943 יאָר . 101

טעלעגראַמע פֿון פּרעזידיום פֿונם צוזאַמענפֿאָר פֿון ז.פּ.פּ. צום פֿאָרזיצער פֿונם ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן פֿון פּססר — יאָסיף סטאַלין . 102

פֿאָרזיצער פֿונם ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן י. סטאַלין צום פּרעזידיום פֿונם צוזאַמענפֿאָר פֿון ז. פּ. פּ. 104

אידייען-דעקלאַראַציע פֿון פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין פּססר — „וואָלנאַ פּאָלסקאַ“ פֿון 16-טן יוני 1943 יאָר . . . 105

דער ערשטער פּוילישער קאָרפּוס אין פּססר — „וואָלנאַ פּאָלסקאַ“ פֿון 1-טן סעפּטעמבער 1943 יאָר 112

די קאָשטשיושקאָווצעס האָבן איבערגעבראָכן דעם דייטשישן פֿאַרטיידיקונגס-פּאַס — „וואָלנאַ פּאָלסקאַ“ פֿון 16-טן אָקטאָבער 1943 יאָר . 113

די באַראַטונג פֿון די פֿאָרשטייער פֿון די פּוילישע ייִדן אין פּסחר — „וואָלנאַ פּאָלסקאַ“ פֿון 16-טן אָקטאָבער 1943 יאָר 114

פֿון דער רעדע פֿון בירגער יאַנאָווסקי (חבר באָלעסלאַוו ביערוט) אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט — דעם 1-טן יאַנואַר 1944 יאָר 120

די דעקלאַראַציע פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט — „ראַדאַ נאַראָדאָוואַ“ פֿון 5-טן יאַנואַר 1944 יאָר 125

קאָמוניקאַט פֿונעם הויפּט-שטאַב פֿון דער פֿאָלקס-גוואַרדיע — „גוואַרדזשיסטאַ“ פֿון 10-טן יאַנואַר 1944 יאָר 129

באַפֿעל נר׳ 2 — „אַרמיאַ-לודאָוואַ“ פֿון 1-טן פֿעברואַר 1944 יאָר . 132

פֿאַראָרדנונג פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט וועגן שטראָף-פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן אָנטייל אין ברידער-מאָרדן, מסירות און מיטאַרבעט מיטן אָקופּאַנט — „ראַדאַ נאַראָדאָוואַ“ פֿון 5-טן פֿעברואַר 1944 יאָר . . 136

צום ערשטן יאָרטאָג פֿונעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — „ראַדאַ נאַראָדאָוואַ“ פֿון 28-טן אַפּריל 1944 יאָר 138

די העלדישע קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ — „טריבונאַ וואָלנאָשטשי“ פֿון 1-טן מאַי 1944 יאָר 143

דער ערשטער יאָרטאָג — „גלאָס וואַרשאַווי“ פֿון 18-טן אַפּריל 1944 יאָר 146

צווייטער טייל

פֿון ביערוטס רעפֿעראַט אויפֿן פֿאַראייניקונגס-קאָנגרעס דעם 15-טן דעצעמבער 1948 יאָר 152

מאַניפֿעסט פֿון פּוילישן קאָמיטעט פֿון נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג — ביילאַגע צום „דזשעננניק אוסטאַוו“ פֿון יולי 1944 יאָר . . . 157

דעקרעט פֿון פּוילישן קאָמיטעט פֿאַר נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג פֿון 31-טן אויגוסט 1944 יאָר 166

מאַניפֿעסט פֿון פּרעזידענט פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט באָלעסלאַוו ביערוט — „גלאָס לודו“ פֿון 3-טן יאַנואַר 1945 יאָר 168

ווענדונג פֿון פּרעזידענט פֿון נאַציאָנאַלן לאַנד-ראַט אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַפֿרייען וואַרשע — „גלאָס לודו“ פֿון 19-טן יאַנואַר 1945 יאָר 173

די רעדע פֿון חבר י. סטאַלין אין צוזאַמענהאַנג מיטן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך, וועגן פֿריינדשאַפֿט, קעגנזייטיקער הילף און נאָכמלחמהדיקער צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און דער פּוילישער רעפּובליק. דעם 21-טן אַפּריל 1945 יאָר 174

די פּוילישע ארבעטער-פּאַרטיי באַגריסט די פֿעלקער פֿון פּסחר — „גלאָס לודו“ פֿון 8-טן נאָוועמבער 1945 יאָר 177

די רעדע פֿון פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט אויפֿן 1-טן צוזאַמענפֿאָר פֿון פּפּר — „גלאָס לודו“ פֿון 7-טן דעצעמבער 1945 יאָר . . . 178

לאַנד-באַראַטונג פֿון יידישע פּפּר-טוער אין 1945 יאָר — פֿון דער רעזאָלוציע 186

אונדזער וואָרט — „פֿאָלקס-שטימע" פֿון 22-טן פֿעברואַר 1946 יאָר . 190

אויף דער טאָג-אָרדנונג — רעפּאַטריאַציע — „פֿאָלקס-שטימע" פֿון 22-טן פֿעברואַר 1946 יאָר 192

וועגן דעם פּאָגראָם אין קעלץ — „גלאָס לודו" פֿון 5-טן יולי 1946 יאָר 195

אויפֿן נייעם עטאַפּ פֿון ראָמאַן זאַמבראָווסקי — „נאָווע דראָגי" פֿון מערץ 1947 יאָר 197

באָלעסלאַוו ביערוט — אויסגעוויילט אלס מלוכה-פּרעזידענט — „גלאָס לודו" פֿון 6-טן פֿעברואַר 1947 יאָר 202

רעזאָלוציע פֿון דער לאַנד-באַראַטונג פֿון די פּפּר-טוער אין די יידישע קאָמיטעטן אין 1946 יאָר 203

באַשלוס פֿון סעקרעטאַריאַט פֿון צ.ק. פּפּר אין אָקטאָבער 1947 יאָר — די אַרבעט און אויפֿגאַבן פֿון פּפּר צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג . 209

נעקראָלאָג וועגן טויט פֿון חבר קאַראָל שווערטשעווסקי — „גלאָס לודו" פֿון 29-טן מערץ 1947 יאָר 217

די באַלוינונג פֿונם גענעראַל שווערטשעווסקי מיטן גרויסן קרייץ פֿונם אָרדן „ווירטוטי מיליטאַרי" — „גלאָס לודו" פֿון 1-טן אַפּריל 1947 יאָר 218

באָלעסלאַוו ביערוט — וועגן רעכטן און נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג אין דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער פּאַרטיי און די מיטלען אים גובר צו זיין — „נאָווע דראָגי" פֿון סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1948 יאָר . . . 219

רעזאָלוציע פֿון פּלענום פֿון צ. ק. פּפּר וועגן דעם רעכטן און נאַציאָ-נאַליסטישן אָפּנויג אין דער אָנפֿירונג פֿון דער פּאַרטיי, זיינע מקורים און די מיטלען אים איבערצוּווינדן. — „נאָווע דראָגי" סעפּטעמבער-אָקטאָבער 1948 יאָר 258

רעזאָלוציע פֿון דער לאַנד-באַראַטונג פֿון די פּפּר-טוער צווישן דער יידישער באַפֿעלקערונג — „נאָווע דראָגי" נאָוועמבער-דעצעמבער 1948 יאָר 269

באַגריסונג פֿון צ.ק. פּפּר פֿאַר דער „פֿאָלקס-שטימע" 278

די אידייען-דעקלאַראַציע פֿון דער פּוילישער פֿאַרייניקטער אַרבעטער-פּאַרטיי 279

באַגריסונגס-רעדע פֿון מיניסטער הענריק יאַבלאָנסקי — אויפֿן לאַנד-צוזאַמענפֿאָר פֿון דער יידישער קולטור-געזעלשאַפֿט — „פֿאָלקס-שטימע" אָקטאָבער 1949 יאָר 298

באַגריסונגס-רעדע פֿונם פֿאָרשטייער פֿון צ.ק. פּזפּר חבר קאַזשימיעזש וויטאַשעווסקי — אויפֿן לאַנד צוזאַמענפֿאָר פֿון דער יידישער קולטור-געזעלשאַפֿט — „פֿאָלקסשטימע" אָקטאָבער 1949 יאָר . . . 302

רעדע פֿון פֿאָרשטייער פֿון צ.ק. פּזפּר חבר דוואָראַקאָווסקי — אויף דער פֿאַראייניקונגס-קאָנפֿערענץ פֿון די יידישע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן — „פֿאָלקס-שטימע" נאָוועמבער 1950 יאָר . . . 305

פאָטאָגראַפיעס:

ז"ז

באָלעסלאַוו ביערוט . . . . 4—5

מאַרצעלי נאָוואָטקאָ . . . . 12—13

יאָסיף סטאַלין . . . . 22—23

פּאַוועל פינדער . . . . 26—27

פאָטאָקאָפּיע — „מאָרגן-פרייהייט" . . . . . 30—31

פראַנטשישעק יוזשוויאַק-וויטאָלד . . . . . 32—33

פאָטאָקאָפּיע — „גוואַרדזשיסטאַ" . . . . . 34—35

יוסף לעוואַרטאָווסקי . . . . 40—41

יאָסיף סטאַלין . . . . 76—77

אפּרים (עדוואַרד) פאַנדאַמינסקי . . . . . 92—93

פאָטאָמאָנטאַזש — פּפּר-פּרעסע בעת דער אָקופּאַציע . . . 96—97

פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן . . . . . 104—105

פאָטאָמאָנטאַזש — די פּרעסע פון ז.פּ.פּ. אין מאָסקווע . . 108—109

קאַראָל שווערטשעווסקי . . . . . . 112—113

דער דענקמאָל צום אָנדענק פונם געטאָ-אויפשטאַנד אין ווארשע . 138—139

גענעראַליסימוס יאָסיף סטאַלין שרייבט אונטער דעם פּויליש-
סאָוויעטישן אָפּמאַך פון 21-טן אַפּריל 1945 יאָר . . . 176—177

דאָס פּאָליטישע ביוראָ פון צ.ק. פּפּר פאַר דער פאַרייניקונג . 178—179

„פאָלקס-שטימע" . . . . 278—279

באַמערקטע דרוק־פעלערן:

זייט	שורה		דאַרף זיין:
37	6	פון אויבן	פ אַ ר ש ק ל אַ פ ו נ ג
43	2	פון אויבן	ל ש ו ב ת דעם באַפרייאונגס-קאַמף אין פוילן
122	8	פון אונטן	מיטן ר אַ ט נ פ אַ ר ב אַ נ ד
122	9	פון אונטן	פ אַ ר ב ו נ ד ן
135	2	פון אונטן	הויפט-אָ נ פ י ר ו נ ג
184	16	פון אונטן	א י נ י צ י אַ ט אָ ר ן
190	4	פון אויבן	א ו נ ד ז ע ר וואָרט
212	2	פון אויבן	ב אַ ז ו נ ד ע ר ס איז דער דאָזיקער קאַמף נ י ש ט
219	2	פון אונטן	ד ע ם דיאַגנאָז
265	18	פון אויבן	די אָרגאַניזאַציע פון גאַמולקאַן א י ן געשפּרעכן

זייט 114 אין קעפּל דריטע שורה דאַרף זיין:
נומער 43—30,44 נאָוועמבער 1945

אויף דער זעלבער זייט אין דער באַמערקונג פון רעד: צווייטע שורה דאַרף זיין 1943

אויף זייט 182 אַנשטאָט דעם קעפּל פונם אַרטיקל — דאַרף זיין:
פראַגמענטן פונם רעפעראַט פון פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט — אויפן פאַראייניקונגס-קאָנגרעס פון פּפּר:

זייט 203 אונטערן קעפּל דאַרף זיין: (אויסצוג)